סאָוועטיש
היימלאַנד

6

1963

סאָוועטיש היימלאַנד

צווייכאָדעשדיקער
ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דריטער יאָרגאַנג

נאָיאַבער **6** דעקאַבער

1963

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מ אָ ס ק וו ע

אינהאַלט

זײַט

יעכיִעל פאַליקמאַן. גהלע מילן (דערציילונג) 3
שיקע דריז. לידער און באַלאַדעס 14
ליובע וואַסערמאַן. ערעוו־פרילינג אין וואַלד (נאָוועלע) 18
מאָטל סאַקציִער. קאַיאַר. — אין וואַלד. — מײַן גאָרטן. — קום אַרויס. — דער שטאָרך. — מיט פעסטן טראָט (לידער) 21
טעוויע גען. אין דער היימשטאָט (דערציילונג) 24
מאָטל גרוביאַן. קום, מענטש. — קרוין מיך פאַר דײַן קיניג. — פילאָסאָף. — ניט קיין מאַלעך. — מײַן שיפל. — קרענעצעס. — הײַנט איז דאָנערשטיק. — בערג. — צוויי ביימער. — האַרבסט. — ווען עס טאָגט. — איך קוש דײַן קלייד. — וועלוול זבאַרזשער (לידער) 42

פון דער הײַנטצײַטיקער מאָלדאַווישער פּראָזע

יאָן ק. טשאָבאַנו. צוויי שוועסטערקינדער (נאָוועלע) 46
יאָן דרוצע. רובאַנקע (נאָוועלע) 49

שלוימע רויטמאַן. דער אומקער פון מײַן נעשאָמע־מאַלקע (לידער) 53
יוסף ראַבין. ניט־הײַנט־געדאַכט (דערציילונג) 56
מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. אַצינד. — באַ יענע ריוון (לידער) 66
אירמע דרוקער. דאָס ווילנער באַלעבעסל 67

טריבונע פון לעבן

לויט דער באַקאָשע פון די לייענער 78
אַלעקסאַנדער גובניצקי. דער באַלעבאָס פון יאַם 86

סאַטירע און הומאָר

איציק קיפּניס. וואָס מע זאָגט „גאָט האָט צוגעשיקט", „גאָט האָט געפירט" 90
מאַרק ראַזומני. דער אַבסטראַקציִאָניסט. — קעלבערנע לעבנס־כאָכמע. — דער גענעץ 93
בען דזיוו. אַ סגולע צו צײַנווייטעק (מאָנאַלאָג פון אַ קאָוועל) 95

זיכרוינעס: עפראַים לויטער. באַגעגענישן מיט וואַכטאַנגאָוון 99
סאָניע פרײַ. מיט פערציק יאָר צוריק 107

ליטעראַטור און קונסט

מוישע נאָטאָוויטש. לייב פּולווער (צו זײַן אַכציקסטן געבורטסטאָג) 109
ריווקע רובין. אַן אַדלער און אַ טויב (וועגן בוזי אַליעווסקיס שאַפונג) 111
נאָכעם אויסלענדער. פריידיקע גרוסן 117
ד. האָבערמאַן. קינסטלערישע שניצערײַ אויף שטיין 119

בריוו און ענטפערס 122
נאָסיצן אויפן קאַלענדאַר 125
כראָניק 108, 121, 124

הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע: ה. אַשעראַוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, א. גאָנטאַר, מ. טייף, נאָטע לוריע, מ. לעוו (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

יעכיעל פאַליקמאַן

געלע מילן

אין מײַן ווײַטער קינדהײַט, איך קאָן אפילע רעכט ניט זאָגן, וואָס איז אין איר מער געווען — צאָרעס, אומרו אָדער פרייד, — אין יענער צײַט, וואָס איז שוין היפש פאַרוועבט מיט א נעפל און דאָך בליצט זי אוף צומאָל בא מיר אין הארצן מיט פרישע פאַרבן, אָט דעמלט איז געשען א נעס: איך בין פלוצעם געוואָרן א גרויסער גוויר, טאקע נאָר ווי אין א כאָלעם.

דאָס איז געווען א צײַט, ווען די עמעסע גווירים פון אונדזער שטעטל האָבן געהאלטן אין איין אָנווערן: איינער זײַן צוויישטאָקיק מויערל, — מע האָט עס צוגענומען פאַר א קלוב, א צווייטער — די יערושע־מיל, א דריטער — די רעכט, די כאַזאָקע, אפן טײַך. געווען בא אונדז אזעלכע אדירים, וואָס זייער אייגנס זײַנען געווען גאנצע שטיקער טײַך, און קיינער, כוץ זיי, האָט דאָרט ניט געטאָרט כאפּן אפילע א קליינע פלאָטעצע... וואָס שײַעך די גווירים פון אנדערע שטעט, בין איך נאָך דאַן אפילע ניט גאָר זיכער געווען, צי עקזיסטירן זיי ביכלאל, פונקט ווי איך בין ניט זיכער געווען און בלויז געגלייבט די עלטערע אפן וואָרט, אז פון יענער־זײַט לענגלעכן בארג, ווו עס פאָכען פוילבלעך מיט די פליגל ווינטמילן און ווו דער וואלד פאַרצוימט די ווײַט מיט א געבראָכענעם פלויטל, זײַנען פאַראַן נאָך שטעטלעך, און שטעט, און לענדער, — א וועלט מיט יאַמען און ריזיקע בערג.

איז אָט האָב איך, מוניעס זון (מע פלעגט מיך געוויינלעך רופן נאָך דער מאמען נאָך, ווײַל דער טאטע האָט, פון זינט איך האָב אים געקענט, געארבעט אין א צוקער־זאוואָד אין א ווײַטן דאָרף און פלעגט בלויז פון מאָל צו מאָל אראָפּקומען אין שטעטל, דערבײַ — פאַרנאַכטלעך, קעדיי קאיאָר שוין ווידער פאַרלאָזן די היים), — דער זון פון מוניע, וועלכע פלעגט גיין ראַמען אין פרעמדע הײַזער, כאָטש זי איז געווען א סאך שוואכער פון די באַלעבאָסטעס, בא וועמען זי האָט געוואַשן די דילן און פענצטער, געריבן מיט ציגל־שטויב די סאַמאָווארן, געפליקט געקוילעטע הינער, געבאַקן ברויט, — האָב איך פלוצעם בא א גאנצער גאס ייִנגלעך באַקומען דעם שעם פון א גוויר. מע האָט זיך מיט מיר גענומען צאצקען, געכאַלעשט הערן פון מיר א גוט וואָרט, געוואָלט זיך כאַווערן, מע האָט מיך פאַרופן אלע מאָל אין אן אנדער הויף און פאַרגעלייגט עפּעס אף א בײַט... און דאָס אלץ דערפאַר, ווײַל איך בין געוואָרן אן אייגנטימער פון געלע מילן, א מענגע מילן. עמעס, מע האָט אין זיי אפילע קיין זשמעניע קערנער ניט געקאָנט אָפּמאָלן. אין יענעם מילעכל, וואָס איך און אונדזער שאָכנס ייִנגל קלאָוודיק האָבן אופגעשטעלט פון שפּענדלעך, פאַרשיידענע שרויפן און שטיינדלעך אין א ווינקל ארום אלטן פלויט, לעבן אונדזער שטוב און וואָס דעם שטראָם פון טײַך האָט דאָרט פאַרביטן דאָס וואסער, וואָס מיר האָבן עס פאַמעלעך געגאָסן פון אן אויסגעשטשערבעטן טאָפּ, — אין יענעם מילעכל האָט עס די קערנער כאָטשבי דורכגעשווענקט צווישן די „וואלצן". אָבער די נײַע מילן מײַנע, די געלע, איבער וועלכע איך האָב איצט געהאַט די מעמשאָלע, האָבן מוירע געהאַט פאַר וואסער ניט ווייניקער, ווי פאַר פײַער, און קיין קערנער האָט מען פאַר זיי קלאל ניט געדאַרפט... און דאָך האָט א גאנצע גאס ייִנגלעך ארומגעכאַפּט א שטאַרקע קינע, און צו מיר אין די הענט איז ארײַנגעפאלן אלע מאָל אן אַנדער כייפעץ: דער אומרו פון אן אלטן זייגער, דאָס הענטל פון א מעשענער שיסל, א פילקע פון אויסגעקאַטשעטן ווילעק, און איך האָב דערפאַר באצאָלט בלויז מיט צוויי־דרײַ געלע מילן.

זיי זײַנען געווען פינפשטאָקיקע, די דאָזיקע מילן, און יעדע — פונקט אזא, ווי אונדזער עמעסע וואלץ־מיל, וואָס איז געשטאנען אפן פעלדזיקן ברעג פון סלוטש, צווישן אלט־ און נײַ־ליובאַר, פון יענער זײַט הרעבליע, ווו דאָס וואסער רוישט און פינעט אונטער דער הילצערנער

בריק און פּאַלט מיט אַ גרינלעך־ווײַסן האָסטיקן שטראָם פון די טונקעלע זאַסטעפּקעס. געלע זײַנען מײַנע מילן אָנגערופן געוואָרן דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אף גלאַנציקן דינעם געלן פּאַפּיר.

דאָס זײַנען געווען רעקלאַמע־בלעטלעך, וועלכע מע האָט צוגעקלעפּט צו די זעק מיט מעל. אויבן, איבערן געמעל פון אַ פײַנעם פּילגאָרנדיקן מויער מיט אַ סאַך פענצטער און מיט אַ נידעריקן קוימען, איז אַ ביסל אין אַ זײַט מיט גרויסע געצאַצקעטע רוסישע אויסיִעס געווען אָנגעשריבן „מ. ש. צוירעף". דאָס האָב איך נאָך געקענט איבערלייענען, נאָר וואָס עס איז געשטאַנען נידעריקער, אונטער דער מיל, די עטלעכע געדיכטע שורעס, איז פאַר מיר, דעם עמעס געזאָגט, געבליבן אַ סאָד. מיר איז אָבער געווען איבערגענוג דאָס, וואָס איך האָב געקענט פאַרטײַטשן דאָס אייבערשטע: דער „ש" באַטײַט „שויעל" — אַזוי האָט געהייסן דער באַלעבאָס פון דער מיל. דער „מ" — „מאָרדעכײַ — מאָרדכע" — דער נאָמען פון שויעלס טאַטע, דעם הויטשינדער דעם פּראָצענטניק, וועלכער האָט, ווי די מאַמע האָט דערציילט, אָנגעזאַמלט אַ היפּשע פּויטעקע, וואָס איז אײַנגעטונקען געווען אין פרעמדע שווייס און טרערן, און אופגעבויט די מיל. גאָט האָט אים אָבער, האָט געזאָגט די מאַמע, אָפּגעצאָלט, דעם הויטשינדער, ניט אף יענער־וועלט, ניט אין גהענעם, נאָר באַם לעבן — דער אַלטער מאָרדכע איז מעשוגע געוואָרן, און שויעל, דער איינציקער יורעש זײַנער, האָט אַריבערגעפּעקלט דעם טאַטן פון דעם ווײַסן מויערל, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ סאָד הינטער אַ הויכן פּלויט, אינעם שטיבל צו פּינכעס פּעטשעני, צו פּינכעסן דעם וואַלץ־אַרבעטער, באַ וועלכן עס האָט אַמאָל אין מיל אָפּגעריסן אַ האַנט ביזן עלנבויגן. מע האָט דאָך געמוזט עפּעס צאָלן פּינכעסן דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן אַ קאַליקע, איז קעדיי ער זאָל ניט באַקומען סטאַם אַזוי קיין געלט, האָט ער געדאַרפט אכטונג געבן אָפן אויוועראָטלדיקן גוויר. נאָר פּינכעס האָט גאָר אינגיכן אופגעהויבן אַ גוואַלד, — אַזוי האָט דערציילט מײַן מאַמע: — ער איז גרייט עסן איין מאָל אין דרײַ טעג אָן אָקרײַעך ברויט, האָט ער געשריִען, אַבי ניט האָבן צו טאָן מיט אַ מעשוגענעם, וועלכער האָט אַזויפיל יאָרן געפרעסט אים דעם קליי פון דיביינער.

שויעל האָט דאַפקע פאַרנומען אָט דאָס געשריי — ער האָט אָפּגעשיקט דעם טאַטן קיין ווינִיצע, אין אַ שפּיטאָל, ווו מע האַלט אוף גײַסטיק קראַנקע, און פּינכעסן האָט ער בעקאָוועד געלאָזט די ברייִרע עסן איין מאָל אין דרײַ טעג אַ שטיקל ברויט...

אָט אַזאַ איז געווען יענער שויעל, דער באַלעבאָס פון אונדזער מיל — דער גרעסטער ליובאַרער מערקווירדיקײַט. און אַז זײַן פאַמיליע איז צוירעף האָב איך זיך דערוווּסט בלויז נאָך דעם, ווי כ'האָב זי איבערגעלייענט אָפן רעקלאַמע־בלעטל, ווײַל אין שטעטל האָט מען אים געוויינלעך גערופן ניט צוירעף, נאָר „פאַרצעף", און אַפילע נאָך פאַרשטענדלעכער — „צורע"... און ער האָט עס, פאַרשטייט זיך, ערלעך פאַרדינט.

כ'האָב וועגן דער מיל געזאָגט, אַז זי איז געווען די גרעסטע מערקווירדיקײַט פון אונדזער שטעטל, דערפאַר, ווײַל מע האָט וועגן איר געוווּסט ווײַט אויסער ליובאַר. די שטײַף פאַרנייטע זעק מיט מעל האָט מען געפירט קיין זשיטאָמיר, קיין קיִעוו און אַפילע, ווי איניקע האָבן באַ אונדז גערעדט, קיין אָדעס, און דאָרטן האָט מען זיי ערשט געלאָדן אף שיפן און אָפּגעשיקט אין ווײַטע לענדער. און די געלע מילן, די רעקלאַמע־בלעטלעך, האָבן די ערשטע זיך אַוועקגעלאָזט אין אומבאַוווּסטע ווײַטן, קעדיי צו וויסן געבן דער וועלט וועגן אונדזער ליובאַר, וועגן דער מיל און וועגן שויעלן. אַזוי האָט מיר דערקלערט די מאַמע, ווען איך האָב געבראַכט אין שטוב אַרײַן אַ פּאַק מיט אָט די געלע בלעטלעך און אָנגעשטאָפּט מיט זיי אַ פולן שופלאָד פון אונדזער סקריפּענדיקן, צעקרימטן קאָמאָד.

וויִאַזוי די רעקלאַמע־בלעטלעך זײַנען געקומען צו מיר אין די הענט אַרײַן, וועל איך ווײַטער אַ ביסל דערציילן. נאָר אויב ס'איז שוין אַוועק אַ רייד וועגן מערקווירדיקײַטן, מוז איך זאָגן, אַז אין ליובאַר זײַנען געווען, ווייניקסטנס, נאָך צוויי מערקווירדיקײַטן: דער מאָנאַסטיר און דער אַלטער פּאַלאַץ, וועלכן עס האָט אופגעבויט, ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איינער אַ סראָרע, וואָס האָט געשטאַמט אַזש פון ליטווישן פירשט ליובאַרט, — אָט פונדאַנען, זאָגט מען, קומט אויך דער נאָמען פון אונדזער שטעטל. דער פּאַלאַץ, אַ ווײַסער, מיט רויטע שפּיציקע טורעמלעך, אײַנגעטונקט אין געדיכטן גרינס פונעם פּאַרק, איז געשטאַנען פון איין זײַט בריק, העט דאָרטן, נאָכן טײַך־אויסבייג, דער מאָנאַסטיר — פון דער צווייטער זײַט בריק, אף די פעלדזן, באַוואַקסענע מיט דערעזע־קוסטעס, און די מיל איז געווען פונקט אינמיטן; אין דער טונקעלער אויבערפלאַך פונעם טײַך האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַלע אירע פינף שטאָק...

געווען איז פונקט יענע פּרעכטיקע צײַט פון יאָר, ווען מע דאַרף ניט אַרויסקוקן ביז די מאַמע וועט קומען פון דער אַרבעט, איך זאָל קאָנען אָנטאָן אירע שווערע שטיוול מיט נאַסע בינטלעך שטרוי אינווייניק אָנשטאָט סטעלקעס און אַנטלויפן אַ ביסל אין גאַס, — יענע גאָלדענע

צײַט, ווען מע פארגעסט שוין לאנג, ווי שניי זעט אויס, ווען פון מארק זײַנען שוין אראָפ אי קארשן, אי ווײַנשל, און אין די סעדער, וווהין איך פלעג זיך ארײַנכאפן מיט די יאטן, האָט מען וויפל דאָס הארץ גלוסט געקאָנט זיך אָנעסן מיט עפל, צײַטיקע עפל, פון וועלכע די ציין ווערן ניט אײַליק.

די באנדעס, וואָס האָבן, ווי כוואליעס, זיך דורכגעקײַקלט איבער אונדזער שטעטל, זײַנען ערגעץ אנטרונען, און פונקט ווי נאָך א שטורעם, האָט מען בלויז דורך די נעכט געקאָנט זען אָפן האריזאָנט ווײַטע אופלויכטן פון הארמאט־אופרײַסן. פון צײַט צו צײַט האָט מען אין שטעטל געבראכט הארוגים — טאטעס און ברידער, וועלכע זײַנען אף די וועגן, וואָס פירן צו די נאָענטע דערפער און צו דער סטאנציע, ארײַנגעפאלן אין מערדערישע הענט. אָבער אין ליובאר גופע איז געשאפן געוואָרן א סאָוועט, און יונגווארג האָט געזונגען די לידער וועגן פרײַהײַט, נײַע לידער, וואָס האָבן אָנגעפילט די הערצער מיט פרייד.

פון מאָנאסטיר זײַנען זיך פאנאנדערגעלאָפן אלע מאָנאכן. טאקע ווי א טשאטע ראָבן זײַנען זיי זיך צעפלויגן. אף זייער אָרט האָבן גענומען אָנקומען קינדער פון גאנצן ארום און אפילע פון ווײַטע שטעט אויך — דארע, קווארע, אין שמאטעס, יעסוימים און אזעלכע, וואָס האָבן ניט גע־ווּסט, ווו די עלטערן זײַנען. פון דער גרויסער קאָכיקער וועלט, ווו עס האָט געבושעוועט די מיל־כאָמע, ווו עס האָבן געוועלטיקט הונגער און טיפוס, האָט מען זיי אראָפגעבראכט אהער, אין די קילבלעכע קעליעס און געוועלבטע גערוימע עסצימערן: בא דער שטילער האסקאָמע פון די הייליקע, וועלכע האָבן גלאָמפעוואטע אראָפגעקוקט פון די ווענט, איז דאָ געשאפן געוואָרן א קינדער־שטעטל.

עס האָבן אופגעלעבט אויך די באפוצטע מיט פארשיידענער קלעפערײַ פוסטע זאלן פונעם אלטן פאלאץ. דאָרט האָבן איצט געוועלטיקט די דאָקטוירים. זיי האָבן גענומען היילן פארלאָזטע קראנקע, געשטעלט פאָקן און געמאכט אײַנשפריצונגען ניט בלויז אונדז, קליינווארג, נאָר אויך די דערוואקסענע.

און ווי האלט עס מיט שויעלס מיל? שוין א שטיקל צײַט, אז מיך האָבן אלץ מער געכידעשט די מאָדנע געשעענישן, וואָס זײַנען געווען פארבונדן מיט איר. און אלץ דערפאר, וואָס נאָך אָנהייב פרילינג האָט אונדזער קליינע מישפּאָכע: איך, די מאמע, דער טאטע און דאָס שוועסטערל, וואָס איז אף א יאָר־אָנדערהאלבן יינגער פון מיר, אריבערגעקליבן זיך אף דער באזיליאנקע — א בארגיקע גאס, וואָס ליגט אויסגעבויגן, ווי א פאָדקעווע, אף די ליימיקע אָפריסן פון דעם ברייט צעגאָסענעם סלוטש, — פון אָט דער גאס איז צו דער מיל מאמעש מיט דער האנט צו דערלאנגען. דעריקער אָבער, וואָס אונדזערע שכיינים זײַנען איצט געוואָרן דער וואלץ־ארבעטער פינכעס פעטשעני, וועלכער האָט בלויז איין האנט, זײַן שלאבעריק און בלינדלעך ווײַב טויבע און דער זון זייערער אנשל — א באָגונעץ, וועלכער איז אראָפגעקומען אהיים אף היילונג, א קויל האָט אים דורכגעלעכערט דעם פוס.

פון אלע צאָרעס, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אף מײַן טאטן און מײַן מאמען, איז דאָס ערגסטע געווען דאָס, וואָס מיר האָבן ניט געהאט קיין אייגן ווינקל און געמוזט יעדן זמאן קלײַבן זיך פון איין דירע אין דער צווייטער. דעם טאטן האָט עס עפשער ווייניקער אָנגערירט, ער האָט זיך געוווינט אינעם קליינינקן שטיבל, אין דער סטאראָזשקע, באם זאוואָד, און ווי נאָר עס פלעגן צײַטיק ווערן די בוריקעס אף די פלאנטאציעס, פלעגט ער זיך אריבערקלײַבן אין א בײַדל פון צווײַגן, סאָנעשניקעס און שטרוי. די מאמע אָבער האָט קעסיידער געוואנדערט מיט מיר און מיטן שוועסטערל און מיט דעם ביסל האָב־און־גוטס אונדזערן איבער פרעמדע דירעס, וואָס קיין איינע פון זיי האָט אונדז קיין נאכעס ניט פארשאפט, — אויב ניט ענג, איז פינצטער און נאס אָדער אזוי נידעריק, אז אפילע איך האָב געקאָנט דערלאנגען צו דער סטעליע, ווען כ'האָב זיך געשטעלט אף די שפיצפינגער און אויסגעצויגן די הענט ארוף... איצטיקס מאָל האָבן מיר זיך באזעצט בישכיינעס מיט די פעטשעניס, און אף דער פריזבע פון זייער קרומער הײַזקע (דאָרט, ווו מיר האָבן געוווינט, איז אפילע קיין פריזבע ניט געווען) האָט די מאמע מײַנע, און בעסויכאָם אויך איך, זיך דערוווּסט פון פינכעסן דעם וואלץ־ארבעטער אלע איבערראשנדיקע נײַעס, וואָס האָבן א שײַכעס געהאט צו דער מיל, וואָס האָט פריִער געהערט שויעל צוירעפן, — שויעל דעם פארצעף, דער טרייפענער צורע, ווי פינכעס האָט אים שטענדיק גערופן.

לאָזט זיך אויס, אז נאָך ניט אלע פאלשע שטיק שויעלס זײַנען אין שטעטל געווען באוווּסט. ווען פון ליובאר זײַנען געלאָפן די דײַטשן, און באלד נאָך זיי אויך די פעטליוראָווצעס, איז אין דער ווײַטער, אומבאקאנטער גאליציע אנטלאָפן אויך שויעל. ער האָט געמאכט פלייטע, און דעם שטעטל איבערגעלאָזט זײַן שווײַגנדיק ווײַב — „א קוילעטש פאר גויג־אומאָגויג“, ווי פינכעס האָט איר א נאָמען געגעבן, און די צוויי טעכטערלעך — „די געפלאָכטענע בולקעלעך“ — אויך פינכעסעס א נאָמען. שויעל האָט געלאָזט אף העפקער דאָס דאָזיקע, ווײַזט אויס, ניט סאמע

ווערטפולע באוועגלעכע אייגנטום זייַנס, דערפאר האָט ער אָבער באשטאט דאָס אומבאוועגלעכע: צוזאמען מיטן מעכאניקער, דעם דייַטש גוסטאוו, האָט ער אָפגעשרויפט און, ווי אלע האָבן געהאלטן, פארנומען אף עטלעכע גוט געקאָוועטע וועגענער די איידלסטע וואלצן און פיל אנדערע זייער נייטיקע טיילן פון מיל. „די נעשאָמע אירע אויסגעהוילט“, — האָט געטייַנעט פינכעס.

בא דער בארויבטער מיל האָט דער שטעטלשער סאָוועט אוועקגעשטעלט אזש צוויי וועכטער: פינכעס פעטשעני און נאָך איין אלטן ארבעטער, אויך אונדזערן א שאָכן — מאקסים קריציא. פינכעס האָט עס אָפגעשאצט אף זייַן אויפן: „ווען מע גאנוועט ארויס די פערד, פארשליסט מען די שטאל“. ער איז געווען אָנגעצונדן אף די דרייַ צענדליק מיל־ארבעטער און טאקע אף זיך אליין אויך, און אף דעם יאדעשליוון מאקסים קריציא, בא וועלכן די הענט האָבן זיך קעסיידער געטרייסלט: ווי איז מען עס אזעלכע ניונקעס און מע דערלאָזט, אז שויעל און גוסטאוו זאָלן בא אלעמען אונטער דער נאָז א פייַף טאָן מיט די בייַטשלעך און ארויספירן אזא אויצער?

פינכעס און דער אלטער מאקסים, וואָס האָט אים אלעמאָל געביטן אפן פאָסטן, זייַנען טאָג ווי נאכט ארומגעגאנגען איבערן הויף פון דער פוסטער, כאָרעווער מיל, יעדע האלבע שאָ פלייַסיק געקלאָפט מיט א שטעקן אינעם ברעטלדיקן גאנעק פון דער קאָנטאָר, אָנזאָגנדיק דעם שטעטל, אז דער שוימער שלאָפט ניט. אגעוו, האָבן די וועכטער מיט אָט דעם קלאָפן אויסגעלאָזט די ביטערקייַט, דעם קאס, וואָס האָט זיי געברענט די נעשאָמע, אויסגעלאָזט אלץ, וועגן וואָס מע האָט אָן אופהער געטראכט, צו שויעלס קאָפ, געשאָטן אף אים פארשפעטיקטע קלאָלעס, און געשראָקן האָט מען בלויז די טויבן די „פראָסטאקעס“, וועלכע האָבן, ווי פריִער, אלץ נאָך געשפּייַזט זיך מיט דעם מעליקן שטויב, וואָס האָט זיך אָפגעזעצט אף די בייַשטידלעך פון די פענצטער, אין די ווענטיליאציע־לעכער און אין די רינוועס.

אָט דעמלט טאקע, אין יענע ערשטע טעג פון פינכעסעס סטאָראָזשערייַ, בין איך עס אזוי אומדערוווארט, מאמעש, ווי אין א מייַסעלע, רייַך געוואָרן. כ'האָב אויסגעפילט דער שלאבעריקער און בלינדלעכער טויבעס א באקאָשע — אוועקגעטראָגן פינכעסן אין דער מיל אף איבערבייַסן א טעפּעלע זויערמילך און א האלב פלעצל, וואָס בא אונדז רופט מען עס „פּידפּאָלעק“. זויערמילך האָב איך נאָך ווען־ניט־ווען פארזוכט, נאָר וואָס איז שייַעך דעם פרישן פלעצל, וואָס איז פארוויקלט געווען אין א האנטעך, האָט עס מיך אזוי געמוטשעט און געריצט מיט זייַן וואַרעמקייַט און ווייכקייַט, אז אויסהאלטן איז געווען איבער מייַנע קויכעס. איך האָב אָפגעשטשיפּעט א ביסן און א צווייטן און איבערצייַגט זיך, אז ס'איז ווייַט ניט אזא וואזשנע מייַכל, — דאָס פלעצל איז געווען אָפגעבאקן פון יענער מעל, וואָס פינכעס האָט מיט א גענדזענעם פלעדערוויש צונויפגעשארט אין די ליידיקע קאָראָבעס פון דער מיל, דערלאנגט זי פון אונטער די מאשינעס אין טויטן וואלצן־זאל, און דעריבער איז דאָרט געווען גענוג זאמד, ס'האָט אזוי געקריצט אונטער די ציין, אז א ציטער איז דורכגעלאָפן בא מיר איבערן לייַב.

פינכעסן האָב איך געטראָפן בא אן ארבעט, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין קויהאנים, וועלכע ברענגען א קאָרבן איידער זיי זעצן זיך צו דער פייַנער סודע (די מאמע האָט מיר געלייענט פון א צעטריפּעטן סייפער א סאך אזעלכע מייַסעס און פאר מייַנע אויגן האָט געשוועבט אן אומפארשטענדלעכע און ווייַטע וועלט). דער וואלץ־ארבעטער אינעם צעריסענעם לייַבל, וועלכן ער האָט נאָך ניט אויסגעטאָן פון באנאכט, כאָטש די זון האָט שוין געוואַרעמט, איז געזעסן אף די שפּיצפינגער בא א שייַטער און מיט א גראָבן דראָט געקערעוועט און צעקלאָפּט אין אים דאָס, וואָס עס האָט דאָרט געפלאקערט. און געפלאקערט האָבן קנוילנווייַז די געלע רעקלאמע־בלעטלעך שויעלס, וואָס אף יעדן פון זיי איז אָנגעמאָלט געווען אונדזער פינפשטאָקיקע מיל.

— כא, — איז פינכעס זיך פארגאנגען אין א שטיל, הייזעריקלעך געלעכטער, — א גאנצע נאכט האָט מיך געוואַרעמט שויעלס גרויסהאלטערייַ, דער האָנער פון אָט דעם הונט, וואָס דער געהענעם ווארט שוין אף אים ווייס איך וויפל... און שטעל זיך פאָר, אז נישקאָשע, ס'וועט נאָך קלעקן ניט אף איין נאכט, — ער האָט זיי אָנגעגרייט אף קאָליאָמאָוו, די דאָזיקע געלע מילן, שויעל. אָבער זיי וועלן בא מיר דאָ פארסארפעט ווערן ביז איינער!

איך בין פארצאפּלט געוואָרן: געלע מילן! לויטן בייזן פייַערל אין פינכעסעס אויגן האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז ער וועט אפילע קיין איין בלעטל ניט לאָזן ארויסטראָגן פון הויף, און געווען זייַנען זיי א מענגע — עטלעכע צונויפגעפרעסטע פעקלעך, פארבונדענע מיט שפּאגאט.

פונדעסטוועגן האָב איך פינכעסן איבערגעכיטרעוועט. נאָך אזא לאנגער נאכט באם פלאקערנדיקן פייַער האָט דער אלטער ניט אויסגעהאלטן און איז אוועק זיך אָפּרוען אין טויִקן שאָטן פון א קאמער. איך האָב גלייַך געכאפּט א פארקרעמפּעוועט פעקל רעקלאמע־בלעטלעך און אין איין רעגע שוין געווען באם פלויט; נאָך א רעגע, און דאָס פעקל איז שוין אף יענער זייַט, אין די בודזיקעס. אָט אזוי בין איך געוואָרן א הערשער איבער די געלע מילן.

אין מענטש, וואָס איז מיר געווען מער אײַנגעבאַקן אין האַרצן, איידער אַלע באַ אונדז אין שטעטל, — פּינכעס פּעטשעניס זון, דער באַגונעץ אַנשל, וועלכער איז אַהער אַראָפּגעקומען היילן די ווונד, — האָט מיר אַ ביסל פאַרשטערט די שׂימחה מיט די געלע מילן. אַנשל איז פאַר מיר געווען אַ העלד, וואָס כ'האָב אים געקאָנט ניט נאָר אָנקוקן פונדערווײַטנס, ווי דעם נאַטשאַלניק פון אונדזער מיליציע, וואָלקאָוון, וועלכער איז געבליבן אין ליובאַר, ווען די רויטע אַרמיי איז אוועק ווײַטער, אַף שעפּעטאָווקע, און ניט ווי וואַן לי — אויך אַ רויטאַרמייער און אויך אַן איבערגעלאָזענער באַ אונדז — וואָלקאָווס רעכטע האַנט; אַנשל איז פאַר מיר געווען אַ העלד, וואָס איך האָב אים מאַמעש געקאָנט אָנכאַפּן פאַרן מאַלבעש, אָנעמען פאַר אַ האַנט, הערן ניט נאָר ווי ער רעדט, נאָר ווי ער זינגט שטילערהייט רויטאַרמייִשע לידער, וואָס שמעקן מיט פּולווער, מיטן שטויב פון אומבאַקאַנטע וועגן, אַפילו ווי ער כראָפּעט באַנאַכט אַף זײַן געלעגער אין סעדל מיט אַן עמעסן סאָלדאַטישן כראָפּ. און נאָך און נאָך...

וואָלקאָוו און וואַן לי זײַנען ניט געווען קיין פאַרוווּנדעטע, צוזאַמען מיט עטלעכע אײַנשטעלערישע שטעטלדיקע און דאָרפישע כעוורע האָבן זיי געהאַלטן אין איין אַרומשמײַען איבער די אַרומיקע וועלדער און כוטאָרס, געכאַפּט דאָרטן באַנדיטן און געבראַכט זיי צו טרײַבן מיט געבונדענע הענט אין שטעטל, גלײַך אַפן מאַרק־פּלאַץ, קעדיי סײַ די היגע, סײַ אָנגעפאָרענע מענטשן זאָלן זיי דערקענען און זאָגן, ווער דאָס איז...

געווען איז, אויב שוין אַלץ דערציילן, נאָך איין העלד, קימאַט אַ באַקאַנטער מײַנער, וועלכער האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַ אַנציקונג, אַ טיפע פאַרווונדערונג, אָבער אים האָב איך געזען בלויז פון אַ זײַט, ס'איז מיר קיינמאָל אַפילו ניט אויסגעקומען אויסרייד'ן מיט אים אַ וואָרט, סײַדן נאָר דעם „זדראַסטיע“, וואָס כ'האָב אים מיט ציטער אַנטקעגן געטראָגן: דאָס איז געווען אונדזער ליובאַרער, ריכטיקער, דער געוועזענער יוראָווקער, פאַסטעך, דער שטאַרק הויכער וואַסיל דאָליניוק מיט די שוואַרצע וואָנצעס. פונוואַנען זאָל איך געווען וויסן העט פריִער, טאַקע דעמלט נאָך, ווען איך פלעג אים, דאָליניוקן, טאָג־אײַן, טאָג־אויס זען שפּאַנען אין אַ צעריסענער סוויטקע, אין אַ גרויסן יאָלעפּ, מיט אַ לײַוונטענער טאָרבע אַפן אַקסל און אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט, אײַנגעהילט אין וואָלקנס שטויב הינטער אָדער באַ אַ זײַט פון דער טשערעדע בעהיימעס און שאָף, — פונוואַנען זאָל איך געווען וויסן, אַז כ'דאַרף זיך צוקוקן צו אים, אַז דאָס איז אונדזער ערשטער ליובאַרער באָלשעוויק? ווען דאָליניוק האָט זיך אומגעקערט פון דער מיליכאָמע, איז ער, דוכט זיך, געבליבן דער זעלבער פאַסטעך, און דאָך — ניט דער זעלבער. מײַן טאַטע און פּינכעס פּעטשעני האָבן אָפּט גערעדט צווישן זיך, אַז דאָליניוק פאַרמאָגט „אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער“. אַנשל פלעגט דערבײַ צושמייכלען און פאַריכטן זיי: „אַ קאָפּ פון אַ קאָמיסאַר“, און כאָטש כ'האָב ניט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שוואַך פאַר דאָליניוקן... אַ סימען האָט איר, ווי נאָר די רויטע זײַנען אַרײַן אין ליובאַר, איז וואַסיל דאָליניוק באַלד געוואָרן דער עלטסטער אין שטעטלדיקן סאָוועט. דער פּאַטלאַטער, גרויער הונט, מיט די געלע פלעקן, ווי שטיקער פײַער, איז אויך איצט ניט אָפּגעטראָטן אַף קיין שפּאַן פון דאָליניוקן, פּונקט ווי דעמלט, ווען זיי פלעגן זאַלבעצווייט היטן די טשערעדע...

גאָרנישט איז אין שטעטל ניט פאָרגעקומען, אַז דאָליניוק זאָל אין דעם ניט האָבן קיין כיילעק. כ'האָב אים געטראָפן אין קינדער־שטעטל, בייס עס האָבן זיך אַהין אַרײַנגעשטעלט די ערשטע טוישווים, קלייניקע און דאַרע, געזען אים אין אונדזער ערשט געעפנטן שפּיטאָל, אין שול, ווו עס האָבן זיך געפּאָרעט סטאָליאַרעס און גלעזער און ווו איך בין שוין אַפילו געווען פאַרשריבן אין ערשטן קלאַס, און איבער דער פּאָסטער מיל איז ער אויך אומגעגאַנגען... נאָר דאָ טאַקע דאַרף איך זיך אומקערן צו אַנשלען.

אַנשל איז געווען אַ כאַווער מיט וואָלקאָוון און וואַן לי, כאָטש ער האָט ניט געקאָנט אומפאָרן מיט זיי, ווען זיי פלעגן זיך לאָזן מיט עטלעכע דרייסטע שטעטלדיקע און דאָרפישע יאַטן אין די אַרומיקע כוטאָרס און וועלדער אין געיעג נאָך באַנדיטן. ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אויך דאָליניוקס אַ כאַווער, כאָטש דאָליניוק איז געווען עלטער פון אים. פון צײַט צו צײַט פלעגט מען זאַלבעדריט — וואָלקאָוו, דאָליניוק און וואַן לי — און אַמאָל איינציקווײַז אַרײַנקומען צו אַנשלען מעוואַקער־כוילע זײַן אים, דאָרטן טאַקע, אונטערן באַרנבוים, ווו ער איז גאַנצע טעג געלעגן אַף דעם לײַוונטענעם בעטל, דעם קראַנקן פוס פאַרקרעמפּעוועט אין לוב. אינגיכן האָט שוין אַנשל גענומען פּאַמעלעך זיך דורכגיין איבערן הויף און אַפילו איבער דער גאַס באַם טויער. און איך האָב ערשט דעמלט דערזען, ס'אַרא מין הויכער און פלייציקער יונג דאָס איז, כאָטש ער איז געווען אויסגעדאַרט אַפילו מער פון זײַן טאַטן, אַזוי אויסגעדאַרט, אַז ווען ער פלעגט אויסטאָן באַם וואַשן זיך די אויסגעבליאַקעוועטע גימנאַסטיאָרקע, האָט מען אַפילו פונדערווײַטן געקאָנט איבערציילן אַלע ריפּן אַף זײַן ברייטער ברוסט. די דאָקטוירים האָבן אופגעהערט אַרײַנקומען צו אים. אַנשל פלעגט אַליין יעדן טאָג, פּונקט אין דער אײַנגעשטעלטער

שאַ, נאָך וואָרמעס, אַנגעשפּאַרט אינעם שטעקן, אוועקלאָזן זיך אין פּאַלאַץ. און ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט דער הויף שוין ביזן קילן פאַרנאַכט געשמעקט מיט ביטערלעך־טערפּקן רייעך פון יאַדאָפּאַרם.

איצט פלעגט שוין אַנשל אָפּט אַרויסטראָגן אין הויף די שווערד, וועלכע מע האָט אים געשענקט אין עסקאַדראָן (געשענקט אַף שטענדיק, און אַליין שטשאַרס האָט עס געטאָן, אַזוי האָט בישטיקע, אונטערווינקענדיק מיט אַן אויג, דערציילט פּינכעס און באַוועגט דערבײַ מיטן רעשט פון דער רעכטער אָפּגעריסענער האַנט). אַנשל האָט פלײַסיק געווישט מיט אַן אַלטן העמד די אַנטבלויזטע, בלענדנדיקע שאַרף און איין מאָל זי אַפילו אויסגעפּרווט אַף גאַנץ דיקע לאָזעס, וועלכע איך אַליין האָב אים געבראַכט. ער האָט זיי, די קרומלעכע ווערבע־לאָזעס, אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד, ניט ווײַט פון פּלויט, צוגעביסן אַ ליפּ און געגנומען האַקן זיי איינע נאָך דער אַנדערער, נאָר אַזוי, אַז יעדע לאָזע, שוין אַן איבערגעהאַקטע אין דער קווער, האָט נאָך אַ רעגע זיך געהאַלטן אין דער לופט און דערנאָך ניט געפאַלן אַ געבויגענע, נאָר אויסגעשטרעקטערהייט אַראָפּגעגנידערט אין גראָז...

— זעסט, — פלעגט אַנשל זאָגן, — אינגיכן וועל איך שוין אַרויסרײַסן זיך פון־דאַנען! — אַף זײַן אויסגעבלייכטן פּאָנעם מיט די סטאַרטשענדיקע באַקנביינער, און עפּשער אַפילו ניט אַפּן פּאָנעם, וואָס איז, אייגנטלעך, געבליבן ערנסט, — בלויז אין די קאַרע, הייסע אויגן האָט געלויכטן אַ טרומערישער שמייכל. און איך בין אים מעקאַנע געווען. מעקאַנע געווען אַפילו אַף דעם, וואָס די מאַמע זײַנע, די שלאַבעריקע טויבע, האָט געווישט מיטן ווינקל פון פאַרטעך די בלינדלעכע אויגן בייס ער האָט געהאַקט די גרינע לאָזעס און גערעדט וועגן דעם, אַז ער וועט אינגיכן ווידער פאַרלאָזן די היים. עס וואָלט מיך ניט אַרן, אַז מײַן מאַמע זאָל אויך אַ ביסל וויינען, אַבי נאָר איך זאָל האָבן אַ שווערד און דאַרפן אוועקלאָזן זיך אין עסקאַדראָן.

אַנשל האָט יעדן טאָג מיך איבעראַשט מיט עפּעס נײַס. מיר האָבן זיך געכאַווערט, כאָטש געווען איז עס אַ מאָדנע כאַווערן זיך פון אַ דערוואַקסענעם מיט אַ קינד. פאַרן דערוואַקסענעם באַטײַט עפּשער די דאָזיקע פרײַנטשאַפט גאָרנישט ניט, און פאַרן קינד איז עס אַ גאַנצע אַנט־פּלעקטע וועלט.

כ׳געדענק גוט, וויאַזוי איך האָב זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט פאַר אַנשלען וועגן מײַן אויצער. כאָטש פאַרוואָס זאָל איך טאַקע האָבן סוידעס פון אַזאַ גוטנפרײַנט, אויב כ׳האָב אַפילו צוגע־שלעפּט דאָס פּעקל באַ זײַן אייגענעם טאַטן? אַנשל האָט באַמערקט דאָס יאַטל, וואָס איז אַרויס־געלאָפן פון אונדזער הויף אַף דער גאַס און געגנומען זיך באַרימען פאַר די יינגלעך, וועלכע האָבן דאָרט געוואַרט אַף אים, מיט דער געלער מיל, וואָס געקאָסט האָט זי אים אַן אייגנס — אַ צעבראָכענע צינד־מאַשינקע אָן אַ שטיינדל...

— עהע, — האָט אַנשל געגנומען אָפּלאַכן פון מיר, — האָסטו, הייסט עס, געיאַרשנט שויעלן מיט די בעבעכעס און מאַכסט אַ שווײַג?

טאַקע דעמלט האָב איך אים אַלץ דערציילט. דעם עמעס געזאָגט, האָט זיך מיר שוין לאַנג געוואָלט אים באַווײַזן דאָס פאַרמעגן, וואָס כ׳האָב אויסגעביטן פאַר גאָר אַ קליינער צאָל מילן, און טאַקע די מילן אויך, וואָס כ׳האָב, ווי אַלע מײַנע כאַווירים, געקוקט אַף זיי און געכידעשט זיך: דאָס איז געווען אַ בילד פונקט אַזאַ, ווי אין די ביכער. אָבער ניט פון עפּעס אַזוינס, וואָס מע ווייסט גאָר ניט, צי ס׳איז דאָ אַף דער וועלט, צי ס׳איז ניטאָ, נאָר פון אונדזערער אַ ליובאַ־רער זאַך, אַ געוויינלעכער און דאָך אַן אויסטערלישער.

— מע דאַרף זיי פאַרברענען, — האָט אַרויסגעטראָגן זײַן אורטייל אַנשל, ווען איך האָב אים באַוויזן מײַנע געלע מילן.

ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַנשל האָט פײַנט געהאַט שויעלן. איך אויך. אָבער וואָס זײַנען שולדיק די געלע בלעטלעך?

ניין, איך האָב מײַנע מילן ניט פאַרברענט, איך האָב בלויז אופגעהערט פאַרקויפן זיי די יינגלעך. אַ ביסל קעלטער געוואָרן צו די פּאַפּירענע מילן בין איך אויך מאַכמעס דעם, וואָס מײַן אופמערקזאַמקײַט האָט צוגעצויגן די עמעסע מיל שויעלס.

ווען מע זאָל מיר דעמלט געווען זאָגן, אַז אַנשל זעט, ווי אין אַ מײַסעלע, וואָס עס טוט זיך זיבן הײלן אונטער דער ערד, וואָלט איך געגלייבט. אין אַן אויסגעשטערנטן אָפּדערנאַכט, ווען פּינכעס דער וואָלץ־אַרבעטער האָט פאַרן גיין שלאָפן אויסגערויכערט זײַן לעצטן ציגאַ־רעט פון ביטערער מאַכאָרקע, געהוסט, געשפּיגן און, ווי געוויינלעך, אויסגעלאָזט אַלדאָסבייז צו שויעלס קאָפּ, האָט אַנשל מיטאַמאָל געזאָגט, אַז ער ווייסט שוין דעם כיטרוקס, דעם מילנערס סעקרעט:

— כאָטש כ׳בין טאַקע געווען באַ שויעלן סאַכאַקל איין יאָר אַ טרעגער, און דו, טאַטע, דרײַסיק יאָר אַ וואָלץ־אַרבעטער, זע איך אים, שויעלן, אַף דורך און דורך.

— וואָס זשע זעסטו, זוניו? — האָט, שווער איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם נאָכן אײַנגעגעסענעם הוסט, געפרעגט פינכעס.

— כ'זע, אַז בייס שויעל האָט געמאַכט פלייטע מיט גוסטאַוון, האָט ער מיטגענומען בלויז די אימפּעריאַלן. אַלץ, וואָס מע האָט אַראָפּגענומען פון די מאַשינעס, האָט ער באַהאַלטן ערגעץ דאָ, אין ליובאַר.

די קומענדיקע אָפּדערנאַכטן האָט אַנשל געשוויגן. איך האָב אָבער געזען, אַז ער האָט שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד צוזאַמען מיט וואָלקאָוון און מיט וואַן לי, וואָס אַלע האָבן אים באַ אונדז גערופן וואַניאַ, און אויך מיט וואַסיל דאָליניוקן אומגעבלאָנקעט צווישן די פעלדזן אַרום סלוטש. און מע האָט ניט נאָר אומגעבלאָנקעט דאָרטן, — פון מאָל צו מאָל האָט עמעצער פון זיי טיף אַרײַנגערוקט אַ שאָמפּאָל אין דער ערד, און דער גרויער, פאַטלאַטער הונט דאָליניוקס, מיט די געלע פלעקן, וואָס זײַנען פונדערווײַטנס ענלעך געווען אויף שטיקער פײַער, האָט דערנאָך באַשמעקט יעדעס לעכעלע, געפאָרשקעט, געבילט... דאָס זעלבע האָבן אַנשל און זײַנע פרײַנט געטאָן אויך באַ די שטילע אָפריסן, וואָס הייבן זיך אָן ניט ווײַט פון ברעג טײַך, ווו מע גראָבט געוויינלעך ליים אויף אַרומצושמירן די ווענט, די דילן, די פריזבעס פון די הײַזער. דערנאָך האָט מען געגנוי באַטראַכט די אײַזערנע און בעטאָנענע טרויבן, וואָס פירן פון דער מיל צום טײַך. סאָפּקאָלסאָף איז מען געפאַלן אויפן געדאַנק אַ קוק טאָן אינעם טײַך גופע...

אין פיל יאָרן אַרום פלעגט דער האָרבאַטער פישער סידאָר פּעטרושקאָ, נאָך דעם, ווי ער פלעגט נעמען אַ גוטן טרונק בראָנפן, שלאָגן זיך מיט דער פויסט אין דער סטאַרטשענדיקער ברוסט און שווערן, אַז דאָס האָט ער געזען אַנשלען און זײַנע פרײַנט אַ זוך טאָן אויפן דעק פון סלוטש. ווער ווייסט? עפשער איז טאַקע אַזוי געווען אויף אָן עמעס און עפשער האָט אַנשל זיך באַנוצט בלויז מיט סידאָר פּעטרושקאָס שיפל און אַליין אָפּגעזוכט אינעם אײַנגוס נאָך דער הרעבליע, פונקט אינמיטן, אַנטקעגן דער מיל, דרײַ טונקעלע בערגלעך, ענלעכע אויף אונטערוואַסער־שטיינער. ווען מע האָט די בערגלעך פאַרטשעפּעט מיט אַ האַקן, אַ צוגעפעסטיקטן צו אַ דרענגל, זײַנען אויף דער אויבערפלאַך אַרופגעשוואומען פעטע בלווילעכע פלעקן. פאַרנייטע אין ברעזענט, וואָס איז געוואָרן האַרט, ווי בלעך, אַרומגעשמירטע מיט מאַשין־אייל, האָבן אויפן דעק פון טײַך גערוט אײדעלע וואַלצן און דין־געטאָקטע געציינדלטע רעדלעך...

דוכט זיך, אַז נאָך דעם, ווי אַנשל האָט בעפיירעש דערוויזן, אַז ער זעט, וואָס עס טוט זיך זיבן איילן אונטער דער ערד, האָט ער מיך שוין מער מיט גאָרנישט ניט געקאָנט איבעראַשן. דאָס איז אָבער געווען אַזאַ מענטש, וואָס יעדן טאָג האָט זיך אין אים אַנטפּלעקט עפּעס נײַס.

די מיל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. איר רויש פלעג איך יעדן אינדערפרי דערהערן, ווי דעם אָנזאָג וועגן אַ נײַגעבוירענעם טאָג. אין הויף פון דער מיל, וווּהין איך פלעג קומען צו לויפן נאָך פאַר איבערבײַסן, איז געווען אַ געדראַנג פון וועגענער מיט טווועו. פויערים פון דעם גאַנצן אַרום האָבן דאָ אויסגעלאָדן זעק מיט קאָרן און ווייץ און באַקומען די פײַנסטע און דינסטע מעל; מע פלעגט זי צערײַבן אַ קאַפּעלע פאַר אַ פּראָבע אויף די שוואַרצע, צעקאַרבטע דלאָניעס, און זי האָט געשײַנט, ווי די זון; מע האָט זי גענומען אויפן שפּיץ צונג און, שמייכלענדיק צופרידן אין די פאַרמעליקטע בערד און וואָנצעס, געזאָגט איינער דעם אַנדערן: „אָטאָ דילאָ!“ אַלס געצאָלט האָט דאָ געגאָלטן בלויז מעל. אַזוי האָט יעדן טאָג זיך אָנגעזאַמלט אַ סטאָס זעק, וועלכע די אַרבעטער פלעגן אָפּשיקן, — אַנשל האָט אַלעמאָל דערציילט וועגן דעם מיט גרויס פרייד, — פאַר דער רויטער אַרמיי און פאַר מאָסקווע. און אָט דאָ בין איך טאַקע געוואָרן אַן איידעס פון אַנשלס אַ נײַעם וווּנדער: אין אַ שטיק דין, גלאַנציק בלעך האָט ער מיט אַ קליינינקער דאָלעטע אויסגעקלאַפּט אויף דורך און דורך אַ פינפעקיקן שטערן, אונטער אים — אַ סערפּ און אַ האַמער, נאָך נידעריקער, אין אַ האַלבן קרײַז — איין וואָרט: „ליובגאָסמעל“[1]. ס'איז דעמלט געווען אַ צײַט אַזאַ, ווען ווערטער פלעגן פעסט צונויפגעפּרעסט ווערן, ווי שיס־קוילן אין אַן אָבאָימע.

— פאַרשטייסט? — האָט אַנשל פײַערלעך געזאָגט צו מיר. — שויעל האָט אויף די זעק מיט מעל געקלעפּט זײַנע עטיקעטקעס, יענע, וואָס דו ווילסט זיך מיט זיי ניט שיידן, און מיר וועלן אָט וואָס שרײַבן אויף די זעק — ליובאַרער מעלוכישע מיל!

מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם האָב איך געקוקט, ווי אַנשל האָט אָנגענעצט אַ גרויסן פּענדזל אין אַן עמערל מיט רויטער פאַרב און מיט דער הילף פון דעם צעלעכערטן שטיק בלעך געמאָלט אויף די זעק אַ שטערן, אַ סערפּ, אַ האַמער. און אָט אַזעלכע, מיטן שטאָלצן וואָרט „ליובגאָסמעל“, האָט מען די זעק יעדן ביין־האַשמאָשעס אָוועקגעפירט איבער דער בריק, דורך דער באַרגיקער נײַער שטאָט, צום פראָנט, וואָס האָט זיך דערנעענטערט.

---

[1] — די ראָשעטויוועס פון „ליובאַרסקאַיאַ גאָסודאַרסטווענאַיאַ מעלניצאַ“ — ליובאַרער מעלוכע־מיל.

כ'האָב גאָר פאַרגעסן זאָגן, — דער פּראָנט האָט זיך ווידער דערנעענטערט צו אונדזער שטעטל, ער האָט זיך דערנעענטערט פון מײַרעווו, פון טשאַרטאָריע און נײַ־ליובאַר. עמעס, עס האָט זיך ניט געגלייבט, אַז באַ די, וואָס האָבן זיך איצטיקס מאָל געריסן צו ליובאַר, וועט זיך עפּעס באַקומען. די דערוואַקסענע, וואָס האָבן יעדן פאַרנאַכט זיך אויסגעזעצט באַ פינכעס פּע־טשעני אַף דער פּריזבע, האָבן מיט אומרו גערעדט וועגן שליאַכטיטשעס און סיטשעוויקעס. איך האָב געקענט איינעם אונדזערן אַ ליובאַרער שליאַכטיטש, דעם פּאַן קאַלענסקי, אַ דאַרן און גע־הויקערטן, מיט לאַנגע, גראָווע וואָנצעס. געלעבט האָט ער אין אַ פּאַרוואָרפּענעם העק, סאַמע באַזי־ליאַנקע, און כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַלע שליאַכטיטשעס זײַנען אַזעלכע; ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר זיי. נו, און וואָס שײַעך די סיטשעוויקעס, האָבן אַלע געזאָגט, אַז זיי זײַנען אַלציינס ווי פּעטליוראָווצעס, און איך האָב דאָך אַליין געזען, ווי די פּעטליוראָווצעס זײַנען גע־לאָפן: נאַרישע דיאַדקעס אין לאַנגע זשופּאַנעס און פּאַפּאַכעס, אָנגעטאָנענע אין דער קרים, נו פּונקט מע זאָל יעדן פון זיי אַראָפּכאַפּן פון די ליימענע פּײַפּעלעך, וואָס די קאָלאָדעזשנער טע־פּער פאַרקויפן יעדן זונטיק באַ אונדז אַפן מאַרק.

מער פון אַלץ האָב איך זיך, פאַרשטייט זיך, צוגעהערט, וואָס אַנשל זאָגט וועגן די שליאַכ־טיטשעס און סיטשעוויקעס. ער האָט געזאָגט, אַז מע וועט זיי צעקלאַפּן, ווי מע האָט שוין צע־קלאַפּט די דײַטשן און די דעניקינצעס, נאָר געערט האָט אים, וואָס ער אַליין איז דאָ געבליבן שטעקן אין ליובאַר. עפּעס אַן אַרמייִשער אינטענדאַנט האָט אים באַפוילן שיקן וואָס מער מעל פאַרן פראָנט, און ניט בלויז מעל, נאָר ברויט און סוכאַרעס, — אַ רײַטער, וואָס איז ביז אַרויף פאַרשפּריצט געווען מיט בלאָטע, האָט געבראַכט אַ פאַרשטעמפּלטן פּאַקעט וועגן דעם, און אונדזערע ליובאַרער ווײַבער האָבן גענומען באַקן ברויט, וועלכן מע האָט דערנאָך געשניטן אַף גלײַכע ריפּטלעך און געטריקנט אין די אויוונס, וואָס פלעגן גאָר ניט באַוויַזן אויסקילן זיך.

אַנשלס פאַרדראָס און זײַן אומגעדולד האָב איך גוט פאַרשטאַנען: אָט בין איך ניט געווען קיין באַגונעץ, ווי דער זון פונעם וואַלץ־אַרבעטער, און פונדעסטוועגן האָט מיך אויך געצויגן אַהין, ווו עס האָט געהילכט די אַרטילעריע... יאָ, דאָס קנאַלן האָט זיך געהערט אַלץ בוילעטער, אַלץ נעענטער.

טאַקע אין יענע טעג האָט אַנשל אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס האָט מיך באַצויבערט מער פון אַלץ און אַף שטענדיק זיך פאַרקריצט באַ מיר אין זיקאָרן. איך האָב אין יענע טעג באַנומען די קראַפט פון ליכט און שאָטן, די קראַפט פון געווייַנלעכן קרײַד און ווייכן קויל, וואָס קרישלט זיך. איצט ווייס איך, אַז אינעם ספּעקטער איז נישטאָ ניט קיין ווײַסער קאָליר, ניט קיין שוואַרצער, נאָר דעמלט זײַנען עס פאַר מיר געווען די ערשטע צוויי פאַרבן, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ פונק אין מײַן האַרצן, אַ פונק, וואָס וועט ניט אויסגעלאָשן ווערן ביז איך וועל לעבן... אַף אַ שטיק גרויען קאַרטאָן האָט אַנשל, לויט אַ פאָטאָגראַפיע אין צײַטונג, אָנגעמאָלט לענינס פּאָרטרעט. איך האָב געזען, ווי ער האָט פּאַרטיק געמאַכט דעם פּאָרטרעט אָוודע פאַר אַ שאָ צײַט, געזען, ווי ס'האָבן סוידעספּול געשײַנט אַנשלס קאַרע, הייסע אויגן, געזען דעם שמייכל, אָט אַ פאַרקלערטן, אָט אַ באַגײַסטערט־גליקלעכן, וואָס האָט בייסן מאָלן אַלע מאָל באַוויזן זיך אַף זײַן ביינערדיקן פּאָנעם, — כ'האָב נישט פאַרשטאַנען ניט דעם בליק זײַנעם, ניט דעם שמייכל, כ'האָב דאָס פאַרשטאַנען אַ סאַך שפּעטער, כ'פאַרשטיי דאָס איצט, אַלע מאָל, ווען אַנשלס געשטאַלט שווימט אוף אין מײַן זיקאָרן.

דעם פּאָרטרעט האָבן די אַרבעטער אַרײַנגעשטעלט אין אַ פאַרגלאָזטער ראַם און צוגעג־קלאַפּט צו דער אַרקע פון פּריש־געטעסעטע ברעטער, וואָס איז אופגעשטעלט געוואָרן איבערן טויער פון דער מיל. אַפן טויער גופע האָט מען מיט קרײַד און סאַזשע, וואָס זײַנען צעפּירט גע־וואָרן אין קליי, אָנגעמאָלט אַן אַרבעטער און אַ רויטאַרמייער. זיי האָבן ביידע געהאַלטן אַ פּאַ־נאַנדערגעוויקלטע פאָן, אַף וועלכער עס זײַנען געווען אָנגעשריבן די ווערטער: „ציטערט, צי־טערט, שוואַרצע קויכעס, זיגן וועט באַפרײַטע מיו" דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אין יענע טעג, ווען עס האָט אונדז אַלעמען געפּײַניקט דער געדאַנק, צי וועלן אין ליובאַר זיך טאַקע אַרײַנרײַסן די שליאַכטיטשעס און די סיטשעוויקעס, געהאַט גאָר אַ באַזונדערן זין.

דער סוינע האָט זיך באַוויזן אין שטעטל גאָר ניט פון דער זײַט, פון וועלכער מע האָט אים געקאָנט דערוואַרטן. ער איז ווײַט אַרומגעגאַנגען נײַ־ליובאַר און אין אַ נעפּלדיקן קאַיאַר אַריבער־געקליבן זיך איבערן סלוטש דורך אַ פליטקע אָרט, וואָס ווייניק ווער עס האָט גאָר וועגן דעם געוווסט. מענטשן האָבן דערנאָך דערציילט, אַז דאָס דאָזיקע אָרט האָבן דעם סוינע אָנגעוויזן גוסטאַוו און שויעל, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל צוזאַמען מיט די סיטשעוויקעס (צו אונדז זײַנען אַרײַנגעטראָטן בלויז די סיטשעוויקעס, אַ גאַנצער קורען).

כ'האָב ניט געזען ווי זיי זײַנען אַרײַן אין שטעטל, ווײַל די מאַמע האָט פאַרטאָג אוועקגע־שלעפּט מיך, אַ שלעפעריקן, אין די קוסטעס, וואָס האָבן באַם סאַמע ראַנד פון די ליימיקע אָפּ־

ריסן אַזוי געדיכט אַרומגעפלאָכטן דעם פּלויט פון אונדזער גאָרטן, אַז עס האָט זיך דאָרט באַקומען אַ גרינע הייל. פּאַרוויקלטע אין קאָלדרעס און לעכעריקע פעלצלעך זײַנען דאָ דערשלאָפן די פּאָר שאָ ביז טאָג מײַן שוועסטערל און פיל שכײניש קינדער. ערגעץ גאָר נאָענט האָבן לאַנג און פּאַראַקשנט געשטעפּט קוילנוואַרפערס. דוכט זיך, אַז ס'איז אַרום דער מיל. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. און אין אָט דער שטילקײַט האָט פון אונדזער הויף זיך דערטראָגן אַ האַרצרײַסנדיק געשריי. דאָס האָט געיאָמערט די שטילע שוואַכע טויבע, וואָס געוויינלעך האָט מען קוים געהערט איר ס אַ וואָרט. קאַיאָר האָט זי אויך באַהאַלטן זיך דאָ, הינטער די קוסטעס, נאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שיסערײַ בײַ דער מיל, האָט קיינער גאָר ניט באַמערקט, ווי די אַלטיטשקע איז פאַרשוווּנדן, און איצט האָט זי געכאַלעשט דאָרט, אין פּוסטן הויף.

דערהערט דאָס געשריי, האָבן זיך צום הויף אַ לאָז געטאָן אַ פּאָר מאַנצבלעך. זיי האָבן אָבער אײַנגיכן זיך אומגעקערט פינצטערע, דערצאָרנטע: עטלעכע אַרבעטער האָבן אונטער אַנשלס קאָמאַנדע פאַרטיידיקט די בריק, בײַס אַנדערע האָבן אָפּ פורן אַרויסגעפירט די מעל און די טווּע, וואָס איז געבליבן אין מיל; די סיטשעוויקעס האָבן אָבער דערלאַנגט אַ קלאַפּ פון הינטן אַרום, אייניקע אַרבעטער האָט מען דערהאַרגעט, אייניקע — פאַרכאַפּט לעבעדיקערהייט. דאָרט טאַקע, בײַ דער בריק, זײַנען אומגעקומען אָדער אַרײַנגעפאַלן צום סוינע אין די הענט אויך אַנשל און פּינכעס...

די דאָזיקע ידיעה האָט אופגעטרייסלט און דערשראָקן, אָנגעשפּיצט יעדערן. מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ באַהאַלטן מיט פּיצלעך קינדער, האָבן, עפּשער אַליין ניט באַנעמענדיק דאָס, געטראַכט יעדערער וועגן דעם, וואָס וועט ווײַטער זײַן, וועלכע ווילדקײַטן, וועלכע צאָרעס וואַרטן ערשט אָפּ זיי. מיך אָבער האָט די גרעסטע צאָרע שוין געטראָפן: דער געדאַנק, אַז כ'האָב אָפּ שטענדיק פאַרלוירן דאָס שענסטע און וויכטיקסטע, וואָס האָט מיך געצויבערט, האָט ווי אַ שטיין מיר געפּלעט דעם קאָפּ.

די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך קימאַט ניט דורכגעשלאָגן דורכן געדיכטן געפּלאָנטער פון די דערעזע־קוסטעס. ערגעץ אויבן האָבן געצוויטשערט שפּערלעך, עס האָבן געקלונגען גראָזגרילן און פאַרהאַוועט געזשומעט בינען, — דאָס איז געווען אַ וועלט, וועלכע איך האָב דאָרשטיק ליב געהאַט. נאָר איצט האָב איך גאָרנישט ניט געזען און ניט געהערט. דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אַנשלען און זײַן פּאָטער, האָט מיך פאַרהלושעט און דערשטיקט. איך האָב אַפילע ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס מײַן מאַמע רעדט צו מיר. זי איז ערשט־אָ געווען אין הויף, געמינטערט די אַלטע טויבע, און דער האָרבאַטער סידאָר פּעטרושקאָ, דער פישער, וועלכער איז אויך אַהין געקומען, האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען דעם טאַטן אונדזערן. דער טאַטע, דערציילט ער, איז געקומען צו לויפן פון נאָוואָסעליצע, פון דעם צוקער־זאַוואָד, נאָר ניט געקאָנט זיך דערקלײַבן אַהיים, ווײַל די סיטשעוויקעס האָבן אים געכאַפּט צוזאַמען מיט אַנדערע מאַנצבלען און אַפילע ייִנגלעך — מע טרײַבט אַלעמען צום פּלאַץ, וואָס אינמיטן שטעטל. „דער טאַטע...“ — צו מיר איז קוים דערגאַנגען, אַז עפּעס איז מיט אים געשען, כ'האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע אײַצעט זיך מיט מיר, ווי מיט אַן עלטערן קינד, וואָס זאָל מען טאָן. וואָס אָבער האָב איך געקאָנט אײַצען? כ'בין גרייט געווען כאָטש באַלד אַרויסלויפן אין גאַס, נאָר די מאַמע האָט זיך באַוואַשן מיט טרערן און מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן. אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל, איז גאָר אוועקגעלאָפן אַ זשוואַוו מיידעלע פון אַ יאָר דרײַצן, און איך, האָבן געהאַלטן די שכײנים, וואָס קיינער האָט זיי ניט געבעטן אַרײַנמישן זיך, בין נאָך צו קליין...

דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט ערשט צו זון־פאַרגאַנג, די גאַנצע רעכטע באַק זײַנע, פון סאַמע שלייף ביזן קורצינקן קאָמעץ־בערדל, האָט איבערגעהאַקט אַ בלאָוער פאַרזאָטענער שראַם. אינעם טאַטנס אויגן איז געלעגן באַהאַלטן אַ טיפער ווייטעק. ער האָט אונדז געהייסן אומקערן זיך אַהיים, און ווען מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזט איבער דער אײַנגעטאָפּטשעטער סטעזשקע, האָט ער עפּעס מאָדנע, מער ווי שטענדיק, געהונקען. אין דער היים, בײַס די מאַמע האָט צוגעלייגט דעם טאַטן צו דער אופגעלאָפּענער באַק אַ נאַסן האַנטעך און אָנגעריבן אים מיט סקיפּידאַר דעם קראַנקן פוס, האָט ער פאָרזיכטיק, מיט אָנדײַטן, מיט אַ האַלב מויל, אַז איך און דאָס שוועסטערל זאָלן ניט פאַרשטיין, דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אָפּן פּלאַץ אינמיטן שטעטל, דאָרט, וווּ עס שטייט אַ טריבונע פון רויט־געפאַרבטן דיקט און וווּ מע האָט, געוויינלעך, דורכגעפירט מיטינגען, וואָס בײַ אונדז האָבן זיי געהייסן מאַניפעסטאַציעס: — איר מעגט שוין מער ניט אַרויסקוקן, דאָבראָדיעס, אָפּ יענער פרײַהײַט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אײַך צוגעזאָגט! — האָט אַ פּעטליורישער יעסאַול געריסן זיך דעם גאָרגל אָפּ דער טריבונע.

לעבן דעם סיטשעוויק איז געשטאַנען אַ דיקער וווּקסיקער פּאָליאַק אין אַ קאָנפעדעראַטקע — סאַנגושקאָ. ווער קען אים דאָ ניט, אין ליובאַר? זײַן אייגנס איז אַ קײַמעלאָן פון זעקס הונדערט דעסיאַטין ערד אַרום שטעטל, דער וואַלד און דער גרויסער צוקער־זאַוואָד. ווען מע

האָט גענומען טיילן צווישן די פויערים די ערד און אַלע זײַנע מאַיאָנטקעס, איז ער אַנטלאָפן קיין פוילן. און איצט אומגעקערט זיך... סאַנגושקאָ האָט ברייטלעך אָפּגערוקט מיט דער האַנט דעם יעסאַול און אַ געשריי געטאָן:

— וויענצע ניע בענדזשע וואָלנאָסטי! נאַ קאָלאַנאַ, בידלאָ![1]

און די הונדערטער מענטשן, וועלכע מע האָט צונויפגעטריבן אויפן פלאַץ, האָבן זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אויף די קני, ווײַל די, וואָס האָבן עס טייקעף ניט געטאָן, האָט מען געשלאָגן מיט נאַהײַקעס. דאָ האָב איך שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ס'קומט צום טאַטן דער שראַם אויף דער באַק...

— מען איז געשטאַנען אויף די קני, ביז די עקזעקוציע האָט זיך ניט פאַרענדיקט, — האָט ווײַטער דערציילט דער טאַטע. וואָס עס הייסט „עקזעקוציע", האָב איך ניט געוווּסט, אָבער ווײַל דער טאַטע איז מאַכמעס דעם לאַנג געשטאַנען אויף די קני און האָט צוגעקילט דעם אַזוי אויך קראַנקן פוס, האָב איך שוין געמאַכט אַן אויספיר, אַז אַן עקזעקוציע איז גאָר ניט פון די גוטע זאַכן.

דער טאַטע האָט אויך דערמאָנט וועגן שויעלן און גוסטאַוון. לאָזט זיך אויס, אַז די דאָזיקע צוויי זײַנען ניט געשטאַנען אויף די קני צווישן אוילעם. שויעל און גוסטאַוו האָבן זיך געטאָפּטשעט אויפן אונטערשטן טרעפּל פון דער טריבונע. דאָרט זײַנען זיי געשטאַנען און האָבן יעדן, וועמען די סיטשעוויקעס האָבן אַ צעבײַלטן, אַ צעבלוטיקטן, אַ געבונדענעם געבראַכט צו שלעפּן צו דער טריבונע, אָנגערופן באַם נאָמען און געזאָגט, ווער דאָס איז: דעם יעסאַול — אויף אוקראַיִניש און סאַנגושקאָן — אויף פויליש. ווען לי, האָב איך געהערט, האָט אויסגעהויכט די נעשאָמע טאַקע דאָרט, באַ דער טריבונע; מע האָט אויף אים אויסגעגאָסן עטלעכע עמער וואַסער, נאָר דאָס האָט שוין ניט געהאָלפן. קוכאַרסקי, דער דאָקטער, האָט זיך אויפגעהויבן אינמיטן פונעם צונויפגעטריבענעם אוילעם, ווו ער איז, פונקט ווי אַלע, געשטאַנען אויף די קני. טאַדעוש קוכאַרסקי, וואָס איך האָב אים אַזוי גוט געקענט, דאָס האָט ער דאָך, נאָך דעם, ווי אַ קו האָט מיך גענומען אויף די הערנער, נאָך יעדעס מאָל איבערבינדן מיר דעם צעהאַקטן שטערן, געשענקט מיר אַ קליין הינטעלע, און אויף מאָרגן, כ'ווייס גאָרניט וויִאַזוי, איז עס ווידער געווען באַ דער הינטיכע אין קאָנורע און מע האָט עס מיר ווידער געשענקט (עס איז מיר אַפילע אין קאָפּ ניט געקומען, אַז די מאַמע טראָגט אָפּ דאָס הינטל צום דאָקטער אין הויף, ווי נאָר איך ווער אַנשלאָפן), — קוכאַרסקי האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טריבונע: „מע טאָר ניט אומברענגען אָן קיין מישפּעט און מע טאָר ניט מישפּעטן קיין פאַרוווּנדעטע! מיט די דאָזיקע מענטשן דאַרף איך, אַ דאָקטער, זיך פאַרנעמען! פאַראַן אַזאַ געזעץ אויף דער וועלט!"

סאַנגושקאָ האָט באַפוילן די סיטשעוויקעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום דער טריבונע:

— פּיענדיעסיאָנט שאָמפּאָלוו![2]

— כ'בין אַ פּאָליאַק, — האָט געשריִען קוכאַרסקי, בייס מע האָט פון אים אַראָפּגעריסן די קליידער, — כ'בין אַ פּאָליאַק און שטאָלציר דערמיט! הענקער האָבן קיין ברידער ניט!

ניין, איך האָב ניט אַלץ פאַרשטאַנען און ניט וועגן אַלץ זיך דערוווּסט אין יענעם אָוונט. וועגן דעם, וואָס איז געווען אויפן פלאַץ, האָט מען נאָך לאַנג דערציילט. די דאָזיקע שוידערלעכע געשעענישן זײַנען דערגאַנגען צו מײַן באַוווּסטזײַן טיילנווײַז, שטיקלעכווײַז, נאָר טיף, אויף שטענדיק זיך אײַנגעקריצט אין זיקאָרן.

ווען ס'איז דעם טאַטן געוואָרן אַ ביסל גרינגער, איז ער אַוועק צו טויבן. סידאָר פּעטרושקאָ האָט אים אַהין גערופן און דערציילט דערבײַ, אַז ער האָט די פּעטשעניכע קוים אַוועקגעשלעפּט פונעם פלאַץ — זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון די סיטשעוויקעס, וואָס האָבן געהיט די טליִע, ווו ס'האָבן באַנאַנד מיט וואָלקאָוון און וואַן לי, וועלכע זײַנען אויפגעהאַנגען געוואָרן טויטערהייט, און באַנאַנד מיט וואַסיל דאָליניוקן, וועלכער האָט מיט די שפּיץ שטיוול קימאַט דערלאַנגט די ערד, געהוידעט זיך פּינכעס מיט דער איינער האַנט און נאָך צוויי אַרבעטער.

— ווו איז מײַן זון, ווו האָט איר די ביינער זײַנע אַהינגעטאָן? גיט זיי מיר, כ'וויל זיי באַווײַנען! — האָט געשריִען טויבע. זי איז געפאַלן אויף די שטיינער פון די שוואַרצע קלעפּ, וועלכע מע האָט איר דערלאַנגט, נאָר ווידער זיך אויפגעהויבן און ווידער געוואָרפן זיך צו די מערדער.

— אַנשלס ביינער, — האָט מיט אַ מאָדנעם כאָרכל אין האַלדז געזאָגט דער פישער, — ווו זײַנען זיי? — אין פײַער... דער שײַטער טליִעט נאָך...

די מאַמע האָט דערשראָקן גענומען מאַכן צייכנס מיט די הענט, אַז פּעטרושקאָ זאָל אַנשוויגן ווערן. דער פישער איז אַוועק נאָכן טאַטן און פאַרגעסן צוצומאַכן די טיר.

אין פײַער... אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געוואָרפן אין היץ, און די מאַמע האָט מיר געלייגט אַ נאַסן, קאַלטן האַנטעך צום שטערן. שטראָמעלעך וואַסער זײַנען מיט אַ קלונג געפאַלן אין שיסל

[1] — ס'וועט מער ניט זײַן קיין פרײַהײַט! אויף די קני, בעהיימעס!

[2] — פּופּציק שמיץ.

יעדע עטלעכע מינוט, בייס זי האָט אײַנגעטונקט און אויסגעדרייט דעם האַנטעך, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס פאַלן שווערע שוימיק־גרינע שטראָמען פון די זאַסטעפּקעס אונטער דער בריק בא דער מיל. דערנאָך האָב איך געזען, ווי די מיל ברענט — פון אַלע פענצטער זעצט אַ פײַער ביזן דאַך. נאָר נײַן, דאָס האָבן גאָר געברענט מײַנע געלע מילן. זיי זײַנען זיך פאַנאַנדער־געפלויגן אין די זײַטן, ווי אַ טשאַטשע פייגל, און בא יעדן פויגל איז אַ קליין באַוועגלעך קעפּעלע, ווי בא שויעלן, מיט ווילדע אַרויסשפּאַרנדיקע אויגן... „מע דאַרף זיי פאַרברענען!" — האָב איך געהערט אַנשלס קאָל, און דערטראָגן האָט זיך דאָס קאָל פון אַ גרויסן פײַער, וווּ אַנשל האָט געברענט, נאָר מע האָט אים ניט אַרויסגעזען.

אויף מאָרגן אינדערפרי, און עפּשער ניט אויף מאָרגן (כ'בין, ווײַזט אויס, לאַנג געלעגן שלאָף), נאָר אין עפּעס אַן אינדערפרי בין איך אַראָפּ פון בעט אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער, דערקליבן זיך צום שופלאָד פון אונדזער אַלטן קאָמאָד, אַ דורכגעגעסענעם פון שאַשעל, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַלע רעקלאַמע־בלעטלעך שויעלס און אָפּגעטראָגן זיי אין קיך דער מאַמען.

— נאַ, — האָב איך געזאָגט, — פאַרברען זיי, פאַרברען זיי אַלע, ביז איינעם...

כ'האָב געקוקט, ווי די עסיק־געלע בלעטלעך — די געלע מילן — ווערן אַ זשמעניע נאָך אַ זשמעניע פאַרברענט אונטער דער הויכער טריניזשקע; געלע פלאַמען האָבן אַרומגעלעקט דעם דנאָ פונעם טשוהונענעם טעפּל, און מיר איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער.

און וועגן דעם, וויִאַזוי אַנשל איז פאַרברענט געוואָרן, האָב איך זיך דערוווּסט העט שפּעטער.

ווען מע האָט דעם זון פונעם וואַלץ־אַרבעטער אַ פאַרבלוטיקטן געבראַכט צו שלעפּן צו דער טריבונע און אַ שליידער געטאָן אים אויף די שטיינער, האָט שויעל געזאָגט דעם שליאַכטיטש, אַז ס'איז אַ רויטאַרמייער, אַ באַגונעץ, און האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע.

— פּעטשאָני?[1] — האָט איבערגעפרעגט סאַנגושקאָ און אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט די זײַטן. — ניעך בענדזע ספּעטשאָני טען באָלשעוויק![2]

די סיטשעוויקעס האָבן געבראַכט צו טראָגן עטלעכע סנאָפּעס שטרוי, אַ פּאָר אָבערעמקעס האָלץ. אַנשלען, אַ פאַרכאַלעשטן, האָט מען אינמיטן שײַטער ווי־ניט־איז אַוועקגעשטעלט אויף די קני, אַ כליופּע געטאָן פון אַן עמער נאַפט אים אויפן קאָפּ, אויף די פּלייצעס, מיטן רעשט באַגאָסן דאָס האָלץ און אונטערגעצונדן... די, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף דער טריבונע, זײַנען אַזוי געווען פאַרכאַפּט מיט אָט דעם בילד, אַז זיי האָבן אַפילו ניט באַמערקט, ווי פּינכעס האָט באַפרײַט דעם רעשט פון זײַן רעכטער האַנט פון די שטריק, מיט וועלכע מע האָט אים אַרומגעדרייט, אין איין אויגנבליק איז ער צוגעלאָפן צו שויעלן און מ'ט דער קאַליקע־האַנט, ווי מיט אַ שײַט האָלץ, דערלאַנגט אים אַ זעץ אין פּאָנעם. מע האָט דעם וואַלץ־אַרבעטער באַלד אַוועקגעשלעפּט צו דער טליִע, און בא שויעלן איז די אונטערשטע קין אויף שטענדיק געבליבן אַן אויסגעקרימטע. אָט אַזוי, אַ געשטעמפּלטער, איז שויעל אומגעגאַנגען איבערן שטעטל, ביז מע האָט אים קומענדיקן זומער, ווען די קאָטאָווצעס זײַנען צו אונדז אַרײַן, געכאַפּט און אַוועקגעפירט קיין זשיטאָמיר...

און איך האָב דערווײַל צונויפגעקליבן בא די ייִנגלעך פון אונדזער גאַס אַלע געלע מילן, מיט וועלכע איך האָב זיי באַזאָרגט. יעדן ייִנגל האָב איך אומגעקערט דאָס, וואָס ער האָט מיר געהאַט געגעבן פאַר די מילן, און אַפילו מער, נאָר די דאָזיקע אַלע בלעטלעך האָב איך צונויפגעזאַמלט און פאַרברענט. כ'מיין, אַז קיין איינס איז ניט געבליבן.

דערנאָך האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ דראַנג צו מאָלן. עס איז געווען אַ לײַדנשאַפט, וואָס איז ניט שײַעך זי צו באַשרײַבן, איך האָב אינגאַנצן געצאַפּלט. ס'איז געווען אַ גליק פאַר מיר צו מאָלן מיט קרײַד אָדער קויל סערפּן, האַמערס, פינפעקיקע שטערנס. כ'האָב געטרוימט צו מאָלן אַזוי, ווי אַנשל, און געטרוימט אויך וועגן מער...

אויפן פּלאַץ, אַנטקעגן דער טריבונע, דאָרט, וווּ מע האָט געפּײַניקט אַנשלען, זײַן טאַטן און זייערע פרײַנט, האָט מען געשטעלט אַ דענקמאָל — אַ שטיינערנעם פירקאַנטיקן זײַל מיט אַ שטערן פון אויבן. אונטער אַ גלאָז זײַנען אין שטיין אײַנגעפּאַסט געווען די פאָטאָגראַפיעס פון די אומגעקומענע, און צווישן זיי — אַנשל פּעטשעני אין אַ רויטאַרמייִש היטל מיט אַ שטערן.

איך האָב געוווּסט, אַז טויבע האָט אָפּגעגעבן פאַרן דענקמאָל די דאָזיקע איינציקע פאָטאָגראַפיע, וואָס איז איר געבליבן, און כ'האָב געטרוימט אָנמאָלן פאַר איר דעם זונס פּאָרטרעט.

געקומען איז אַ טאָג, ווען דער טרוים איז מקוים געוואָרן. און געווען איז אָט דער טאָג אַ גרויסער אָנהייב אין מײַן לעבן.

[1] פּעטשאָני — אַ געבאַקענער.

[2] — זאָל מען אים אָפּבאַקן, דעם באָלשעוויק.

שיקע דריז

לידער און באלאדעס

לענינס זייגערל

איינער א זייגערמאכער, דערוויסנדיק זיך, אז לענינס זייגערל איז קאליע געוואָרן, האָט זיך געווענדט אין צק פון דער פארטיי, מע זאָל אים דערלויבן צורעכט מאכן דאָס זייגערל.

(פון צײַטונגען).

— זייגערמאכער, זייגערמאכער,
שלאָפסט ניט דורך די נעכט,
זאָג אונדז, ווע מעס זייגערל
מאכסטו דאָרט צורעכט?

— מײַנס און דײַנס און אלעמענס,
דער שוועסטערס און דעם ברודערס,
דעם דאָקטערס און דעם גלעזערס,
דעם סטאָליערס און דעם שמידערס.

— זייגערמאכער, זייגערמאכער,
מיר כאלעשן צו הערן,
ווע מען ווערט דאָס זייגערל
דאָס טײַערע געהערן?

— דיר און מיר, און יעדערן,
דעם לערער דעם באַוווסטן,
דעם שליאָסער און דעם טאָקער,
דעם שנײַדער און דעם שוסטער.

— זייגערמאכער, זייגערמאכער,
עפשער קאָנסטו זאָגן:
ווער זשע ווערט דאָס זייגערל
שטענדיק בא זיך טראָגן?

— גייט שוין, גייט שוין, פעמפיקעס,
גייט שוין, גייט שוין, זניקעס,
נו, פארשטייט זיך, איך און איר —
אלע באָלשעוויקעס!

טײַערער פון א רינגל

געפונען כ׳האָב, קינד מײַנס,
א בינטל קסאוויאדן —
פארעלטערטע פערזן,
באיאָרטע באלאדן.

פון זיי אין מײַן זינען
איז גאָרניט פארבליבן,
נאָר איינע כ׳האָב, דוכט זיך,
פארהיט און פארשריבן.

פארהיט, אז געלעבט האָט
א מענטש צווישן אנדערע,
א ליבהאָבער גרויסער
צו רײַזן און וואנדערן.

דארף אָבער טרעפן,
ניט מער און ניט מיין,
זײַן שיף ווערט צעקלאפט
און צעמאָלט אף א שטיין.

ער עפנט די אויגן,
קוקט אום זיך דערשראָקן,
דערזעט ער א פויער,
א גרײַז־גראָוון זאָקן.

און זאָגן עס זאָגט אים
דער פויער מיט טרייסט:
דיך ווארט ניט קיין שלעכטס
אף מײַן ערד, ווו דו שטייסט.

כאָטש כ׳ווייס ניט דײַן נאָמען,
דײַן שפראך איז מיר פרעמד,
דאָך האָסטו מײַן בוימל,
מײַן ברויט און מײַן העמד —

מײַן זאלץ און מײַן האָניק,
מײַן ווײַן און מײַן ביר,
דאָס לאָגל מיט וואסער,
וואָס שטייט בא מײַן טיר.

...און אָט איז אדורך שוין
א כוידעש מיט טעג,
דער וואנדערער גרייט איז
פארלאָזן דעם ברעג.

ער נעמט פון זײַן פינגער
א רינגל אראָפ
און גיט עס דעם פויער
מיט דאנקבארקײַט אָפ.

באָר ס'נעמט ניט דער אלטער
דאָס גאָלד אין דער האנט,
דאָס רינגל, אין וועלכן
עס שײַנט א בריליאנט.

— פאר מיר וואָלט גענוג זײַן
טײַער און זיס,
ווען שענקען דו שענקסט מיר
די שיך פון די פיס.

אוועקפירן זאָלסט
אין דער פרעמד ניט מיט זיך
דעם שטויב פון מײַן ערד,
וואָס איך זע אף די שיך.

באם דאָקטער

א מיוון, א קענער,
א דאָקטער א גרויער
האָט אויסגעהערט נעכטן
מײַן ברוסט מיט זײַן אויער.

געקלאפט און געפויקט
מיט א פינגער אין איר,
אזוי ווי מע קלאפט
צו א פרעמדן אין טיר.

און פלוצעם פארכידעשט
געפרעגט מיך געהיים:
זאָג מיר נאָר, ברודער,
דײַן הארץ איז אין ד'ר היים?

אָ, אלטינקער דאָקטער,
צום גרויסן פארדראָס
קאָן איך ניט האלטן
מײַן הארץ אף א שלאָס —

זוײַל אלץ וויל עס וויסן,
ווײַל אלץ דארף עס האָבן:

פארוואָס האָבן נעכטן
געפאטשט זיך די ראָבן,

פארוואָס קאָכט מען קאווע
(וואָס שווארצער, איז בעסער!),
און שטעכן דעם נעגער
מע וויל מיט א מעסער.

פארוואָס טרינקען מענטשן
דעם ביטערן סאם,
ווען זעקלעך מיט צוקער
מע שלײַדערט אין יאם?

ווי גייט עס דעם בלעטל?
ווי פילט זיך דאָס בלימל?
וואָס הערט זיך דאָרט גוטס
בא די שטערן אין הימל?

בין איך דען, דאָקטער,
א גוילעם פון ליים,
כ'זאָל האלטן מײַן הארץ
אף א שלאָס אין דער היים?

ניי מיר אוף א גרינע עלטער...

טײַערער שנײַדער,
זוי געפעלט דיר? —
אָט האָב איך געבראכט דיר
א זעקל מיט בלעטער,
ניי זשע מיר אוף
א גרינע עלטער.

וועלן מיינען די פייגל —
א בוים אויסגעוואקסן,

און אויסבויען נעסטן
בא מיר אף די אקסל.

זײַן וועט א סטעזשקע

צו מיר אויסגעטראָטן

און הענגען א וויגל

עס וועט אין מײַן שאָטן.

לויף צו דער מאמען

שעם זיך ניט, קינד מײַנס,
אויב ס'האָבן דיך הײַנט
מיט הילצערנע שווערדלעך
באזיגט דײַנע פײַנט.

אויב דו ביסט געלאָפן,
געפאלן אין גראָז,
און גאָר ניט אומיסטן
צעבלוטיקט די נאָז.

לויף צו דער מאמען
און כליפע זיך אויס,
די בעסטע רעפוע
איז א מאמעניוס שויס.

בעסוידעס דיר זאָגן:
כ'וואָלט גאָר ניט געשעמט זיך,
ווען פלוצעם פון ערגעץ
מײַן מאמעניו נעמט זיך —

און כאפט מיך באם אויער
און פרעגט מיך: פארוואס
באהאלטסטו פון מיר
דײַן צעדראפּעטע נאָז?

און וואשט מיך ארום,
און וואַרעמט מיך אײַן —
צוואנציק יאָר לעבן
וואָלט מיר צוקומען דאן.

דער ערשטער שניי

א שניי איז אויסגעפאלן הײַנט
א קלאָרער און א ציכטיקער,
ווײַזט זיך אויס — די גאנצע וועלט
איז פריילעכער און ליכטיקער.

איך עפן אוף מײַן ברייטע טיר
און טראכט צי גיין, צי ניין,
צי זאָל ער ליגן נאָך א שאָ
דער שניי, ווי שפּיגל ריין.

נאָר פלוצעם טוט א טיר א סקריפּ
און אומריינס טוט א פליוך.
און ס'לויפט א כאזער דורך פארבײַ
און טרעט מײַן שניי, מײַן פוך.

ווער איך בייז און אויסער־זיך,
און מײַן פארדראָס איז גרויס.
ווײַל שטענדיק צווישן יאָ און ניין
כאפּט א כאזער אויס.

א ליבע אין וואלד

צען מעסלעס האָט מיך געהיילט
דעם וואלדהעקערס א טאָכטער,
ניסלעך וועלשענע געשיילט
אגרעסן געקאָכט מיר.

צען מעסלעס... און אָט, באם שטיין
מײַן גאָלמעסערל שארף איך,
א שפּיגל מיר איז זי אליין,
קיין אנדערן באדארף איך.

האָט זי מילך געבראכט א קריגל
און וויסן אלץ געוואָלט,
וויאזוי כ'האָב אָן א שפּיגל
זיך אליין געגאָלט...

די שיינהײַט

געשניצט האָט א מײַסטער,
געטאָקט פון א שטיין
א וואונדער, א קישעף —
די שיינהײַט אליין.

געשניצט ווי א זעלטן,
א דורכזיכטיק לאָגל,
געשפּיגלט זיך האָט ער
אין יעדן איר נאָגל.

און אָט אף דער עלטער,
שוין גראָוו און געבויגן,
דערשליפן ערשט האָט ער
די צוויי אירע אויגן.

א ציטער געטאָן
האָט די שיינהײַט דערשראָקן
און לאנגזאם, פארכידעשט,
געקוקט אפן זאָקן.

און גאָרניט געזאָגט אים,
ניט יאָ און ניט ניין,
און ארײַן, ווי א כאָלעם,
צוריק אינעם שטיין.

וואָלט מיר זײַן באשערט...

וואָלט איך אָנהייבן
פון אָנהייב אלץ געקענט,
וואָלט איך אויסגעשטרעקט
צום הימל מײַנע הענט —
און געלאָפן,
און געשפּילט זיך, ווי א קינד,
מיט דעם האָגל,
מיט דעם רעגן,
מיט דעם ווינט.

וואָלט מיר אָנהייבן
פון אָנהייב זײַן באשערט,
וואָלט איך נעמען
אף די הענט מײַנע די ערד —
מיט די וויכערס,
מיט די זליוועס,
מיט דער קעלט.
כ'האָב א כעזשבן גאָר א גרויסן
מיט דער וועלט.

נאָך ניט אויסגעשעפּט
מײַן טיפער יאם מיט לייד,
נאָך ניט אָנגעפּילט
מײַן פינגערהוט מיט פרייד.

גראָוו דער קאָפּ,
דער אקסל מיד,
נאָר ניט אויסגעשעפּט,
ניט אויסגעשפּילט מײַן ליד.

לופטבאלאָנען

קויפט א ייִד א לופטבאלאָן —
גרין־גראָז דאָס פוכירל,
דאכט זיך אים, א טאָלעכל
וויגט זיך אף א שנירל.

ברענגט ער עס, דאָס טאָלעכל,
צום באבי־יאר צו פירן,

שענקט עס דאָרט זײַן אייניקל
און קויפט א נײַ פוכירל.

אָט אזוי־אָ פירט דער זיידע
דעם אייניק א מאטאָנע,
אמאָל א וואלד, אמאָל א פעלד,
די זון מיט דער לעוואָנע.

די ערשטע סטרונע

ווען א מענטש האָט צום ערשטן
מאָל
דערזען דעם רעגנבויגן,
איז ער אוועק אין וואלד
און אויסגעשניצט א פײַלנבויגן.

ווען דער מענטש האָט אין א הירשעלע
געצילט,
וואָס ניט געוועזן איז נאָך אנטוויינט,
האָט ער אנטדעקט די ערשטע סטרונע:
דאָס אָנגעצויגן שטריקל האָט געוויינט...

טיפּ־טאָפּ

טיפּ־טאָפּ, גייט און קויפט
א בריטשקעלע פון אײַזן,
זעצט אײַך אוף און קומט צו מיר,
וועל איך אײַך עפּעס ווײַזן.

טאנצן וועט א מאלפּעלע
אף דעם העלפאנדס רוקן,
און א לעץ מיט גלעקעלעך
וועט פאר אײַך זיך בוקן.

אף די ווײַסע מײַנע ווענט
וועלן שווימען שוואנען,
שפּרינגען וועלן וועווריקעס
אף די שלאנקע טאנען.

וועט איר שרײַען בראוואָ־ביס
מיר און מײַנע ווענט,
מיר, דעם שאָטן־מאכער,
דעם קונץ פון מײַנע הענט.

אף מײַן סטעליע אין דער הייך
וועלן וואקסן קווייטן,
און א פּאָרל ציגעלעך
שפּילן אף די פלייטן.

נאָר מײַן מאמע שווײַגן וועט,
מײַן טײַבעלע מײַן שוואכס,
מיט א גאָלדן פעדעמל
וועט לאטען מיר מײַן הארץ.

די פעדער

שוין דער פויגל אוועקגעפלויגן,
דער וואלד אין גינגאָלד ווייקט,
נאָר א פעדערל א פארלוירנס
אינדערלופטן הענגט.

אוי, דו פעדער, ווײַסע פעדער,
ווי מײַן קלאָרער טאָג,
נאָך ווע‏מען בענקסטו, ווע‏מען זוכסטו,
זאָג מיר, פעדער, זאָג.

שטילער, שטילער פון א כאָלעם,
פון א זיסן שלאָף
אָט־אָ פאלט עס צו דער נידער,
אָט־אָ פליט עס אוף.

שווײַגט די פעדער, נאָר זי פלאטערט,
וואָס קאָן זי מיר דען זאָגן?
סײַוויסײַ דעם פויגלס פליגל
וועט זי ניט דעריאָגן.

ליובע וואסערמאן

ערעוו־פרילינג אין וואלד

דאָס, וואָס איך וועל דאָ דערציילן, איז געשען מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין יענעם טאָג איז אלבינע אשקענאזי אלט געוואָרן אכצן יאָר.

פונקט ווי אלע טאָג, איז אלבינע באגינען אוועק אפן וואלד־באצירק. דאָס רענצל מיטן אינסטרומענט אריבערגעוואָרפן איבער די פלייצעס, אין א לײַכטן ספּאָרטיוון אָנצוג, אין א ווארעמען פוטער־היטל האָט זי געשוועבט אף די ליזשעס. דעם גאנצן וועג האָט זי געטראכט וועגן דעם, אז הײַנט וועט זי אומבאדינגט דערווײַזן דעם שעף פון דער וואלד־ווירטשאפט, דעם כאווער בלינאָוו, וועלכער לאָזט קימאט קיינמאָל ניט ארויס דעם פּאפּי־ראָס פון מויל, וויקטאָרן און אלעמען דאָ אפן באצירק, אז וואלגערן וואלד איז ניט דאפקע קיין מאנצבלשע מעלאָכע...

דערווײַל האָט נאָך וועגן דעם קיינער ניט געוווסט, אויסער איין יאנעק אָזאָלינש, דעם אינזשעניערס זון, מיט וועמען זי האָט זיך געלערנט הינטער די אויגן אינעם טעכניקום פון דער וואלד־אינדוסטריע. אוי, ווי ס'ווילט זיך איר, אז אויך ער, וויקטאָר, זאָל נאָך דער ארבעט קומען זי באגריסן. ער וועט א קוק טאָן אף איר מיט זײַנע העלע דורכדרינגלעכע אויגן און א שמייכל טאָן. זאָל ער נאָר קומען, הײַנט וועט זי אים שוין אלץ־אלץ זאָגן.

אלבינע האָט געארבעט אין „אינסטרומענטאלקע" — אזוי האָט מען דאָ גערופן דעם שמי־דערײַ־צעך. זי האָט געהאָלפן דעם זיידן ראזגולײַעוו אונטערשמידן די שליטנס, די וועגענער און שיפלעך, וואָס מע האָט צוגעגרייט אף ארויספירן דאָס געהילץ. וועגן איר איבערגעגעבנקײַט דער ארבעט האָט מען שוין א סאך מאָל געשריבן אין דער וואנטצײַטונג, איר פּאָרטרעט איז געהאנגען אפן ערן־טאָוול. דאָך איז איר די דאָזיקע ארבעט ניט געווען צום הארצן.

די גרעסטע פרייד אירע איז געווען, ווען דער זיידע פלעגט זי שיקן אין וואלד אָנשארפן די עלעקטרישע זעגן. דערזען זי פונווײַטנס, פלעגן די ארבעטער מיט פרייד אויסרופן:

— האָ־האָ־האָ, אלבינע גייט!

און זי ענטפערט זיי מיט איר יונגן הילכיקן געלעכטער.

מע האָט זי דאָ ליב געהאט פאר איר גוטער ארבעט, פאר איר פריילעכן געמיט, פאר אירע זאכלעכע און הייסע ארויסטרעטונגען אף די קאָמיוגישע פארזאמלונגען, פאר דעם, וואָס אלץ האָט געברענט אונטער אירע הענט.

קומענדיק אין וואלד, פלעגט זי שטענדיק מיטברענגען מיט זיך א וועלט מיט נײַס.

דאָס מאָל האָט זי דערציילט וועגן א בענזאָ־זעג. ווי די „קאָמסאָמאָלקע" שרײַבט, איז עס אן אויסגעצייכנטע זעג. מע דארף צו איר ניט ציִען קיין קאבעל פון דער עלעקטראָסטאנציע. מע קאָן זי לײַכט איבערטראָגן פון איין אָרט אפן צווייטן. די דאָזיקע נײַס האָט אלעמען שטארק פאראינטערעסירט. אפילע וויקטאָרן, וואָס פלעגט געוויינלעך בא אזעלכע שמועסן שטיין אָן א זײַט.

ארויסבאגלייטנדיק אלבינען פון וואלד, האָט וויקטאָר געטראכט וועגן יאנעק אָזאָלינשן: „טשיקאווע, יאנעק האָט דאָך אלעמען פארזיכערט, אז ווי נאָר ער ענדיקט די שול, אזוי פאָרט ער אוועק אין שטאָט זיך לערנען. פארוואָס איז ער געבליבן היִ?.."

אלבינעס פיגור האָט ווידער א שווינדל געטאָן אפן בארג. וויקטאָרן האָט זיך געדאכט, אז זי האָט זיך אומגעקוקט צו אים און ער זעט בוילעט אירע פעך־שווארצע אויגן... ער האָט זיי פארגעדענקט, אירע אויגן, פון יענער נאכט, ווען דער זיידע איוואן ראזגולײַעוו האָט געבראכט אהיים אײַנגעוויקלט אין אן אלטער קאָלדרע א פיצל קינד און אים שטרענג אָנגעזאָגט:

— דאָס מיידעלע הייסט אלבינע, זי איז דײַן שוועסטערל... האָסט פארשטאנען? דײַן לײַב־לעך שוועסטערל. האָב זי ליב.

איוואן ראזגולײַעוו איז ערעוו דער מילכאָמע געקומען פונעם ווײַטן מיזרעך קיין ריגע זיך זען מיט זײַן טאָכטער, מיט וויטיעס מאמע, זיך זען מיטן איידעם — דעם מיליטער־מאן. די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן אף דער צווייטער וואָך נאָך זײַן קומען. דער איידעם איז אוועק אפן פראָנט. וויטיעס מאמע האָט מען אוועקגעטריבן אף צוואנג־ארבעט קיין דײַטשלאנד. און ער, דער זיידע, פלעגט אלע ווײַלע אוועקגיין פון שטוב, אמאָל מיט א קעסטל גלאָז אף די פלייצעס, אמאָל מיט א העמערל, שטיפטלעך און א שוסטער־בענקעלע. אינמיטן נאכט פלעגן צו אים קומען אומ־

באקאנטע מענטשן און באלד ערגעץ פארשווינדן. וויטיע האָט זיך אָנגעשטויסן, אז דער זיידע באהאלט עפּעס אויס. ער האָט עס געפילט אויך דאן, ווען דער זיידע האָט געבראכט דאָס קליינע שווארצינקע מיידעלע, אײַנגעוויקלט אין א קאָלדרע. אין איינער א פינצטערער רעגנדיקער נאכט האָט דער זיידע מיט ביידע קינדער זיך געמוזט אריבערקלײַבן אין וואלד צו די פּארטיזאנער, ווײַל די פאשיסטן זײַנען געפאלן אף זײַן שפּור.

ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט באפרײַט לעטלאנד, האָט דער זיידע פארנומען ביידע קינדער און זיך צוריקגעקערט אפן ווײַטן מיזרעך, אפן וואלד־באצירק, ווו ער האָט אָפּגעארבעט אלע זײַנע יאָרן.

די פענצטער פון זײַן שטיבל האָט דער אלטער געטראָפן פארשלאָגן מיט ברעטער. די באָבע פעלאגייא קארפּאָוונא האָט זיך ניט דערווארט אף איר אלטיטשקן און איז אוועק פון דער וועלט. וואָס האָט געקאָנט טאָן דער זיידע מיט צוויי קליינע קינדער אף די הענט? די שכיינים האָבן אים געראטן, ער זאָל זיי אָפּגעבן אין קינדערהיים. אויב ניט וויטיען, איז כאָטש דאָס מיידעלע. נאָר דער אלטער האָט אפילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם:

— וואָס עס וועט זײַן מיט מיר, וועט זײַן מיט זיי.

און די קינדער זײַנען געוואקסן צוזאמען.

ווען זיי זײַנען עלטער געוואָרן, האָט דער זיידע זיי אָנגעהויבן מיטנעמען מיט זיך אין וואלד. זיי פלעגן קלײַבן יאגעדעס, שוואָמען, שישקעס, צעדערניס. די קינדער האָבן ליב באקומען די טײַגע, די סאָפּקעס, ליב געהאט קלעטערן אף זיי, באזונדערס אף דער סאָפּקע „ליסאיא גאָרא“. זי איז פון אלע זײַטן געווען נאקעט, נאָר אפן סאמע שפּיץ זײַנען געוואקסן צוויי צעדערביימער, הארט צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. אָט טאקע דאָ, בא די שלאנקע צעדערס, צווישן וועלכע ס'האָט זיך קוים דורכגעריסן א שמאָל פאסיקל שײַן, האָבן אלבינע און וויקטאָר זיך איינמאָל געשוואָרן „שטענדיק זײַן אינײנעם“ און דערבײַ אויסגעקריצט זייערע נעמען אף די ביימער.

וועןביידע קינדער זײַנען אריבער אין אכטן קלאַס, איז אלבינע איינמאָל געקומען אהיים און געזאָגט:

— פון מאָרגן אָן, זיידעניו, גיי איך אריבער וווינען אין אינטערנאַט.

ס'האָבן ניט געהאָלפן קיינע רייד. ער האָט ניט געקאָנט אײַנברעכן איר אקשאָנעס. דער זיידע האָט שוין געקענט אלבינעס כאַראַקטער, ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי גייט אַוועק.

נאָכן ענדיקן די שול האָט זי פאַרלאַנגט ניט אנדערש, ווי אַרבעטן אין איין בריגאַדע מיט וויקטאָרן. דער שעף האָט דערפון אפילו הערן ניט געוואָלט. אויך וויקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז וואַלגערן ביימער איז ניט קיין מיידלשע מלאָכע. דעמלט איז זי אַ באַליידיקטע אַוועק צו יאַנעקן, וועלכער האָט נאָך אין שול געזוכט איר פרײַנטשאַפט און איר איינמאָל געהאַט דערציילט, אַז וויקטאָר איז איר לאַכלוטן אַ פרעמדער. אַלע טאָג נאָך דער אַרבעט איז ער געבליבן מיט איר אָף דער דעליאַנקע, געלערנט זי, ווי‏אַזוי זיך באַגיין מיט דער עלעקטרישער זעג. און אָט איז געקומען דער טאָג. הײַנט וועט זי אַלעמען דערווײַזן! זי הערט שוין, ווי עס קראַכן די פאַלנדיקע צעדערס און יאָדלעס. אַ גליקלעך צעשטראַלטע, שרײַט זי:

— היט זיך! ס'פאַלן ביימער!

ס'האָט שוין געשמעקט מיט פרילינג, נאָר אין וואַלד איז נאָך געלעגן אַ טיפער שניי און אַ פאַרטײַעטע שטילקײַט איז געשטאַנען אַרום און אַרום.

פלוצלינג האָט דער שטילער וואַלד זיך צערוישט. ס'האָט אַ ווייע געטאָן אַ געדיכטער ווײַסער שטויב. אלבינע האָט זיך דערמאָנט, אַז נעכטן האָט מען געוואָרנט דורך דער ראַדיאָ, אַז עס דערוואַרט זיך אַ שטורעמווינט. זי האָט זיך געלאָזט האַסטיקער לויפן אָף אירע קורצע ברייטע ליזשעס.

דער שניי האָט ווי מיט שאַרפע נאָדלען געשטאָכן און געברענט איר דאָס פּאָנעם. דער ווינט האָט פאַרשטיקט דעם אָטעם, פאַרטויבט די קלאַנגען. זי האָט אָנגעוווירן די ריכטונג. ווהין זי זאָל זיך ניט אַ קער טאָן, וואַקסט אויס פאַר אירע אויגן אַ געדיכטע שניי־וואַנט. אין מויעך בריט איין געדאַנק: „זיך האַלטן, זיך ניט אונטערגעבן".

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם זיידן, ווי ער בייגט זיך אָן איבערן קליידער־קאַסטן און נעמט אַרויס זײַנע יאָמטעוודיקע בעגאַדים. ער האָט זיך דאָך מיט איר צונויפגערעדט הײַנט גיין די ערשטע צו די וואַלן אין סאָוועט: ער — ווי דער עלטסטער טוישעוו פונעם יישעוו, און זי — ווי די סאַמע יינגסטע, וואָס וויילט צום ערשטן מאָל. וויקטאָר גאָלט זיך איצט באַם קליינעם שפּיגעלע, וואָס זי האָט אים געשאָנקען אַ מאָטאָנע, ווען זי האָט נאָך געלערנט אין זיבעטן קלאַס. אָ, ווען זיי וויסן, ווי זייער אלבאַ ראַנגלט זיך איצט מיט דער פורגע...

פאַר די אויגן איז אַלץ געשטאַנען אַ געדיכטע שניי־וואַנט...

צוליב דער זאַווערוכע האָבן די אַרבעטער פרי אומגעקערט זיך פון וואַלד. וויקטאָר האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז אלבינע איז ניטאָ. ער איז אַוועקגעלאָפן אין צוזאַמענוווינונג, אין „אינסטרומענטאַלקע" — די מיידלעך האָבן געזאָגט, אַז הײַנט איז זי אַוועק צו דער אַרבעט, פּונקט ווי אַלע טאָג.

— אלבינקע ניטאָ!

די נײַס האָט אופגערודערט דעם גאַנצן וואַלד־יישעוו. די יעגער האָבן זיך געשטעלט אָף ליזשעס. וויקטאָר האָט זיך אופגעזעצט רײַטנדיק אָף אַ פערד. מען איז אַוועק זי זוכן.

אין יענער נאַכט האָט קיינער אינעם וואַלד־יישעוו ניט צוגעמאַכט קיין אויג. נאָך ווײַט ביז טאָג איז מען אַרויס אין דרויסן און ווידער גענומען זי זוכן.

מיטאַמאָל האָט יאַנעק אַזאָלינש אויסגעשריִען:

— זעט! קוקט! אָט זײַנען זיי!

פון דער סאָפּקע „ליסאַיאַ גאָראַ", וווּ עס וואַקסן צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן צוויי שלאַנקע צעדערס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רײַטער. אַלע האָבן פאַרגאַפט געקוקט אָף אים. אינגיכן האָט מען דערזען, אַז וויקטאָר האַלט אָף די הענט אלבינען. אירע פאַרשנייטע האָר זײַנען צעשאָטן אָף זײַנע אַקסלען.

עס איז נאָך געווען שטאַרק טונקל, נאָר אָף מיזרעך־זײַט האָט שוין אָנגעהויבן בלייכן דער האָריזאָנט.

די אײַנוווינער פונעם יישעוו האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער סאָפּקע באַגעגענען וויקטאָרן מיט אלבינען, וועלכע זײַנען אָנגעקומען צום וואַלד־יישעוו מיטן אופגייענדיקן טאָג.

מאַטל סאַקציער

קאַיאָר

קאַיאַר, ווען דער סירענע־רוף פון די זאַוואָדן
זיך שלאָגט, פונקט ווי א שוואלב, אין מײַנע לאָדן, —
איך שלאָף שוין ניט, זיץ בא מײַן טיש
א גוטער און א בייזער, שוין פון לאנג א וואכער,
די ווערטער מײַנע ווי די קאַרטן כ׳מיש
און ווי די קרײַטער אין זײַן טאָפּ א קישעפמאכער...

און כ׳לײַטער זיי, איך גלי זיי אויס, די ווערטער,
מיט דער שאפונגס־פרייד און לייד, דער מיר באשערטער,
אז דורכזיכטיק זיי זאָלן זײַן — בורשטין,
דעם קערן זאָלן זיי אין זיך ניט דרויבן,
און קלינגען ניט פארטויבט עס זאָל אין זיי דער זין
פון אלץ, מיט וואָס איך לעב
און וואָס מיך טוט דערהויבן...

אין וואלד

דער מאָרגנשטערן מיטן דימענטל זײַן שאַרפן
דעם הימל אופגעשפּאָלטן האָט, ווי גלאָז, און באלד
האָט געטומען עפּעס פלאטערן, זיך וואַרפן,
זיך פאלדעווען איבער דעם אופגעוועקטן וואלד...

פון נעכטן אָן כ׳בין דאָ. מיט העק און זעגן
א כעוורע וואלד־העקער געקומען איז אהער,
ווו פון זײַנע פלאטפיס אף די שטעגן
האָט געלאָזט זײַן שפּור דער באלעבאָס, דער בער...

די העקער שלאָפן נאָך דעם העקער־שלאָף דעם שווערן.
איך איינער, דער פּאָעט, איך פון מײַן ביידל בין ארויס
די פייגל־אָראַטאָריע צו הערן —
פון פײַערלעכן הימן דעם פלייץ און ברויז...

איך האָב דעם קאָפּ פארהייבן צו די צווײַגן.
עס האָט א מורמל, א צוויטשער און א ברום
צונויפגעגאָסן זיך הארמאָניש און גענומען שטײַגן
העכער, העכער. איך בין געשטאנען שטום.

עס האָט דאָס הארץ אזוי געשלאָגן
פון אזויפיל פּראכט, אז ניט אימשטאנד
בין איך געווען איין וואָרט צו זאָגן,
ווי אף דער בינע, צום ערשטן מאָל, צעטראָגן,
זײַן ראָל פילט אויס א יונגער דעביוטאנט...

מײַן גאָרטן

שוין יאָרנלאנג, ווי כ'דין מײַן וווּנדערלעכן גאָרטן
מיט שווערער פּראצע, פון דער יוגנט אָפּגעשפּאָרטער.
צו די בונטע קרוינען ביז ארויף איך קלעטער
און טרייסל אָפּ די רויפּן פון די בלעטער.
און רייניק אויס די מילבן, וואָס אין קאָרע־קאַרבן
זיי עסן אײַן זיך און די פּרוכט פאַרדאַרבן.
זומער, בא לעוואָנע־שײַן, עלעהיי א טרוימער —
איך גיי ארום אין גאָרטן (איך בין אויך זײַן שוימער).
עס פאלן אַף מײַן קאָפּ, ווויליונגעריש אנטבלויזטן,
די שטײַפע רונדע עפּל, פלוימען, ווי די פויסטן.
ווען ס'טוט א ווייִ מיט אָסיען און מיט עסעריקן נעפּל,
נעם איך מיט געדולד צונויף זיי, מײַנע עפּל.
איך בעט זיי אויס אין וואטע און פאַרפּאַק אין קעסטלעך,
עס זאָלן ניט פאַרטשמעלען זיי די פריִע פרעסטלעך,
צום ווײַטסטן האפן ווען מע וועט זיי פירן,
די פרישקײַט זייערע אין וועג זיי זאָלן ניט פאַרלירן.
האָט מיר ווער געראטן שיקן אויך א מוסטער
איינעם א באלמומכע (זייער א באוווּסטער).
האָט מיר ניט געדאנקט ער (זאָל ניט זײַן פאַרדריסלעך...),
ניט געענטפערט: „טערפּקע, צי גאָר נודנע זיסלעך",
נאָר כ'שטיי אוף באגינען (שוין א ביסל שווערלעך),
רײַס דאָס ווילדגראָז אויס, די קראָפּעווע, די בערלעך,
און כ'קאָן זאָגן: ווער ס'האָט מײַנע פּיירעס אײַנגעביסן,
איז א לויטערקײַט געקומען אין זײַן הארץ צו פליסן,
ווער זיי צוגעדריקט ס'האָט איין מאָל נאָר צום גומען,
האָט זיך מיט די טאמען פון מײַן גאָרטן דורכגענומען.
ווײַל מיט שווערער פּראצע, פון דער יוגנט אָפּגעשפּאָרטער,
גיב איך אָפּ אינגאנצן זיך מײַן וווּנדערלעכן גאָרטן.

קום ארויס

קום ארויס מיט מיר אין פעלד אין גרינעם,
וווּ א טאָג מיר זײַנען ניט געווען קימאט,
דאָרטן פּראווען פייגל
אלע מינים
דעם פאַרביק־בונטן זומער־מאסקאראד...

דאָרט מיר וועלן אין די גראָזן ליגן
און פאַרכידעשט הערן, ווי עס קוועלט
פון באשאף דער פײַערלעכער ניגן,
וועלכער מאכט אונדז נעענטער די וועלט...

ווידער כ'וועל די יונגע קראפט דערהערן,
וואָס אין די געבליטן גייט נאָך אום:
ס'צאנקט שוין אין דער ווײַט דער מאָרגנשטערן
טו זיך אָן, מײַן טײַערע, און קום.

קום ארויס אין פעלד, וווּ לופטיק ס'איז
און גראמער,
וווּ א צײַט מיר זײַנען ניט געווען קימאט,
מיט פייגל אײַנשליסן זיך לאָמיר
פאַרביק־בונט אין זומער־מאסקאראד.

דער שטאָרך

קינד מײַן טײַערס, הערסט צי ניין?
כאָטש עס האלטן נאָך די קעלטן,
נאָר ער טוט זיך שוין פארגיין
און ער קערט שוין דאָרטן וועלטן —
ער, דער אומרויִקער שלאק
אין דעם שווארצן אטלאס־פראק.
ווי ער ברויזט עס, ווי ער פלאפלט
אפן בוים, וואָס שטייט פארצאפלט,
פול מיט זיסקײַט און געשמאק —
אונדזער שטאָרך דער קליינער!

ער דערווײַל געקומען איינער,
א מעראגל — אויסצושפירן
ווי עס האלט דאָ מיט די פרעסטלעך,
צי ס'הייבט אָן שוין אופצופרירן,
צי שוין גרייט די שטאָרכן־קעסטלעך
אף די הויכע ביימער־שפיצן —
קאָנען זאָל אָן זאָרג אויסזיצן
אף די אייעלעך זײַן „זי“.

הערסט? — ער זינגט פון אינדערפרי
זײַן רעפערטואר דעם אלטן,
וואָס פון זיידעס האָט דערהאלטן,
וואָס פון טאטעס האָט געיארשנט, —
ווי ער זאָגט עס, ווי ער דארשנט.
אָט מיט טרעלנדיקע טענער
זיך פארגייט ער אפן טענאָר,
אָט ער לאָזט אראָפ זיך טיף
אפן אלט־רעטשיטאטיוו,
גלײַך א נײַעם זין און טאם
קישעפט אויס ער אין זײַן ניגן,
טוט עס מיט אזאמין פלאם,
זינגט די ליד אויס פון זײַן שטאם,
וואָס אין שווערן ווינטער היגן
איז זי אײַנגעשוויגן...

קינד מײַן טײַערס, קיבעד שיט
אָן פאר אים א פולן טעלער,
היימיש זאָל בא אונדזער שוועל ער
פילן זיך. ס'איז פון זײַן ליד
קלאָר געוואָרן דאָס געמיט,
אונדזער שמייכל — העלער...

מיט פעסטן טראָט

דער בליק איז קלאָר.
מײַן טראָט נאָך פעסט.
אין הארץ נאָך שפילן מונטער די באגערן.
עס ברענגען מיר די טעג א ליד,
ווי אין דער נעסט — אונטער דעם באלקן —
די טומלענדיקע שפערן ברענגען
אין שנעבעלעך דעם מאָרגנשטערן...

אזויפיל פלייצנדיקע קלאנגען,
פארבן,
שײַן!
און איבער גאסן פון מײַן היים סאָוועטישער
איך גיי ארום מיט בליק געפלעפטן,
און אָטעם אלץ אין זיך ארײַן.
און כ'וויל מיט אלץ,
וואָס גיט דעם מענטשן קרעפטן,
צו שטאפלען העכער נאָך —
מיך אויך באהעפטן.



מיר גיבן דעם צווייטן טייל פון טעוויע גענס גרעסערער דערציילונג „אין דער היימשטאָט". דער אָנהייב איז געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1 פון 1961.

דער קורצער סיפּער־האַמײַסע פון די פריִערדיקע קאַפּיטלען איז אַזאַ. א מאָסקווער וויסנשאַפט־טוער פאָרט אין קאָמאַנדירונג אף א באַראַטונג, אף וועלכער עס ווערן באַהאַנדלט די פראַגן פון אַווטאָמאַטיזירן דעם גרויסן מעטאַלורגישן זאַוואָד „יוזשסטאַל". דער זאַוואָד געפינט זיך אין דער שטאָט, וו ער, דער וויסנשאַפט־טוער, איז געבוירן געוואָרן און וו מילכאָמע־צײַט איז אומגעקומען זײַן גאַנצע מישפּאָכע. די רײַזע רופט אַרויס באַם העלד דערינערונגען, עס דערוועקט זיך באַ אים א האָפענונג, אַז עפּשער האָט עמעצער געראַטעוועט זײַן טאָכטער. ער זוכט זי באַ א ריי מענטשן, וואָס האָבן אויסגעהיט יִידישע קינדער פון טויט. זײַן האָפענונג ווערט אָבער דערווײַל ניט מעקוייעם.

26 אפּרעל.

נאָך א היפּשלעכן איבעררײַס האָט מיך ווידער א ציִ געטאָן צו מײַן טאָגבוך. אינעם פריִערדיקן העפט איז פאַרבליבן ניט ווינציק פּוסטע זײַטלעך, נאָר כ'האָב גענומען א נײַ העפט. כ'האָב ליב אָנהייבן פון אָן ערשט בלעטל. „אָן אָנהייב איז ניטאָ קיין סאָף", זאָגט א גלײַכווערטל.

אייגנטלעך, צוליב וואָס שרײַב איך? מײַנע העפטן לייען איך ניט. ווען עס קומט אָבער פאָר עפּעס א געשעעניש, אַן ענדערונג אין לעבן, ווילט זיך דורכריידן מיט זיך אַליין. איך פאַרגין זיך דעם לוקסוס און נעם די פּען אין האַנט.

איבער פאַרשיידענע אומשטענדן האָט זיך מײַן אָפּפאָרן פאַרהאַלטן אף העכער זיבן כאָדאָשים. איצט בין איך גרייט, איבערמאָרגן פלי איך אַרויס.

נעכטן אינדערפרי, ווען איך בין אַרײַן אין דער לאַבאָראַטאָריע, האָט שוין אף מיר געוואַרט די לאַבאָראַנטקע זובאַריעוואַ — א גוטהאַרציקע פרוי, וואָס האָט א טעווע אָנצוזאָגן בסורעס. זי איז גרייט קומען אף דער אַרבעט מיט א שאָ פריִער, אַבי קאָנען די ערשטע דערציילן עפּעס א נײַס. וועגן אַלע כאַסענעס און, לעהאַוודל, וועגן אַלע אינפאַרקטן דערוויסט מען זיך באַ לענאָטשקע זובאַריעווען.

— גריגאָרי מיכײַלאָוויטש, — האָט זי זיך געלאָזט מיר אַנטקעגן, — כ'קאָן אײַך אָנזאָגן א בסורע. דער פּראָפּקאָם האָט באַשלאָסן מאַכן א געזעגענונגס־אָוונט. אָנהייב — פּונקט זיבן אַזייגער.

די ערשטע מינוט איז מיר אַפילע ניט אײַנגעפאַלן, אַז דער יאָמטעוו איז לעקאַוועד מיר. איך בין געגאַנגען אָפן אָוונט מיטן געפיל פון א פאַרשוין, וואָס מע מאַכט אים א יובילײ פאַר דער יובילײ־דאַטע. א היפּש שטיקל לעבן, א בינטל יאָרן, וועגן וועלכע עס ווערט געזאָגט „בעשלוי־שים — לעגווורע, בעאַרבאָיִם — לעכאָכמע", זײַנען באַ מיר פאַרבונדן מיט די מענטשן פון אונדזער אינסטיטוט. מיט א סאַך מיטאַרבעטער בין איך באַפרײַנדעט, מיט אייניקע אַפילע גאָר נאָענט. מיר האָבן צוזאַמען געזוכט, געפאָרשט, אַמאָל זיך געאַמפּערט איינער מיטן אַנדערן. אין ערגעץ, דוכט זיך, זײַנען ניט אַזוי הייס די שטרײַטן, ווי אין די שטילע צימערן און קאָרידאָרן פון א וויסנשאַפטלעכן אַנשטאַלט. אָט האָט מען אַרײַנגעטראָגן עפּעס נײַס, און מע לאָזט זיך שוין זוכן גרעסערס, וויכטיקערס, וואָס רײַפט אין די מויכעס. דערווײַל נאָך אומקלאָר און מעטושטעש, אָבער דאָס גרעסערע וועט אומבאַדינגט אַנטדעקט ווערן, פּונקט ווי ס'ווערן אַנטדעקט די פעלנדיקע עלעמענטן אין מענדעלייעווס טאַבעלע.

געוויס האָט זיך מיר זייער געוואָלט מיט אַלעמען אין אינסטיטוט געמיטלעך און וואַרעם

זיך געזעגענען, כ'האָב נאָר א ביסל מוירע געהאט, אז דער זעלבער אווטאָר, וואָס האָט וועגן מיר אָנגעשריבן אַן ארטיקל אין דער וואנטצײַטונג, וועט אפן אָוונט אויך האלטן א דראָשע טאם כאלאָשעס. ער געהערט צו די לײַט, וואָס געפינען גלײַך דעם געהעריקן פּאָסעק: „ענגע פאר־בינדונג מיט דער פּראָדוקציע".

איך האָב א סאך געטראכט און איבערגעטראכט, צי איז דער גדאנק וועגן אריבערפאָרן ניט קיין צופעליקער, צי ער איז ניט אופגעשווומען אונטערן אײַנפלוס פון געוויסע אײַנדרוקן און צײַטווײַליקע שטימונגען. וועמען האָב איך דאָרטן אין דער שטאָט, אויסער ווידעראמאָל און אָבעראמאָל זיכרוינעס? בא א מענטשן דארף די פארגאנגענהײַט פארנעמען ווייניק פּלאץ. בא מיר פארנעמט זי אָפּטמאָל צופיל.

דער אָוונט איז דורך באשיידן און פײַן. מיר האָבן זיך צוזאמענגענומען ניט אינעם גרויסן קאָנפערענץ־זאל, נאָר אין קלענערן קײַלעכדיקן זאל, ווו עס ווערן געווײנלעך אָפּגעמערקט גע־שעענישן און סימכעס ניט פון די גאָר וויכטיקע. באם טיש איז געזעסן דער דירעקטאָר פון אינ־סטיטוט גאוורילאָוו. אין זײַן אָנוועזנהײַט ווערט דער פלאמיקסטער באלדארשן אײַנגעהאלטענער און פארמאכט די שליוזן פון זײַנע נײַן מאָס רייד.

די יונגע בופעטשיצע, וואָס לאנגווײַליקט זיך א גאנצן טאָג באם פארקויפן בוטערבראָדלעך די קאנדידאטן און דאָקטאָרן, האָט אפן אָוונט געהאט די מעגלעכקײַט צו זען און הערן, ווי איר געלערנטע קליִענטור איז זיך מעסאמייעך, זינגט א סטודענטיש לידל, וויצלט זיך און פארגיסט ווײַן אפן טישטעך. נאָכן אנדערן גלעזל האָט דער אינזשעניער יאנאָווסקי געהאלטן א ספּיטש, צום סאָף האָט ער מיך א טשמאָקע געטאָן אין באק. זובאריעווא האָט אָנגעזאָגט א בסורע, אז דער פּראָפקאָם באלוינט מיך מיט א ווערטפולער מאטאָנע.

אהיים האָב איך זיך אומגעקערט שפּעט. די ווענט פון צימער זײַנען ווײַס, דער דיל — ריין, דער טיש — פארשפּרייט. עס פעלט נאָר א ביסל היימלעכקײַט. דוכט זיך, קליינִיקײַטן, — די קישנס ליגן אפן בעט ניט אופגעשלאָגן, נאָר צוגעפּלעטשט, בא דער דעקע איז איין ברעג לענגער, ווי דער אנדערער, — נאָר מע דערקענט גלײַך, אז דאָ פעלט א פרויען־האנט.

שלאָפן האָט זיך מיר ניט געוואָלט, און איך האָב צוביסלעך גענומען פּאקן די זאכן. הײַנט איז אויך אוועק אף דעם קימאט דער גאנצער טאָג. אין קעמערל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף מײַן סאָלדאטסקער אמוניציע. די גימנאסטיאָרקע האָט אף דער פּלייצע א מוטנע־רויטלעכן פלעק, וואָס מע האָט ניט געהאט פארוואשן אין שפּיטאָל. אין דער קעשענקע פון די אָפּגעבליאקעוועטע גאליפע־הויזן האָב איך אָנגעטאַפּט עפּעס הארטס, ארײַנגעשטופּט א פּאָר פינגער און ארויסגע־שלעפּט דעם שווארצן פּאטראָן מיטן צעטעלע, ווו ס'איז פארשריבן מײַן פאמיליע און אדרעס. איך האָב ארויסגערופן דעם אוטילשטשיק, און ווען ער האָט ארײַנגעשטופּט אין אווטאָפּורגאָן דאָס ביסל זעלנערישע אלטווארג, איז בא מיר געווען א געפיל, ווי כ'וואָלט עס אָקאָרשט אראָפּגענומען פון לײַב...

לעזיקאָרן האָב איך איבערגעלאָזן דעם רוקזאק — די צײַט האָט אף אים קיין שליטע ניט, ער איז נאָך פעסט, ווי אײַזן. כ'האָב געפּרוווט, צי קאָן איך מיט דער אמאָליקער געשיקטקײַט אים פארבינדן און מאכן א קנופּ. ס'איז, דוכט זיך, גאָרנישט מיט נישט, נאָר אין 1941 האָב איך זיך א היפּש ביסל אָנגעמאטערט, ביז כ'האָב זיך אויסגעלערנט די טוירע.

דער גרעסטער באגאזש מײַנער זײַנען די ביכער, איך לייג זיי צונויף אין פּעקלעך, עס נעמט אָפּ אַן א שיר צײַט. אָט קוקן אף מיר פון דער הילע ברייט־צעעפנטע שווארצע מילדע אויגן. אין זיי איז אזויפיל ליבע צום לעבן, א יאם טרוימען און טיף־טיפער צאר, פונקט ווי דאָס מיידלשע הארץ וואָלט שוין געהאט א פאָרגעפיל פון דעם טרויעריקן סאָף. א גוטן בוך קאָן מען לייענען צוויי מאָל און דרײַ מאָל. נאָר דאָס „טאָגבוך פון אנא פראנק" נאָכ־אמאָל לייענען איז קימאט אומעגלעך. מײַן טאָכטער האָט ניט געלעבט אפילע אזויפיל, וויפל אנא פראנק. זי איז אומגעקומען אַן אייפעלע. און עפּשער... ווידער און ווידעראמאָל כאפּן מיך ארום ספּייקעס, הונדערטער, טויזנטער שאנסן זײַנען קעגן, אָבער ס'איז דאָך מעגלעך, אז איינער איז — פאר. כ'וויל זיך ניט שיידן אפילע מיט דער איליוזיע.

אָן באזונדערן הארצווייטעק צעשייד איך זיך מיט דער פרוי, מיט וועלכער איך בין עטלעכע יאָר געווען אין נאָענטע באציִונגען. איך זוך אין איר ניט קיין כעסרוינעס צו בארעכטיקן מײַן גלײַכגילט און קאלטקײַט. ווײַזט אויס, איך געהער צו דעם מין מענטשן, וואָס קאָנען ליב האָבן נאָר איין מאָל אין לעבן. ביז הײַנטיקן טאָג מורמל איך פון שלאָף: „בראָניע"...

רײַע איז הײַנט געקומען באטאָג. דערזען מײַן פּאקעווען זיך, איז זי געבליבן שטיין אף דער שוועל. די גאנצע צײַט האָט זי ניט געגלייבט, אז איך קלײַב זיך טאקע אף אַן עמעס אוועקפאָרן.

— ווידער אין קאָמאנדיראָווקע? — האָט זי געפרעגט.

דעם אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. מיר זײַנען ביידע געשטאַנען באַם פענצטער. אין צימער איז געווען פינצטער, ס'האָבן נאָר אַרײַנגעלויכטן די נעאָן־טרײַבלעך פֿונעם מאַגאַזין אַף דער קעגנײבערדיקער זײַט גאַס. כ'ווייס ניט, וויאַזוי די פֿרויען פֿון ניו־יאָרק אָדער פּאַריזש גיבן זיך אַן אייצע מיט דער אומלויפֿנדיקער, אומטאַנצנדיקער, אומשפּרינגענדיקער שײַן פֿון די רעקלאַמעס, וואָס פּרישט אַף פאַרלעגערטע סכוירעס און עלטערט מענטשלעכע פּנעמער. רײַע האָט אין דער מינוט אויסגעזען עלטער פֿון אירע יאָרן. די באַקן און די ליפּן זײַנען געווען אײַנגעטונקט אין דער בלוי־ציטערנדיקער נעאָן־ליכט. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען כ'האָב געוואָלט נעמען איר אײַנריידן, מיר זאָלן פֿאָרן צוזאַמען. זי האָט, דוכט זיך, געוואַרט אַף דעם. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָב איך גוט געוווסט, אַז זי וועט ניט פֿאָרן. ניט איך און ניט זי דאַרפֿן עס. די רייד וואָלטן עפּשער בלויז אַ ביסל געשטילט איר אייגנליבע. רויִק האָבן מיר זיך געזעגנט. זי האָט מיר פֿאַרויסגעזאָגט אַ קאַלטן פֿרילינג, אַ רעגנדיקן זומער און אַ ווינטיקן האַרבסט.

— וואָס נאָך פֿאַר אַ גוטס קאָנסטו פֿאַרויסזאָגן?

— אַז דו וועסט כאַראָטע האָבן און קומען צוריק...

29 אַפּרעל.

דרײַ שאָ פֿלִיען — און איך בין אַפֿן אָרט. ווי אין סענטיאַבער פֿאַריקן יאָר, האָט די שטאָט מיך באַגעגנט מיט אַ רעגן — דאָס מאָל אַ פֿרילינגדיקן. מיר האָבן קוים באַוויזן אַראָפּנידערן, ווי איבער די פֿליגל פֿון אַעראָפּלאַן האָט געגנומען קלאַפּן אַ שלאַקסרעגן. אַ באַדעקטע מיט דורכגעווייקטן יונגן העל־גרינעם גראָז, איז די ערד געווען ווייך און נאַכגיביק, זי האָט געשמעקט מיט אַלע אירע אוראַלטע זיסע און ביטערע רייכעס, וואָס דער שטאַרקסטער ווינט קאָן זיי ניט אַוועקטראָגן, דער גרעסטער רעגן — ניט אַראָפּשווענקען.

אינעם קליינעם אַעראָוואָקזאַל האָט מיך באַגעגנט אַ מענטש פֿון דער זאַוואָד־דירעקציע. ער האָט טייקעף דערקענט דעם, וועמען ער דאַרף, און זיך געלאָזן אַנטקעגן מיט אַזאַ אימפּעט און גדולע, ווי כ'וואָלט אַראָפּגעשטיגן פֿון דער לעוואָנע.

— דער לײַנער האָט פֿאַרשפּעטיקט אַף אַכט מינוט, — האָט ער אַ קוק געטאָן אַף זײַן זייגערל, און פֿון דעם דאָזיקן קוק איז געווען צו זען: די מינוטן קאָסטן אים פּודן געזונט.

אין דער מאַשין האָט דער פֿאַרשוין מיר דערציילט, אַז ער מוז נאָך זײַן הײַנט אין צוואַנציק ערטער. איך האָב פֿאַרזיכערט, אַז קיין סאַך צײַט וועל איך בא אים ניט אָפּנעמען, זאָל ער מיר נאָר ווײַזן מײַן דירע און אָפּגעבן דעם שליסל. ער האָט צוגעשוויגן מיט אַזאַ מינע אַפֿן פּאָנעם, ווי איינער זאָגט: „אַזוי גרינג טשעפּעט מען זיך אָפּ פֿון אײַך! מע דאַרף זײַן אַ באַלן אַראָפּקומען פּונקט ערעוו ערשטן מײַ, בייס עס איז אפֿילע ניטאָ ווען איבערצוכאַפּן דעם אָטעם".

דורכן פֿענצטערל פֿון אווטאָמאָביל האָט מען שוין טאַקע געזען סימאָנים פֿון ערעוו־יאָמטעוו. פֿרויען האָבן זיך ניט פֿאַרגונען איבערצוּוואַרטן דעם רעגן און זײַנען געלאָפֿן מיט די קאָשעקעס איבערן גאַס. אַף די טירן — אויפֿשריפֿטן «Осторожно, окрашено!»[1]. אַף די פֿראָנטאָנען פֿון די הײַזער — לאָזונגען.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פֿירשטאָקיקן מויער, אַנטקעגן דער גרויסאַרטיקער געבײַדע פֿונעם דראַמאַטישן טעאַטער. אין דעם דאָזיקן הויז בין איך שוין געווען. דאָ וווינט דער מאָנטאַזשניק באַראַבישעוו.

— אַ דירע אַ פּראַכט! איר מעגט גלײַך אַרויספֿאָדערן די מישפּאָכע! — מיט די ווערטער איז מײַן אומגעדולדיקער באַגלייטער פֿאַרשוווּנדן, און איך בין געבליבן איינער אליין אין דער נײַער וווינונג.

איך האָב געעפֿנט די פֿענצטער. איינס גייט אַרויס אַף דאָרעם, מע זעט פֿון אים דעם זאַוואָד. דאָס צווייטע איז געווענדט צום פֿעלד. ערגעץ דאָרטן, אין ווײַטלעכן נעפּל, הינטער די רעגן־שטראָמען, געפֿינט זיך דער שטיין אַפֿן גרויסן ברודער־קייווער. אין אַ לויטערן וועטער וועל איך אים מיסטאָמע פֿונדאַנען זען.

איך בין אַרויס אַף דער גאַס. ס'איז צוגעקומען אַן אווטאָבוס, און איך בין אַוועקגעפֿאָרן אין זאַוואָד.

ווען איך בין אַרײַן צום דירעקטאָר, האָט ער גערעדט מיט קִיעוו, געשריִען אינעם טרײַבל, אַז אָרץ פֿאַר די דאָמנעס איז בא אים געבליבן אַף צוויי טעג. פּונקט ווי פֿריִער, האָט סטעפּאַן אַלעקסאַנדראָוויטש מיך פֿאַרוווּנדערט מיט זײַן יוגנטלעך־ספּאָרטסמענישן אויסזען. דאָס פּאָנעם בא אים האָט שוין באַוויזן אַ ביסל אָפּצוסמאַליען זיך אַף דער פֿרילינגדיקער זון. געווען איז ער אין אַ טעניסקע. די מוסקולן האָבן געשפּילט. דאָס רעקל איז היימיש געהאַנגען אַפֿן שטול.

---

[1] — „פֿאָרזיכטיק, פֿריש געפֿאַרבט!"

— אויסגעצייכנט, וואָס איר זײַט געקומען, — האָט ער זיך אופגעהויבן פון טיש מיר אנטקעגן, — איר האָט זיך שוין אײַנגעאָרדנט? העכער צוויי וואָכן ווי מיר האַלטן פאַרבראַנירט די דירע...

פאַראַן א גלײַכוואָרטל: א האַרץ פילט א האַרץ. סטעפאַן אַלעקסאַנדראָוויטש איז מיר געפעלן, און איך האָב, ווײַזט אויס, בא אים אויך נויסע־כיין געווען. ער האָט מיר גלײַך אַנגעזאָגט וועגן זײַן פּלאַן מיך אַוועקשטעלן אָנפירן מיט דער רעלסן־לאַבאָראַטאָריע. מיך האָט עס היפּשלעך פאַרוווּנדערט, ווײַל פריִער איז געגאַנגען א רייד וועגן דעם, כ'זאָל זײַן פאַשעט א מיטאַרבעטער פון דער לאַבאָראַטאָריע. דעם שעף אירן קען איך — ס'איז דער „כאָסן", וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל, לעבן „דערזשפּאָטאָ", געזען מיט זײַן יונגער פרוי. דאַן האָט ער אף מיר ניט געמאַכט קיין געהויבענעם אײַנדרוק, אָבער פאַרנעמען זײַן אָרט בין איך גאָר קיין באַלן ניט. איך האָב גענומען קאַטעגאָריש זיך אָפּזאָגן פון דער שטעלע: כ'בין ניט קיין אָנפירער, גיכער — א קאַבינעט־געלערנטער.

— הײַנטיקע קאַבינעט־געלערנטע, — האָט סטעפאַן אַלעקסאַנדראָוויטש זיך צעלאַכט, — דער הויפּט־טעאָרעטיקער פון קאָסמאָנאַוווטיק איז אויסגעבונדן מיט אַלע זאַוואָדן, דער אַקאַדע־מיקער פּאַטאָן איז בא אונדז אן אָפטער גאַסט... מיר דוכט, איר טויגט זיך יאָ אויס פאַר אזא אַרבעט. צופיל באַשיידנקײַט איז אויך ניט קיין מײַלע. דעם איצטיקן שעף פון דער רעלסן־לאַבאָ־ראַטאָריע באַאוולען מיר ניט, — האָט ער צוגעגעבן, גלײַך ווי ער וואָלט איבערגעלייענט מײַנע געדאַנקען, — פאַרקערט, אויב כאָטשער לעווין וויל, קאָן ער די נײַע שטעלע זײַנע האַלטן אפילע פאַר א העכערער.

— מיט אײַך צוזאַמען וועט אַרבעטן וויקטאָר פּעטראָוויטש אַלכאָוואָי, — האָט פאָרגעזעצט סטעפאַן אַלעקסאַנדראָוויטש, — איר האָט, מיסטאָמע, געהערט וועגן אים. ער שרײַבט א דיסער־טאַציע. פאַרעכנט איז ער אין שטאַט פון דער לאַבאָראַטאָריע. ביכלאַל האָבן בא אײַך זיך צוזאַ־מענגענומען גאָלדענע כעוורע...

צוזאַמען מיט סטעפאַן אַלעקסאַנדראָוויטשן און מיטן הויפּט־אינזשעניער בין איך אוועק צום נײַעם וואַלץ־געשטעל. איבערמאָרגן, צוועלף באַטאָג, וועט דער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט אָדער אן אַנדער פאַראַנטוואָרטלעכער טוער איבערשנײַדן מיט א שערל די סטענגע לעבן דעם נײַעם אַגרעגאַט און ס'וועט אָנהייבן רוישן און פײַערן, ס'וועט שפּילן מוזיק און ס'וועלן זײַן אַפּלאָדיסמענטן. דערווײַל אָבער האָט מען יעדעס מאָל געפונען א נײַע צאָרע: דאָ איז ניט קעשורע, דאָרטן איז ניט אין אָרדענונג. ווידער קאָנטראָלירט, אַפּסנײַ געפּרוּווט. צוזאַמען מיט נאָך אינזשעניערן האָב איך זיך פאַרנומען מיטן פּולט, און ס'האָט מיך געפרייט, וואָס אַרבעט וועט סטײַען אף א גאַנצער נאַכט.

אין צעך האָב איך געטראָפן מײַן שאָכן, דעם מאָנטאַזשניק באַראַבישעוו. זײַן אַרבעט האָט ער אָפּגעטאָן, נאָר רויק איז ער ניט געווען. ער האָט זיך אומגעדרייט אין צעך מיט זײַן גאַנצער בריגאַדע, דאָס הייסט מיט דער מישפּאָכע — דרײַ זין, דרײַ טעכטער און אן איידעם, וואָס־אַרבעטן מיט אים צוזאַמען.

זײַן אַדאָפּטירטע טאָכטער, סימע, האָט געקוקט אין דער הייך צו די קראַנען, ווי וואַרטנדיק, מע זאָל זי א רוף טאָן צו הילף. און איך האָב בייסמײַטע זיך פאַרקוקט אף איר.

אהיים בין איך אוועק, ווען ס'האָט שוין געטאָגט. סטעפאַן אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיר פאָר־געלייגט זײַן אויטאָמאָביל, נאָר מיר האָט זיך געוואָלט דורכגיין צופוס. ס'איז געווען א שטילער וואַרעמער באַגינען מיט א לויטערן הימל און א בליִענדיקער ערד. איך בין פּאַוואָליע געגאַנגען פאַרבײַ דעם מאַרק־פּלאַץ, איבער די פוסטע גאַסן, דערנאָך אַרײַן אינעם שטאָט־גאָרטן, ווו עס האָבן נאָך אַלץ שפּאַצירט יונגע פּאָרלעך. דער פּאַרק פאַרענדיקט זיך בא אן אָפּריס, פונוואַנען עס זעט זיך דער יאַם. דאָ, בא דער באַלוסטראַדע, שטייען, ווי אַמאָל, אין א האַלב־קרײַז גרינע בענק. עמעס, איצט ניט אף אײַזערנע, נאָר אף ברייטע בעטאָנענע פיסלעך. וויפל מאָל זײַנען מיר דאָ געזעסן, איך מיט בראָניען, און געקוויקט זיך מיט דער פינקלענדיקער בלויער רויִקײַט, וואָס איז צעגאָסן אין אַרום.

אייניקע האַלטן, אז א גוטער זיקאָרן איז ניט אזא גרויסע מײַלע. איך אָבער וויל אַלץ גע־דענקען. נאָר דאַן, ווען איך געדענק, פיל איך, אז איך לעב.

1 מײַ.

הײַנט איז געווען אן אויסטערליש שיינער טאָג, בעעמעס אן ערשטמײַיקער. נאָך א צוואַנ־ציקיאָריקן איבעררײַס בין איך אף דער דעמאָנסטראַציע ווידער געגאַנגען אין דער קאָלאָנע פון „יוזשסטאַל".

אָט פאָרט לאַנגזאַם א פאַרפוצטער לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס באַווייַזט די פּאַנאָראַם פון דעם זאַוואָד, ווי ער וועט אויסזען אין עטלעכע יאָר אַרום. אַף א צווייטער לאַסטמאַשין האָט מען געפירט א מאָדעל פון א קאָסמישער שיף, אין וועלכער ס׳איז געזעסן א פינף־זעקסיאָריק יִינגעלע, א קליין גאַגאַרינדל, וועמען אַלע יִינגלעך זייַנען געווים געווען שטאַרק מעקאַנע.

ווען מיר זייַנען דורך די בריק איבערן טייַך קאַלמיוס און אַרייַן אין די שטאָטישע גאַסן, איז די קאָלאָנע אַליין געוואָרן ענלעך צו א טייַך, וואָס פליסט צווישן דעם האַמוין אַף ביידע זייַטן גאַס. פּלוצעם האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז צווישן דער מענגע מענטשן זע איך אַזא נאָענט, טייַער געזיכט... עס האָט באַ מיר אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ. די אופגעהויבענע הענט מיט די טראַנספּאַראַנטן האָבן גלייַך פאַרשטעלט דאָס ליבע פּאָנעם, און איך האָב עס פאַרלאָרן. איך בין אַרויסגעלאָפן פון דער קאָלאָנע, גענומען זיך דורכשטופּן צווישן אוילעם צום טראָטואַר און קוקן אין אַלע זייַטן. אָבער וויפל איך האָב ניט געזוכט, האָב איך ניט געפונען.

איך האָב מער ניט געזען די יאָמטעוודיקע גאַס מיט די אָרקעסטערס, מיט די דופּטיקע בינטלעך פרילינגדיקע בלומען. אַן אַנדער קאָלאָנע, א טרויעריקע און פינצטערע, האָט אופגעטויכט אין די געדאַנקען. ווייַזט אויס, איך האַלט שוין גאַנץ שמאָל, אויב ס׳פּאַרפּאָלגן מיך האַליוצינאַציעס. מע דאַרף, אומבאַדינגט דאַרף מען, זיך נעמען אין די הענט.

אין אָוונט איז צו מיר אַרייַנגעקומען פּאַוועל סערגייעוויטש באַראַבישעוו מיט דער פרוי. מיר ווינען א טיר קעגן א טיר. דאָס פּאָרפּאָלק האָט אַזוי גענומען בעטן, כ׳זאָל אַרייַנגיין צו זיי, אַז ס׳איז ניט מעגלעך געווען זיך אָפּצוזאָגן. ער איז געווען אונטערן גלעזל, די גרינע אויגן האָבן געגלאַנצט. ווי טאָג פון נאַכט האָט ער זיך אונטערשיידט פונעם פאַרזאָרגטן, אויסגעשמירטן באַראַבישעוון, וואָס כ׳האָב געזען אין צעך.

אין א ווייַלע אַרום בין איך שוין געזעסן באַ זיי אין עסצימער, באַ א שיין געדעקטן טיש. בייס א יאָמטעוו טרינקט מען אין מייַן היימשטאָט, דוכט זיך מיר, צוויי מאָל אַזויפיל, וויפל אין אַנדערע שטעט. מע טרינקט פאַר די יאַמלייַט, וואָס זייַנען אין יאַם, און פאַר די טשוהון־ און שטאָלגיסער, וואָס שטייען באַ די דאָמנעס און מאַרטענעס. איך האָב אויך געמאַכט צוויי מאָל א לעכאַים און פאַרביסן מיט מעכייַעדיקער געוויאָנדזלטער טאַראַנקע, וואָס דער טאַם אירער ליגט באַ מיר אין מויל נאָך פון די קינדער־יאָרן. כ׳געדענק, ווי מיר פלעגן אַף איר אַרופאַלן, ווען די מאַמע פלעגט זי ברענגען פונעם מאַרק.

מיר איז אויסגעקומען בייַזייַן אַף פאַרשיידענע סימכעס און באַנקעטן, נאָר אַזוי געמיטלעך האָב איך זיך לאַנג שוין ניט געפילט. סימע איז געזעסן לעבן מיר, און אין מייַן פאַרשיקערטן מויעך האָט זיך געפּלאָנטערט א געדאַנק, אַז דאָס איז מייַן טאָכטער.

די באַראַבישעווס זייַנען אודמורטן. סימע שיידט זיך פון זיי אונטער מיט איר לענגלעך פּאָנעם, מיטן שניט פון די אויגן. די צעפּ און די ברעמען זייַנען באַ איר און באַ די איבעריקע באַראַבישעווס טעכטער פעך־שוואַרצע.

איך האָב אַפילע געכאַפּט א טענצל. ווען איך האָב געטאַנצט מיט סימען, האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ און כ׳האָב געמוזט איבערייַסן אינמיטן. סימע האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר מיט א מינע, ווי ניט איך, נאָר זי איז עס אַזוי פאַרמאַטערט.

באַראַבישעוו האָט אַרויסגעצויגן דעם אונטערשטן שופלאָד פון דער שאַפע און אָנגעהויבן באַווייַזן זייַנע גראַמאָטעס און אָרדענס. איך בין אים ניט כוישעד, אַז ער האָט עס געטאָן אַף זיך אויסצופייַנען. ווען ס׳איז גוט און יאָמטעוודיק אַפן האַרצן, איז שטענדיק אַזוי. א סאָלדאַט א פראָנטאָוויק ווייַזט זייַנע אָרדענס און מעדאַלן און דערקלערט דערבייַ: „אָט דאָס איז פאַר מאָסקווע“, „פאַר קורסק“, „פאַר בערלין“. באַראַבישעוו האָט אַרויסגענומען א לענין־אָרדען, און מיט זייַן ניט ריין־רוסישער האַרטלעכער אויסשפּראַך געזאָגט: „פאַר דער דאָמנע אין טשוסאָווע“, א צווייטן אָרדען אוועקגעלייגט אַף דער האַנט — „פאַרן אויוועלע אין ליסווע“, אָרדענס און מעדאַלן פאַר זלאַטאָוסט, טאַגיל, קוזנעצק. אַף זייַנע ניט־גרויסע דלאָניעס האָט געפינקלט און שעמערירט דאָס גאַנצע לאַנד, אַן אַרומגעוואַקסנס מיט מעטאַלורגישע גיגאַנטן.

געוויינלעך שטעלט מען זיך פאָר, אַז מאָנטאַזשניקעס, וואָס אַרבעטן העט הויך, — „ווערכאָלאַזן“, זייַנען ווּקסיקע גיבוירים און שוין געוויס יונגע. באַראַבישעוו איז נידעריקער פון מיטלווּקס, די האָר אַפן קאָפּ — היפּשלעך גראָוו. „די אויגן שרעקן זיך און די הענט טוען“, — ווערטלט זיך פּאַוועל סערגייעוויטש. דער דאָזיקער מענטש איז זייַן גאַנץ לעבן א וואַנדערער. פערצן דאָמנעס אויסגעבויט. פונקט אַזויפיל מאַרטען־אויוונס. די גאַנצע מישפּאָכע זייַנע אַרבעט מיט אים אין איין בריגאַדע און וואַנדערט די גאַנצע צייַט צוזאַמען מיט אים.

דאָ איז ער געבליבן שטעקן, ווייַל ווי נאָר עס ווערט פאַרטיק איין אָביעקט, הייבט מען אָן בויען א צווייטן. אַזוי לאַנג, זאָגט ער, האָט די בריגאַדע נאָך אינערגעץ זיך ניט פאַרהאַלטן. די שטאָט געפעלט אים.

צום סאָף האָט ער מיר באַוויזן דעם דיפּלאָם פון א לאַורעאַט פון דער לעניִן־פּרעמיע. אינעם דיפּלאָם שטייט געשריבן: „פאַר פאַרפּולקומען די מעטאָדן פון בויען דאַמנע־אויוונס אין סאָוועטנפאַרבאַנד“.

כ'בין זיך מודה: כ'וואָלט זייער וועלן, אַז מײַן נאָמען זאָל אויך אַמאָל זײַן אַרײַנגעשריבן מיט גאָלדענע אויסיִעס אין אַזאַ טײַערן דאָקומענט. פאַרוואָס ווילט זיך מיר אַזוי, ווייס איך אַליין ניט. צו רום און קאָוועד בין איך גאַנץ גלײַכגילטיק, וועגן לאָרבער־קרענץ טרוימען געוויינלעך יונגעלײַט... ווען דען אונדזערע אוריינקלעך וויסן וועגן דעם, וויפל געזונט עס האָט אונדז געקאָסט און וויפל נאַכעס עס האָט אונדז פאַרשאַפן אפילו א קליינער דערפאָלג אין אַזאַ וואָכע־דיקער זאַך, ווי טערמיש פאַרהאַרטעווען רעלסן, — די רעלסן, פון וועלכע ס'וועט אין דער ווײַטער צוקונפט מיסטאַמע אַף דער ערד קיין שפּור ניט בלײַבן. די דינע שטאָלענע פעדעם דאַרפן איצט אויסהאַלטן די לאַסט פון מעכטיקע לאָקאָמאָטיוון, הונדערטטאָניקע וואַגאָנעס, עקספּרעסן, וואָס לויפן מיט דער שנעלקײַט פון הונדערט זעכציק קילאָמעטער א שאָ. איך טראָג זיך אַרום מיט א געדאַנק וועגן א נײַעם אויפן פון העכערן די שטאַנדהאַפטיקײַט פון רעלסן, אָבער וועגן דעם איז נאָך פרי צו שרײַבן אפילו אינעם טאָגבוך. א זאַך, וואָס ווערט אָנגעשריבן, פאַרלירט שוין איר נײַקײַט, ווערט וואָכעדיקער. איך וויל דעם געדאַנק פאַרהיטן דערווײַל אין זײַן גאַנצער ערעוו־יאָמטעוודיקײַט...

3 מײַ.

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די מיטאַרבעטער פון דער לאַבאָראַטאָריע האָב איך געשלאָסן דעם ערשטן מײַ אַף דער דעמאָנסטראַציע. הײַנט האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער וואָכעדיקע צוזאַמענאַרבעט.

די רעלסן־לאַבאָראַטאָריע געפינט זיך אין א נײַער געבײַדע אַפן צווייטן שטאָק. מיר פאַר־נעמען א היפּשן זאַל, וווּ אויסער א האַלבן טוץ טישן, זײַנען אָנגעשטעלט א סאַך פאַרשיידענע אַפּאַראַטן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, ווו עס איז געזעסן דער פריִערדיקער שעף.

מײַן אַלטמאָדיש שפּיצעכיק בערדל, וואָס יעדעס מאָל, ווען איך גיי אַרײַן אין שערערײַ, וויל איך זיך שיידן מיט דעם, נאָר איך טו א טראַכט, אַז דאָס פּאָנעם וועט עפּעס ווערן צו נאַקעט, און גיב א מורמל: „עטוואָס אונטערקירצן“, קירצט מען אַזוי לאַנג, ביז עס בלײַבן דרײַ הערלעך; דער געוויסער פאַרזאָרגטער טרויעריקער קוק פון מײַנע אויגן, וואָס מיר אַליין ווערט פון אים קאַלעמוטנע אַפן האַרצן, ווען כ'זע זיך אין שפּיגל; לעסאָף, די געוווינשאַפט, וואָס האָט זיך צוגע־טשעפּעט די לעצטע צײַט: ריידן מיט זיך אַליין, — דאָס אַלץ מאַכט אַף אומבאַקאַנטע ניט גאָר קיין פויגלדיקן אײַנדרוק. עס דאַרף דורכגיין א שטיקל צײַט, ביז מע נעמט מיך האַלטן פאַר נישקאָשע פון א מענטשן.

מיט א קליינעם קאָלעקטיוו איז פּונקט אַזוי שווער אָנצופירן, ווי מיט א גרויסן. אַלע נאַ־טשאַלניקעס וויסן עס שוין מיסטאַמע פון לאַנג. איך האָב וועגן דעם א קלער געטאָן נאָר איצט. יעדן מיטאַרבעטער קען מען, ווי זיך אַליין. ס'איז גרינג זיך אונטערצוגעבן סוביעקטיווע סימ־פּאַטיעס, אַנטיפּאַטיעס...

כוץ מיר אַרבעטן אין דער לאַבאָראַטאָריע פיר באָכערים און צוויי פרויען.

גלײַך פון ערשטן קוק איז מיר זייער געפעלן סערגיי סובאָטין. ס'איז א פאַרגעניגן צו קוקן, ווי ער מײַסטערעוועט א מאָדעל. סובאָטין האָט מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אַהיים. ער וויל ווײַזן א זאַך, וואָס געהער זיך ניט אָן דירעקט צום טעמאַטישן פּלאַן פון דער לאַבאָראַטאָריע.

ניט צעקײַט האָב איך דערווײַל דעם אַנדערן קאָלעגע, וועלכן מע רופט מיטיע. די מינוטן, וואָס מיטיע זיצט באַם טיש, איז ער פאַרטאָן אין די געדאַנקען, די פינגער רײַבן דעם נידעריקן שטערן, דערנאָך שפּרינגט ער אויף און נעמט אַרומגיין איבערן זאַל פון טיש צו טיש, רעדט און שטערט אַרבעטן, שנײַדט די אויגן מיט זײַן אייבערהעמדל, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעמוסטערט מיט בונטע קוואַדראַטלעך, ראָמבן און אַנדערע געאָמעטרישע פיגורן. זײַנע באַליבטע ווערטער זײַנען „אָטליטשנאָ“ און „בעזוסלאָוונאָ“[1].

ווײַזט אויס, דער יעיִצערהאָרע וויל גלײַך פון אָנהייב אויספּרוּוון מיך, אונטערשטעלן א פּיסל. אַנטקעגן מיר זיצט דאָרע בינדער. זי נעמט אויס מיט דער שטילער, מעיושעוודיקער שיינ־קײַט פון א פרוי, בײַ וועלכער די יוגנט איז שוין פאַרבײַ, נאָר צו דער עלטער איז נאָך ווײַט. דאָרע שטייט אָנגעבויגן איבערן וואַטמאַן־פּאַפּיר. כ'זע די אייבערשטע העלפט פונעם פּאָנעם, די קליינע אויערן מיט די אוירינגלעך. דער שטערן איז גלאַט, בלויז אַראָפּ־צו, אין דער קליינער פאַרטיפונג צווישן די ברעמען נעמען זיך צונויף א פּאָר קנייטשעלעך. לויט דער רויִקײַט, מיט

[1] אָטליטשנאָ — אויסגעצייכנט; — בעזוסלאָוונאָ — אומבאַדינגט.

וועלכער דאַרע מעקט אַלע ווײַלע מיט דער גומקע, איז צו זען, אַז זי פֿאַרמאָגט אַ יאַם געדולד. געדולד איז אַ מײַלע. נאָך מיטיעס געאָמעטריש אייבערהעמדל רוען אָפּ די אויגן אַף דאַרעס ווײַסן קאַפּטל.

כ'האָב אַ שלעכטע טעווע — גלײַך ווערן אַנציקט און דערנאָך פּונקט אַזוי שנעל זיך אַנטווישן.

די יאָרן גייען, הונדערטער טויזנטער מענטשן, באַ וועלכע עס זײַנען אומגעקומען די מישפּאָכעס, האָבן אויסגעבויט אַ נײַ לעבן. איך וואַנדער נאָך אַלץ איבער די רויִנען. אַף וואָס האָף איך און אַף וואָס וואַרט איך? איך כאָלעם וועגן אַ ליבע, וואָס זאָל זײַן אַזוי ריין און שיין, ווי מײַן ערשטע ליבע. איז דען מעגלעך? איז עס ניט קיין פּוסטע פֿאַנטאַזיע, ווי די האָפֿענונג צו געפֿינען מײַן טאָכטער? אָבער קיין אַנדער ליבע דאַרף איך ניט, און די מינדסטע האָפֿענונג איז גוט דער־מיט, וואָס זי איז געווענדט אין דער צוקונפֿט, ניט אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט.

אַ פּאָר מאָל האָב איך געפֿילט אַף זיך דאַרעס בליק. ס'איז ניט מער, ווי נײַגעריקײַט צו אַ פֿרישן מענטשן. פֿון די אַנדערע לאַבאָראַטאָריעס האָט מען אויך געהאַלטן אין איין אַרײַנקומען צו אונדז, יעדערער האָט געכאַפּט אַ קוק אַף מיר.

עס איז אַרײַנגעקומען דער פּריִערדיקער שעף, וועלכן איך רוף נאָך אַלץ פֿאַר זיך „דער כאָסן". ער הייסט נאַטאַן סאַמוילאָוויטש לעווין. הײַנט האָבן מיר „אָפּיציִעל" זיך באַקאַנט און זיך געדריקט די הענט. ער האַלט זיך גרויסלעך. ווײַזט אויס, דער ציל פֿון זײַן באַזוך איז געווען צו דערציילן, אַז אַף דער נײַער אַרבעט איז אים בעסער, ער קריגט מער געהאַלט, אויסער דעם גיט מען דאָרט שטענדיק פּרעמיעס, בייס דאָ פּרעמירט מען נאָר צו אַ יאָמטעוו. ער האָט גערעדט הויך, אַלע זאָלן הערן. אַפֿאַנעם, אין האַרצן פֿאַרדריסט אים די מײַסע, וואָס מע האָט אים פֿונדאַנען צוגענומען, און איך פֿיל אויך אַ שטיקל פֿאַרלעגנהײַט. מיר האָט זיך געוואָלט פֿרעגן באַ אים, וואָס מאַכט זײַן יונגע פֿרוי.

אומגעריכט האָט ער מיר אײַנגערוימט אין אויער אַף מאַמעלאָשן:

— אונדזערע יידעלעך...

גאָרניט אַף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט פֿײַנט און קאָן ניט פֿאַרלײַדן, ווי דאָס דאָזיקע „אונדזערע יידעלעך". ווען מע דערציילט מיר וועגן אַ מישפּעט איבער אַ יידן אַ גאַנעווו, וואָס האָט געשלעפּט סכוירע פֿון אַרטעל, אַ ספּעקוליאַנט, וואָס האָט איבערפֿאַרקויפֿט זאַכן, אַ וואַ־ליוטשיק, וואָס האָט געהאַנדלט מיט גאָלד, און מע גיט דערבײַ צו „אונדזערע יידעלעך", מאַכט מען מיך פֿאַר אַ שוטעף צו די נישטיקע נעפֿאַשעס, וואָס האָבן ניט קיין שום שײַכעס צום פֿאָלק, צו די מיליאָנען קדושים, וואָס ליגן אין די ברידער־קוואָרים, און צו די מיליאָנען לעבעדיקע, וואָס מיִען זיך טרײַ און ערלעך.

— זאָגט מיר, ביטע, וואָס האָט איר געמיינט מיט „אונדזערע יידעלעך"? — האָב איך גע־פֿרעגט באַ לעווינען.

— איר דאַבערט אַף יידיש? — האָט ער זיך אָנגעבויגן צו מיר ווידער מיט אַ שעפּטשערײַ.

— איך דאַבער ניט, איך רייד, — בין איך געוואָרן אַלץ מער אופּגעבראַכט.

— איך האָב ניט געוווסט, אַז איר זײַט אַזאַ היציקער, — איז ער אַפּגיך אָפּגעגאַנגען פֿון מיר.

סאָף טאָג האָבן זיך אַלע אוועקגעזעצט לעבן מײַן טיש און מיר האָבן דורכגעפֿירט אַ באַראַטונג וועגן דעם פּערספּעקטיוו־פּלאַן פֿון אונדזער לאַבאָראַטאָריע. איך האָב זיך באַמיט צו ריידן קאָנקרעט, זאַכלעך, נאָר פֿונדעסטוועגן אַ ביסל פֿאַרפֿאָרן אין אַ זײַט, פֿאַרגעסן, אַז איך פֿיר ניט קיין סעמינאַר מיט יונגע סטודענטן. מײַן יוגנט איז אַדורך אין די יאָרן פֿון ערשטן פּינפּיאָר. די קעסלגרוב פֿאַרן פֿונדאַמענט פֿון דער ערשטער דאַמנע, וואָס קוקט אַף אונדז דורך די פֿענצטער פֿון דער לאַבאָראַטאָריע, האָב איך געגראָבן מיט אַ לאָפּעטע, די ערד האָט מען אַרויסגעפֿירט אַף פֿורלעך. גייענדיק אין גאָרקיד נאָכן ביסל שיטערן זופּ און הירזשענער קאַשע, פֿלעג איך קוים זיך אײַנהאַלטן ניט אײַנצושלינגען באַם וואַרעמעס דעם כיילעק ברויט, וואָס האָט געדאַרפֿט קלעקן אַפֿן גאַנצן טאָג...

מײַן הייזעריקלעכע שטים האָט פֿאַר די זעקס געציילטע מענטשן געקלונגען צו פּאַטעטיש, און איך האָב מיסטאָמע אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש.

סערגיי סובאָטין האָט מיך געהערט, די הענט אַף די קני, פֿאַרקלאַמערט אַ פֿינגער אין אַ פֿינגער. אַזוי, ווײַזט אויס, רוט ער אַמבעסטן אָפּ. מיטיע האָט געצייכנט מענטשעלעך אַף אַ בלעטל פּאַפּיר. אַ פּאָר מאָל האָט ער מיך איבערגעשלאָגן און מיט זײַן ווייכן טענאָר אַרויסגעבראַכט „בעזוסלאָוונאָ". דאַרע האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אַף מיר, נאָר ווען כ'פֿלעג אַף אַ רעגע אַנ־שוויגן ווערן, זוכנדיק דאָס פּאַסיקע וואָרט, פֿלעגט זי אַראָפּלאָזן די אויגן, פּונקט ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, אַז כ'וועל באַלד אַרײַנבראָקן אַ נאַרישקײַט.

נאָך דער זיצונג איז דאָרע צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי קומען אַף דער אַרבעט שפּעטער, זי דאַרף אַרויסרופֿן אַ דאָקטער צו איר מוטער.

איך טראַכט וועגן דעם, אַז אין די נאָענטסטע פּאָר וואָכן וואָלט איך באַדאַרפֿט זײַן בײַ אַלע מײַנע מיטאַרבעטער אין דער היים. כ'וויל אָבער ניט, עס זאָל טראָגן דעם כאַראַקטער פֿון אָפּיציִעלע וויזיטן. בעסער פֿון אַלץ איז קלוימערשט צופֿעליק אַרײַנגיין. כ'זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך צו דאָרען אַרײַן נאָך הײַנט...

6 מײַ.

ווען אינעם צימער זײַנען אַלע טישלעך פֿאַרנומען און נאָר איינס איז פֿרײַ, וואַרפֿט זיך אין די אויגן גראָד דאָס דאָזיקע פּוסטע טישל. דאָרע קומט ניט דעם דריטן טאָג. סערגיי סובאָטין האָט מיר איבערגעגעבן פֿון איר אַ צעטעלע. זי שרײַבט, אַז זי האָט ניט, אַף וועמען איבערצולאָזן די קראַנקע מוטער. דאָס צעטעלע האָב איך אַרײַנגעלייגט אין טײַסטער. צוליב וואָס? ניט אומזיסט זאָגט מען: אַ באָרד איז אויסגעוואַקסן און קיין סייכל איז ניט צוגעקומען.

וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען קריכן ניט אַ מענטשן אין קאָפּ אַרײַן! אָקאָרשט האָב איך געבראַכן דעם מויעך איבער אַ קאָמפּליצירטער מאַטעמאַטישער פֿאָרמולע, פֿיבערהאַפֿט געזוכט אַ נײַעם קער און ווענד אין אַ וויכטיקער קאָנסטרוקציע, און אָט טראַכט איך שוין גאָר וועגן עפּעס אַנדערס, שיידים ווייסן וועגן וואָס. ווײַזט אויס, דער מויעך דאַרף אויך האָבן אַ שפּאַרונקעלע, אַ מין פּאַפּענס ווענטיל, וואָס לאָזט אַרויס פֿונעם קעסל דעם איבעריקן דאַמף.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ווען איך טו אַ טראַכט וועגן דאָרען, קומט מיר גלײַך אַרויף אַפֿן זינען סערגיי סובאָטין. נעכטן נאָך דער אַרבעט האָב איך אים פֿאַרגעלייגט, מיר זאָלן ביידע צוגיין צו דאָרען אַהיים. ער האָט זיך פֿאַרלוירן, אַפֿילע פֿאַרויטלט זיך, הײַנט האָט ער געבראַכט פֿון איר דאָס צעטעלע... כ'דערמאָן זיך, אַז דעם ערשטן טאָג האָב איך געזען, ווי ער האָט געדולדיק געוואַרט אַף דאָרען, קעדיי צוזאַמען מיט איר גיין עסן מיטיק. אָבער וואָס אינטערעסירט עס מיך? כ'קלײַב זיך ניט פֿאַרליבן, ווי אַ ייִנגל, פֿירן ראָמאַנען מיט די מיטאַרבעטערנס. סובאָטינען סימפּאַטיזיר איך פֿון דער ערשטער מינוט אָן. אויב ס'איז בײַ זייביידן אָן עמעסע ליבע, איז זייער גוט. איך האָב אָנגעשריבן די ווערטער „זייער גוט“ און טראַכט איצט, צי איז עס אויפֿריכטיק? נו, גענוג וועגן דעם.

אין אָוונט בין איך געווען אין מעטאַלורגישן אינסטיטוט, וווּ מײַן אַלטער גוטער באַקאַנטער, דער געוועזענער שעף פֿונעם וואַלץ־צעך וויקטאָר פּעטראָוויטש אַלכאָוואָי האָט פֿאַרטיידיקט זײַן דיסערטאַציע. איך בין בײַגעווען אין מאָסקווע אַף צענדליקער פֿאַרטיידיקונגען פֿון דיסערטאַציעס, נאָר אַף אַזאַ, ווי די הײַנטיקע, איז מיר אויסגעקומען צו זײַן דאָס ערשטע מאָל.

כ'ווייס ניט, צי דאָס איז געווען אַ מײַלע, נאָר די גרעסטע אַודיטאָריע פֿון אינסטיטוט איז געווען געפּאַקט. אַ היפּשע צאָל מענטשן זײַנען אַראָפּגעקומען פֿון אַנדערע שטעט. ס'זײַנען געווען קאָרעספּאָנדענטן, ס'האָבן געלויכטן פּראָזשעקטאָרס פֿון דער קינאָ־כראָניק.

וויקטאָר פּעטראָוויטש אין די שוואַרצע ברילן און אין בלויען אָנצוג, וועלכן כ'האָב געזען אַף אים פֿאַראַיאָרן, האָט זיך קענטיק נערווירט. ער האָט ניט גערן און אַ ביסל פֿאַרלוירן געענטפֿערט אַף די באַגריסונגען פֿון אייניקע אומגעדולדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעײַלט אים באַגריסן פֿאַר דער צײַט. אין זאַל איז געווען פֿײַערלעך און יאָמטעוודיק. ס'האָט זיך ניט געבונדן מיט דער פֿאָרשטייענדיקער ערנסטער, אַלזײַטיקער באַהאַנדלונג פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. ס'איז מיר שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלן, וויאַזוי ס'וועלן בײַ אַזאַ געהויבענער שטימונג דורכגיין די דעבאַטן. אַף אַ סאַך פּענעמער האָט מען געקאָנט איבערלייענען די מיינונג, אַז ווי שוואַך די דיסערטאַציע זאָל ניט זײַן, וועט קיין איין מיטגליד פֿונעם ראַט ניט וואָגן אַרײַנצוּוואַרפֿן אַ שוואַרצע קויל. וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט געוויס געפֿילט די פֿײַערלעכע אַטמאָספֿער, און דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַגמעסנפֿעש.

אַלכאָוואָיס דיסערטאַציע איז אַ דיק בוך, דערווײַל נאָר אָפּגעדרוקט אַף דער מאַשינקע אין צען עקזעמפּליאַרן. צום סאָף פֿונעם בוך איז אָנגעגעבן אַ צעטל פֿון ליטעראַטור, מיט וועלכער דער אווטאָר האָט זיך געניצט. די רעשימע אַנטהאַלט העכער הונדערט נעמען. דעם דאָזיקן באַרג ביכער האָט אַלכאָוואָיען געלייענט די פֿרוי זײַנע, נאַטאַליאַ איוואַנאָווּנאַ, ער האָט דאָס אַלץ ניט בלויז געדאַרפֿט פֿאַרגעדענקען, נאָר אַנאַליזירן און מאַכן פֿון דעם אויספֿירן.

איך האָב געלייענט די דיסערטאַציע. פֿאַראַן אייניקע שוואַכע ערטער, אומקלאָרקײַטן, אָבער אַזאַ אַרבעט — האַלעווײַ אַף אַלע זעעוודיקע געזאָגט געוואָרן.

די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן, און איך האָב פֿאַרגעסן וועגן אַלע מײַנע ספּייקעס בענעגייע דער שטימונג, דער אַטמאָספֿער, וואָס הערשט אין זאַל. איצט האָט זיך מיר שוין גאָר ניט געדוכט, אַז די באַגײַסטערונג, דער יאָמטעוו, די דערהויבנקײַט זײַנען איבעריק. ס'איז טאַקע געווען

א יאָמטעוו, א טריומף פון מענטשלעכן געדאנק און ווילן. וויקטאָר פעטראָוויטש האָט פון אָנהייב שטיל, מיט א ציטערנדיקער שטים, דערנאָך הויך, מיט א פעסט, זיכער קאָל געגומען דערציילן וועגן די רעזולטאטן פון זײַנע אויספאָרשונגען, אָפּעריִרט דערבײַ מיט א סאך זייער קאָמפּליצירטע פאָרמולעס, מיט פארשיידענע אָנגאבן און מיט די אנאליזן פון די אריבער פופציק עקספּערי־מענטאלע שמעלצונגען, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אין מארטען־צעך.

דער אָפּיציעלער אָפּאָנענט, א כאַשעווער פּראָפעסאָר, האָט געשײַנט. ער האָט זיך ניט געקאָנט באהערשן און האָט ניט אָנגעוויזן אף קיין איין כיסאָרן. זײַן ארויסטרעטונג איז געווען הוילער לויבגעזאנג. דאָס האָט א ביסל אָפּגעשוואכט דעם אלגעמיינעם אײַנדרוק. אָבער גאנץ מעגלעך, אז ווען איך זאָל זײַן דער אָפּאָנענט, וואָלט זיך בא מיר אויך ניט געעפנט דאָס מויל אָנצוווײַזן אף די שוואכערע שטעלן. סאָפעקאָלסאָף איז ניט פאראן אזא ווערטפולער שטיין, וועלכן מע זאָל שוין מער ניט דארפן און ניט קאָנען שלײַפן.

וויקטאָר פעטראָוויטש האָט לויט דער אלטער געוווינשאפט געווישט די ברילן, האלטנדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן. נאָר איין מאָל, אף איין רעגע, האָט ער אופגעהויבן די אויסגעברענטע לעכער, ווי ער וואָלט וועלן מאכן פאר מעגלעך דאָס אומעגלעכע און א קוק טאָן אפן זאל.

שפעט אין אָוונט האָט מען געמאָלדן, אז וו. פּ. אָלכאָוואָי האָט באקומען דעם טיטל קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן. צענדליקער מענטשן האָבן מיט מאטערניש דורכגעשלאָגן זיך צו וויקטאָר פעטראָוויטשן, קעדיי א דריק טאָן די האנט אים און זײַן פרוי. נאטאליא איוואנאָוונא איז געשטאנען הארט לעבן אים. אלע איבערלעבונגען, אלע פריידן און אלע ליידן פון איר מאן האָבן זיך אָפּגעשפיגלט אף איר אויסגעמאטערטן פּאָנעם. אין די אויגן זײַנען געשטאנען טרערן.

איך האָב זיך אויך דורכגעשטופּט און באגריסט מײַן פרײַנט. כ'האָב שוין געוואָלט אוועק־גיין, נאָר וויקטאָר פעטראָוויטש האָט א מאך געטאָן צו מיר מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיך וועלן פארהאלטן. מיר האָבן זיך ביידע פארשטאנען, זיך ארומגענומען און צעקושט.

מאָרגן וועל איך אומבאדינגט בא אים זײַן. מיר האָבן וועגן וואָס צו ריידן.

פון אינסטיטוט בין איך, ווי מײַן טעווע איז, אוועק צופוס. איך בין געגאנגען איבער דער גאס, ווּ עס וווינט הירשל גוטיס. די פענצטער פון זײַן שטיבל האָבן געלויכטן, און ס'האָט זיך מיר געוואָלט ארײַנגיין, נאָר ס'איז שוין געווען שפעט, און כ'האָב בלויז זיך צוגעזעצט אף דער באנק לעבן דער קאליטקע. אונטערגעיאָגט דורכן פײַכטן יאם־ווינט, וואָס האָט מיר געבלאָזן אין רוקן, האָב איך זיך אומגעקערט אהיים.

7 מײַ.

הײַנט איז זונטיק. די שטאָט רוט, נאָר די רו איז א פארשטערטע. לאנגזאם טראָגט זיך פון גאנצפרי טרויעריקע מוזיק — דער אָרקעסטער פון „יוזשסטאל" שפּילט מאָצארטס „רעקוויעם".

אינעם הײַנטיקן נומער „זא מעטאל" איז אָפּגעדרוקט א יעדיע וועגן דעם אומקום פון דעם יונגן ארבעטער פון „יוזשסטאל" דעם דרוזשיניק יעפים כאיט. דעם באָכער האָב איך ערשט אייערנעכטן געזען אינעם עקספּערימענטאלן צעך, כ'האָב אים באוויזן די צייכענונג פון איינער א דעטאל פאר אונדזער לאבאָראטאָריע, דערנאָך בין איך א ווײַלע געשטאנען לעבן אים און צוגעקוקט, ווי ער ארבעט. אן אכצן־נײַנצניאָריקער כעווערמאן מיט ווײַסע ברעמען, מיט א העלן פוך, וואָס באשאָטנט די אייבערשטע ליפּ. ער האָט מיר געזאָגט, אז פאראיאָרן האָט ער פארענדיקט צען קלאסן און רעכנט לערנען ווײַטער אין אינסטיטוט.

איצט ליגט ער א טויטער אין קולטור־פּאלאץ פון די מעטאלורגן אף דער לענין־גאס.

די טראגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קאפע אפן ברעג יאם באם האפן. דערשטאָכן האָט אים א צעבושעוועטער כוליגאן, וועלכן די דרוזשיניקעס האָבן געפּרווּט פארהאלטן. דאָס באָכערל איז אין שפּיטאָל אויסגעגאנגען, ניט קומענדיק אפילע צום באוווסטזײַן.

אף א לאסטמאשין לעבן קולטור־פּאלאץ שטייט א זילבערנע פּיראמידע. אין איר איז אײַנ־געפאסט יעפימס פאָטאָגראפיע. ס'איז א העלער, זוניקער טאָג, און אף דעם באָכערס פּאָנעם שײַנט א ליכטיקער אויסגוס פון שטראלן. ווען עס לויפט אָן א וואָלקן, ווארפן זיך פריִער פאר אלץ אין די אויגן די ווײַסע ברעמען, ווי אויסגעברענטע אף דער זון. אונטערן פּאָרטרעט איז אויסגעקריצט דער נאָמען און צוויי דאטעס מיט אן אינטערוואל צווישן זיי פון נײַנצן יאָר.

דורך דער טיר פון קולטור־פּאלאץ פליסט אן אומענדלעכע קאָלאָנע, אָן א ברעג און סאָף.

איך קוק אפן פאָטער יאקאָוו מיכײַלאָוויטש, וואָס שטייט צוקאָפּנס פונעם אָרן. פאר איין טאָג איז יאקאָוו מיכײַלאָוויטש געוואָרן א זאָקן, דער קאָפּ — אראָפּגעלאָזט, די אויגן — געשלאָסן. אָט עפנט ער זיי, טוט מיטן גאנצן גוף א ציטער, ווי ער וואָלט וועלן פון די אײַנגעבויגענע פּלייצעס אראָפּטרייסלען א שווערע אומגעהייערע לאסט, און מיט א פארשטיקטער כליפּערײַ פארמאכט ער ווידער די אויגן.

דער אַלטער בעסוילעם האָט אַמאָל זיך געפֿונען ווייַט הינטער דער שטאָט, הינטער די ווינטמילן. פֿון די מילן מיט די הילצערנע פֿליגל איז שוין לאַנג קיין זייכער ניטאָ. איצט קאָן מען צום בעסוילעם צופֿאָרן מיטן טראַמווייַ. עס פֿירט אַהין אַ גלייַכע גאַס מיט הויכע מויערן. אַ קליינע לאָנקע איז די מעכיצע צווישן די לעבעדיקע און טויטע.

דער שוימער — אַ קרעפּטיקער ייִד מיט רויט־אָנגעשפּיקעוועטע באַקן, האָט געפּאַרבט די אייַזערנע שטאַכעטן אַרום איינעם אַ קייווער. לעבן שוימער איז געשטאַנען אַ פֿרוי, וואָס האָט, אַפּאָנעם, באַוויזן גוט זיך אויסוויינען אויפֿן בערגל ערד. זי האָט געקוקט אויף דער אַרבעט פֿונעם מאַליער און מיט אַ הייזעריקער געבראָכענער שטים געבעטן אים, ער זאָל זיך נאָכאַמאָל דורכגיין מיטן פּענדזל.

נאָך דעם, ווי מע האָט מעקאַבער געווען דאָס באָכערל דעם דרוזשיניק, בין איך אַוועק צום אָרט, וווּ עס זייַנען געווען די קוואָרים פֿון מייַנע עלטערן. כ׳האָב זיי ניט געפֿונען. די געוויקסן האָבן זיך אַזוי איבערגעפּלאָכטן איינער מיטן צווייטן, אַז עס איז שווער געפֿינען אַ סימען פֿון אַ בערגל.

אַ טויט־מידער האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים, אין מייַן באַזונדערער דירע, און ס׳האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט, אַז אין קיך זאָל זייַן אַ שכיינע, אַפֿילע אַ שלעכטע. עס האָט מיר געשווינדלט אין קאָפּ, ס׳האָט מיר געדוכט, אַז דאָס האָב איך הייַנט מייַן טאָכטער געבראַכט צו קווורע. איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז ווינציק ווער פֿון מייַן דאָר, פֿון די, וואָס זייַנען די ערשטע אַוועק אויף דער מילכאָמע, איז געשטאָרבן מיט זייַן נאַטירלעכן טויט.

אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די פֿיס די שיך, האָב איך זיך צוגעלייגט און גלייַך אַנשלאָפֿן געוואָרן. ווען איך האָב זיך אופֿגעכאַפּט, איז שוין געווען גוט פֿינצטער. לויט דער אַלטער טעווע, נאָך פֿון די צייַטן, ווען איך בין געשטאַנען באַם וואַלץ־געשטעל, האָב איך זיך באַגאָסן מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער און, אַן אָפּגעפֿרישטער, זיך געלאָזט גיין צו כאַיִטן מענאַכעם־אָוול זייַן.

אין דער טיר האָט מען ניט געדאַרפֿט קלאַפּן, זי איז געשטאַנען אָפֿן. אין צימער איז געווען היפּשלעך מענטשן, מען איז אַרייַן שווייַגנדיק, געשטאַנען אַ ביסל און אַרויס. כאַיִטס שוויגער האָט געהאַלטן די פֿאַרשלאָפֿענע קינדער, צוויי קליינע ייִנגעלעך, זיך אויסטאָן און האָט זיי, קושנדיק און גלעטנדיק, אַרייַנגעלייגט אין די בעטלעך. יאַקאָוו מיכײַלאָוויטשעס ווייַב איז געזעסן אויפֿן דיוואַן, אַרומגערינגלט מיט פֿרויען. ער אַליין איז אַרומגעגאַנגען פֿון ווינקל צו ווינקל און יעדעס מאָל זיך אָנגעשטויסן עפּעס אויף אַן אַנדער זאַך, וואָס האָט אים באַנייַס אָפּגעבריט מיט פֿרישער דערמאָנונג.

— בייס ער איז געווען אַ קליינער, האָט ער ליב געהאַט צושפּיליען צום העמדל מייַנע מעדאַלן. איך פֿלעג הייסן זיי גלייַך אַראָפּנעמען, ווייַל דאָס זייַנען ניט קיין שפּילעכלעך, איך האָב אַ סאַך מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, און מיך האָט דער מאַלעכהאַמאָוועס געשוינט...

פֿאַרשטיקט, מיט אַ כריפּ האָט ער זיך צעוויינט.

— די לעצטע צייַט פֿלעגן מיר נאָך דער אַרבעט צוזאַמען גיין אַהיים. מיר זייַנען געגאַנגען איבער דער הילצערנער קלאַדקע פֿאַרבייַ די צעך־קאָרפּוסן, פֿאַרבייַ די דאַמנעס, און אַלע, וואָס זייַנען אונדז געקומען אַנטקעגן, האָבן גלייַך דערקענט, אַז דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ זון. איך האָב זיך שוין געגומען גרויסן מיט אים. ס׳איז מיר געווען געפֿעלן, וואָס ער וואַקסט אַ מענטש. — יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט ווידער אַ כליפּע געטאָן. דאָס ווייַב זייַנס האָט זיך ווי אופֿגעכאַפּט, אַראָפּגעשטעלט די פֿיס אין די זאָקן אויפֿן דיל און אַ צייַט געהאַלטן די הענט אויפֿן שטערן, געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען. און ער האָט עפּעס נערוועז געזוכט צווישן דעם באַרג העפֿטן. ענדלעך געפֿונען און מיט ציטערנדיקע פֿינגער מיר דערלאַנגט אַן אופֿגעמישט העפֿט.

— טוט נאָר אַ לייען, וואָס דאָס ייִנגל האָט אין צענטן קלאַס געשריבן וועגן דעם, ווער ער וואָלט וועלן זייַן.

„איך וויל זייַן ענלעך אויף זייער אַ סאַך מענטשן. כ׳וויל קענען שפּראַכן, ווי דער אַקאַדעמיקער מאַר, פֿיזיק — ווי דער אַקאַדעמיקער יאָפֿע. כ׳וויל לויפֿן, ווי וולאַדימיר קוץ, און קענען די גאַנצע וועלט, ווי דער אַקאַדעמיקער אָפּאַרין. אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך, ווייל איך כאָטש זייַן ענלעך אויף איין מענטשן — אויף מייַן טאַטן“.

איך האָב עס איבערגעלייענט און אַ האַרט קנייַלכל האָט פֿון סאַמע האַרצן זיך אופֿגעהויבן און געבליבן שטעקן אין האַלדז, אַזוי, אַז ווען כאַיִט דער פֿאָטער האָט געפֿרעגט בא מיר: „אַ, וואָס זאָגט איר?“, האָב איך ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

און נאָכאַמאָל האָב איך זיך פֿאַרטראַכט וועגן מייַן טאָכטער. פֿון איר איז ניט געבליבן קיין שום אָנדענק. כ׳ווייס ניט, אויף וועמען זי האָט געוואָלט זייַן און אויף וועמען זי איז געווען ענלעך...

9 מײַ.

טיף נאַכט. דאָס גרויסע הויז איז אײַנגעהילט אין רו און שטילקײַט. בלויז פון איין זײַט — פון דער דאָרעמדיקער, ווו עס געפינט זיך דער זאַוואָד, דערגייט אהער א טויבלעך גערודער. דער וועכטער פונעם מאַגאַזין מאַטערט זיך, ווײַל בײַקומען דעם דרעמל, וואָס באַפאַלט אים אין אָט דער שפּעט־נאַכטיקער שעה, ערעוו באַגינען. א פאַרצײַטיק לאָקאָמאָטיוול — די „קוקושקע", וואָס וויל נאָך אַלץ לעבן אױף דער וועלט, וואַרט יעדעס מאָל א ביסל אויס, ביז די אויגן באַם וועכטער שליסן זיך, און דאַן גיט עס א הילכיקן פײַף: „שלאָף ניט".

אינעם הויכן הימל צייכענען זיך די סילועטן פון די זאַוואָדישע קאָרפּוסן. די פאַרטאָגיקע גרויקײַט האָט אײַנגעהילט די טרויב פון דער עלעקטראָסטאַנציע, א שאָטן ליגט אױף דער טומבע, וואָס איז באַקלעפּט מיט מעלדונגען און אַפישעס.

פריִער פאַר אַלץ דערזעט מען דעם קאַיאָר אױף די יונגע, ניט לאַנג פאַרזעצטע ביימלעך אינעם סקווער. זיי שאָקלען מיט די דינע שטאַמען און ס'ציטערט אױף זיי יעדעס בלעטעלע. די פיר־שטאָקיקע מויערן זעען אויס גרינג און איידל, די קאַרניזן אױף דער מיזרעך־זײַט ווערן ליכטיק. באַלד וועט זיך באַווײַזן אױף זיי דער ערשטער זונענשטראַל.

קורץ זײַנען די מײַ־נעכט. איך דערמאָן מיך דעם ערשטן שאָלעם־באַגינען, דעם ערשטן פרידלעכן פרימאָרגן, די זאַלפן לעקאָוועד דעם ניצאָכן, דאָס אויסגעטראָגענע, אויסגעליטענע, אויסגעוואַרעמטע און אויסגעטרוימטע בלוטיק־פאַרהאָרעוועטע וואָרט „פּאָבעדאַ"[1], וואָס האָט זיך דורכגעקײַקלט איבערן ערדקײַלעך מיט מער ווי אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוריק.

נאָך דער מילכאָמע האָב איך ניט ווינציק דערגרייכט. איך זאָל נאָר קאָנען אײַנשלאָפן און נאָכן אופכאַפּן זיך דערזען א לעבעדיקע די טאָכטער. אַזוי ווינציק און אַזוי פיל דאַרף א מענטש, ער זאָל זיך פילן גליקלעך.

לעקאָוועד יאָמטעוו האָב איך הײַנט זיך אויסגעקליבן צו מײַן אַלטן באַקאַנטן, מיט וועלכן זינט כ'בין געקומען צו פאָרן, איך גריס זיך נאָר פונדערווײַטנס. ווען כ'גיי אױף דער אַרבעט, הער איך, ווי דער יאַם טײַנעט אױף זײַן אײַנאַרטיק־ברומענדיקן לאָשן: „נו, ברודער־לעבן, ווען וועסטו זיך אַראָפּכאַפּן צו מיר? האָסט גאָר פאַרגעסן דעם בעסטן פרײַנט פון דײַן קינדהײַט, דעם טרײַסטן כאַוועיר פון דײַנע יוגנט־יאָרן?"

דעם אָנהייב און דעם סאָף פון א יאַם זעט מען געוויינלעך ניט. באַ מיר הייבט ער זיך אָן, ווי אַמאָל, הינטער דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, ריכטיקער, הינטער די וואַגאָנעס, וואָס שטייען שטענדיק, ווי אַפּצולאָכעס, אױף די ליניעס און פאַרשטעלן דעם וועג. איך בין דורכגעקראָכן אונטער איין וואַגאָן, אונטער א צווייטן, אויסגעטאָן די שיך, פאַרקאַשערט די הויזן און גענומען גיין לענגויס דעם ברעג.

וועגן א יאַם איז ביכלאַל ניט שײַעך צו זאָגן, אַז ער האָט זיך געביטן. דער קונץ פון א יאַם איז, וואָס אייביק איז ער דער זעלבער און יעדע ווײַלע — אַן אַנדערער. איין שטילע כוואַליע נאָך דער צווייטער האָט געשווענקט דעם זאַמד און אָנגענעם געגלעט מײַנע פיס. דאָס וואַסער איז געווען דורכזיכטיק־גרינלעך. אַפילע אָנדערהאַלבן מעטער פונעם ברעג האָט מען גוט געזען דעם דעק.

דער פּליאַזש איז געווען פול. די זון האָט געבראָטן, און דער יאַם האָט געקילט מײַנע לאַנדסלײַט.

א קינאָ־עקספּעדיציע האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט אױפן זאַמד מיטן גאַנצן האַקל־באַקל. זי דרייט א פילם „באַם בערינג־יאַם". די קינאָ־אַפּעראַטאָרס זײַנען אָפּגעגאַנגען מיט שווייס, זוכנדיק אױפן מילדן דאָרעם פּייזאַזשן, וואָס זאָלן פּאַסן פאַרן ווײַטן צאָפן. זיי האָבן געדאַרפט א גרויסע כוואַליע און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, עס זאָל זיך שטאַרקן דער ווינט. א בלאָנדהאָריק ייִנגל האָט רעפּעטירט זײַן ראָל: געלאָפן צום איבערגעקערטן שיפל, ווו ס'האָבן זיך, ציטערנדיק פון קעלט און פון שרעק, אויסבאַהאַלטן צוויי יונגע מיידלעך, זיך אָנגעבויגן צו זיי און מאָלע־געדולע אויסגעשריִען צום מאַנצבל, וועלכן ער האָט מיט זיך געבראַכט: „פּעטערל, אָט זײַנען זיי!" דעם רעזשיסער איז ניט געווען געפעלן, וויִאַזוי ער זאָגט עס, און דאָס ייִנגל האָט איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די זעלבע פראַזע. די קינפּטיקע צושויער פונעם פילם, וואָס זײַנען דערבײַ געשטאַנען, האָבן אים אונטערגעהאָלפן. א האַלבער פּליאַזש מענטשן האָט איבער־געכאַזערט: „פּעטערל, אָט זײַנען זיי!" ס'איז געווען א ביטערער ראַכמאָנעס אױפן ייִנגל, אָבער, ווי זאָגט מען עס, קונסט פאָדערט קאָרבאָנעס. דערפאַר, ווען ער האָט שוין אַרויסגעבראַכט „פּעטערל, אָט זײַנען זיי" ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס שאָפּענע פּעלצל, די הויכע אונטעס און איז א גליקלעכער אַרײַנגעשפּרונגען אין יאַם זיך אויסבאָדן.

1 — ניצאָכן.

זײַן באַם יאַם און ניט קלײַבן שטײנדעלעך און מויערקעפּלעך? אַלע װײַלע האָב איך זיך אָנגעבויגן און אופגעהויבן עפּעס אַ נײַ אויצערל. אַ פּאַרטראַגענער אינעם אײַסעק, האָב איך ניט באַמערקט, װי כ׳בין אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פונעם „טאַלקאַטש", מיט װעלכן איך האָב פאַראײַרן געװוינט אין אײן צימער אין האָטעל. פאַר דער צײַט, װאָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז ער געװאָרן נאָך העכער און נאָך דאַרער. ער האָט מיך מיט אַזאַ סימכע צוגעדריקט צו זײַן האַרטער, נאַסער ברוסט, פּונקט װי ער האָט דאָ געפּאַקט אַ דעפיציט שטיקל סכוירע.

— װאָס טוט איר דאָ װידער? — איז ער נײַגעריק געװוען צו װיסן.

איך האָב געענטפערט און דאַסגלײַכן זיך פאַרינטערעסירט, װאָס טוט ער.

— שױן די דריטע װאָך, װי איך קען ניט אַרויסבאַקומען קײן אײַזערנע פּרענטעס, — האָט ער געענטפערט, — איצט שליס איך מיך איבער אָף שפּונטן און שרויפן.

דער אָפּטימיזם פון דעם דאָזיקן מענטשן איז גאָר אײן לעשײַער.

די מײַלע און דער כיסאָרן פון ניט קײן גרויסער שטאָט איז דאָס, װאָס אָף שריט און טריט טרעפט מען באַקאַנטע. קימאַט אַלעמען, װעמען איך קען שױן, האָב איך געזען אָפן פּליאַזש. ניט װײַט פונעם „טאַלקאַטש" איז בימכילע מיטן פּופּיק אַרוף געלעגן לעװין. איך האָב געװאָלט פאַרבײַגײן, נאָר כ׳האָב דערזען זײַן פרוי. זי איז געזעסן לעבן אים אונטער אַ שירעם און, כ׳װײס אַלײן ניט פאַרװאָס, איבערן לײַב איז באַ מיר דורך אַ ציטער, װי דאַן, לעבן „דערזשפּאַטאַ".

— װוּהין שפּאַנט איר עס אַזוי צילגעװוּנדט? — האָט לעװין איראָניש געפרעגט, פאַריכטנדיק אָפן קאָפּ די װײַסע יאַרמלקע. — איך האָב באַמערקט, אַז עפּעס שפּאַצירט איר שטענדיק אַלײן. מע דאַרף אים צוזוכן אַ באַגלײטערן, — האָט ער אַ װוּנק געטאָן אָף מיר צו זײַן פרוי.

איך האָב אין פאַרלעגנהײַט געקוקט אָף איר. װוּנדערלעך, װי זי איז, פונדעסטװעגן, ענלעך אָף מײַן בראָניען.

מיר האָבן זיך באַקאַנט. זי הײסט ליזע. זי איז מיך מעכאַבעד געװען מיט סאָדע־װאַסער אין אַ פּאַפּירן טעפּעלע. דאָס װאַסער איז געװען קאַלט און געשמאַק.

איך האָב געבלאָנקעט אַזױ לאַנג, ביז כ׳האָב באַמערקט, אַז דאָס װאַסער באַם ברעג איז געװאָרן טונקעלער, דער זאַמד — שװאַרץ. פּלוצעם האָט מיר אַ גרילץ געטאָן אין די אויערן, װי מע װאָלט אויסגעשאָסן. ערגעץ גאָר נאָענט פון מיר האָבן קרעפּטיקע מאַנצבלשע שטימען הויך געגעדעט דײַטש. איך בין געװען אַזוי פאַרטיפּט אין דערינערונגען, אַז כ׳האָב אינסטינקטיװ זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט פאַר דער פּלײצע — אַראָפּצונעמען דעם אויטאָמאַט, מיט װעלכן איך האָב זיך צעשײדט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק. אין אַ האַלבער מינוט אַרום בין איך שױן געקומען צו־זיך און װידער געקליבן שטײנדעלעך. דײַטשישע מאַטראָסן האָבן געלאָדן אַ שיף און געפירט צװישן זיך אַ פרידלעך געשפּרעך. אַ ביסל װײַטער איז געשטאַנען אַ גריכישע שיף. אײנער אַ גריך, פון קאָפּ ביז פיס, דוכט זיך, אויסגעפּרעגלט אין בוימל, איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן, אַ שטויס געטאָן אין עלנבויגן און געפרעגט, צי דאַרף איך ניט קײן סוּװענירן: בראַש־קעלעך, בראַסלעטן, ער האָט אויך אַנדערע זאַכן. איך האָב אַ טרײסל געטאָן מײַנע קעשענעס:

צוליב װאָס דאַרף איך די פרעמדע אויצרעס? פּראָסטע פּאָלירטע שטײנדעלעך זײַנען פאַר מיר די בעסטע סוּװענירן אין דער װעלט.

15 מײַ.

אַרבעט איז פאַראַן אַ סאַך, כ׳קום אַהײם שפּעט און לײג זיך שלאָפן. כ׳שלאָף גיך אײַן אָן ליומינאַל, באַנאַכט כאַפּ איך זיך ניט אויף.

אין דער לאַבאָראַטאָריע באַ מיר אַרבעט איצט אויך דער אינזשעניער װאָראָנצאָװ, מיט װעלכן איך האָב זיך באַקאַנט פאַריקן יאָר. עס ציט מיך פּאַשעט צו אים אין שטוב. פּונקט װי דער מאָנטאַזשניק באַראַבישעװ, האָט ער אַן אַדאָפּטירטע טאָכטער. איך װײס גוט, אַז זי איז ניט מײַן קינד, נאָר עפּעס אַ נאַרישער פאַרלאַנג שטויסט מיך אַלעמאָל צו כאַפּן אַ קוק אָף איר. װען איך זע צװאַנציקיאָריקע מײדלעך, טוט אין מײַן האַרצן װידער אַ צאַפּל די האָפענונג. עס כאַפּט מיך אַרום ניט נאָר אַ טרויער, — אויך אַ בענקשאַפט. אַז מע בענקט, הײסט עס, גלײבט מען, אַז ניט אַלץ איז פאַרלאָרן.

אַנדרײ װאַסיליעװיטש װאָראָנצאָװ איז אַװעק אָף פּענסיע מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק. ער האָט זיך געקויפט אַ שטיבל אָף דער שטילער סאַדאָװער גאַס. װען איך בין אַרײַן צו אים אין פּאָדערצימער, האָב איך דערזען אַ סאַך דראָטן אָף אײנער אַ װאַנט. אונטער דער סאַמע סטעליע זײַנען געהאַנגען. צװײ לעמפּלעך, אַ גרינס און אַ רויטס, לעבן זײ — אַ גלעקל. אַלץ קימאַט װי אין גײַדאַרס דערצײלונג „טימור און זײַן קאָמאַנדע", דער אונטערשײד איז, װאָס דאָרט האָבן דאָס אַלץ געמאַכט קלײנע יינגלעך אָפן בוידעם, און דאָ האָט געמײַסטרעװעט באַ זיך אין צימער אַן אַלטער מאַן, אַן אינזשעניער.

— דאָס איז אַזוי זיך, פון ניט האָבן וואָס צו טאָן, נאַרישקייטן, — האָט אַנדריי וואַסיליע־וויטש אין פאַרלעגנהייט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, באַמערקנדיק מײַן פאַרוואונדערונג. — ווען א כעוורעמאַן שטעלט נאָר אַרײַן א פוס אין סעדל, צינדט זיך אָן דאָס גרינע לעמפּעלע און דאָס גלעקל קלינגט. קריכט דער באָכער ־ווי־טער, צינדט זיך אָן דאָס רויטע און עס קלינגט נאָך שטאַרקער. אָבער די סיגנאַליזאַציע ווערט ניט אויסגענוצט, — האָט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל, — די ייִנגלעך האָבן מיך אין דער לינקער פּיאַטע.

אָנגעצייכנט לויט אַלע קלאָלים — מיט טוש אויף וואַטמאַן־פּאַפּיר — איז אויפן טיש געלעגן א סכעמע פון דער שטוביקער באַהייצונג. אַנדריי וואַסיליעוויטש האָט אַזוי היציק גענומען מיר דערקלערן די אָריגינעלע קאָנסטרוקציע פונעם הייץ־אַגרעגאַט, וועלכן ער וויל בא זיך אין שטוב אײַנאָרדענען, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, צי וועט ער צוזאַמען מיט זײַן 71־יאָריקער פרוי און 96־יאָריקער מוטער ניט פרירן ווינטער צוליב די דאָזיקע עקספּערימענטן? דערבײַ האָב איך נאָך א טראַכט געטאָן, ווי לאַנגווײַליק עס מוז זײַן א מענטשן, אויב ער פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ מין דערפינדערײַ. אַך, ווי די יאָרן פליִען! גלײַך נאָך דער מילכאָמע, געדענק איך גוט, איז אין אַלע צײַטונגען געווען באַשריבן, וויאַזוי מע האָט אויף „יוזשסטאַל“ אויפגעשטעלט א דאָמנע, וועלכע די דײַטשן האָבן ניט באַוויזן אינגאַנצן צו פאַרניכטן. די שאַכטע פון דער דאָמנע האָט זיך געהאַט טיף אַראָפּגעזעצט. געדוכט האָט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר דע־מאָנטירן זי און בויען א נײַע. דער אינזשעניער וואָראָנצאָוו צוזאַמען מיט נאָך צוויי אינזשעניערן האָבן באַשלאָסן די דאָמנע אויפהייבן אויף אַן אָריגינעלן אויפן, און דער דרייסטער פּלאַן איז גלענצנ־דיק אויסגעפילט געוואָרן.

— איך קום ערשט פונעם יאַריד. געווען איז מײַן יאַריד א גרויסער און, מע קאָן זאָגן, א מאַזלדיקער, נאָר ס׳איז אַוואַדע בעסער צו פאָרן אויפן יאַריד איידער פון אים... מײַן לעצטע בויונג איז די זעקסטע קאָמיוגישע דאָמנע אויף „יוזשסטאַל“. זי האָט געגעבן דעם ערשטן טשוהון פונקט אינעם טאָג, ווען אונדזער אַניע איז אַלט געוואָרן נײַנצן יאָר...

געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז אַנדריי וואַסיליעוויטש אַנשוויגן געוואָרן, ווײַזט אויס, ניט געוואָלט מיך באַאומרויִקן מיט איבעריקע דערמאָנונגען.

וואָראָנצאָוו האָט דערציילט פאַרשיידענע געשיכטעס, און איך האָב אים פאַרשאַפט האַנאָע און אויפמערקזאַם געהערט. איך אַליין בין דאָך אויך א באַלן אויף דערמאָנונגען. צום סאָף האָב איך מיט אים געהאַט א זאַכלעך געשפּרעך: איך האָב אים פאַרגעלייגט צו ווערן אונדזער קאָנ־סולטאַנט. ער איז גערן מאַסקים געווען.

אָפּגעזעגנט זיך מיט אים, מיט דער טאָכטער און מיט איינער פון די זקיינעס (די אַנדערע, די עלטערע, האָב איך ניט געוואָלט באַאומרויִקן, זי ליגט אין בעט), בין איך אַוועק צו אַלכאָוואָיען, בא וועמען איך פאַרברענג די לעצטע וואָך יעדן אָוונט.

וווּנדערלעך, ווי וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט זיך שוין אויסגעלערנט „זען“ מיט די הענט, אָבער דאָס איז אים ניט גענוג.

— איך מוז, איך מוז עס זען מיט די אויגן, בלויז אָנטאַפּן איז ווינציק, — האָט ער אַנומלטן אויסגעשריִען מיט פאַרצווייפלונג אין קאָל, ווען כ׳האָב אים באַוויזן עפּעס א נײַע זאַך. — מיר דוכט, אַז דאַן, ווען כ׳בין געווען א זעעוודיקער, האָב איך ווייניק געזען, ווינציק זיך באַמיט צו פאַרגעדענקען. איך האָב געדאַרפט אַלץ פאַרקריצן אין זיקאָרן, ווי וואָלט דאָס מיר איצט צוניצגע־קומען! אַמאָל נעמט זיך מיר אויסווײַזן, אַז כ׳האָב פאַרגעסן, ווי עס זעט אויס א רולאָן, אַן אָנגע־גליטע רעלס, פליסיקער טשוהון, ס׳באַשלאָגט מיך א קאַלטער שווייס. איך פאַרשרײַב אַפּגיך, וואָס איך געדענק, און בעט דערנאָך בא דער פרוי איבערלייענען, כ׳זאָל זיך קאָנען איבערצײַגן, אַז איך האָב ריכטיק פאַרגעדענקט. אין שלאָף זע איך אַלץ גוט. פונדעסטוועגן איז מיר בעסער איידער די, וואָס זײַנען בלינדע געבוירן געוואָרן.

ווען מיר ווערן מיד, גייען מיר אַרויס אויף דער וועראַנדע, פון וועלכער עס זעט זיך דער יאַם. נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ איז מעכאַבעד מיט שטאַרקן טיי. וויקטאָר פּעטראָוויטש נעמט אַראָפּ די שוואַרצע ברילן. ביכלאַל טוט ער זיי אויס זעלטן. ער ווענדט דאָס פּאָנעם אַהין, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך דער רויש פון די כוואַליעס, און פרעגט שטיל, קינדעריש־בעניִמעסדיק:

— ער איז איצט גרין צי בלוי?..

19 מײַ.

אין אונדזער לאַבאָראַטאָריע, אויפן פענצטער, הינטער מײַן טיש, האָט זיך באַוויזן א וואַזע מיט בעז. ווער ס׳קומט ניט אַרײַן, פאַרקערעוועט צו דער וואַזע און כאַפּט א שמעק. די בלומען האָט געבראַכט דאָרע בינדער. כ׳שטעל זיך אַליין א ייִנגלשע פראַגע: פאַר וועמען איז ער, דער

בוקעט, — פאַר אַלעמען, צי פאַר איינעם? מער פון אַלעמען שמעקט דעם בעז דאַפקע דער ערנסטער, אייביק פאַרנומענער סערגיי סובאָטין, בייסמיײַסע קוקט ער אַף דאָרען.

סערגיי איז פאַרליבט. מע דאַרף ניט זײַן קיין גרויסער פיזיאָנאָמיסט אַראָפּצולייענען עס פון זײַן פּאָנעם. און ווי האַלט עס מיטן צווייטן צאַד? פרויען קענען בעסער פון מאַנצבלען אויסבאַהאַלטן זייערע געפילן. דער שידעך איז, דוכט זיך, א גוטער. און כ'וואָלט וועלן, אַז מע זאָל גיכער שפּילן די כאַסענע. א כאַסענע איז פאַר איינעם אַן אָנהייב און פאַר א צווייטן — א סאָף. איך פרעג זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: וואָס טראַכט איך גאָר אַזויפיל וועגן דעם? וואָס שטופּ איך זיך אַרײַן? איז מיר דען סאָפּקאָלסאָף ניט אַלצײַנס — די ליבע פון צוויי יונגע וועזנס, וואָס לויט זייער עלטער נאָך בין איך פאַר זיי א טאַטע?

סובאָטין איז א גרויסער האַרעפּאַשניק, איך בין געווען בא אים אין דער היים. דער גרויסער און שיינער טיש, וואָס איז צו אים אַריבער בעיערושע פון טאַטן, איז אין הוילע לעכעלעך, פּלעקן, קאַרבן. דער טיש איז א לאַבאָראַטאָריע, א וואַרשטאַט, א גאַנצער עקספּערימענטאַלער צעך. איין קאָנסטרוקציע ווערט צעשטערט, די אַנדערע הייבט אָן געבוירן ווערן. וווּנדערלעך, ווי בא אָט דעם יונגן מענטשן איז ניטאָ קיין שום כילעק צווישן זײַן אַרבעט אין זאַוואָד און אין דער היים. אין איין אָרט זעצט ער פאָשעט פאָר צו טאָן דאָס, וואָס ער טוט אין דעם צווייטן.

אין דער לאַבאָראַטאָריע בלײַבן מיר אָפט נאָך די זיבן אָפּגעאַרבעטע שאָען. איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, וויאַזוי א פאָרשער, אַן עקספּערימענטאַטאָר קאָן אַרבעטן פונקט פון אַזויפיל אַזייגער ביז אַזויפיל. אונדזערע עקספּערימענטן ענדיקן זיך קיינמאָל ניט גלײַך מיטן זאַוואָדישן הודאָק.

געוויינלעך בלײַב איך און סערגיי. זעלטענער — דאָרע. בא איר איז די מאַמע נאָך אַלץ קראַנק. ווען מיר בלײַבן מיט איר זאַלבעצווייט, פיל איך זיך א ביסל געבונדן, עפּעס שטערט עס מיר. געקטן זײַנען מיר דעם גאַנצן אָוונט געווען אַליין. זי האָט געצייכנט, איך האָב זיך פאַרנומען מיט מײַנע אַנאַליזן. פון אונדזערע ווײַטע ווינקלען האָבן מיר זיך דורכגערעדט איינער מיטן צווייטן. זי האָט מיר א ביסל דערציילט וועגן איר לעבן. איך איר — וועגן מײַנעם. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז דאָרע אַלט געווען אַכט יאָר. איצט איז איר אַכט און צוואַנציק.

— שוין אַן אַלטע, — האָט זי אַף א ווײַלע אַרויסגעלאָזט פון האַנט די רייספעדער. — ווען איך זאָל זײַן נאַטשאַלניק, — האָט זי אומגעריכט צוגעגעבן מיט א שמייכל, — וואָלט איך געגומען שעפּטום איבער אײַך, געטריבן אײַך בייסן מיטיק־איבערײַס עסן וואַרעמעס. איר האָט דאָך הײַנט ניט געגעסן, עמעס? כ'וואָלט זיך אפילע ניט געפוילט און געקומען צו אײַך אַהיים א קוק טאָן, ווי איר האָט זיך אײַנגעאָרדנט.

— פאַרוואָס קאָנט איר עס ניט טאָן, אויב איר זײַט אפילע ניט קיין נאַטשאַלניק? ביטע, איר וועט זײַן אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— איר זײַט דאָך, מיסטאָמע, קיינמאָל ניטאָ אין דער היים, — האָט זי געפונען וואָס צו ענטפערן.

בא אונדז איז אַרוף דאָס געשפּרעך אַף סערגייען. איך האָב אים געגומען לויבן.

— א טאַלאַנטפולער מענטש, — האָט זיך איר שטים קוים דערטראָגן צו מײַן ווינקל, — און זייער יונג. דער ייִנגסטער אין אונדזער לאַבאָראַטאָריע.

— יונגקײַט איז ניט קיין כיסאָרן. ערגער איז, ווען מען איז אַלט, — האָב איך אויסגעדראַשן־ריכטיק געענטפערט און זיך דערפילט אין פאַרלעגנהײַט, ווי כ'וואָלט געזאָגט א ליגן.

כ'ווייס ניט, צוליב וואָס בין איך צוגעגאַנגען צו איר. מיר זײַנען ביידע געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן וואַטמאַן־בויגן. מיט געמאַכטער אופמערקזאַמקײַט האָב איך געקוקט אַף דער איינפאַכער צייכענונג. דערנאָך, ווי מיר וואָלטן זיך צונויפגערעדט, האָבן מיר ביידע גלײַכצײַטיק זיך אויסגעגלײַכט און אופגעהויבן איינער אַפן צווייטן די אויגן. אירע אויגן האָבן מיך פאַרכידעשט. איך בין, באַרעכהאַשעם, אַן אַלטער הינערפרעסער. איך ווייס, וואָס עס באַטײַט אָט דער וואַרעמער, ווייכער, פאַרנעפּלטער בליק פון א פרוי. איך האָב זי אַרומגענומען. זי האָט געמאַכט א שוואַכן פּרווו אַוועקצונעמען מײַן האַנט און איז געבליבן שטיין אַנטקעגן מיר, ניט רירנדיק מיט קיין אייווער. איך האָב געפילט אַף מײַן שלייף איר וואַרעמען אָטעם.

אַף די עלטערע יאָרן איז א מענטש געבענטשט דערמיט, וואָס אים איז גרינגער זיך צו באַהערשן.

— אָט דאָ, — האָב איך אָנגעוויזן אַן אָרט אַף דער צייכענונג, — איז ניט אַלץ אין אָרדענונג.

— וואָס זשע דאַרף מען דאָ טאָן? — דער בלײַער אין איר האַנט איז פוילבלעך אַוועקגעקראָכן איבערן בויגן פּאַפּיר, די אויגן האָט זי מער ניט אופגעהויבן.

װען איך האָב זיך אומגעקערט אַהײם, האָב איך געטראָפֿן לעבן טיר לעװינען. ער איז געװען צופֿרידן, װאָס אים איז ניט אױסגעקומען צו װאַרטן ביז האַלבער נאַכט. אין די אָװנטן לײענט ער לעקציעס אױף קורסן, הײַנט איז ער גראָד פֿרײַ, און דעם אָװנט האָט ער באַשלאָסן פֿאַרברענגען בײַ מיר.

איך האָב אים אַרײַנגעפֿירט אין מײַן װױנונג, װעלכע איז נאָך אַלץ ניט אױסמעבלירט; כ'לײג אָפּ פֿון אײן זונטיק אױפֿן צװײטן דאָס אײַנהאַנדלען די פּאָטערשטולן, דעם טאָרשער און די אַנדערע זאַכן, װאָס מע קאָן קריגן אין מעבל-מאַגאַזין.

אַ ביסל פֿאַרכידעשט אָנגעקוקט די לײדיקלעכע דירע, האָט ער זיך אַװעקגעזעצט, אַװעקגעלײגט די הוט אױף די קני, און אָן איבעריקע װערטער, װי אײנער, װאָס פּטערט ניט אומזיסט קײן צײַט, מיך געבעטן אָנרופֿן די פֿאַמיליעס פֿון די מענטשן, װאָס פֿאַרנעמען זיך מיט אױטאָמאַטיזירן דעם רעלסן-צעך. די ביטע האָט מיך היפּש פֿאַרװוּנדערט, ער אַלײן אַרבעט דאָך אינעם טעכנישן אָפּטײל און איז גוט אינפֿאָרמירט. איך האָב אים בעקיצער דערקלערט, אַז עס נעמען אָנטײל די מיטאַרבעטער פֿון דער לאַבאָראַטאָריע, אױך אַלכאַװאַי און װאָראָנצאָװ.

— און אַלע װעלן שטײן אינעם צעטל? — האָט ער איראָניש געפֿרעגט.

איך האָב אָנגעשטעלט אױף אים אַ פּאָר אױגן: פֿון קײן שום צעטל האָב איך קײן אָנונג ניט געהאַט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך פֿונעם „כאַסן" דערהערט, אַז מיר װעלן, װאַרשײַנלעך, פֿאַר אונדזער אַרבעט גוט פּרעמירט װערן, עס גײט אַ רײד װעגן דעם.

— כ'גלײב, איר װעט מיך אױך אַרײַננעמען אין דער כעװרע? — האָט ער אַ שמײכל געטאָן, װי אַ מענטש, װאָס איז זיכער, אַז אָן אים װעט זיך די כאַסענע ניט באַגײן.

איך האָב אים גאַנץ טרוקן געענטפֿערט, אַז דערװײַל איז נאָך זײער פֿרי צו טראַכטן װעגן דעם. מיר זײַנען אָקאָרשט ערשט אַרײַנגעקראָכן אין דער אַרבעט, נאָר אױב מע װעט אַמאָל יאָ דאַרפֿן אױפֿשטעלן אַ צעטל, װעלן אין אים, פֿאַרשטײט זיך, פֿיגורירן נאָר די, װאָס האָבן פֿאַקטיש אָנטײלגענומען אין איר.

— לאָמיר זיך ניט מאַכן נאַריש און זיך ניט פֿאַרנעמען מיט קײן פּוסטע דיבורים, — האָט ער אַ גלעט געטאָן דעם ראַנד פֿון זײַן הוט און אַריבערגעלײגט זי פֿון אײן קני אױף דער צװײטער. — װען ניט דער בלינדער אַלכאַװאַי, װאָלט קײנעם אין קאָפּ ניט געקומען דער געדאַנק װעגן פּרעמיעס... איר זײַט, װײַזט אױס, גאָר ניט קײן נאַר, איר האָט געװוּסט, מיט װעמען זיך אײַנצושפּאַנען... אױסגערעכנט מאַטעמאַטיש פּינקטלעך...

— װאָס האָב איך אױסגערעכנט? — האָט אין מיר אַלץ אױפֿגעקאָכט.

די אַרבעט מײַנע, װאָס כ'האָב נאָך אָנגעהױבן אַ צײַט פֿריִער, אין מאָסקװע, און װאָס איז, אײגנטלעך, דער גאַנצער זין און אינטערעס פֿון מײַן לעבן, די האָרעװאַניע און שעפֿערישע ערלעכקײַט פֿון אַלע מײַנע מיטאַרבעטער, די לאַנגע אָװנטן צוזאַמען מיט אַלכאָװאַיען, װוּ יעדע קלענסטע דערגרײכונג קומט אָן מיט אַזױפֿיל מאַטערניש און מעסירעסנעפֿעש, יעדער געדאַנק, אײַנפֿאַל, אַנדײַט, װאָס פֿאַרשאַפֿט פֿרײד, און אָפּטמאָל, װען ס'באַקומט זיך ניט, עמעסן צאַר, — דאָס אַלץ האָט באַקומען בײַ אָט דעם מענטשן גאָר אַן אַנדער אױסטײַטשונג, אַ געמײנעם זין.

— מײנט ניט, אַז בײַ אונדז זײַנען אַלע נאַראָנים און נאָר איר אײנער, אַן אָנגעפּאָרענער, זײַט אַ כאָכעם! — האָבן זײַנע זאַפּטיק-פֿולע ליפּן זיך פֿאַרקרימט.

דאָ האָב איך ניט אױסגעהאַלטן, אָנגעכאַפּט אים פֿאַרן עלנבױגן און אַ שטופּ געטאָן צו דער טיר.

פֿון מײַן קונץ איז ער געװאָרן אַזױ איבעראַשט, אַז ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן פֿון די טרעפּ מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט װי איך װאָלט אים נאָך אַלץ אונטערגעשטױסן. אונטן, בײַם אַרױסגאַנג, האָט ער עפּעס אױסגעשריִען.

דער דאָזיקער צופֿאַל האָט אַפֿילו אױפֿגעהױבן בײַ מיר די שטימונג. נאָך דעם „כאַסנס" לעך-לעכאָ האָב איך אַ היפּשע װײַלע אומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער און מונטער געבראָמט אַ לידל...

20 מײַ.

יעדן טאָג, צען אַזײגער אינדערפֿרי, איז בײַם דירעקטאָר אין קאַבינעט אַן אָפּעראַטיװקע. עס נעמען זיך צונױף אױף אַ קורצער באַראַטונג די אָנפֿירער פֿון די צעכן און פֿון די װיכטיקערע אָפּטײלן. הײַנט האָט מען מיך אױך אײַנגעלאַדן אױף דער זיצונג. װוּ װער עס זיצט, איז אײַנגעשטעלט נאָך פֿון פֿאַר דער מילכאָמע. דאָס איז שױן אַ טראַדיציע. װען מע האָט זיך אומגעקערט פֿון דער עװאַקואַציע, האָט מען װידער זיך אױסגעזעצט אין דער זעלבער אָרדענונג, װי מען איז

געזעסן פריִער, פונקט ווי מע וואָלט אינערגעץ ניט געהאַט אוועקגעפאָרן. אויבן־אָן זיצט, גע־ווײנלעך, דער דירעקטאָר. צו זײַן שרײַבטיש איז צוגעשפּאַרט א צווילינגל — צוויי טישלעך פון די שטעלפאַרטרעטערס, דערנאָך ציט זיך לענגויס דעם גערוימען צימער דער טיש, וועלכן עס פאַרנעמען די קאָמאַנדירן פון דער אונטערנעמונג. אפן ערשטן שטול פון רעכטס זיצט דער שעף פון דאַמנע־צעך, אנטקעגן אים — דער שעף פון מאַרטען־צעך, אאַוו. סטעפאַן אלעקסאַנדראָוויטש האָט מיר אָנגעוויזן אף מײַן אָרט, איך זיץ א צונויפגעפּרעסטער צווישן בליומינג און רעלסן־צעך.

לויט דעם נאָך, ווי מע זיצט, גיט יעדער שעף אָפּ זײַן ראַפּאָרט. ער הייבט אָן פונעם צו־שטאַנד פון דער זיכערהײַט־טעכניק. ס'איז געווען אָנגענעם צו הערן פון יעדן איינע און די זעלבע פראַזע: „קיין אומגליקס־צופאַלן און טראַוומעס זײַנען ניט געווען".

מאַכמעט דעם, וואָס איך בין דאָ צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך דערלויבט ריידן א ביסל מער. דערעכאַגעוו האָב איך געזאָגט, אז איך האָב שוין געהאַט די מעגלעכקײַט צו באַמערקן בא איניקע מענטשן א געוויסע גרינגשעצונג צו דער לאַבאָראַטאָריע, און דאָס איז זייער שלעכט. צו דער לאַבאָראַטאָריע דאַרף מען זיך באַציִען פונקט אזוי, ווי צו די וויכטיקע צעכן.

— דאָס מיינט ער אײַך, — האָט סטעפאַן אלעקסאַנדראָוויטש אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שעף פון באַזאַרגונגס־אָפּטייל, וואָס זיצט בא א באַזונדער טישל לעבן פענצטער. די מערהײַט טײַנעס און אָנקלאָגעס זײַנען געווען צו אים. ער הייסט נאָום געדאַליעוויטש, אָפּטמאָל רופט מען אים פּאָשעט — געדאַליטש. ער האָט אָן אײדל, בלייכלעך פּאָנעם, א הויכן שטערן און א קלוגן שמייכל. אפן טישל ליגט בא אים א מאַנטשינק בלאָקנאָטל, ווו ער פאַרצייכנט פון צײַט צו צײַט עטלעכע ווערטער מיטן רויטן אָדער בלויען שפּיץ פונעם בלײַער. דערבײַ איז בא אים א גוט־האַרציקע, א ביסל איראָנישע מינע פון א מענטשן, וואָס איז שוין געווינט, אז אין אלץ איז ער שולדיק. א רויקערן, א מער געלאַסענעם פאַרשוין האָב איך מײַן לעבן ניט געזען. ס'איז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלן, אז דער דאָזיקער קאַלטער לונג־און־לעבער טראָגט אף זיך דעם אָל פון באַזאָרגן מיט אלעם נייטיקן אזא גיגאַנטישע ווירטשאַפט, ווי „יוזשסטאַל".

איך האָב אויסגערעכנט די אפּאַראַטור, וועלכע אונדזער לאַבאָראַטאָריע דאַרף דרינגענ־דיק האָבן.

— איין העלפט וועט איר קריגן סאָף וואָך, — האָט געדאַליטש א גראַבל געטאָן אין זײַן פינקעסל מיטן רויטן שפּיץ בלײַער, — די צווייטע העלפט אף דער אנדערער וואָך, — האָט ער א דראַפּע געטאָן מיטן בלויען שפּיץ.

— פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן...

— צווייפלט ניט, נאָום געדאַליעוויטש איז בא אונדז א וואָרט־מענטש, — האָט סטעפאַן אלעקסאַנדראָוויטש מיך באַרויקט.

— זעלטן־ווען געדאַליטש פירט אונטער, — האָט מיר ארײַנגעדונערט אין אויער מײַן שאָכן, דער שעף פונעם בליומינג.

א געבענטשטער „סנאַבזשענעץ", האָב איך א טראַכט געטאָן, געוויינלעך זידלט מען זיי נאָר און קיינער פאַרטיידיקט ניט. ס'איז בא די באַזאָרגער שוין אזא ביטערע מלאָכע.

נאָך דער אָפּעראַטיוקע, ווען איך בין צוזאַמען מיט אלעמען ארויס אין קאָרידאָר, האָט סטעפאַן אלעקסאַנדראָוויטש מיט זײַן געוויינלעכן אימפּעט און האַסט אָנגעיאָגט מיך און ארײַנגע־רופן צו זיך אין קאַבינעט.

— וואָס איז דאָרטן פאָר׳געקומען בא אײַך מיט לעווינען? — האָט ער פריילעך געפרעגט, לעכאַטכילע זיכער, אז ער וועט דאָ באַלד אויסהערן א טשיקאַווע מײַסע.

— ס'איז ווייניק אינטערעסאַנט. א קליינער סיכסעך...

איך האָב בעקיצער דערציילט, אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— אָן אלטע געשיכטע, — האָט סטעפאַן אלעקסאַנדראָוויטש זיך צעלאַכט. — איך בין זיכער, אז ס'וועלן זיך געפינען נאָך באַלאָנים צו ווערן שותפים צו א פּרעמיע. טרײַבט זיי אין האַלדז און נאַקן...

15 אווגוסט, שטאָטישער שפּיטאָל, פּאַלאַטע, נומ. 3.

גאָר אומגעריכט האָב איך זיך שיר ניט אריבערגעפּעקלט אף יענער־וועלט. כ'האָב זיך צוגעקילט, און דאַפקע גאַנץ שטאַרק, מיט ברעכעניש, שטעכעניש און אזא נאַכוויעניש ווי א לונגען־אָנצינדונג. דרײַ טעג האָב איך זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, בישטיקע אונטערגעהוסט, גע־ווישט מיטן טיכל די געשוואָלענע נאָז, און געטײַנעט, אז „כאַנעקע איז ניט קיין יאַמטעוו און א קאַטער איז ניט קיין קרענק". כ'האָב געמיינט, אז די צוטשעפּעניש וועל איך ווי־עס־איז איבער־קומען אף דער ארבעט.

אין אָוונט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דער לאַבאָראַטאָריע און, ווי געוויינלעך, געוואָלט אופהייבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן אפן הימל. יעדע איינע פון די צוואַנציק דאַמנעס און מאַרטענעס האָט דאָרטן, אפן הימל, אַ וואָלקנדל פון אַ באַזונדער קאָליר — אַ ראָזעוון, אַן אָראַנזשעוון, אַ פּורפּורנעם... ס׳איז אַ הימל, וואָס איז אַ קײַלעכיקן מעסלעס אַ שפּיגל פון דער ערד. כ׳האָב ליב דעם דאָזיקן ערדישן הימל. כ׳האָב ליב אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן אף אים דעם בליק, נאָר דאָס מאָל זײַנען מײַנע אויגן געווען פאַרנעפּלט, און דער קאָפּ איז גלײַך שווער אַראָפּגעפאַלן צו דער ברוסט.

באַ דער שנײַדנדיקער שײַן פון דער שמעלצונג, וואָס איינע פון די דאַמנעס האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן, האָב איך זיך געלאָזט גיין צום טויער, נאָר עס האָבן זיך מיר געבויגן די פּיס, און איך האָב פאַרקערעוועט צו איינעם פון די זאַוואָדישע מעדפּונקטן. די דעזשורנע דאָקטערשע, וואָס האָט, ווײַזט אויס, דעם אָוונט זיך געלאַנגווײַליקט אָן פּאַציִענטן, האָט מיך אופגענומען, ווי אַ לאַנג געוואַרטן גאַסט. אויסהערנדיק מיך, איז זי אַרויס מיט אַ טײַנע, אַלעמײַ בין איך ניט געקומען פריִער.

אַ סאַניטאַר־מאַשין האָט מיך אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. די מעדשוועסטער, וואָס האָט מיך געהאַט באַגלייט, האָט מיר צוגעוווּנטשן אפגיך געזונט ווערן און איז אוועקגעפאָרן. מיילע, מילכאָמע־צײַט, אַז איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, זײַנען עס געווען כאָשעווע ווונדן. איצט האָט מיך אוועקגעוואַלגערט אף אַ בעטל אין פּאַלאַטע עפּעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט — אַ שטיקל קאַטער.

כ׳האָב גאָר ניט געטראַכט, אַז כ׳פאַרמאָג שוין אין דער שטאָט אַזויפיל נײַע באַקאַנטע, וואָס זאָלן מיך וועלן מעוואַקער־כוילע זײַן. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צײַט פון באַזוכן, האָט מען גענומען גיין צו מיר. אין מעשעך פון די פּאָר וואָכן, וואָס איך ליג, איז געווען באַ מיר אַריבער אַ צענדליק מענטשן. עס זײַנען געקומען דרײַ טײַערע מיידלעך, וואָס כאָטשבי איינע פון זיי האָט געוויס געמעגט זײַן מײַנע אַ טאָכטער.

אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ רעוויזינאַ איז געקומען צוזאַמען מיט נינען. נינע האָט שוין פאַרענדיקט דעם דנעפּראָפּעטראָווסקער אינסטיטוט און מע האָט זי געשיקט אף אַרבעט אין „יוזשסטאַל“. איך האָב נאָר איין מאָל געזען איר פּאָרטרעט אף דער וואַנט. נאָר איצט, ווען זי איז אַרײַן אין דער פּאַלאַטע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי איז אויסגעוואַקסן אף מײַנע הענט און אַז מיר האָבן קיינמאָל זיך ניט צעשיידט אפילע אף אַ טאָג.

זונטיק האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט מײַנע שכיינים — די באַראַבישעווס. דאָס פּאָרפאָלק האָט מיט זיך פאַרכאַפּט אַ פּאָר טעכטער. מיך צו פאַרווײַלן, האָט סימע באַוויזן אַ ליד, וואָס אַ זאַוואָדישער דיכטער האָט איר געווידמעט. ס׳לידל איז אָפּגעדרוקט אין דער פּילטיראַזשקע.

שווער עטעמענדיק איז אין פּאַלאַטע אַרײַן דער מעגושעמדיקער וואָראָנצאָוו און הינטער זײַן ברייטן רוקן — די אײדעלע אַניעטשקע מיט אַ פּעקל וויטאַמינען און אַ קוישל פּראָדוקטן. שוין אין אָוונט, ווען דער אופנעם האָט זיך געענדיקט, האָט מען פאַר צוויי באַזוכער געמאַכט אָן אויסנאַם. נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ האָט געבראַכט צו פירן וויקטאָר פּעטראָוויטש אַלכאָוואָיען. עס איז מיר פּאַשעט אַ כאַרפּע, וואָס מײַן קרענק האָט אַלעמען אַזוי אופגערודערט.

מײַן שאַפעלע איז פול מיט קאָלטווו. ס׳וועט סטײַען פאַר דער גאַנצער פּאַלאַטע אף אַ כוידעש.

פון דער לאַבאָראַטאָריע קומט מען צו מיר זאַלבעצווייט, נאָר סערגיי און דאָרע — איינציקווײַז. ווען זי איז באַ מיר, שטייט ער, אפּאָנעם, אף דער גאַס און וואַרט. כ׳נעם עס דערפון, וואָס קימאַט טייקעף נאָך דעם, ווי זי גייט אַרויס, גייט ער אַרײַן. ער האָט געבראַכט צו שלעפּן אַ גאַנצן געבײַ, אַרײַנגעשטעלט אין אַ קויש, — אַ שאַרפזיניקע קאָנסטרוקציע אף צו אוטאָמאַטיזירן ווײַטער די באַאַרבעטונג פון די רעלסן. סערגיי האָט גענומען דעמאָנסטרירן די מאָדעל. ווי אַ קינד זיך געפרייט, ווען דאָס אַנטיקל האָט פונקציאָנירט, און יעדעס מאָל געשריִען: „אָט אַ טײַוולי!“, בייס עס פלעגט זיך אף אַ ווײַלע פאַרהאַקן.

בלײַבן מיט דאָרען אַליין איז מיר שווערלעך. זי זעצט זיך אפן ראַנד פון מײַן בעטל, זאָגט אַ פּאָר אַלגעמיינע פראַזן וועגן געזונט און ווערט אַנשוויגן. באַ איר איז אַזאַ אויסדרוק, ווי זי וואָלט וועלן, כ׳זאָל איר זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס. זי ריכט זיך אף דעם, נאָר איך בין שטום. וואָס קאָן איך איר זאָגן? איך בין ניט קיין צאַדיק און ניט קיין צוויִאַק, נאָר כ׳גיב זיך אָפּ ערלעך אַ דינוועכעזשבן. צי וועט זי זײַן מיט מיר גליקלעך? אַמאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אַז איך בין שוין פּאָשעט אַ שיוורע־קיילע, צו אַלט שוין, צופיל איבערגעלעבט אף אָנצוהייבן אפסנײַ אַ קאָן. וויפל צײַט, וויפל יאָרהונדערטער דאַרף לעבן אַ מענטש, ער זאָל נאָך אַזאַ גרויסן אומגליק ווידער זיך פילן גליקלעך. איך רייד אַ סאַך און טראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט. וואָס זאָל איך טאָן, אַז די פאַרגאַנגענהײַט בלוטיקט אין האַרצן ביז הײַנטיקן טאָג? דאָרע זיצט אַ ביסל און גייט אַוועק. הײַנט איז זי ניט געווען. ס׳איז געקומען סערגיי. זײַן מאָדעל, אין וועלכער ער האָט באַוויזן אַרײַנ־

טראָגן אַ פּאָר ענדערונגען, האָט דאָפּקע גוט געאַרבעט, נאָר ער איז עפּעס געווען צעטראָגן. אומגעריכט האָט ער געמאָלדן: האַרבסט־צײַט פֿאָרט ער אַוועק. ער האָט אָנגעגעבן דאָקומענטן אין אַספּיראַנטור.

10 אָקטיאַבער.

מיט דער צײַט, ווען איך וועל זײַן אויף פּענסיע, וועל איך פֿירן אַ טאָגבוך טאָג נאָך טאָג, פּינקטלעך פֿאַרצייכענען, וואָס איך האָב געגעסן אויף מיטיק, וואָס פֿאַר אַ וועטער ס'איז געווען און וויפֿל מאָל האָב איך געוווּנען אין דאָמינאָ. דערווײַל האָב איך מײַן העפֿט פֿאַרלאָזט. אָפּקומען מיט דרײַ ווערטער איז אַ כאַרפּע, און אויף לאַנגע דיבורים איז ניטאָ קיין צײַט. אין בלעטלעך פֿאַרן שלאָף וועל איך הײַנט דאָך אָנשרײַבן.

דער היגער אינסטיטוט צוזאַמען מיט דער וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישער געזעלשאַפֿט „מעטאַלורג“ האָבן באַשלאָסן פּאָפּוליאַריזירן די אַרבעט פֿון אונדזער לאַבאָראַטאָריע. אויף דער זיצונג האָט מען עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט, אַז מיר קאָנען ווערן קאַנדידאַטן אויף צו קריגן די בעקאָוועדיקסטע פּרעמיע. ס'איז אַוודאי געווען אָנגענעם צו הערן, נאָר איך פֿונדעסטוועגן האַלט, אַז ווי וויכטיק און אין אַ געוויסער מאָס נײַ עס זאָל ניט זײַן אונדזער אויפֿטו, איז נאָך פֿרי צו ריידן וועגן הויכער באַלוינונג. מיר דאַרפֿן נאָך האָרעווען און האָרעווען. אָבער ס'פֿרייט מיך און איך בין גליקלעך, וואָס מיט אונדזערע זוכונגען און עקספּערימענטן טוען מיר, וואָס מע דאַרף, און מיר זײַנען אויפֿן ריכטיקן וועג. אייניקע אונדזערע אַרבעטן וועלן זײַן פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ זשורנאַל.

אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון דער שטאָטישער צײַטונג, אַ יונג מיידל, וואָס וויל אַלץ וויסן און האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט בײַצוקומען די אײַנגעבוירענע שעמעוודיקײַט און אַרײַנקריכן יענעם אין די גדערים, האָט אײדל מיך אויסגעפֿרעגט וועגן מײַן ביאָגראַפֿיע. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ היגער אַ געבוירענער, האָט זי אַ צופֿרידענע אַ מאַך געטאָן: „ס'איז אַ וויכטיקע דעטאַל. איך וועל זי אין דער פֿאַרצייכענונג אויסנוצן“. אַזוי שעמעוודיקערהייט האָט זי מיך געמאַטערט אַ גוטע שעה. פֿוילבלעך, אָן שום טעם, האָב איך געענטפֿערט אויף אירע פֿראַגן. מיר אַליין האָט זיך געוואָלט אויספֿרעגן, פֿונוואַנען איז זי, פֿונוואַנען שטאַמט זי.

הײַנט, אינעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג זינט די פֿאַשיסטן האָבן בײַ אונדז אין שטאָט אומגעבראַכט זעכצן טויזנט אומשולדיקע מענטשן, איז בײַ די אָקאָפּעס זיך צונויפֿגעקומען אַ גרויסער עולם. מיר האָבן אויפֿגעהאַנגען אַ בראָנזענעם טאָוול, וואָס מע האָט אויסגעשמאָלצן אין זאַוואָד. נעכטן האָט ווידעראַמאָל, ווי מיט יאָרן צוריק, אַ ווײַע געטאָן אויף מיר דאָס הייסע קאָלירטע פֿײַערל פֿון די טיגלען. צוזאַמען מיטן מײַסטער האָב איך צוזאַמענגעשטעלט די שיכטע און נאָכגעשפּירט ווי עס גייט די שמעלצונג. דעם טאָוול האָבן מיר צוגעפּאַסטיקט צו צוויי פֿינף־און־צוואַנציק־מעטערדיקע רעלסן, אַוועקגעשטעלטע ווערטיקאַל. אַן עלטערער ייִד אַ גראַווירער, בײַ וועמען די גאַנצע מישפּאָכע איז אומגעקומען, ווי בײַ מיר, האָט אויפֿן טאָוול אויסגעקריצט: „עס זאָל זיך קיינמאָל ניט איבערכאַזערן!“

אין שטאָט האָב איך זיך אומגעקערט צוזאַמען מיט דאָרען. בײַ איר האָט זיך די טעג פֿאַרענדיקט דער אורלויב. כ'האָב זיך גאָרניט פֿאַרגעשטעלט, אַז דער כוידעש, וואָס זי וועט ניט זײַן, וועט זיך ציִען בײַ מיר לענגער פֿון די אַנדערע כאָדאָשים. כ'האָב זיך בעעמעס דערפֿרייט, ווען, אָן אָפּגעפֿרישטע, אַ געזונטע און פֿריילעכע, האָט זי זיך ווידער אַרײַנגעשטעלט אין דער לאַבאָראַטאָריע. זי איז געפֿאָרן אין איר שטעטל, וואָס זי געדענקט ניט און ווייסט ניט, זי האָט עס פֿאַרלאָזן צוזאַמען מיט די עלטערן אין 1940 יאָר.

מיר זײַנען אַרײַן אין פּאַרק און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק אין דער אַליי, פֿון וועלכער עס זעט זיך גוט דער יאַם. אינדערווײַטנס זײַנען די פֿײַערלעך פֿונעם האָפֿן יעדעס מאָל דערטרונקען געוואָרן אין אָן אָנגעלאָפֿענער יאַם־כוואַליע און גלײַך ווידער געגומען שעמערירן אויף דער אויבערפֿלאַך. אויף דער שוואַך באַלויכטענער סטעזשקע לעבן אונדזער באַנק האָבן זיך רויִק געוויגט די שאָטנס פֿון די הוילע צווײַגן, געצייכנט אויף דער ערד מעשונעדיקע פֿיגורן.

עס איז געווען אַ וואַרעמער שטילער אָוונט, ווי עס גיט זיך זעלטן אויס אין טיפֿן האַרבסט. אונטער אונדזערע פֿיס איז געלעגן אַ באַרג אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער, נאָר מיר האָט זיך אַ ווײַלע עפּעס געדוכט, אַז די נאַקעטעביימער טוען זיך ווידער אָן אין גרינס...

מ אַ ט ל   ג ר ו ב י אַ ן

קום, מענטש

דורכן שלאָף, דורך שטיין,
דורך ברידער־קוואָרים
קום, מענטש, לאָמיר גיין
אונטער רעגן פון צאָרן.
קעגן א נײַער מאגייפע,
וואָס אף דער ערד ברענט,
קעגן די ליבלינגען אייכמאנס
מיט מאלפישע הענט,
קעגן די שיידים
מיט קאַין־צייכן אפן שטערן,
קעגן די, וואָס מיט א נײַעם
מײַדאנעק זיך שווערן.
קום, מענטש, רוף אוף זיי
צו דער טליִע אצינד —
ביז דער הימל
איז פון קרעמאטאָריע־קוימענס
ניט געוואָרן נאָך בלינד,
ביז אפן האלדז פון דײַן קינד
קיין שטיוול נאָך טרעט,
ביז דײַן טאַטן
ניט ארויסגעשלעפּט
מ'האָט פון בעט.
קום, מענטש, אצינד —
ביז עס איז ניט שפּעט!

איך בין ניט קיין נאָווי,
נאָר געוויִעס איך זאָג,
אז פארשאָלטן אף אייביק
איז זייער טאָג —

פאר די לעבעדיק־פארשאָטענע,
פאר די מיט שטיוול צעטראָטענע,
מיט בענזין באגאָסענע,
פאר אין גרוב ניט דערשאָסענע,
מיט שטעקנס פארשמיסענע,
מיט אָווטשארקעס צעריסענע,
פאר די מיט אויגן האלב אָפענע,
פאר די הערצער אָן האָפענונג,
פאר דעם זויגקינד
פארשלאָפענעם,
פאר יונגווארג און זקיינים,
אפּיקאָרסים און גלויביקע,
זויבערע און שטויביקע,
באלמעלאָכעס און סאָכרים,
מיידלעך און באָכערים,
פאר דאָקטוירים און אדוואָקאטן,
פאר מײַן אלטינקן טאַטן,
פאר פּאָליאקן און טשעכן,
פאר פראנצויזן און ציגײַנער,
פאר די האריגעס
אין ווײַסרוסלאנד,
פאר די שכיטעס אין אוקראִינע,
פאר הײַנט און פאר נעכטן,
פאר די, וואָס מאָרגן
מע וויל ערשט שעכטן.

דורכן שלאָף, דורך שטיין,
דורך ברידער־קוואָרים,
קום, מענטש, לאָמיר גיין!

קרוין מיך פאר דײַן קיניג

קרוין מיך פאר דײַן קיניג,
זײַן וועל איך דײַן קנעכט —
לאָז מיך זײַן אומזיניק
אין מײַנע יוגנט־נעכט.

צו א נײַ לעבן מיך באווליק,
דאָס אלטע ניט צעברעך —
פאל אָן אף מיר, ווי פרילינג,
מיט א צווײַג דאָס אויג פארשטעך.

לאָז מיך זײַן אומזיניק,
גערעכט און אומגערעכט —
דו ביסט דער טראָפן פרילינג
פון מײַנע יוגנט־נעכט!

הער זיך צו, מײַן צווילינג,
דאָס אײַז אין טײַך זיך ברעכט. —
אין יאָר איז איין מאָל פרילינג,
און איין מאָל איז דען שלעכט?

פילאָסאָף

א פילאָסאָף ווילסט ווערן?
זײַן א שוסטער זיך לערן!
קלאפּ מיטן העמערל
די פּאָדעשווע,
די דראטווע דריי
פון פרי, ביזן ערשטן שטערן.
ווערט שיטן אין פענצטער א שניי,
ווערט אין דרויסן לויטער ווערן,
ווערסטו וועגן דעם קײַלעכדיקן ברויט
גאנצע טעג ניט קלערן, —
דעמלט קאָנסט
א פילאָסאָף ווערן!

ניט קיין מאלעך

איך בין דאָס פאַרהענגל אפן ווינט,
ווען דאָס פענצטער איז אָפן;
כ'בין נאריש און קלוג, ווי א קינד,
וואָס מיטן וואָרט האָט געטראָפן.
ניט קיין מאלעך מײַן ליפּ האָט געפּיקט —
פון בוים דאָס פרישע צווײַגל,
דערצו נאָך האָט מיר אָפּגעגליקט,
מײַן וואָרט האָט צעבראָכן דאָס שפּיגל.

מײַן שיפל

וויפל מאָל פון ברעג מײַן שיפל
געווען מיט דיר פארשטויסן
פון א שטורעמווינט א גרויסן...
טויזנט מאָל שיר אומגעקומען.
איצטער ווייסטו אלע טיפן,
שטומע פעלדזן, וואָס אנטקעגן קומען.
צי איך אָן אפסנײַ די זעגל,
טראָג מיך אָפּ צו נײַע ברעגן.

קרענעצעס

לעבן מיר, לעבן מיר
אזוי נאָענט
ליגט דאָס לעבן
אויסגעצייט
מיט שטערנדלעך
פון בלויען אָוונט.
קיינמאָל אזא הימל
ניט געלעגן
אונדז צוקאָפּנס,
אלע קרענעצעס מיט פּײַן
אויסגעטריקנט
ביז א טראָפּן!

הײַנט איז דאָנערשטיק

נאָך קלאפּן אין די שטיינער
פון בונדעסווער־געסל
געזונטע שטיוול.
אין די שטיוול
שטעלט מען אַרײַן סאָלדאטן,
פאר די סאָלדאטן
קאָכט מען קאשע.

דאָנערשטיק
פירט מען די סאָלדאטן
אין באָד אַרײַן
די לײַבער וואשן.

און ערגעץ
אין די כירורגישע שאפעס
שוין פינקלען די מעסערס
בלענדיק.
די סאָלדאטן,
צײַטווײַליק זיי הייסן סאָלדאטן,
מייסים —
שטענדיק.

אויב נאָר א מילכאָמע?
וועט זיי דער קאַנצלער,
ווי די בעהיימעס,
צו די טויט־טאָלן טרײַבן,
זייערע הענט
און פיס
ווו וועלן בלײַבן?..

הײַנט איז דאָנערשטיק.
מיט פאַרלעך גרעט
אונטער די, ווי ריב־אײַזנס,
שינעלישע ארבל,
מיט אייביק־סקריפּענדער ליד
אין די העלדזער
מעקען די סאָלדאטן:

Faterland![1]

---

[1] — פאַטערלאנד! (דײַטש).

מיטן טויט אונדז באגעגן!
ס'גרעסטע גליק
פאר א סאלדאט
ניט די זון און ניט דער רעגן, —
קאָנען גלײַך אין פעלד
שטארבן!
שטארבן!
שטארבן!

בערג

הייבט, בערג, אויף צום הימל די קעפּ,
ס'ברענען אײַערע שנייִיקע צינגער —
כ'האָב אף קאווקאז קיינמאָל ניט געלעבט,
נאָר צערעטעליס ליד האָב איך ליב זינגען.

גיסט אָן מיר א גלאָז באגינען,
כ'בין שיקער פון טענץ אף שפּיצפינגער,
ווען ס'נעמען פאר די הענט זיך גרוזינער
ווערן די אלטע בערג ייִנגער.

הייבט, בערג, אויף צום הימל די קעפּ,
די טאַנץ־מעסערס אין מײַלער פלאַמען —
כ'בין א ייִד, וואָס אין רוסלאַנד לעבט,
ווי אף א בארג, פארהיט פון אלע טהאָמען!

צוויי ביימער

מײַן טרייסט, מײַן שײַן פון די אויגן!
פון דײַן נידעריק שטיבל,
ווי פון א טײַך, כ'האָב דיך ארויסגעצויגן.
ס'האָבן ווײַסע ביימער
אונדז געשווינדלט פאר די אויגן
מיט פראָסטיקן גלאָז באצויגן.
האָסטו מוירע געהאט: מירן ווערן פארפרוירן,
בלײַבן ווי צוויי ביימער אין דרויסן שטיין,
האָט די זון אונדז געעפנט
פון א נײַער וועלט אלע טויערן,
ווו די הערצער אונדזערע צעגייִ'ן.

הארבסט

ס'האָט דער הארבסט
ארײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל
און פײַפט,
און וועקט דעם גאָרטן,
וואָס איז שוין הויל.
דער ווינט אין שטיינערנעם פלויט
א מעסער שלײַפט,
ער וועט עס ארײַנשטעקן
דעם גאָרטן אין הארץ.
נאָר עפּל א פּאָר,
וואָס הענגען אף דער צווײַג נאָך רויט,
דראָען מיט פויסטן שטײַפע:
זאָל ער, דער ווינט, שלײַפן,
דער גאָרטן האָט שוין אזעלכעס געהאט,
ס'וועט אריבער דער הארבסט,
ס'וועט שטארבן דער ווינטער באם פלויט,
און דער ווינט
וועט נאָך קומען צום גאָרטן
בעטן א גרינעם בלאט.

ווען עס טאָגט

מײַנע איז די גאָרע ערד,
מיט איר איך לעב אונטער דער זון.
און אויב א ביסל כמורנע ווערט,
שטארב איך ניט דערפון.
מײַן הארצווייטעק פון הארצן איך יאָג
איך בין אף דעם א קינסטלער;
ס'מאכט ניט אויס — אזוי איז אלעמאָל:
איידער עס טאָגט
איז א ביסעלע פינצטער.

איך קוש דײַן קלייד

מײַן מאמע האָט די שטוב אף די פּיס געהאלטן,
מיט בלויע הענט אפן פראָסט שײַטלעך
האָלץ געשפּאָלטן,
דעם טאטן אן איינציקן יורעש
אף דער וועלט געבראכט.
אונדז די העמדער גענייט און געלאטעט
ביז שפּעט אין דער נאכט. טיף
אין דער נאכט
מײַן מאמע האָט מיט טרערן פון צאר
אויסגעווייקט אירע אלע קישנס —
און דער טאטע האָט א טפילע אינדערפרי
געזאָגט,

אזא שענדלעכע טפילע אלע טאָג:
— איך דאנק דיר, גאָט, „שעלוי אָסאני אישאָ״[1]
און דוירעס האָבן אונדזערע מאמעס
און שוועסטער בארעדט,

אז א פרוי איז געבאָרן
נאָר פארן בעט,
א פרוי איז מיט אומריינקייט א קריגל.
ווו ביסטו, מיין טאטע, ווען גאָר די ערד

גענומען האָט א פרוי
צו זיך אונטער די פליגל
און מיט איר צו דער זון זיך אויסגעדרייט.

איך האָב צום הימל געשריִען:
— וואלענטינא, וואלענטינא,
איך קוש דיין קלייד!

וועלוול זבארזשער

אן ענדע. מער זינג איך קיינעם ניט קיין לידער.
איך האָב זיך באם הימל געשוואָרן —
אויב גאָט האָט בא מיר אין הארצן די נאָטן פארלאָרן
און וויל, אז דאפקע איך, וועלוול פון זבארזש,
זאָל לידער שרייבן און זינגען,
טאָ זאָל ער מיך א גלעט טאָן מיט דער האנט,
א וויס קעלבעלע בא מיר אין קיך אף דער וואנט אופהענגען,
א זאק מיט ציבל און קארטאָפל
צו מיר אין שטוב ברענגען,
ס'איז ניט שיין דאָך זינגען פריילעכע לידער,
און א גאנץ לעבן א הונגעריקער זיך לייגן שלאָפן!
וואס וועט זיין, אז כ'וועל אָנהייבן זינגען טרויעריקע לידער?
ווי געפלויגן אין דער הייך
און געפאלן אין דער נידער —
געווען א סויכער, א מעשאָרעס, א מעקלער, א מעלאמעד,
א טאנדעטניק און א רויפע —
פון אלע פארנאָסעס און מעלאָכעס
געהאט אין א קליין טעפעלע קאַדאָכעס.
אזוי, אז שוין לעבן אף דער וועלט איז דערווידער.
נאָר ניין, וועלוול פון זבארזש
קאָן מען פאר קיין זאק ציבל און קארטאָפל
ניט קויפן!
ער שטארבט און טכיִאס־האמייסים שטייט אוף ווידער
און זינגט נאָכאמאָל אף אלע מערק און יארידן
זיינע פריילעכע און טרויעריקע לידער.

[1] שלא עשני אשה — א בראָכע, וואס א פרומער ייִד זאָגט יעדן אינדערפרי און דאנקט גאָט, וואס ער האָט אים ניט באשאפן אלס א פרוי.

וועלוול זבארזשער (ביניאָמין־וואָלף ערענקראנץ) — א פאָפולערער פאלקס־זינגער. געבוירן אין גאליציע, אין שטעטל זבאראזש, געלעבט און געשאפן אין רומעניע.

יאָן ק. טשאָבאַנו

געבוירן אין 1927 אין דאָרף בודיי, מאָלדאוויע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1952. וווינט אין קעשענעוו.

צוויי שוועסטערקינדער

פילוצע לעפּטער, א בעריע אף אלץ און דעריקער אף מאכן פּעסלעך, שטייט זיך אזוי זײַטלדיק מיט א גרויסן האמער און מיט א דאָלעטע אין די הענט, שטייט אנטקעגן פײַער, א פארפאליעטער, אין א פארטעך פול מיט סטרוזשקעס. ער האָט נאָרוואָס ווידער צונויפגעשטעלט א פאס. די קלעפּקעס, צוגערוקטע איינע צו דער אנדערער, זעען אויס, ווי זיי וואָלטן גרייט געווען זיך לאָזן לויפן. דער האמער און די דאָלעטע אין פילוצעס הענט זײַנען אויך גרייט. דער פלאם רײַסט זיך פון דער פאס ארויס, די קלעפּקעס קנאקן. ער באנעצט זיי נאָכאמאָל און טרעט אָפּ א ביסל אין א זײַט, וואַרט.

אומעטום איז אָסיען. ביימער — הוילע, אָן בלעטער — טרערן. ערגעץ נאָענט כריפּעט די עלעקטרישע זעג: זי שנײַדט דעמבעס אף קלעפּקעס. די הובלס אין די באָנדערס הענט צישען. א גאנצע נאכט פאָרן אָן דורכן צעעפנטן טויער מאשינעס און פורלעך מיט ווײַנטרויבן. עס ארבעטן די ווײַן־פּרעסן. די גומענע קישקע, ברייט, ווי אן ארבל, קאָרטשעט זיך לעבן די באָנדערס פיס און לאָזט אראָפּ איר פּיסק, וואָס איז רויט פון ווײַן, אין קעלער ארײַן צו די פעסער. בא דער קישקע ארבעט פילוצעס שוועסטערקינד, יאָן לעפּטער, וועמען מ'האָט געגעבן א צונעמעניש „יעפּורע“, — האָז, הייסט עס.

— וווּ האָבן זיי, צו אלדי רוכעס, אָפּגעזוכט אזא צונעמעניש?

די קלעפּקעס האָבן אָנגעהויבן שמעקן מיט צוגעברענטן, און פילוצע לאָזט איבער אף שפּעטער די הארבע קאשע וועגן דעם שוועסטערקינדס צונעמעניש, כליופּעט אויס אפן פלאם א פּאָר עמער וואסער, עס הייבן אָן ארויסזעצן קנוילן פּארע, וואָס פילן אָן דעם גאנצן הויף. אלץ ארום ווערט פארנעפּלט, דאָס לעמפּל אפן עלעקטרישן סלופּ זעט מען, ווי דורך א געדיכטער זיפּ. פילוצע דעקט צו די פאס מיט אן אלטן זאק, די פּארע הייבט אָן זעצן דורך די שפּאלטן פון די שיטערע קלעפּקעס.

— נישקאָשע. ווייקט אײַך א ביסל אײַן!.. — זאָגט פילוצע צו די קלעפּקעס און גייט דערנאָך אראָפּ אין קעלער, צום שוועסטערקינד, דערוויסן זיך, פונוואנען נעמט זיך צו יענעם די צונעמעניש זײַנע. שוין צוויי וואָכן, אז ער גיט אים ניט אָפּ קיין גוט־מאָרגן, יאָנען, און מײַדט אויס זיך צו באגעגענען מיט אים. היײַנט האָט ער באשלאָסן אָנצוהייבן מיט אים ריידן, אים מויכל זײַן. ער לאָזט זיך אראָפּ אין קעלער, קלוימערשט דורכצוקאָנטראָלירן, צי די פעסער „ווײַנען“ ניט. ער ווייסט, אז די פעסער, וואָס ער מאכט, לאָזן קיינמאָל קיין טרער ניט... נאָר פונדעסטוועגן... דאָס שוועסטערקינד זײַנס מאכט אמאָל פוילע שטיק, רייצט זיך מיט אים פאר ווילטיק, צעשרײַט זיך פלוצעם: „א פאס רינט!..“, „א פאס רינט!..“ — און אז פילוצע קומט צו לויפן, באהאלט זיך דער האָז הינטער די פעסער, און קענסט אים שוין אזוי זוכן א גאנצן ווינטער... אין קעלער איז וואַרעם: הונדערטער פעסער אָטעמען מיט אָפענע צאפּנס, אָטעמען אײַן די היץ און די דושנעקײַט פון א גאנצן זומער.

— דו, אָפּגעשונדענער האָז איינער, ווו ביסטו? האָסט עפּעס א „זשאלאָבע“? קום ארויס אף א ראפּאָרט, מעלדע זיך!..

פילוצע האָט געדינט אין דער ארמיי, און אז ס'איז אים א ביסל קאלעמוטנע אפן הארצן, רעדט ער נאָר אף א מיליטערישן לאָשן.

— גיי, האָב דיר אין זינען דײַן ארבעט! טאָמער עפּעס־וואָס, וועל איך דיך אליין א רוף טאָן! גיי, ווײַל באלד טוט א פּאַר אָן די טיאָטיע וועראָניקע אף איר בעדארקע, דערלאנג איך איר טאקע א זשאלאָבע. דו לאָזט מיך גאָרנישט ניט טאָן. זעסט דאָך, אז כ׳האָב ניט, ווו אהינצוטאָן דעם ווײַן, און דו — מיט פּוסטע מײַסעס!..

— יאָ, פון א האָזן־עק קאָן מען טאקע קיין זײַדן זיפּל ניט מאכן! און נאָך זיפּן דערוף מעל אף קוילעטשן... אף זשאלאָבעס, ווייס איך, ביסטו א קנאקער...

פילוצע, ווען ער איז אף עמעצן אָנגעדראָדלט, רעדט ער מיט יענעם נאָר מיט מעשאָלים. ווער ס׳האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס, וועט זיך אָנשטויסן. ער טוט זיך שווערלעך א גלײַך אויס און שפּאנט ארויף די טרעפּ, צו זײַן ארבעט.

דאָס פײַער האָט זיך אָפּגעלאָשן. די פּארע איז זיך צעגאנגען. דאָס עלעקטרישע לעמפּל אפן סלופּ איז לעבעדיק געוואָרן, ווי א ליכטל, וואָס האָט מיטאמאָל באקומען לופט. ארום און ארום זעט זיך שוין אלצדינג אָן. פילוצע הייבט אָן צונויפצײַען די קלעפּקעס. די פּאס פאָלגט. די ווייך געוואָרענע קלעפּקעס בייגן זיך נאָכן מײַסטערס ווילן. פילוצע שפּײַט אָן עטלעכע מאָל אין די דלאָניעס, כאפּט א קאָסן קוק צו דער קעלער־טיר, פונוואנען עס הערט זיך דעם שוועסטער־קינדס קאָל, און הייבט אָן א פארכמורעטער ארבעטן מיטן האמער און מיט דער דאָלעטע. די קלעפּ זײַנען ריטמיש געמאָסטענע: א קלאפּ אף דער פּאס און א קלאפּ אף דער דאָלעטע, א קלאפּ אף דער פּאס און א קלאפּ אף דער דאָלעטע.

„דער דאָזיקער יאָן איז ניט קיין ערנסטער מענטש, כאָטש ער איז מײַן שוועסטערקינד. פילוצע שרעקט זיך ווייניק־וואָס איבער פאר דער קאָלווירט־פּאָרזיצערן, פאר דער טיאָטיע וועראָניקע".

— געפונען מיט וואָס מיך צו שרעקן! — לאכט ער אף א קאָל. — ניין, ניט קיין ערנסטער מענטש!..

ער ווערט א ביסל טונקעלער אפן פּאָנעם און הייבט אָן קלאפּן איבער דער דאָלעטע מיט א מעסוקענער בייזקײַט. ער האָט ליב גערעצטע מענטשן. יענע, וואָס שרײַבן אין די בלעטער, פאַרדײַעט ער ניט. ס׳שוועסטערקינד זײַנס, יאָן, שרײַבט אויך. וואָלט ער כאָטש געשריבן עפּעס לײַטישס. אייסעך, פּוסטע נארישקײַטן. הער א מײַסע: א גאנצער מאכער אין די בלעטער! כאס־מעט זיך אמאָל פון אויבן, אמאָל פון אונטן: „יאָן לעפּטער". אז ניט געדאכט זאָל עס ווערן! קריכט אין דער נעשאָמע ארײַן. ער האָט געשריבן וועגן קעלבלעך פון דער פערמע, וועגן צעבראָכענע בריקלעך, וועגן פרי־אָפּגעשניטענער קוקורוזע. נאָר לעצטנס האָט ער גאָר אָנגעהויבן אויסגראָבן טויטע, זוכן די פּאָדקעוועס פון זייערע שטיוול. פּאָרטרעטן, זאָגט ער, פּאָרטרעטן פון העלדן. אז קאָפּ דיר אין קישן מיט די פּאָרטרעטן מיט דײַנע! ווען דער טאטע דײַנער וואָלט געלעבט, וואָלט ער דיך שוין געלערנט סייכל און ס׳וואָלט ארויס פון דיר א מענטש א געזעצטער. איבער די פּאָר־טרעטן זײַנע קאָן מען אין דאָרף ניט ארויסגיין, מיט די פינגער טײַטלט מען אף מיר.

פילוצע בייגט אויס דאָס פּעסל אין א זײַט און הייבט אָן צופּעסטיקן דעם דנאָ. ווען ער איז בייז, ארבעט ער גיכער, געשמאקער. ער פארגעסט אפילע צו פארייכערן א ציגאר. אלעמאָל פאלט זײַן בליק אף דער צײַטונג „דאָס קאָלווירטישע לעבן" מיט וועראָניקעס בילד, ווו עס שטייט אָנגעשריבן „פּאָרטרעטן פון פּאָרגעשריטענע", און העט אונטן, באם סאָף: „יאָן לעפּטער".

פילוצע פארגעסט, אז ער זוכט די ציגארן, און הייבט אָן ארבעטן ווײַטער. די הענט זײַנע באוועגן זיך מעכאניש און אין געדאנק לייענט ער, אויך אזוי מעכאניש, צום הונדערטסטן מאָל ווואדע, דאָס ארטיקל פון דער צײַטונג. וואָס איז דאָרטן ניט ארײַנגעשריבן!.. אז ער, פילוצע, האָט געהאט א פולע שטוב מיט קינדער און פלעגט ליב האָבן דרײַ שאָ קעסיידער שטיין אף די קני קעגן דער איקאָנע. די קינדער אפן אויוון פלעגן די לאנגע טפילעס זײַנע ניט קאָנען אויסהערן ביזן סאָף. ס׳קליינוואַרג פלעגט זיך אָנהייבן באלעווען. און פילוצע פלעגט איבעררײַסן דאָס געבעט זײַנס און זיך א לאָז טאָן מיטן גארטל אפן אויוון ארויף, דערנאָך פלעגט ער פּרעפּלען: „זײַ מיר מויכל, ריבוינעשעלוילעם, וואָס כ׳האָב פאר דיר צעשפּיליעט די הויזן, דיך מעווײַעש געווען! די דאָזיקע קליינע שיידים לאָזן אפילע ניט א דאוון טאָן ווי עס באדאַרף צו זײַן". כאפּט ער זיך, אז ער האָט פאר דער איקאָנע דערמאָנט שיידים, און הייבט אָן פון אָנהייב. די קינדער ווידער קאָנען שוין אזויפיל ניט שווײַגן. איינציקווײַז הייבן זיי אָן כניקען: „מאמע, עסן!.. מאמע, עסן!.."

עס לויפט אָן דאָס ווײַב און מע הייבט זיך ביידע אָן קריגן. און אז מע צעקריגט זיך, איז מען גוט צעקריגט. דרײַ כאדאָשים דורכאנאנד. זי, מיט די קינדער, קאָכט זיך אָפּ א ביסל עסן באזונ־דער, און ער, פילוצע, האָט זיך זײַן באזונדער טעפּל. ער נעמט צו בא וועראָניקען די שליסלען פונעם קעלער, פונעם בוידעם, און רעדט מיט איר די גאנצע צײַט קיין וואָרט ניט אויס. מיטן קליינוואָרג רעדט ער אויך ניט. אפן פעלד ארבעט דאָס ווײַב מיט די קינדער אין איין עק און ער אין אנדערן עק. זיי ארבעטן מיטן פּאָנעם צום דאָרף, ער — מיטן פּאָנעם צו די בערג...

אין 1949, ווען דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין קאָלווירט, ער — איין קאָל: „נייַן!" נאָר, ווי זאָגט מען עס, אין קאָלווירט זײַנען ווײַבער אויך באַלעבאַטים. און ווען ער האָט געזען, אַז דאָס געזעץ, הייסט עס, לאָזט אים ניט קאָמאַנדעווען מיטן ווײַב, האָט ער שוין קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט... נאָר אין סטעפּ האָט ער ניט געוואָלט גיין. עמעס, אַ באַלמעלאָכע איז ער ניט קיין שלעכטער. ווי זאָגט מען: הענט — גאָלדענע בראַסלעטן, אַ האַלדז — אַ זילבערנע ליקע. אין אַ גרויסערווירטשאַפט דאַרף מען באַלמעלאָכעס אויך האָבן.

— ווער ביסטו עס, וואָס דו מאַכסט מיך מיט דער בלאָטע? — יעדעס וואָרט, וואָס דאָס שוועסטערקינד זײַנס האָט געשריבן וועגן אים אין דער צײַטונג, קען פּילוצע אָף אויסווייניק.

איבערהויפּט ברענגען אים אַרויס פון די קיילים די שטעכווערטלעך יאָנס. הער, הער: הענט — גאָלדענע בראַסלעטן, אַ האַלדז — אַ זילבערנע ליקע. אומיסטן עס צונויפגעפּאָרט, דער גאַנצער ראַיאָן זאָל זיך קאַטשען פאַר געלעכטער. ס'איז דאָך אָבער ניט עמעס. וואָסי, מ'האָט אים אַמאָל געזען וואַלגערן זיך שיקער הינטער אַ פּלויט?..

די פּאַס איז פאַרטיק. פּילוצע טוט זי אַ קער איבער און גיט זי אַ שטופּ מיטן פוס. זינט ס'איז געווען דאָס אַרטיקל אין דער צײַטונג, פּרוּווט ער אַזוי־אָ די פאַרטיקע פּעסער. ער דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פוס, דאָס פּעסל הייבט זיך אָן קאַטשען, נאָר ס'איז אַזוי געמאַכט, אַז עס צעפאַלט זיך ניט, כאָטש ס'איז נאָך אָן רייפן.

יאָן טײַטשט דאָס אויך אויס אָף זײַן צײַטונגס־אויפן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער אַ זאָג געטאָן די באָנדערס, אַז די לעצטע פּעסלעך פּילוצעס, וועלכע קאַטשען זיך בערויגעזע אָן רייפן און צעפאַלן זיך ניט, זײַנען צונויפגעקלעפּט מיט מײַסטערשאַפט און מיט בייזקײַט.

די פּאַס קאַטשעט זיך צו ביז צום ווײַן־פּרעס. עטלעכע קוילעס הערן זיך מיטאַמאָל:

— גוט! בראַוואָ!

— ער האָט הײַנט אויך איבערגעשטיגן די נאָרמע.

— ער האַלט וואָרט, האַלט ער!

— היי, יאָן, זײַ אים מעכאַבעד מיט אַ פולער קוואָרט!

— וווּ איז ער ערגעץ, דער האָז, וואָס מע זעט אים ניט?

— לאָזט אים אָפּ. ער גרייט צו אַ נײַ אַרטיקל...

אַלע באָנדערס האַלטן מיט פּילוצען. איינער, מיטרונץ, האָט אַ זאָג געטאָן, אַלע זאָלן הערן, אַז אויב עמעצער שרײַבט שוין יאָ עפּעס, זאָל ער שרײַבן אָט דאָ־אָ, אין דער וואַנטצײַטונג. צו וואָס זאָלן עס לייענען אַלע דערפער אַרום און אַרום?

— יעדער איינער האָט אין די דערפער אָדער אַ שוואָגער, אָדער אַזוי אַ גוטן־ברודער. און קאָנסט דאָס פּאָנעם ניט ווײַזן פאַר קיינעם נאָך דעם, ווי דער האָז האַקט דיך אַרײַן אין זײַן אַרטיקל.

די איבעריקע מײַסטערס האָבן גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר מ'האָט געפילט, אַז זיי האַלטן מיט פּילוצען. בלויז איינער אַן אַלטער, מאָש טריפאַן, האָט געוואָלט, אַז אי די ציג זאָל זײַן זאַט אי דאָס היפּטל קרויט זאָל בלײַבן גאַנץ, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— יעדער איינער האָט זײַן פאַך. פּילוצע קען מאַכן פּעסער. און יאָן האָט אַ טאַלאַנט צום שרײַבן. כ'ווייס ניט, צי אַלצדינג, וואָס ער שרײַבט, איז עמעס, נאָר אַז דו לייענסט, קאַטשעסטו זיך פאַר געלעכטער.

פּילוצע כאַפּט מיט איין אויג אַ קוק צום אַלטן, טוט אַ קוועטש אַראָפּ טיפער די קוטשמע אַפן קאָפּ און לאָזט זיך אַוועק אַהיים.

אָן אַנדערשמאָל וואָלט ער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט ניט מיטן שוועסטערקינד, ניט מיט דעם דאָזיקן אַלטן. נאָר אַז מע אַרבעט אַלע אינײנעם, — מאַכט זיך פּילוצע אַ כעזשבן, — מוזסטו אויך אַ לאַך טאָן אינײנעם מיט אַלעמען. מאַכמעס מע באַשטעקט דיך דערנאָך מיט פעדערן. פאַרשטייסט, הייסט עס, קיין וויץ ניט, אָדער ווי מע רופט עס הײַנט — קיין קריטיקע!

— איך האָב אים אָבער אויך גוט אַרײַנגעזאָגט. אָפּגעשוינדענער האָז! ער האָט זיך כאָטש אָנגעשטויסן, וואָס דאָס הייסט? פאַרשטייט זיך. ער איז ניט קיין נאַר. און מיטן זײַדענעם זיפּל האָב איך אים אויך ניט שלעכט געזאָגט. אייסעך, כ'האָב געטאָן אַ נאַרישקײַט, וואָס כ'האָב גאַנצע צוויי וואָכן מיט אים ניט גערעדט. וורעאָניקען האָט ער אויך גוט אָוועקגעשטעלט, דער שאָלטיק. „זי גייט, זאָגט ער, אום מיט אַ קעלישעקל פון צען גראַם אין קעשענע און אַז עמעצער טוט איר אַ זאָג: זײַט זשע מויכל, כאַווער פאָרזיצער, פאַרזוכט דעם ווײַן אונדזערן!.. נעמט זי באַלד אַרויס דעם פינגערהוט פון דער קעשענע..." זיבעציק רוכעס שטעקן אין אים... אַלצדינג כאַפּט ער אויף...

די עלעקטרישע לעמפּלעך אָף די סלופּעס שאָקלען זיך אין פאַרנעפּלטקײַט פון שפּעטן אָסיען. די נוסביימער אין די הויפן האָבן פון זיך אָפּגעטרייסלט די בלעטער. די, וועלכע וואַקסן פון פאָרנט, האָבן פאַרשאָטן אַלע וועגן און שטעגן.

— סאָפקאָלסאָף איז דאָס, וואָס ער האָט באַשריבן אין דער צײַטונג, געווען פּריִער, ביזן קאָלווירט...

אין שטוב בא פילוצען איז ליכטיק. וועראָניקע וואַרט אָף אים מיט דער וועטשערע. זי קער זײַן מיד, טראַכט פילוצע. א גאַנצן טאָג מיט די מענטשן באַם שנײַדן ווײַנטרויבן, בא די טראַקטאָרן, באַם פאַרזייען דעם ווייץ.

פילוצע גייט דורך פאַרבײַ דער בעדאַרקע מיט די צוויי רעדער. ער טוט זי א שטופּ צו צו דער וואַנט, אונטער דער סטריכע. דאָס פערד כראָמטשעט אין דער קאָרעטע און הייבט אפילע ניט אויף די מאָרדע. זי איז הונגעריק, די שקאַפּע. ער טוט דאָס פערד א גלעט בא דער גריווע און האָט צוריק אין זינען זײַנס:

— סאָפקאָלסאָף... נו, האָט ער געשריבן אין דער צײַטונג... נו, איז וואָס? ער האָט מיך געקוילעט?.. ס'איז פון מיר גאָרניט אָפּגעפאַלן... קיין איין גראַם פעלט מיר ניט.

אן אופגעמונטערטער, אן אויסגעלײַטערטער, שפּאַנט ער צו דער טיר.

— ניין, שוועסטערקינד מײַנס! הײַנט שלאָף איך צום ווײַב מיטן פּאָנעם! צוויי וואָכן אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, איז גענוג, גענוג!

•

יאָן דרוצע

געבוירן אין 1928 אין דאָרף גאָראָדישטע, מאָלדאַוויע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1951. וווינט אין קעשענעוו.

רובאַנקע

אין גאַנצן דאָרף איז יעדער איינער — ווי יעדער איינער! נאָר דער דאָזיקער־אָ, דער טאָדער... — אַזוי האָט שפּעט באַנאַכט גערעדט צו זיך אַליין א לאַנגער שאָטן, אָן אָנגעטאָנענער אין א פּעלץ, אַרומשפּאַנענדיק אַרום די סטערטעס שטרוי.

אין דאָרף איז אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אפילע די הינט שלאָפן שוין. דאָס פעלד איז פּוסט. אינערגעץ זעט מען ניט קיין סימען פון קיין מענטשן. בלויז אַראָפּצו די סטערטעס, אין דער בודקע לעבן די אײַזנבאַן־ליניעס, איז נאָך דאָ שײַן.

פון צײַט צו צײַט יאָוועט זיך אַרויס פון דער בודקע א מין טולעפּ, מיט א הויכער קוטשמע פון אויבן, און הייבט אויף אָדער לאָזט אַראָפּ דעם שלאַגבוים. ער טוט די אַרבעט זײַנע מערער לעפּאָנעם. מאַכמעס אפן דאָזיקן פעלד־וועג פאַרבלאָנדזשעט אפילע באַטאָג זעלטן־ווען א שליטן, ביפראַט באַנאַכט. פונדעסטוועגן טראַסקעט ער אַזוי מיטן שלאַגבוים, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן דעם שאָטן בא דער שטרוי:

— דאָ, ברודערקע, איז אן אײַזנבאַן!.. ווי א זייגער!.. איין רעדעלע, עפּעס־וואָס — און דו האָסט אָפּגעלייזט!..

דער שאָטן לעבן דער שטרוי דערזעט דעם טולעפּ אַרומדרייען זיך אין דרויסן, שטעלט ער זיך אָפּ אין א ווינקל פון א סטערטע:

— היי, דומיטראַש, א סוואָרע, ס'זאָל שוין זײַן דרײַ?

דומיטראַש רײַבט אָן א שוועבעלע און טוט אין א רעגע אַרום א געשריי:

— פיר, נאַסטאַסיע, פיר!

דומיטראַש גייט צוריק אַרײַן אין זײַן בודקע און נאַסטאַסיע לאָזט זיך ווײַטער אַוועק מיטן שנײ־סטעזשקעלע, וואָס זי האָט אַליין אויסגעטראָטן אַרום די שטרוי־סטערטעס.

נאַסטאַסיען לויפט נאָך טוזיק, א הינטל א שוואַרצס. נאָר דער פראָסט האָט עס הײַנט באַנאַכט ווײַס געמאַכט.

ארופצו די סטערטעס געפינט זיך דער וועג, וואָס פירט פונעם ראיאָן, פון דראָקיע, אין באַסטאַסיעס דאָרף אַרײַן — ניקאָרען.

טוזיקן ווײַזט זיך אַלעמאָל אויס, אַז עפּעס הערט זיך דאָרטן אויפן וועג. טוט ער אַ שפּרונג, ווי אַ פוטבאָל־מיאַטש, קאַטשעט זיך אויס אין שניי און גיט שטילינקערהייט צו וויסן דער באַלעבאַסטע זײַנער:

— ר־ר־ר... ר־ר־ר...

נאַסטאַסיע בלײַבט אַ רגע שטיין און קוקט אויפן וועג.

— שטיל, טוזיק. זײַ ניט קיין נאַר. ס'איז קיינער ניטאָ...

דאָס הינטל וווערט אַנשוויגן. ביידע שפּאַנען ווידער מיטן סטעזשקעלע, וואָס זעט זיך קוים אויפן שניי, און נאַסטאַסיע קלערט ווידער:

„אַלע מענטשן אין דאָרף זײַנען ווי אַלע מענטשן... נאָר אָט־אָ דער טאָדער..."

אַלע רופן נאַסטאַסיען רובאַנקע. אַזוי איז אַ דאָרף! עמעצער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן און אַ זאָג געטאָן רובאַנקע, אַ צווייטער — רובאַנקע, און ביז הײַנט איז געבליבן רובאַנקע. דעם עמעסן נאָמען אירן ווייסן נאָר קרוווים, שכיינים, און, מעגלעך, קוטשיינִיק — דער סעקרעטאַר פונעם דאָרפישן סאָוועט. ס'גאַנצע דאָרף רופט זי רובאַנקע. מ'האָט איר אַזוי אַ נאָמען געגעבן נאָכן מאַן אירן, גאַווריל רובאַן, וועמען קיינער אין ניקאָרען געדענקט שוין קימאַט ניט. ער האָט מיט נאַסטאַסיען כאַסענע געהאַט, אַ פּיר זומערס זיך אַלץ געפּאָרעט אַרום דער שטוב, עפּעס געקלאַפּט, פּאַריכט, געהוסט, זיך צוגעהאַלטן אַ זײַט, און דעם פינפטן זומער צוניפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן, איבערלאָזנדיק נאַסטאַסיען אַן אַלטן סומאַן אַן פּאַלעס און אַן אַ קאַלנער, אַ פּאָר פּאַסטעלעס און די פאַמיליע זײַנע.

פון דעמלט אָן זײַנען שוין אַוועק אַריבער פופצן יאָר און עס איז שוין קימאַט ניט קעדײַ צו דערמאָנען עס. נאָר אָפט דערמאָנט עס רובאַנקע אַליין. ס'איז גרינג אַ זאָג צו טאָן פופצן יאָר, נאָר פּרווו, לעב זיי אָפּ מיט דרײַ פּיצלעך קינדער, מיט אַ האַלבן העקטאַר ערד און מיט אַ קליאַטשע, וואָס באַרג־אַרויף דאַרפסטו איר דאָס פורל אונטערשטופּן, און באַרג־אַראָפּ דאַרפסטו אַכטונג געבן, זי זאָל, כאַלילע, ניט אַרונטער אונטער די רעדער.

וויפל זי איז אויסגעשטאַנען!.. נאָך רעכט ניט באַוויזן האָנאָע צו האָבן פון די דרײַ העקטאַר, וואָס זי האָט באַקומען אין פּערציקסטן יאָר, — און ט'האָסטו דיר — די מילכאָמע. ווידעראַמאָל אָן ערד, ווידער הונגער, פּײַן. דאָס האַרץ זידט אין איר אַ פּאָר פּאַרדראָס, און דאָ טוט נאָך אין איינעם אַ טאָג אַ קום צו צום טויער אַ קאַפּראַל מיט אַ פּאָר אומריינע אויערן:

— הער נאָר, דו... אַז כ'וועל נאָכאַמאָל דיך זען וואַרפן אַש הינטערן פּלויט, וועסטו בא מיר וואַרפן מיט די ציין. הערסט, דו?

— אַש, אויב דו ווילסט ניט, קאָנסטו מער ניט זען. נאָר וועגן די ציין עסטו זיך אומזיסט אָפּ דאָס האַרץ...

— וואָס־וואָס?

— ס'זײַנען שוין געווען בא אונדז אין דאָרף זשאַנדאַרן. און אויך אַזוי: אַש, ציין...

ס'האָט זיך דערנענטערט דער פראָנט, און רובאַנקע האָט דעם קאַפּראַל דערמאָנט די מײַסע מיט די ציין; אַזוי דערמאָנט, אַז ער וועט פּאַר קינדסקינדער האָבן צו געדענקען.

און אָט אַזוי־אָ, איינס־צוויי, זײַנען אַוועק די יאָרן...

כלעבן, אַ מאָדנער מענטש די דאָזיקע נאַסטאַסיע.

— טאָדער, טײַערער, וווּ גייט איר עס אַרום, וווּ? אַ גאַנצן טאָג אײַך נעכטן געזוכט.

— נעכטן? כ'בין די גאַנצע צײַט געווען אין דער היים!

— אַזוי גאָר? און איך האָב אײַך געזוכט אין דער בריגאַדע... כ'האָב געמיינט, אַז איר זײַט איינײנעם מיט אַלע מענטשן, אויפן סטעפּ...

אָדער:

— ווי, וווערוצע, אוי, די קריזשעס מײַנע... דיר, אַז ס'טוען ווי די קריזשעס, וואָס לייגסטו צו, וואָס?

— איך? מיר טוען קיינמאָל ניט ווי די קריזשעס...

— הער אַ מײַסע! און נעכטן מאַכט דער בריגאַדיר: די קריזשעס טוען איר אָפּאָנעם ווי, וווערוצען, איז זי דערפאַר ניט אַרויסגעקומען צו דער אַרבעט...

אָדער זי קומט צו גיין אין דער פאַרוואַלטונג:

— אַ ווייטעק איז מיר!

— וואָס איז געשען? — טוט זיך אַ כאַפּ דער קאָלווירט־פּאַרזיצער.

— סטעפּאַן אַנטאָנאָוויטש, איר זײַט דאָך אינגאַנצן ווײַס. כ'האָב עס גאָרניט באַמערקט. דער פּאָרזיצער פאַרשטייט ניט, וואָס זי מיינט, שמייכלט ער און רײַבט זיך די באָרד:

— אזוי בין איך, נארעלע, פון טאָמיד אָן!

— המ... — קוקט רובאנקע זיך צו קלוימערשט שטארק פארכידעשט. — מיר האָבן זיך אפּאָנעם צופיל אָפּגעברענט אף דער זון. א גאנצן טאָג אפן סטעפּ, האָבן מיר זיך צוגעווינט איינער צום צווייטן — אלע שווארץ. און דאָ, זע נאָר, וויפל ווײַסינקע!..

א הויכע, א ברייטביינערדיקע, א גרויע, ארבעט רובאנקע פאר צוויי. און מערער פון אלץ — מאנצבלשע ארבעטן. אליין שארפט זי זיך אָן די סאפע, בייסן שנײַדן האלט זי די קאָסע אין די הענט פונקט ווי די מענער.

אלצדינג קען זי, צו אלץ טויג זי זיך אויס. זי קאָן דיר זאָגן, וויאַזוי מע מאכט אין א הייסן זומער־טאָג פארפרוירן עסן, וויאַזוי מע קאָן זיך אהיים שלעפּן פונעם ווײַטן סטעפּ, ווען דאָס הארץ האָט דיר פלוצעם אָנגעהויבן ברעכן, וויפל טעג־ארבעט ס'קומט דעם פּאָטשטאליאָן, וואָס איז אזוינס „וועטאָ“, און א סאך־א סאך אנדערע זאכן.

אזא איז זי, אונדזער רובאנקע. נאָר פונקט ווי אלע מענטשן, האָט זי אויך א שוואכקײַט. א שוואכקײַט א ביסל א מאָדנע. אויב זי האָט עמעצן געפעקט בא דער האנט — פארטיק: גלייבט זי אים שוין ניט, ער זאָל אפילו נעמען פײַער אין מויל ארײַן.

אזוי איז אויך געשען מיט טאָדער וועקארו, דעם, וואָס גייט איר איצט ניט ארויס פונעם קאָפּ, איצט, ווען זי שפּאנט ארום און ארום די סטערטעס שטרוי.

אמאָל, לאנג שוין, ווען ס'האָט נאָך געלעבט דער מאן אירער, איז טאָדער געווען זייערער א שאָכן. א גוטער קאפּצן, פלעגט ער אמאָל ארײַנקומען צו זיי נאָך א ביסל פּאפּשוי־מעל אף א מאמעליגע, נאָך א ביסל זאלץ, מיט איין וואָרט — אין א נויט פלעגט ער טאָמיד ארײַנלויפן צו זיי, און זי פלעגט אים ארויסשלעפּן פון אלע צאָרעס.

נאָר איינמאָל איז רובאנקע ארויסגעגאנגען פארטאָג אין דרויסן ארויס און איז נישטוימעס געוואָרן: טאָדער האָט זיך שטילערהייט געגאנוועט פון מאָש דאָגעס גאָרטן מיט א זאק קאר־טאָפּליעס אף די פּלייצעס. „מענוּוול! — האָט זי מאמעש געקריצט מיט די ציין. — דער אלטער האָט נעבעך א פּאָר קוסטעס קארטאָפל, האָט ער זיי אויך אויסגעריסן!..“

רובאנקע האָט קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. טאָדערן אליין האָט זי אויך דערפון ניט דערמאָנט. נאָר פון יענעם טאָג אָן האָט טאָדער פארלוירן בא איר דאָס פּאָנעם זײַנס אף שטענדיק.

קיין שום זאך האָט שוין ניט געהאָלפן, זי זאָל די מיינונג אירע בײַטן: ניט דאָס, וואָס טאָדער איז צוריקגעקומען פונעם פראָנט א סערזשאנט מיט א פולער ברוסט מעדאלן; ניט דאָס, וואָס ער האָט דערלאנגט די ערשטע מעלדונג, ווען ס'האָט זיך געשאפן דער קאָלווירט, און דעמלט, וועסנע, אײַנגעשפּאנט אין אקער די קו זײַנע, אז זי האָט אזש אין א פּאָר טעג ארום מאפּל געווען דאָס קעלבל; ניט דאָס, וואָס טאָדער האָט א כוידעש צײַט, אין די סאמע רעגנס, געפירט פונעם ראיאָן באמיסטיקונג און אין א יאָר ארום ערשט האָט מען זיך דערמאָנט, אז מ'האָט אים פאר דער דאָזיקער הארעוואניע קיין טעג־ארבעט ניט ארײַנגעשריבן; ניט דאָס, וואָס ער האָט אראָפּגענומען פון יעדן העקטאר דרײַסיק צענטנער זונרויזן. די מיינונג אירע האָבן נישט געענדערט אפילו ניט דאָס בילד טאָדערס אפן ערן־טאָוול, ניט די פּרעמיעס זײַנע אף דער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג...

רובאנקע שפּאנט ארום די סטערטעס שטרוי און טראכט אלץ: ווער, אשטייגער, קאָן עס קומען צו דער שטרוי מיט א שטריק אין די הענט? אלע קאָלווירטניקעס האָבן שטרוי באקומען. קיינער קלאָגט זיך ניט, אז ער דארף נאָך.

רובאנקע קלײַבט זיי אלע איבער אין געדאנק. איינציקוויַז קלײַבט זי זיי איבער. גאס נאָך גאס, שטוב נאָך שטוב. און אז זי טרעסעט שוין גוט דורך דאָס גאנצע דאָרף, בלײַבט זי ווידער שטיין באם דאָזיקן טאָדערן.

„יעדער איינער איז — ווי יעדער איינער. וויל, לײַטיש. נאָר אָט דער דאָזיקער טאָדער...“

אמאָל־אמאָל טוט א שפּראַץ אוף אין איר געדאנק עפּעס־וואָס לעטויוועס טאָדערן. דער מענטש האָט א פולן הויף מיט שטרוי און מיט האָלץ, ס'קאָן אים סטײַען אף צוויי ווינטערס... נאָר די אלטע מיינונג נעמט דעם אויבן־אָן און רובאנקע הייבט ווידער אָן פון אָנהייב:

— יעדער איינער — ווי יעדער איינער. נאָר טאָדער... הא, וואָס זאָגסטו, טוזיק?

טוזיק גוידערט זיך, דרייט מיטן עק און לויפט ארויס אפריער.

נאָך רובאנקעס כעזשבן דארף שוין זײַן ארום זעקס. דומיטראש איז נאָך א פּאָר מאָל ארויסגעקומען מיטן טולופּ זײַנעם פון דער בודקע, נאָר זי האָט אים שוין מער ניט געוואָלט פרעגן, וויפל ס'איז דער זייגער.

ס'טאָגט נאָך ניט. די לעוואָנע איז פארגאנגען. דער וועג איז געוואָרן פארווישט, אויסגע־לאָשן. ערגעץ ווײַט, צו בעלץ־צו, הערט זיך פּײַפן א צוג.

מיטאמאָל טוט טוזיק א שפּרונג אוף, הייבט זיך אָן טוליען צו איר:

— ר־ר־ר...

רובאנקע בלײַבט שטיין, בייגט זיך א ביסל אָן (זי זאָל בעסער זען). אפן וועג גייט א מענטש. זי טוט אן עפן דאָס מויל אײַנצושטילן טוזיקן און — שווײַגט. דער דורכגייער איז א נידעריטשקער, א...

רובאנקע שווײַגט, טראכט, אז ס׳איז גלײַכער, ער זאָל זי ניט זען, און רוקט זיך צו נעענטער צו דער שטרוי.

צוקומענדיק פונקט קעגן די סטערטעס, פארקערעוועט דער דורכגייער פונעם וועג, לאָזט זיך גיין צו דער שטרוי. טוזיק בייזערט זיך וואָס אמאָל שטארקער, רובאנקע טוט אים א רוף, דערלאנגט אים איבער די אויערן מיט דער הענטשקע: — צסס!..

נאָר דאָס הארץ האלט איר אין איין קלאפּן. ס׳זאָל זײַן ער?

אין האלב וועג שטעלט זיך דער אומבאקאנטער אָפּ, באטראכט די סטערטעס:

— נאסטאסיע!

רובאנקע שווײַגט. ניט דערפאר, ווײַל זי האָט מוירע. זי דערשרעקט זיך ניט אזוי איינס־צוויי. נאָר זי ענטפערט ניט, ווײַל זי וויל זען, וואָס ער וועט טאָן.

— נאס־טא־סיע!

רובאנקע שווײַגט. טאָדער טוט נאָך א פּאָר מאָל א געשריי, קוקט, קוקט... זעט, אז קיינער ענטפערט ניט. און פונקט דעמלט, ווען רובאנקע טראכט, מיט וואָס צו בינדן אים, אויב ער וועט גאנווענען שטרוי, דרייט ער זיך אויס און גייט זיך פּאוואָליע צוריק אוועק צום שליאך.

אָף אלצדינג האָט זי זיך גערעכט, רובאנקע, נאָר ניט דערויף. וואָס זאָל דאָס זײַן, וואָס? דאכט זיך, אויב קיינער ענטפערט ניט, איז דאָך גלײַכער, גיי און נעם שטרוי, וויפל דו קענסט. און ער — ט׳האָסטו דיר...

הונדערטער גערדאנקען ווארפן זיך אונטער רובאנקעס שאלעכל. די אויגן זעען און דאָס הארץ גלייבט ניט. זי טוט א זיפץ. ווער קען נאָך טאָדערן בעסער, ווי זי קען אים. און פונדעסטוועגן, אָט... ווי געפעלט עס דיר?

טאָדער איז ארויס אפן שליאך און פארקערעוועט קיין דראָקיע. רובאנקע שטייט א פאר־הילצערטע. דאָס הארץ פאלט איר שיר ניט ארויס. פארוואָס האָט זי אים ניט געענטפערט? וואָס פאר א מיִעסע טעווע האָט זי, ניט גלייבן קיין מענטשן? עפשער האָט ער גאָר עפּעס געדארפט?

— טאָדער!..

טאָדערס שאָטן, וואָס האָט שוין אָט־אָט געזאָלט פארשווינדן, איז מיטאמאָל שטיין געבליבן. רובאנקע האָט א ביסל צוגעווארט און א געשריי געטאָן א צווייט מאָל:

— טאָ־דערע!

ער האָט זיך אומגעקערט. ניט געגאנגען, נאָר קימאט צוגעלאָפן.

טוזיק שפרינגט, בונטעוועט זיך:

— צסס!

— א גוטן דיר, נאסטאסיע!

— א גוט־יאָר! — ענטפערט זי אים גאנץ שטרענגלעך, נישטערנדיק מיט די אויגן, צי ער האָט ניט עפּעס א שטריק אין דער האנט.

— ווּהין גייסטו אום באנאכט, ווּהין?

— כ׳גיי אום, גיי איך... ווייסט, נאסטאסיע, מײַן פאראסקיווע האָט מיר געבוירן א ייִנגל!..

— א ייִנגל? — כידעשט זיך רובאנקע.

— יאָ, יאָ, מ׳האָט טעלעפאָנירט פון דראָקיע... מ׳האָט מיר געהייסן קומען גאנצפרי, אכט אזייגער... און איך — אי דער זייגער איז מיר צעבראָכן, אי שלאָפן שלאָפט זיך ניט, טראכט איך מיר: כ׳וועל פּאוואָלינקע אוועקשפּאנען. פינף קילאָמעטער. נאָר ס׳איז נאָך שטארק פרי. אומקערן זיך צוריק ווילט זיך ניט. דערזע איך די שטרוי, קלער איך: לאָמיך דערווײַל כאפּן א שמועס מיט נאסטאסיען.

רובאנקע דערמאָנט זיך: זי האָט טאקע אנומלטן געזען פאראסקיווען מיט א בויך. און טאָ־דער האָט פיר קינדער — סאמע מיידלעך.

— כאפּן, זאָג איך, דערווײַל א שמועס... א ייִנגל, ווי דו זעסט מיך א לעבעדיקן!.. כ׳בין שוין ניט קיין יונגערמאן, איז וואָס זשע... ווייסט, ס׳א מעסוקענע פריידן!..

ביידע שפּאנען ארום די סטערטעס שטרוי — שטיין אָף איין אָרט, נעמט דורך די קעלט. רובאנקע גייט מיט דער סטעזשקע, רײַבט איין האנט אין דער אנדערער, און טאָדער לעבן איר שפּאנט אין שניי.

פון מאָלדאוויש — י. ש ר ײַ ב מ א ן.

שלוימע רויטמאַן

דער אומקער פון מײַן נעשאָמע־מאַלקע

1. די שוואַלב אַף מײַן שויב

(פּרעליודיע)

הימלדיק־צעדולט פאַלט די שוואַלב צום פענצטער,
פאַטשט מיט פליגלען און הענגט, ווי אַף מישקוילעס.
אַז אַ הילך טוט מײַן שויב אַף קוילע־קוילעס:
— „נו, רייד זשע, מײַן גאָלדענע, זאָג, מײַן שענסטע,
פאַרוואָס איז דײַן מײַלעכל אופגעריסן,
און וואָס דונערט אַזוי דײַן פרילינג־גוווּרע,
ניט אַנדערש, ווילסט געבן פון גליק צו וויסן,
ניט אַנדערש, אין שנאָבל דיר שטעקט די בסורע,
וואָס גרויס איז אַזוי, ווי דער לעבנס־קערן,
און לאָזט דיר דאָס מײַלעכל ניט פאַרמאַכן.
איך ווייס, אַז דו קענסט דאָך די זונען־שפּראַכן,
דײַן פלי גיט אַף בריוועלעך אָנצוהערן,
נאָר איצט איז דײַן האַלדז פאַראָטעמט, פאַרצויגן
מיט אײַנגעשלונגענע שטרעקעס און קראַכן,
פאַרהײַטלט מיט יאַם־ווײַט, וואָס ביסט פאַרפלויגן.
אַך, ווי דיר שפּרינגען פון קעפּל די אויגן,
גלײַך זריז־קערנדלעך, ברוינלעכע, קאַרע,
און ס'רייכלען שוין פליגלען אַרויס די כמאַרע
און טרייסלען אַרויס שוין דעם שטויב פון ווינטן,
אַז טונקען אַף טאַפּליעס דו זאָלסט זיי קענען
אין מאָרגן־טויען — אין העלישע טינטן,
און שרײַבן פאַר מיר מיט פעדערלעך־פענען:
— „נאַרעלע, ס'איז שוין דײַן האַרץ ניט קיין אָוולן!“
מײַן בליציקע שוואַלב, מײַן הימלשע קרויווע,
קלעפּסט אײַן זיך פאַר מיר אינעם פענצטער־טאָוול —
אַ גאָלדענע בלויע לעשאָנעטויווע.
דו שפּרינגסט, ווי דעם גינען אין גלאָז וואָלסט קנעטן
מיט נעגל, וואָס קלינגען איצט אָפּ מיט בראָנזע;
מיר דאַכט, אַז דו טאַנצסט נאָר מיט קאַסטאַניעטן
דעם טאַנץ פון דײַן היים־קער נאָך לאַנגן בלאָנדזשען.
אַ „קײַלעכיקס“ גייען אויגן צעפּעכלט,
און פליגלען פליעסקען אַלץ ווילדער און האַרבער,
דער שנאָבל פּיקט אין מײַן שויב, ווי אַ שפּאַרבער,
מאַשמאָעס, דו ווילסט נאָר דאָס גלאָז צעברעכן,
אַ טאַפּליע אין ברוסט זיך אַרײַנצושטעלן,
כ'זאָל זען, וואָס עס טוט זיך באַ דיר אין העלן
און אָפענעם האַרצן, וואָס איז ניט באַרעכנט.
אוי, ניטע, ווי מעג מען דען פרייד פאַרשטערן,
אוי, ניטע, דײַן סימכע קומט דען צעברעכן,
שפּליטערס דערמאָנען אין בראָך, אין צעשטערן,

שפּליטערס פאַרמאָגן די שאַרפקייט פון טרערן —
און דען צוליב דעם איז דײַן פרילינג־גוווּרע,
עס טאָר דאָך קיין ווי ניט פּלעקן דײַן בסורע,
דערטראָג זשע מיר זויבער איר לעבנס־קערן.

2. הימן

א ווארע, א ווארע, א בויע־בעשאָלעם
מאכט איר, וועלדער, זון און באלקעס,
סע נידערט פון בערג מײַן נעשאָמע־מאלקע,
איר שטאלט האָט דעם ערדישן בוים זיך געכאָלעמט.

זי טראָגט אַפן קאָפּ א קרוג מיט געטראנקען,
דאָרט שפּילט דער קוואל דער קאסטאליער[1] פון לידער,
דער קאלך — פאר ביינער, דאָס פײַער — פאר גלידער,
דער ברויז און די ליכט און דאָס זאלץ — פאר געדאנקען.

איז לאָמיר די הערצער, ווי גלעזער, איר געבן,
פון קוואל אירן טרינקען פאר איר א לעכאַיִם,
זי וועט אונדז באצאָלן בעקויפליי־קיפלאַיִם,
אונדז שענקען בעעמעס דאָס אייביקע לעבן.

שיין איז מײַן מאלקע, שיין איז מײַן שלאנקע,
אין כיינגריבלעך אירע פאַרפלאנצט זײַנען קווייטן,
אַף צעפּ אירע, פּונקט ווי אַף גאָלדענע קייטן,
איז פרילינג און יוגנט אַף שטענדיק פאַראנקערט.

זי שפּאַנט מיט די באָרוועסע פיס איבער שטויבן,
מיט נאקעטן הארצן, מיט אָרעם מיט הוילן,
צי דאַרף זי פאַרדעקן, צי דאַרף זי פאַרהוילן,
אז אָנטאָן זי קומט אונדז אין ליבע, אין גלויבן.

צום טײַוול, אסקעטן־סקעלעטן און פּריסטער,
געליימטע נעזירים און הילצערנע סאָרעס,
מיט אײַך ניט צו שלאָגן איז אויך קיין קאַפּאָרעס,
ווײַל וואָס איז פון אײַך דאָ נאָך פּוסטער און וויסטער,

ווײַל וואָס איז פאר אײַך דען פון ליבע נאָך טרייפער?
מײַן מאלקע זי קומט זיך אַף שמייכלען צעשענקען
פאר אלע, וואָס יובלען און בלוטן און בענקען.
מע דאַרף ניט קיין קינע, מע דאַרף ניט קיין אייפער, —

נאָר קרענץ פון דער פרײַנטשאַפט, געפלאָכטן אַף מויכעס,
נאָר טענץ, וואָס צעאַקערן רויערד פאר בלומען.
א ווארע! מײַן מאלקע צו מיר איז געקומען,
א ווארע פאר מענטשלעכע מארכיקע קויכעס!

איר קרוג איז דאָך פול מיט דעם קוואל פון קאסטאליען,
איז טרינקט, איר זאָלט דאָרשטן נאָך גוטס און נאָך פרײַהײַט;
אָט וועל איך פאר פרייד ארום איר זיך צעטײַען
און ס׳וועט זיך מײַן לײַב, ווי א קלייד, אַף איר כוואליען.

---

[1] קאסטאליער קוואל — א וואסער־קוואל אַפן בארג פּארנאס אין גריכנלאנד. ווערט גע־
נוצט אלס סימבאָל פון פּאָעטישער באגײַסטערונג.

3. מײַן נעשאָמע־מאַלקע און איר קריגעלע

געגאַן איז מײַן מאַלקע אַף בערג צו די קוואַלן,
געפינט זי א פעלדז, ווי א בעכער געשליפן.
ווי נאָר זי פאַרשעפּט דאָרט פון גאָלדענע טיפן,
דערטראָגט זיך פון קרוג א מין קאָל, א מין שאַלן:

„אָ, ווער כאָטש א טראָפּן פון מיר ס'וועט געניסן,
אָט דער וועט דאָס האַרץ פונעם לעבן דערהערן,
פון אייביק ביז אייביק זײַן יוגנט וועט ווערן,
נאָר ווײ איז צו דעם, וואָס ער וועט מיך צעגיסן”.

געװײַלט האָט מײַן מאַלקע, געװײַלט אַף צו ליבן,
ספּאַטיקעט מײַן שלאַנקע זיך האָט אין א דאָרן,
און ווי ס'איז דאָס וואַסער צעגאָסן געוואָרן,
איז ליגן מײַן מאַלקע פאַרשטיינערט געבליבן.

געיאָגט האָט דער אוילעם אַף כידעש צום היגל:
— ווי מאָדנע דערמאָנט אָט די מאַטעווע סקאַלע
אין עפּעס א האָלדער פאַרכאַלעשטער קאַלע,
נאָר גיי און דערמונטער, אז הויל איז איר קריגל.

צו דיר כ'בין געלאָפן ניט פּראַווען אווילעס,
ניט זען דיך געפאַלן, ניט זען דיך פאַרשטיינערט;
א שלײַדער געטאָן כ'האָב אַף דיר מײַנע ביינער,
מײַן עמערל בלוט זאָל פאַרפולן די קיילע.

נאָר האָסט ניט געוואָלט דאָך קיין בלוט און קיין טרערן,
און כ'האָב דאַן פאַרשטאַנען, אויב שיינקײַט איז גלויבן,
אויב ליים־בערג דערטראָגן דעם זאַפט צו די טרויבן,
מוז ווידער דער שטראָם צו מײַן מאַלקע זיך קערן.

דערװײַל האָט דער קוואַל זיך צו שטאָפּן דערקליבן,
וואָס האָבן אים קויעך פאַר אויסברוך געגעבן,
זײַן אופרײַס געוועזן איז דער רוף צו דעם לעבן,
זײַן פאַל אַף דײַן לײַב איז געוועזן ווי די ליבע.

אַן עפן געטאָן האָסט, ווי בעז, דײַנע אויגן,
און שוועבסט, ווי א קישעף, ארויס פון געשטיינען
מיט קושנדיק־מיידלשע זעליקע כיינען,
און האָסט שוין דײַן קרוג צו מײַן מויל אויסגעצויגן.

און ס'נעמט שוין דײַן מילדקײַט מײַן לעבן פאַרכלינען,
און כ'גיי שוין אריבער די אייגענע גלידער,
פאַרגעסן איך האָב זיך אין שוועסטער און ברידער,
וועסט מיך, ווי א פּערל, בא זיי נאָר געפינען.

איך האָב זיך פאַרגעסן, אַף גליקלעך צו וויסן,
אז אויב כ'האָב דײַן הויכמוט, דײַן שיינקײַט דערטראָגן,
וועט דעמלט דײַן האַרץ זיך ניט אופהערן שלאָגן
אויך דאַן, ווען מײַן האַרץ וועט שוין ווערן צעריסן.

יויסעף ראבין

ניט־הײַנט־געדאַכט

1

דאָס איז געווען אין טויזנט נײַן הונדערט זיבן און דרײַסיקסטן יאָר.

דער אופזעער פון דער הילצערנער פּרויען־טפיסע האָט מיט דער רעכטער האַנט געעפנט די טיר פון דער ליידיקער קאַמער און מיט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט אײַנגעלאַדן אהין סאָניע מײַדאַנער. די טפיסע איז ניט מער ווי אַ ראַיאָנע און פאַרמאָגט ניט דעריבער אַלע יענע „זיבן גליקן", וואָס מע געפינט אין דער געגנטלעכער שטאָט. דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל אינעם אײַנשניט אריבער דער טיר לײַכט קוים־קוים, טיילנדיק די שײַן פאַר צווייען: אַ העלפט אין קאַמער אַרײַן — פאַר דער אַרעסטירטער, אַ העלפט אין קאָרידאָר — פאַרן אופזעער.

פריִער פאַר אַלץ האָט סאָניע דערפילט דעם שאַרפן איפּעש פון דער פּאַראַשע, דערנאָך — די קעלט, וואָס הייבט זיך פונעם שיטערן דיל און שמעקט מיט מײַזן־קויט, און צולעצט איז צו איר דערגאַנגען דער רייעך פון קנאָבל. פונעם קנאָבל־רייעך האָט זי זיך דערפילט אַ ביסל היימישער, און, ווי זי טוט עס שטענדיק, קומענדיק צו זיך אין צימער, האָט זי געוואָלט אויסטאָן דאָס היטעלע פון קאָפּ. זי האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, ווו זי געפינט זיך, און מיט ביטל אַ קוק געטאָן צו אירע לאַקירטע טופליעס, צו די זײַדענע זאָקן, צום וואָלענעם סוועטער. ווי ניט זײַענדיק אײַנגעאַנצן זיכער, צי מיט איר קומט עס פאָר אָף דער וואָר, צי אין כאָלעם, האָט זי מיט אַלע פינגער גענומען טאַפּן דעם סוועטער, וואָס טיילט אַזוי גוט אויס איר פיגור און גייט איר זייער צום פּאָנעם, ווי עס האָבן הײַנט אין קלוב איר אַלע געזאָגט. עס גלייבט זיך אַפילע ניט... מיט אַ שאָ דרײַ צוריק האָט זי נאָך געטאַנצט אין קלוב. און גלײַך פון דאָרט, אין די זעלבע קליידער באָך, האָט מען זי אַהער געבראַכט. לאַכן ווילט זיך איר: זי, סאָניע מײַדאַנער, אין אַ סאָוועטישער טפיסע! עס האָט זיך אָבער עפּעס ניט געלאַכט. זי האָט באַקוקט די קאַמער און אַ זאָג געטאָן הויך אָפן קאָל, פונקט זי וואָלט גאָר אַהער געקומען, ווי אַ פאָרשטייער פון קאָמסאָמאָלישן קאָמיטעט, צו באַטראַכטן די געבײַדע:

— אָט דאָס איז די טורמע...

דער אופזעער האָט דערהערט, אַז די אַרעסטירטע רעדט, האָט ער געעפנט דאָס אייגל און אַרײַנגעקוקט.

— איר האָט עפּעס געזאָגט?

— גאָרניט, — האָט געענטפערט סאָניע. נאָר באַלד האָט זי כאַראָטע געהאַט. ריידן מיט עמעצן איז דאָך פריילעכער, ווי מיט זיך אַליין. — איך פרעג... פאַרוואָס שמעקט דאָ אַזוי מיט קנאָבל?

— צוליב אײַער געזונט וועגן, — האָט מיט שפּאָט געענטפערט דער אופזעער.

עס איז געווען אינמיטן נאַכט. אָף דער גאַס איז געפאַלן אַ שניי. דורכן קליינעם פאַרגראַטעוועטן פענצטערל זײַנען אַרײַנגעפלויגן איינציקע שנייעלעך. סאָניע איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל און געכאַפּט אַ שנייעלע אָף דער דלאָניע. דאָס שנייעלע איז גלײַך צעגאַנגען. סאָניען איז געוואָרן קאַלט. קעדיי זיך אָנוואַרעמען, האָט זי גענומען אַרומלויפן איבער דער קאַמער.

ווידער האָט זיך געעפנט דאָס אייגל.

— באַרישניע, — האָט געזאָגט דער אופזעער, — קומט שוין, מיילע, אַרויס אין קאָרידאָר זיך וואַרעמען, אַניט וועט איר דערפרוירן ווערן... קומט, קומט... אַכוץ אײַך איז אין טורמע דערווײַל קיינער ניטאָ און נאַטשאַלסטווע איז אין די בעטן אונטער די פערענעס...

סאָניע האָט געפילט ווי פאַרפרוירן עס זײַנען בײַ איר די פיס אין די לאַקירטע טופליעס, די קנעכל אין די זײַדענע זאָקן. אַפילע דאָס וואָלענע קאָפּטל מיט די אויסגעשטריקטע הירשן אריבער דער ברוסט האָט אויך ניט געוואַרעמט. זי איז אַרויס אין קאָרידאָר און צוגעטוליעט זיך צום אויוון.

סאָניע מײַדאַנער איז מיט א יאָר אָדער צוויי צוריק געקומען פון ווילנע, ווו זי איז געווען אין אונטערערד אן אקטיווע קאָמסאָמאָלקע. דאָס לעצטע יאָר איז זי דאָרט אָפּגעזעסן אין טורמע. ווען פּאָליציי האָט ווידער זי גענומען זוכן, האָבן די כאַווײרים איר געהאָלפן אַריבערפאָרן קיין סאָוועטנפארבאנד. שווער איז געווען זיך צו שיידן מיט דער שטאָט, ווו זי איז אויסגעוואקסן, באזונדערס מיט די כאַווײרים אירע. ווינציקער האָט זי געטראכט וועגן די עלטערן. זי איז געווען א באסיעכידקע, און טאטע־מאמע האָבן געהאַט פון איר אויסצושטיין קאלטס און ווארעמס. זיי האָבן געציטערט איבער איר, ניט געשלאָפן קיין נעכט און שטענדיק מוירע געהאַט צו דערהערן, אז מיט דער טאָכטער איז עפּעס געשען.

— וויפל איז דער שיר אזוי ארומהאוווען, סאָניע?

— וועסט עלטער ווערן, מאמע, וועסטו פארשטיין.

— עלטער ווערן... — האָט די מאמע געלאכט מיט טרערן. — איך ווער מיט יעדן טאָג יינגער. באלד דארף מען שוין גאָט די נעשאָמע אָפּגעבן...

ווען סאָניע האָט זיך גענומען קלײַבן אין וועג ארײַן, האָבן שוין די עלטערן ניט געקאָנט באנעמען: זייער טאָכטער איז גאָר ניט זייערע. זי האָט אַף זיך אן אנדער טאטע־מאמע...

שווערער איז סאָניען געווען זיך צו שיידן מיט אלטערן. זייער פרײַנטשאפט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אוניווערסיטעט אַף ווינטשעווסקיס נאָמען, ווו ביידע האָבן געלערנט. כאָטש זי איז שטענדיק געווען פארנומען מיט אומלעגאלער ארבעט און ער האָט זיך מיט פּאָליטיק ווינ־ציק אינטערעסירט, געכאָלעמט וועגן א הויכשול, — איז זייער פרײַנטשאפט ביזן לעצטן טאָג ניט אָפּגעשוואכט געוואָרן. באם געזעגענען זיך האָט סאָניע אים געזאָגט: זי וועט אַף אים ווארטן. איניגיכן וועט די רעוואָליוציע אין פוילן זיגן, דעמלט קומט זי טייקעף צוריק און זיי האָבן כאַ־סענע. זי האָט אַף אים געקוקט מיט גליקלעכע אויגן און דערבײַ געטראכט: „ער איז בא מיר א שיינער, מײַן אלטער". זי וועט אַף אים ווארטן, און ער — אַף איר. זי צווייפלט אפילע ניט.

— דו ביסט א קלוגע, סאָניע, נאָר א נאַיווע. לעבסט מיט ווײַטע האָפענונגען. ווייסט זייער גוט, אז איך האָב דיר קיינמאָל אין גאָרנישט ניט געשטערט. איצט אָבער דארף איך דיר אלץ זאָגן אָפן. מיר שיידן זיך אַף שטענדיק, אַף אייביק... אונדזערע וועגן גייען זיך פאנאנדער.

— וואָס רעדסטו, אלטער? הער זיך נאָר צו, וואָס דו רעדסט. איך שווער דאָך דיר, אז איך וועל אַף דיר ווארטן.

— ביסט נאָך א קינד. ווער פארשטייט עס ניט, אז פון דער מינוט אָן, ווי דו פאָרסט אוועק, צעגייען זיך אונדזערע וועגן. א שפּיגל, אז ער פּלאצט, ווערט פון אים צוויי...

פון אלטערס רייד האָט סאָניען פארקלעמט דאָס האַרץ. זי האָט זיך אַף אזוינס ניט געריכט. עמעס, זי דארף זיך מוידע זײַן, אז אלטערן איז שווער די צעשיידונג, אז פאר זיך איז ער עפּשער גערעכט. איר ווילט זיך אים צוליב טאָן, גרינגער מאכן זײַן געמיט. זי נעמט אים ארום, קושט אים.

— גלייבסט מיר ניט, אלטערל, צווייפלסט... און איך אין דיר גלייב.

ער האָט זיך באפרײַט פון אירע הענט און אפילע זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איר. זי פאר־שטייט זײַנע געדאנקען און פארלויפט אים דעם וועג:

— נו, אלטער, גענוג! איך בין דײַנע, קאָנסט וועגן מיר טראכטן, וואָס דו ווילסט. די רעוואָליוציע איז מײַנע — ריר זי ניט אָן! מירן זיך שטארק קריגן!

— איך האָב זיך שוין אָפּגעקריגט. — ער האָט זיך אופגעשטעלט, א רעגע א קווענקל זיך געטאָן, דערנאָך געזאָגט „זײַ־געזונט" און איז ארויס.

ביז הײַנט בענקט זי נאָך אים. זי האָט אים געשיקט גרוסן. און קעדיי אים זײַן געפעלן אפילע פונדערווײַטן, אַף די פּאטאָס, וואָס זי פּלעגט אים צושיקן, האָט זי זיך גענומען פוצן. אין ווילנע האָט זי זיך זעלטן ווען פארנומען מיט איר אויסזען. דאָ אָבער האָט זי אָנגעטאָן לאַקירטע טופליעס, זײַדענע זאָקן און זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן בא באקאנטע אַף נײַע מאָדעס. אפילע טאנצן האָט זי זיך געלערנט צוליב אים, צוליב אלטערן — ער האָט עס ליב. און אָט... דאפקע אין די קליידער, אין וועלכע, לויט איר מיינונג, דארף זי זײַן געפעלן אלטערן, שטייט זי איצט און ווארעמט זיך באם אָנגעהייצטן אויוון פון דער הילצערנער פרויען־טפיסע.

— עך, עך, בארישניע, — זאָגט דער אופזעער, — ווי קומט מען עס אין טפיסע אין אזא הילעך... אויסגעפוצט זיך, ווי אַף א כאַסענע. אין א וואָך ארום וועט דאָך פון אלץ ווערן שמאטעס.

— וואָס רעדט איר... וואָס הייסט אין א וואָך ארום? מאָרגן וועל איך שוין זײַן בא זיך אין דער היים.

— אוואדע... — האָט זיך צעלאכט דער אופזעער, — אין צען יאָר ארום, אויב גאָט וועט געבן יאָרן, וועט איר עפּשער צוריק אהיים קומען...

3

דער אופזעער, סעמיאָן דאנילאָוו, א ברייטפלייציקער און פולער, מיט א געשוירן בערדל, א מענטש בא די פופציקער, איז א פּאָשעטער מיליציאָנער. אייגנטלעך, וואָלט אין דער פרויען־אָפּטיילונג פון דער טפיסע געדאַרפט זײַן א פרוי אן אופזעערן, נאָר אין דער ראַיאָנער טפיסע האָט מען זיך וועגן דעם ווייניק געקימערט.

הײַנט איז בא דאנילאָוון ניט קיין געוויינלעכע דעזשורסטווע. קימאט דאָס ערשטע מאָל קומט אים אויס צו זיצן אין קאָרידאָר־ווינקל, באַם טישל, און היטן די פיר וועגט פון דער ליידיקער טפיסע. אינדערפרי איז אוועק אן עטאַפּ, אוןביידע קאמערן זײַנען פוסט. ער איז צו דעם ניט געוווינט. ער האָט ניט וועמען צו היטן. די צײַט ציט זיך לאנגזאם, ער זיצט און גענעצט. וואָלט מען כאָטש עמעצן געבראכט, — טראכט ער, — וואָלט געווען פריילעכער. און אזוי באַקומט זיך גאָר, אז ער היט זיך אליין. ער צעלאכט זיך אפילע: יאָ, יאָ... אליין דער אופזעער, אליין דער ארעסטאנט. נו, אשטייגער, — טראכט ער ווײַטער, — וועמען וואָלט מען איצט געקאָנט ברענגען? זײַן באקאנטשאפט איז אין שטאָט ניט קיין גרויסע: בלויז עטלעכע שכיינים. אים ווילט זיך ניט, אז מע זאָל ברענגען א שאָכן אָדער א באקאנטן. פאר אזוינעם דארף מען מאכן אן אויסנאם, געבן א פּאַפּיראָס, א שוועבעלע, איבערגעבן א גרוס... אזוינס האָט ער פײַנט. עס פעלן דען אנדערע מענטשן מיט לאנגע צינגער? און ווי נאָר ער טוט א טראכט וועגן „לאנגע צינגער“, אזוי ווערט ער אומרויִק. פאר זײַנע אויגן קומט אוף זײַן טאָכטער טאניע. אָך, האָט זי א מיִעס צינגל. זי דערלויבט זיך צו זאָגן: „מע זעצט אומזיסט מענטשן, אָרנטלעכע סאָוועטישע מענטשן“. פארשטייט זיך, אז ער שווײַגט ניט. ער זידלט זי גוט אָפּ, זי קאָן דאָך אפן פײַער ארופברענגען. נאָר זי הערט אים ניט. ער שרײַט, און זי לאכט. וואָס קאָן ער מיט איר טאָן? זי איז זײַן ליבלינג, אלץ פויעלט זי בא אים. ערשט יענע וואָך האָט ער פאר דעם לעצטן געלט איר געקויפט לאקירטע טופליעס.

„אָרנטלעכע מענטשן זעצט מען...“ נו, א נאריש מיידל. קעדיי אָפּצוטרײַבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאנק, נעמט ער עפּעס שטיל אונטערזינגען. ער זיצט אפן טאבורעט, שאָקלט זיך און זינגט. און וואָס ווײַטער, אלץ העכער, אלץ שטארקער. זײַנע אויגן זײַנען צוגעמאכט און ער הערט זיך אײַן אין זײַן אייגענער שטים. פלוצלינג גיט ער אן עפן די אויגן און טוט זיך ראפּטום א שטעל אוף. עמעצער זאָל עס דערהערן, וועט מען זאָגן: ניט אנדערש, מעשוגע! זינגען אין א טפיסע... הײַנט, ווען מע זאָל זיך דערוויסן, אז ער זינגט א ליד, וואָס מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אין קאמער געזונגען אן ארעסטירטע. די זינגערקע איז דערפאר אין קארצער געזעסן...

זאָל מען עמעצן שוין ברענגען. ער דרייט זיך ארום אין קאָרידאָר, פאריכט דאָס האָלץ אין אויוון, און די צײַט ציט זיך, ציט זיך... ער וואָלט זײַן גאנצע זשאלאָוואניע אָפּגעגעבן, אבי איצט אוועק פונדאנען צו די אייגענע, צו די פרײַנט. מע קאָן דאָך דאָ מעשוגע ווערן! ווען מע ברענגט עמעצן, וואָלט כאָטש געווען פריילעכער. ער טראכט שוין איצט גאָר ניט, ווי קיין אופזעער. ער טראכט: מע זאָל עמעצן ברענגען, וואָלטן זיי זאלבעצווייט ליגן אף דער נארע און שמועסן, כאָלעמען וועגן דעם, ווי גוט עס איז צו זײַן אין דער היים, ווי גליקלעך מען איז, ווען מע קאָן גיין וווהין מע וויל און ווען מע וויל. אזוי צוביסלעך נעמט ער טראכטן וועגן זיך, ווי וועגן אן ארעסטאנט. ער איז צוגעשמידט צום אָרט. די פאָר וועגט זײַנען אף אים באלעבאטים. ער עפנט א קאמער, פארמאכט נאָך זיך די טיר און לייגט זיך אוועק אף דער נארע. דורכן פענצטערל זעט ער, ווי מענטשן אײַלן ערגעץ... און ער כאלעשט מאמעש, אז כאָטש א באקאנטער זאָל פארבײַגיין, זאָל זיך זײַן טאניע באווײַזן. אים ווערט ענג, שווער, עס פארכאפּט אים דער אָטעם. ער גיט זיך א הייב אוף און... א טראסקע דעם קאָפּ אָן דער אייבערשטער נארע. שטילערהייט גייט ער ארויס פון קאמער, פארמאכט די טיר און קוקט ארײַן אין אייגל. איצט פארשטייט ער, פארוואָס קלאפּן זיך מענטשן אזוי אָפּט די קעפּ אין די אייבערשטע נארעס. און ער פלעגט גאָר אלעמאָל מיט א געלעכטערל זאָגן: „ביסט ניט בא דער מאמען אין וויגעלע, א שאָד די ברעטער“.

א פארשאָלטענער טאָג הײַנט. קיינעם ברענגט מען ניט. עפּשער האָט מען אים אליין ארײַנגעזעצט? ער איז דאָך אָבער אן אָרנטלעכער מענטש? „ווידער טראכט איך אזוינס, וואָס מע טאָר ניט...“ ער ווערט בייז און צעשרײַט זיך אף דער ליידיקער קאמער:

— שטילער! לאנג אין קארצער ניט געזעסן?

פון דעם געשריי בארויִקט ער זיך. ער איז דאנילאָוו — דער אופזעער. ער מעג שרײַען, ארומגיין, ריידן מיט וועמען ער וויל. ער איז באלעבאָס. ער גייט צום קארצער, עפנט די טיר, און גלײַך פארכאפּט אים דער אָטעם פון קעלט און פײַכטקײַט, דורך דער אויסגעזעצטער שויב פאלט אין קארצער א שניי. זיצן איז ניטאָ אף וואָס, און פון ווינקל צו ווינקל איז אינגאנצן עטלעכע טריט.

ערשט שפּעט באַנאַכט האָט מען אין דער דרויסן־טיר שטיל אָנגעקלאַפּט. א צופרידענער איז דאַנילאָוו צוגעלאָפן און א הייב געטאָן די קליאַמקע. די טיר האָט זיך געעפנט, און גלייך האָט אים אזא זעץ געטאָן אין הארצן, אז דער קאָפּ איז פול געוואָרן מיט בלוט. אריבער דער שוועל האָט זיך פון דער פינצטערער גאַס אריינגעשטעלט א מיידלשער פוס אין א לאַקירטער טופליע און אין א זיידענער זאָק. „טאַניע!" האָט ער געוואָלט אויסשרייען, נאָר באַלד האָט זיך אריינגעשטעלט א צווייטער פוס, און דאַנילאָוו האָט זיך דערפילט לייכטער; ניט זיין טאָכטער, ניין.

...און ווען סאָניע מײַדאַנער איז שוין נאָכדעם געשטאַנען און זיך געוואָרעמט באַם אויוון, פרעגט בא איר דאַנילאָוו:

— איר רייכערט?

— ניין.

— הערט, באַרישניע, איך בין עלטער פון אייך און ווייס אלץ, וואָס דאָ קומט פאָר. הערט מײַן אייצע... איר וועט מיר דערנאָך דאַנקען, פאַרגעדענקט: אז דער אויספאַרשער וועט לאַנג האַלטן אַפּן פאַרהער, זאָלט איר זיך בעטן אין טואַלעט. דער טואַלעט איז בא אונדז אַפן הויף. מע פרישט זיך אָפּ אַף דער קעלט...

— כאַוועד, ווי רופט מען אייך? — האָט סאָניע געפרעגט.

בא דאַנילאָוון אַף דער צונג זיינען שוין געווען גרייט די ווערטער, וועלכע ער זאָגט שטענדיק, ווען עמעצער פון די אַרעסטירטע פאַרגעסט זיך און פון געוויינהייט־וועגן כאַפּט זיך ארויס דאָס וואָרט „כאַוועד", — „א וואָלף איז דיר א כאַוועד!" איצט האָט ער די דאָזיקע ווערטער אראָפּגעשלונגען און געענטפערט:

— סעמיאָן קוזמיטש.

— סעמיאָן קוזמיטש, פאַרוואָס רעדט איר אזוי... א סאָוועטישער אויספאַרשער איז בא מיר א כאַוועד. און לויפן פון אים אין טואַלעט קלייב איך זיך ניט.

— האָב קיין פאַריבל ניט, מיידל, — איז דאַנילאָוו אריבער אַף „דו", קעדיי מיט דעם געוויינען איר צוטרוי, — ביסט א נאַריש קעלבל. אלע זײַט איר דאָ אזוינע אין דער ערשטער נאַכט. וואָס וועסטו מאָרגן זינגען?

— מאָרגן וועל איך שוין זיין אין דער היים. דאָ איז פאָרגעקומען א מיספאַרשטייעניש. א טאָעס. אזוינס קאָן טרעפן, ווען עס גייט א קאַמף מיט אזויפיל סאָנים. איך ווייס, אז ס'איז ניטאָ וואָס צו פאַריבל האָבן.

— זאָג מיר אָקאָרשט, טײַערינקע, ווו ביסטו געבוירן?

— אין ווילנע.

— ווילנע. איצט איז עס פוילן. אלץ איז קלאָר. מישפּעטן וועט מען דיך הינטער די אויגן. דו וועסט זיצן דאָ, און דאָרט וועט מען דיר געבן צען יאָר.

— ניט עמעס! — האָט סאָניע אויסגעשריען.

— מײַן טאָכטער גלייבט מיר אויך ניט. —דאַנילאָוו האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — אוואַדע... אוואַדע.

דאַנילאָווס לעצטע ווערטער האָבן סאָניען א ביסל באַרויקט. סעמיאָן קוזמיטש דער טאַטע איז איר נעענטער, ווי דאַנילאָוו דער אופזעער. אָבער כאָטש זי האָט פריער אויסגעשריען „ניט עמעס!" און האָט טאַקע געגלייבט, אז מאָרגן וועט זי שוין זיין בא זיך אין דער היים, דאָך האָבן איר די „צען יאָר" רוען ניט געלאָזט.

— סעמיאָן קוזמיטש, איר האָט פריער געזאָגט אזוינס, אין וואָס ס'איז אומעגלעך צו גלייבן. אפילו איבערכאַזערן עס איז שווער... צען יאָר! פאַרשטייט זיך, אז איר האָט געשפּאַסט. ווי דען אַנדערש? נאָר איר ווייסט... אפילו א שפּאַס... איז אויך טשיקאַווע צו וויסן: פאַר וואָס?

— פאַר וואָס? איך קאָן עס אייך זאָגן באַרישניע. איר שטאַמט פון פוילן — איז עס דאָך קלאָר... וועסט, טײַערינקע, זיין א פּוילישער שפּיאָן.

— איך? א ש...פּ... — זי האָט עס ניט געקאָנט ארויסריידן. פון דעם וואָרט האָט געעקלט.

— איך? — עס האָט זי געטרייסלט. העגט און פיס האָבן געציטערט. — איך? — און זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— באַרויק זיך, באַרויק זיך. דאָס סאַמע ערגסטע איז שוין אריבער. איצט, אז דו וועסט עס דערהערן פונעם אויספאָרשער, וועסטו ניט שטאַרק איבעראַשט ווערן... — סעמיאָן דאַנילאָוו האָט דערזען, ווי באַם מיידל, וואָס האָט זיך פון גרויס איבעראַשונג גאָר נאָענט צוגערוקט צום אויוון, האָט געגנומען רויכערן דאָס קליידל. — ברענסט! — האָט ער אויסגעשריען. ער איז שנעל צו איר צוגעגאַנגען, אָפּגעפירט אין א זײַט און מיט דער האַנט א פּאַטש געטאָן איבערן קלייד, ווו עס האָט זיך שוין געגרויכערט און געשמעקט מיט סמאַלענעס.

סאָניע איז נאָך אַלץ צו־זיך ניט געקומען. זי איז אַרײַן אין קאַמער און זיך געלייגט אַף דער נאַרע. ווידער האָט זי דערפילט קעלט. זי האָט זיך אײַנגעגנורעט, אײַנגעטוליעט, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. אויך די געדאַנקען זײַנען ארומגעשפּרונגען, ווי דערפראָרענע, זיי קאָנען זיך ניט אײַנטוליען, דערוואַרעמען. ווען סאָניע האָט דאָך פון מידקייט גענומען אײַנשלאָפן, האָט זי זיך געזאָגט: א ליגן! זי גלייבט ניט! מאָרגן וועט זי שוין זײַן צוריק בא זיך אין דער היים. און ווי נאָר זי קומט אהיים, שרײַבט זי אָן צוויי בריוו. איינעם צו אלטערן — זי האָט אים ליב, ער זאָל אומבאַדינגט אַף איר וואַרטן. דעם צווייטן צו די עלטערן — זי טראַכט וועגן זיי, זי וויל זיי זען, זי האָט זיך פאַרבענקט. פון די צוויי בריוו, וואָס זי וועט מאָרגן שרײַבן, איז איר געוואָרן גרינגער און פרייליכער. אינדערעמעסן: וואָס האָט זי צו זײַן אומרויִק?

אינדערפרי כאַפּט זי זיך אויף. איר איז שטאַרק קאַלט. אין קאָרידאָר שטייט שוין אַן אַנדער אופזעער.

4

אַף מאָרגן, אזייגער צוויי באַנאַכט, האָט מען סאָניע מײַדאַנער אַרויסגערופן צום אויספאָר־שער. צוריק אין קאַמער האָט מען זי געבראַכט אין פיר טעג ארום, פאַרטאָג. איין פאַרלאַנג איז בא איר געווען: שלאָפן. אײַנשלאָפן אַף מער ניט אופשטיין. אַף דער נאַרע איז שוין געלעגן נאָך עמעצער, אונטערגעבעט מיט א מאַנטל און איבערגעדעקט מיט א רויטער וואַטאַווער קאָלדרע, אָן א ציך. סאָניע האָט זיך געלייגט אונטער דער פרעמדער וואַרעמער קאָלדרע און איז טייקעף אײַנגעשלאָפן. שפּעטער האָט זי אינעם שלאָף דערפילט, ווי עמעצער דעקט אַף די קאָלדרע פון איר פּאָנעם און באַטראַכט זי. די אויגן עפענען איז איר געווען שווער, זי האָט נאָר עטלעכע מאָל אומצופרידן א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ווידער איבערגעדעקט. אָבער לאַנג שלאָפן האָט זי שוין ניט געקאָנט, זי האָט זיך אינגיכן אופגעזעצט. ערשט איצט האָט זי דערפילט, ווי די אָנגעשוואָלענע פּיס טוען ווײ, אַלע ביינער ברעכן, דער קאָפּ איז אָנגעגאָסן מיט בלײַ.

באַם פענצטערל שטייט און קוקט אַרויס אין דרויסן א מיידל פון א יאָר זיבעצן־אכצן, א פּולינקע, ניט קיין הויכע, מיט א לאַנגן לײַנענעם צאָפּ קימאַט ביז די קני.

— א גוט־מאָרגן. איר האָט זיך אויסגעשלאָפן? מיך רופט מען טאַניע.

— און מיך סאָניע.

טאַניע איז אַרויף אַף דער נאַרע.

— דער שניי האָט אופגעהערט, — האָט זי געזאָגט, — איצט איז גוט צו גיין אַף ליזשעס... אײַך האָט מען ערשט אהער געבראַכט? און איך בין שוין דאָ צוויי טעג.

— איך בין דאָ פינף טעג, — האָט סאָניע געענטפערט. — כ׳בין געווען באַם אויספאָרשער.

— נו? וואָס איז דאָרט? טשיקאַווע צו וויסן, — האָט טאַניע מיט נײַגער געפרעגט. — איך האָב קיין קאַפּעלע קיין מוירע ניט. איך בין א לאַכערקע, איך וועל לאַכן... ער וועט זײַן ברויגעז, ווי מיינט איר?

— מיסטאַמע יאָ.

— אַפּצולאָכעס וועל איך לאַכן. איך וועל אים גלײַך זאָגן, אז מע נעמט אומזיסט מענטשן, אָרנטלעכע מענטשן...

— זאָל גאָט אויסהיטן, טאַניע! איר זאָלט עס ניט זאָגן... צען יאָר באַקומט איר...

— איך ווייס עס. וועל איך אָבער זײַן מיט אים צוזאַמען.

— מיט וועמען?

— באַלד וועל איך אַלץ דערציילן. מע רופט אים וויטיע, וויקטאָר. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין דער שול. איך בין פון שטענדיק אָן געווען א שטיפערקע, און דערפאַר האָט מען מיך גערופן: דאָס יינגל טאַניע. ער איז געווען א שטילער, א שעמעוודיקער, און אַלע אין קלאַס האָבן אים גערופן: דאָס מיידל וויטיע. די היימישע פאַרגעבונגען פלעגט ער אויספילן בעסער פאַר אַלעמען, נאָר קיין פינפן קימאַט ניט באַקומען. פאַרוואָס? ווײַל ער איז א מאָדנער מענטש. ער מוז צוגעבן, אז מער ווייסט ער ניט און ניט אַלץ איז אים פאַרשטענדלעך. נו, וויבאַלד ער אליין זאָגט, אז ער ווייסט מער ניט און ניט אַלץ איז אים פאַרשטענדלעך, ווי שטעלט מען אים א פינף? מיר איז ער געפעלן געוואָרן. עס האָט מיך צו אים געצויגן. איך דאַרף דיר זאָגן, סאָניע, אז איך פאַרשטיי אין ליבע. האָב איך געזען, אז ער צו מיר ציט זיך אויך. ער וועט עס אָבער ניט אַרויסווײַזן, פאַרקערט, ער מײַדט מיך אויס. און דאָ זײַנען מיר שוין אין לעצטן קלאַס. איך זע, אז מײַן וויטיע (פאַר זיך פלעג איך אים רופן „מײַן וויטיע") גייט אַרום א צעטראָגענער. ער ענטפערט קוים־קוים אַף די פראַגן פון די לערער. וואָס איז מיט אים? די כאַוועריעס, וואָ... האָבן זיך אָנגעשטויסן, אז וויטיע איז מײַנער, האָבן מיר געזאָגט: טאַניושע, דײַנער גייט ארום,

ווי א דערטרונקענער... איר האָט זיך צעקריגט? נארישע מיידלעך, זיי ווייסן אפילו ניט, אז ער האָט מיך נאָך קיין איין מאָל ניט באגלייט אהיים. צוליב אים גיי איך שוין אויך ארום א נעבעכטיקע. איין מאָל זאָג איך אים:

— וויטיע, נאָך די לימודים זאָלסטו מיך היינט באגלייטן.

פון דער שול זיינען מיר אוועק צוזאמען. ער שווייגט און איך שוויי. אזוי זיינען מיר שוין דורכגעגאנגען די בריק איבערן טייך און זיינען ארויס צום וואלד.

— וויטיע, — פרעג איך, — האָסט מיר גאָרניט וואָס צו זאָגן?

— איך האָב דיר געהאט וואָס צו זאָגן, נאָר איצט איז שוין שפעט...

— שפעט? — און איך נעם אים אָן פאר דער האנט. — פארוואָס שפעט, זאָג...

— שפעט... — ענטפערט ער. — אז דו וועסט זיך דערוויסן, וועסטו אפילו ניט וועלן אויף מיר קוקן.

פון זיינע רייד האָט מיך א קלעם געטאָן באם הארצן. זינט איך געדענק זיך, האָב איך קיינמאָל ניט געוויינט. און דאָ האָב איך דערפילט א טרער אין אויג.

— אויף דיר ניט קוקן? — שריי איך אויס. — ביסט דאָך מיינער! זאָג...

— מיין טאטע איז ארעסטירט.

מיר זיינען געשטאנען און געשוויגן. ער האָט געקוקט צו דער ערד און איך — צום הימל. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— איך שווער דיר, אז מיין טאטע איז אומשולדיק. ער איז אן אָרנטלעכער, א סאָוועטישער מענטש.

— איך גלייב דיר, וויטיע, איך גלייב...

ביז שפעט זיינען מיר ארומגעגאנגען, גערעדט וועגן זיין טאטן און זיך דערקלערט אין ליבע. איך האָב זיך געזאָגט: טאניושע, וויבאלד ער איז דיינער — איז מיט אלע זיינע פריידן און ליידן.

נאָר אָט, איינמאָל, איך קום נארוואָס אריין אין שול, רופן מיך עטלעכע מיידלעך אָפּ אין א זייט:

— דו ווייסט געוויס גאָרניט. ער זאָגט דיר ניט דעם עמעס. טאָרסט זיך מיט אים ניט כאוועריען... זיין טאטע...

— איך ווייס. זיין טאטע איז אן אָרנטלעכער מענטש.

— וואָס רעדסטו, טאניע, וויבאלד מע האָט אים גענומען, קאָן ער ניט זיין קיין אָרנטלעכער... פאראן בעסערע יינגלעך.

— קיין בעסערע זיינען ניטאָ. וויטיע זאָגט, אז זיין טאטע איז אומשולדיק.

צי עמעצער האָט עס אונטערגעהערט, צי איינע פון די מיידלעך האָט זיך ארויסגערעדט, נאָר אין א וואָך ארום האָט מען אויך וויטיען אריינגעזעצט. און מיט צוויי טעג צוריק האָט מען גענומען מיך. זאָג מיר, טייערע, דו ווייסט דאָך שוין, ביסט געוועזן באם אויספאָרשער... ווען מע וועט אונדז אָפּמישפּטן, וועט מען אונדז דערנאָך כאָטש לאָזן זיין צוזאמען?

— איך ווייס ניט, — ענטפערט סאָניע.

— טייערינקע, זאָג, אז יאָ. זאָג... איך בעט דיך.

ביידע מיידלעך זיצן אויף דער נארע, ביזן האלדז איינגעדעקט אין דער קאָלדרע. איינע א שווארצע, מיט אונטערגעשווירענע האָר, מיט א בלאס, מיד פּאָנעם און מיט אויגן, וואָס זיינען פול מיט כאראָטע אויף זייער געבוירן ווערן. די צווייטע — א ווייסע, מיט א לייַנענעם צאָפּ אויף דער ברוסט, מיט ליכטיקע אויגן, וואָס נעמען ערשט דערזען די וועלט ארום זיך.

— סאָניע, דו טראכסט וועגן דיינעם?

— יאָ.

— ער זיצט אויך?

— ניין. ער איז ווייט פונדאנען. אין דער שטאָט ווילנע. האָסט געהערט וועגן אזא שטאָט?

— ווארט, ווארט... דאָס ביסטו פון ווילנע? דער טאטע האָט מיר וועגן דיר דערציילט.

— דיין טאטע?

— מיין טאטע. ביז מע האָט מיך גענומען, איז ער דאָ געוועזן אן אופזעער. סעמיאָן קוזמיטש.

איצט האָבן זיך ביידע מיידלעך דערפילט, ווי אלטע באקאנטע. זיי זיינען געלעגן ארומגענומען, און סאָניע האָט דערציילט וועגן אלטערן, וועגן טאטע־מאמע, וועגן ווילנע. איר איז געוואָרן לייכטער, זי האָט, דוכט זיך, פארגעסן אין די צאָרעס.

נאָר אָט האָט גענומען ווערן טונקעלער, און סאָניען האָט ארומגעכאפּט א שרעק. מע וועט זי היינט באנאכט עפשער ווידער רופן אהין... זי האָט א קוק געטאָן צום פענצטערל, צו דער

גראַטע. שטייענדיק פיר מעסלעס אַף די פּיס, האָט זי ניט אָפּגעלאָזט פון זיך דעם געדאַנק: זי וועט קומען צוריק אין קאַמער, וועט זי זיך אַף דער גראַטע אופהענגען. אָבער איינציַיטיק האָט זי געפילט, ווי אַ צווייטער געדאַנק זאָגט מיט ביטל: „דיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דו ביסט אַ דרייסטע, אינדערעמעסן ביסטו אַ גאָרנישט". סאָניע האָט זיך פּיַינט באַקומען. זי איז זיך אַליין דערווידער. נאָר איצט, מיטן אָנקום פון דער נאַכט, טראַכטנדיק, אַז מע וועט זי הײַנט נאָכאַמאָל רופן, האָט זי ווידער דערשפּירט אין זיך אַ פאַרלאַנג מאַכן צו אַלץ אַ סאָף.

— וואָס איז מיט דיר, סאָניע? ציטערסט. פאַרוואָס שוויַיגסטו? ביסט קראַנק? אַז איך ריר אָן דיַינע פּיס, פּיל איך, ווי דו ווילסט שריַיען פון ווייטעק. מיסטאָמע איז „דאָרטן" שרעקלעך?

— נאָך שרעקלעכער פון שרעקלעך. פיר מעסלעס האָב איך אויסגעהאַלטן, מער וועל איך ניט קאָנען. איך וועל מוזן אַף זיך אַליין אונטערשריַיבן, אַז איך בין אַ פאַרעטערן, אַ סוינע...

— וואָס רעדסטו! גוואַלד, וואָס רעדסטו? זאָלסט עס ניט סמייען! זיי שלאָגן?

— דאָס אַרט מיך ניט.

— ביסט פיר מעסלעס געשטאַנען אַף די פּיס?

— דאָס איז אויך גאָרניט. אַנדערע שטייען מער.

— וואָס זשע דען?

— זיַינע רייד. זיַינע ווערטער זיַינען מער פון קלעפּ, שאַרפער פון אַ מעסער. זיי זיַינען ווי אַ האַק איבערן קאָפּ. מיט אַ האַק גיט מען איין מאָל אַ זעץ, און פאַרטיק. ער קלאַפּט נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד... יעדעס מאָל, ווען ער זאָגט מיר, אַז איך בין אַ פאַרעטערן, אַ שפּיאָן, אַנטרינט פון מיר דער מאַמעס מילך, דאָס בלוט ווערט פאַרקילט. איך וויין. זאָגט ער מיר: „געדאַרפט פריִער וויינען, ווען דו ביסט געשלאָפן מיט פּוילישע אָפיצערן און געוואָרן אַ שפּיאָנקע". אָט וועגן דעם „שלאָפן" רעדט ער אַזוי, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. איך האָב קיינמאָל אַזוינס ניט געהערט, ניט געקאָנט זיך אַפילו פאָרשטעלן, אַז אַזוינע ווערטער זיַינען פאַראַן. ער שריַיט אויס אַזוינע מיִעסקיַיטן, וואָס דעם גרעסטן שיקער וועט עס אַף דער צונג ניט קומען... איך פאַרשטיי ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, איך פאַרשטיי גאָרניט. איך פּיל, אַז קיין קויעך וועט מיר ניט קלעקן, איך קאָן ניט מער...

ביידע מיידלעך ליגן אַרומגענומען און וויינען. דערנאָך נעמט טאַניע טרייסטן סאָניען. זי זאָגט, אַז לאַנג אַזוי זיך ציִען קאָן עס ניט. עס וועט דערגיין צו מאָסקווע, וועט גליַיך נעמען אַ סאָף צו דעם, ווי נאָר סטאַלין וועט זיך דערוויסן — וועט מען זיי טייקעף באַפריַיען...

— דעמלט, סאָניע, וועט דיַינער קומען צו דיר און מיַינער — צו מיר. ווייסט, איך האָב אַן אידיי... מירן צוזאַמען גיין אין זאַגס, צוזאַמען פּראַוווען די כאַסענעס. ווייסט, איך האָב נאָך אַן אידיי... מירן וווינען אין שכיינעס, שטענדיק זיַין צוזאַמען. גוט, סאָניע?

ביידע נעמען איַינשלאָפן און ביידע האָפן אַף גוטע כאַלוימעס.

באַנאַכט האָט מען טאַניען גערופן צום אויספאָרשער. פאַרטאָג האָט מען זי געבראַכט צוריק מיט אָנגעפּאַטשטע באַקן און מיט אַ צעבלוטיקטן אויער. זי האָט זיך אָבער געפילט פאַר אַ זיגערן. זי האָט אים גוט אַריַינגעזאָגט, געלאַכט אין פּאָנעם אַריַין.

ווי נאָר מע האָט געעפנט די קאַמער, האָט טאַניע גליַיך דערזען, אַז אַף דער נאַרע איז קיינער ניטאָ. כאָטש די קאָלדרע ליגט אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אונטער איר געשלאָפן.

— סאָניע!

קיינער רופט זיך ניט אָפּ. זי בליַיבט שטיין אינמיטן קאַמער, ווי אַן אָפּגענאַרטע, ווי זי וואָלט אַריַינגעפאַלן ניט אַהין, וווּהין זי האָט געציַילט. צוריק אין קאַמער, צו איר סאָניען, איז זי געגאַנגען מיט פרייד, ווי צו זיך אַהיים. נאָר ווּ איז איר כאַווערטע? פאַר וועמען וועט זי זיך אויסריידן? ווער וועט זי אַרומנעמען, ווער וועט אַ טרייסט־וואָרט זאָגן?

שפּעטער, אַז טאַניע האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זי זיך דערמאָנט: ווידער האָט מען סאָניען אַהין גערופן. צי וועט זי דאָרט אויסהאַלטן? און זיצנדיק אַף דער נאַרע מיט די פּיס אונטער זיך, בעט זי: טיַיערע, גיב זיך ניט אונטער...

ווי נאָר די דרויסן־טיר עפנט זיך אָדער פאַרמאַכט זיך, פאַרטיַיעט טאַניע דעם אָטעם, ציט אויס דעם קאָפּ פאָרויס און הערט זיך איַין צום מינדסטן שאָרך: עפּשער סאָניע?

אַזוי גייען דורך שאָען נאָך שאָען. טאַניע האָט קיין ביסן ברויט אין מויל ניט גענומען, די פּיַיקע ליגט אַ גאַנצע. פאַר די אויגן שטייט סאָניע, זי האַלט ניט אויס, גיט זיך אונטער... טאַניע וויל עס ניט דערלאָזן. זי טוט זיך אַ הייב, וויל לויפן צו סאָניען... און גיט אַ זעץ דעם קאָפּ אָן דער אייבערשטער נאַרע. דאָס אייגל עפנט זיך און דער אופזעער זאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— ביסט ניט בא דער מאַמען אין וויג. אַ שאָד די ברעטער...

באנאכט האָט מען טאַניען ווידער גערופן צום אויספאָרשער, און פאַרטאָג, ווען מע האָט זי געבראַכט צוריק, איז נאָך סאָניע ניט געווען. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אָפן דריטן טאָג, אָפן פערטן... אָפן פינפטן, פאַרטאָג, ווען טאַניע איז אַריַין אין קאַמער און ווידער אָף דער נאַרע קיינעם ניט דערזען, האָט זיך איר קאָפּ פון זיך אַליין א דריי געטאָן צום פענצטערל. זי האָט געעפנט דאָס מויל אָף נעמען שרײַען, נאָר דאָס קאָל איז געבליבן שטעקן אין גאָרגל.

5

צי דערפאַר, ווײַל טאַניע איז פונקט צו דער צײַט געקומען אין קאַמער, צי ווײַל מע האָט צו דער מינוט געבראַכט דעם דאָקטער, — אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר סאָניען האָט מען געראַטעװעט. עטלעכע כאַדאָשים האָט מען זי נאָכן פּרוּוו זיך אופהענגען אינגאַנצן געלאָזט צורו. דערנאָך איז זי אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער געגנטלעכער טפיסע. און אין א יאָר אַרום האָט מען זי אַרויסגערופן צוריק אין ראַיאָן און באַפרײַט.

ווען ליטע איז אינגיכן געוואָרן סאָוועטיש, האָט סאָניע באַשטימט זיך צוריקקערן קיין ווילנע.

דער וועג איז א לאַנגער. סאָניע שטייט באַם פענצטער פון וואַגאָן און זעט, ווי פון די ביימער שיט זיך דער האַרבסט. וועלדער זײַנען מיד פון וואַקסן און געל פון עלטער.

עס ווערט קילער און כמורנער. באַלד וועט דער צוג אַרײַנגיין אין ווינטער. פאַרטאָג ליגן די גראָזן געבויגן צו דער ערד, מיט פראָסטיקער ראָסע פאַרדעקט. אין דער לופט העגנט שוין א שניי.

הילכיק שרײַען אין דער נאַכט אַרײַן די לאָקאָמאָטיוון, אין וואַגאָן איז וואַרעם. סאָניע שלאָפט יאָ און שלאָפט ניט. צי זי אַליין, צי עמעצער אַנדערש פאַרגיט איר פראַגן:

— זי רעכנט טאַקע, אַז איר יוגנט האָט זי געפּאַטערט אָף נאַרישקײַטן?

— ניין, זי זאָגט עס ניט. זי גלייבט אין סאָציאַליזם.

— וואָס זשע דען איז מיט דיר געשען, סאָניע?

זי ענטפערט: ניט אַלעמען קאָן זי איצט אָנטרויען. ניט אַלע כאַווירים זײַנען כאַווירים.

— וואָס פאַר אַן אויספיר מאַכסטו, סאָניע?

— גיכער קומען צום קאָמוניזם, קעדיי אַזוינס זאָל מער ניט געשען.

פאַרוואָס קאָן זי אַלץ ניט פאַרגעסן דעם אויספאָרשער? פאַרוואָס ציטערט זי אַזוי אוף, ווען זי דערמאָנט זיך אין אים?

אָף דעם ענטפערן איז איר שווער. דער אויספאָרשער האָט דען געטאָן אַלץ אין זײַן אייגענעם נאָמען? ער האָט דאָך גערעדט אינעם נאָמען פון פאָלק.

וואָס וועט זי זאָגן אַלטערן? ער וועט אָט די אַלע פראַגן איר זיכער פאַרגעבן.

סאָניען ווילט זיך, אַז וועגן דעם, וואָס מיט איר איז געשען, זאָל קיינער ניט וויסן. באַזונדערס זאָל עס ניט דערגיין צו אַלטערן. אויב ער וועט זיך דערוויסן איר סאָד, וועט ער זײַן דער קלוגער און שטאַרקער, ער וועט זײַן דער גערעכטער. די דאָזיקע געדאַנקען רופן אַרויס אַזא שטאַרקן פאַרדראָס, אַז, שטייענדיק אין קאָרידאָר פון וואַגאָן, נעמט זי אַלטערן אַרײַנזאָגן:

— א גאַנץ לעבן ביסטו א קליינבירגער, האָסט אין דער רעוואָליוציע גאָרניט אַרײַנגעלייגט, וועסט אין איר גאָרניט פאַרשטיין.

וואָס, אייגנטלעך, איז אָבער אַלטער שולדיק, און פאַרוואָס איז זי אָף אים אַזוי אָנגעשטויסן? זי פאָרט דאָך צו אים, זי האָט אים ליב. סאָניע נעמט אים טאַקע פאַרענטפערן. זי דערפילט אים לעבן זיך און זי הערט, ווי ער רעדט איר אַרײַן אין אויער: קיין קאָמוניסט איז ער קיינמאָל ניט געווען. נאָר פון אַלץ, פון וואָס סאָניע האָט געהאַלטן, — האָט ער אויך געהאַלטן. זי דאַרף געדענקען, אַז ניט איין מאָל האָט ער איר געהאָלפן אין איר אומלעגאַלער אַרבעט. סאָניעס סאָוועטן־רוסלאַנד איז געווען אויך זײַן סאָוועטן־רוסלאַנד. און פּלוצלינג איז זי אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. ער האָט געטרייסט אירע עלטערן, נאָר פאַר זיך קיין טרייסט האָט ער ניט געהאַט.

דער צוג איז אַרויס פון מאָסקווע. ווילנע איז שוין ניט ווײַט. סאָניע וויל אָנקומען אַהיים אומגעריכט און אומבאַמערקט.

6

א רויטער דרײַשטאָקיקער ציגלנער מויער אין גיטקע טויבעס זאַוווּלעק, וואָס לעבן דער רוישיקער זאַוואַלנער גאַס. אין איינעם א צימער פונעם האַלב־קעלער, מיט די פענצטער באַ דער ערד, איז איצט, ווי טאָמיד, אומעטיק־שטיל און שאָטנדיק־טונקל. דאָס גלעזערנע טירל פון געשיר־אַלמער שטייט האַלב אָפן און די אויסגעשניטענע שפּיצן פונעם אָפּגעבליאַקעוועטן בלויען פּאַפּיר

זעען זיך ארויס. דער אַלטער קאָמאָד מיטן הינקעדיקן פיסל (ער איז אונטערגעשפּאַרט מיט א שאַכטל פון שוואַקס) איז אָנגעשטעלט מיט פאָטאָגראַפיעס אין ראַמלעך און אָן ראַמלעך. אַמאָל זײַנען אַפן קאָמאָד געשטאַנען די מעשענע לײַכטער און דערבײַ זײַנען געלעגן סידורים מיט א מאַכזור. איצט שטייען אַף אים אויסגעשטעלט סאָניעס פאָטאָגראַפיעס.

אַף דער קושעטקע מיטן ציצנעם אויבערדעק זיצט סאָניעס מאַמע און קוקט אַפן דיל. קיין איין קנייטש אַף איר מידן, פאַרזאָרגטן פּאָנעם באַוועגט זיך ניט. אירע ביינערדיקע, אָדערדיקע הענט ליגן אַף די קני אינגאַנצן אָן לעבן. עטלעכע שאָ זיצט זי שוין אַזוי פאַרזונקען אין זיך אַליין. באַם טיש זיצט סאָניעס טאַטע, מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין א סייפער, מיט די הענט אַרומגענומען דעם קאָפּ. עס קאָן דוכטן, אַז ער שלאָפט. ערגעץ אין פירהויז דערהערן זיך טריט. דער טאַטע מיט דער מאַמען הייבן אוף די קעפּ, הערן זיך אײַן, נאָר צו דער טיר קוקן זיי ניט. שוין לאַנג, ווי צו זיי קומט קיינער ניט.

— דינע, — זאָגט דער מאַן, — א מענטש, קאַלזמאַן ער לעבט, טאָר ער די האָפענונג ניט פאַרלירן.

— איך בין לאַנג אויס מענטש, מענאַשע, אַף וואָס טויג מיר א האָפענונג.

די טריט אין פירהויז דערנעענטערן זיך, א רעגע איז שטיל, דערנאָך דערהערט זיך א קלאַפּ, די טיר עפנט זיך.

— דאָ וווינט מײַדאַנער? א טעלעגראַמע.

טאַטע־מאַמע קאָנען פון אומגעריכטקײַט קיין וואָרט ניט אויסריידן.

— דאָ וווינט מײַדאַנער? — פרעגט איבער דער פאָטשטאַליאָן.

— דאָ.

ער גיט אָפּ די טעלעגראַמע. ארויסגייענדיק, קוקט ער זיך ארום, צי האָט ער קיין טאָעס ניט געהאַט.

— פון וועמען? — פרעגט דינע.

— אָסער, אויב איך פאַרשטיי. — מענאַשע נעמט די טעלעגראַמע אין די הענט.

ביידע גיבן מיטאַמאָל א קוק צו די פאָטאָגראַפיעס אַפן קאָמאָד. באַ ביידן שלאָגט דאָס לעצטע ביסל קויעך. זיי זײַנען צווישן לעבן און טויט.

— פון וועמען? — פרעגט דינע קוים־קוים מיט אירע בלאַסע אײַנגעפאַלענע ליפּן. אין א רעגע ארום דערגייט ערשט צו איר דער באַטײַט פון דער פראַגע „פון וועמען?“ דאָס הייסט, אַז פון דער טאָכטער וואַרט זי שוין גאָרניט. זי גלייבט ניט, אַז די טאָכטער לעבט. די מאַמע דער־פילט, אַז מיט אָט דער קאַלטער, אָפּגעפרעמדטער פראַגע האָט זי שיר שוין ניט איר טאָכטער פאַרלאָרן. און זי לאָזט אויס דעם גאַנצן קאַס צום מאַן.

— גאַזלען, לייען!

מענאַשע לייענט און זײַנע אויגן ווערן פײַכט. „באַגעגנט אײַער טאָכטער סאָניע“.

...שפּעטער האָט מען ניט איין מאָל ווידער געלייענט די טעלעגראַמע. עס האָט זיך ארויס־געוויזן, אַז אונטערגעשריבן איז ניט „סאָניע“, נאָר „טאָניע“, דאָס אָבער רופט באַ די עלטערן קיין צווייפל ניט ארויס. דער טעלעגראַף פאַרגינט זיך אַמאָל איבערפּלאָנטערן א נאָמען.

שפּעט באַנאַכט. אַף דער זאַוואַלנער גאַס קאָן מען נאָך זען מענטשן, וואָס קערן זיך אום פון טעאַטער, פון קלוב. אין גיטקע טויבעס זאַווולעק הערן זיך טריט זעלטענער. אינעם דרײַ־שטאָקיקן ציגלנעם מויער שלאָפן שוין אַלע. פאַרבײַ די נידעריקע פענצטער פון מײַדאַנערס דירע לויפט אַפילע דער ווינט ניט דורך. אין שטוב איז פינצטער. דער אַלטער זייגער אַף דער וואַנט, וואָס א גאַנצן טאָג, דוכט זיך, הערט מען אים ניט, וויל זיך אין דער שטילקײַט מאַכן פריילעך און נעמט שטאַרקער קלאַפּן. ער שלאָגט אויס צוועלף און איינס.

— דינע, — פרעגט מענאַשע שטיל, קוים מע הערט, — דו שלאָפסט?

— ניין. און דו?

— איך טראַכט אַלץ, — זאָגט מענאַשע. — פאַרשטייסט, עס פּאַסט צו זאָגן, אַז די בלינדע זײַנען מיר געוואָרן. סאָפקאַלסאָף איז סאָניעס צײַט אָנגעקומען. דו שלאָפסט?

— ניין, — ענטפערט דינע. — ווייסט, מײַן מאַן, איך גיב דיר נאָך. בלינדע, קרומע, לאָמע... איך גיב דיר נאָך. איך האָב אין סייפער געלייענט, אַז אכער־האַמײַסע ווערן אַלע קלוג. גראָזן נאָך א רעגן, ביימער נאָך א שטורעם, דער הימל נאָך א דונער און אַפילע אָדאָם־האַרישן נאָכן גאַניידן. דו שלאָפסט? שלאָף, שלאָף...

דער זייגער שלאָגט אויס צוויי.

— מענאַשע, — פרעגט שטיל דינע, — דו שלאָפסט?

— ניין. און דו?

— איך טראַכט אַלץ, — ענטפערט זי. — אַ נאַרישקייַט פאַרגעדענקט זיך. איך פלעג בא איר אַמאָל פרעגן: סאָניע, וויפל איז דער שיר? ווייסט, וואָס זי פלעגט מיר ענטפערן? „ווען עלטער ווערן — ווערסטו פאַרשטיין". אַ כאַכאָמע, אַ כאַכאָמע, זאָג איך דיר, איז זי. דו שלאָפסט? שלאָף, שלאָף...

דער זייגער שלאָגט דרייַ. צי שלאָפן זיי, צי טראַכטן זיי? ווער ווייסט...

7

דער זייגער, ווי זייַן שטייגער איז באַנאַכט, האָט זיך גענומען מאַכן פריילעך. ער האָט אויסגעשלאָגן איינס און צוויי. די לעצטע געסט האָבן זיך געזעגנט, און סאָניע, אַ מידע, אַן איבעראַשטע פון דער באַגעגעניש, האָט זיך געלייגט שלאָפן. אָט איז איר אַלט געלעגער, די זעלבע קושעטקע, די זעלבע קאָלדרע. דוכט זיך, זי איז אינערגעץ ניט געפאָרן, זי איז קיינמאָל פון שטוב ניט אַוועק. דאָס צימער איז פול מיט זיסן און טערפקן ריח פון די בוקעטן בלומען אויפן קאָמאָד און אויף די פענצטער. אויפן טיש, צוגעדעקט מיט צייַטונגען, ליגן קאָנפעטן, קיכעלעך, פרוכטן, עס שטייען צוויי אָנגעהויבענע פלעשער ווייַן. אַ גאַנצן טאָג האָט סאָניע פאַרבראַכט צווישן אייגענע, צווישן כאַווירים, צווישן פרייַנט. איר איז גוט אויפן האַרצן. קיינער ווייסט ניט, וואָס מיט איר איז געשען. אַפילו מער: זי איז דאָ אַ בייַשפּיל פאַר אַנדערע.

אָט איז שוין די שייַן אויסגעלאָשן, און סאָניע וואָלט געוויס גלייַך אייַנגעשלאָפן. לאָזט זי אָבער ניט צו רו אַ פראַגע: פאַרוואָס איז אַלטער ניט געקומען? די דאָזיקע פראַגע מאַטערט זי אַ גאַנצן טאָג, נאָר אין טומל און ראַש איז דער אומרו פאַרטויבט געוואָרן. פרעגן בא די כאַווירים האָט ניט געפּאַסט. איצט דערמאָנט זי זיך, אַז קיינער פון די געסט האָט אַלטערס נאָמען ניט אָנגערופן. וווּ איז אַלטער? זי פּרוווט אויס פאַרשיידענע טערוצים: אַוועקגעפאָרן, ניט געזונט, פאַרנומען... עפּשער ווייסט ער גאָרניט, אַז זי איז געקומען?..

— מאַמע... — זי וויל פרעגן וועגן אַלטערן. — דו שלאָפסט? מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן קיין צוויי ווערטער אויסצורייִדן... נו, גוט, מאָרגן וועלן מיר זיך אָנרייִדן ווי די פּויקן. אַ גוטע־נאַכט.

נאָר דער שלאָף קומט ניט. פאַר סאָניעס אויגן שטייט אַלטער. ער האָט זיך געענדערט, אַפילו זייַן אָנטאָן איז אָפּגעלאָזט. די האָר בא אים זייַנען אַלעמאָל געווען אַקוראַט צוגעקעמט, די לאָג פון די הויזן פריש געפּרעסט. זייַן נאָזטיכעלע האָט שטענדיק געבלאַנקט פון ווייַסקייַט. וואָס איז מיט אים געשען? זי דערקענט אים ניט. זי פרעגט אים: וואָס איז מיט דיר, אַלטער?

— מאַמע, — הייבט סאָניע ראַשיק אויף דעם קאָפּ פון קישן, — וואָס איז מיט אַלטערן?

די מאַמע ענטפערט ניט. זי שלאָפט. סאָניע איז אַזוי צופרידן פון דעם, וואָס די מאַמע שלאָפט און הערט ניט איר פראַגע, אַז זי נעמט זיך באַרויִקן און שלאָפט אויך אייַן.

די מאַמע אָבער שלאָפט ניט. זי מאַכט זיך נאָר שלאָפנדיק. וואָס קאָן זי דער טאָכטער ענטפערן. אַלטער פלעגט אַלע טאָג קומען זיך אָנפרעגן אויף איר. ער האָט געבענקט. און אַז פון סאָניען האָבן אויפגעהערט אָנצוקומען בריוו, האָט ער זיי, די מאַמע און דעם טאַטן, געטרייסט. ביז אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אַלטער שטאַרק געענדערט. ער האָט זיך דערוווּסט אַזוינס, וואָס זיי האָט ער ניט געוואָלט זאָגן. פון יענעם טאָג אָן האָט ער אויף זיך אויפגעהערט אַכטונג צו געבן, ער איז געוואָרן אָפּגעלאָזט, געוואָרן דאַר, קראַנק, פון גרויס האַרצווייטעק האָט ער אָנגע־הויבן צאַנקען...

די טאָכטער שלאָפט. די מאַמע שלאָפט ניט.

מאַטל טאַלאַלאַיעווסקי

אצינד

לאָמיר זינגען!
לאָמיר זינגען,
אז די שטימען זאָלן קלינגען
און צעוועקן די, וואָס דרימלען,
פונקט ווי אלץ איז זיי פארשטערט...
זינט די רויטע שטערן ווימלען
אין די אויסגעבלויטע הימלען
ז'ניט געווען אזא מין לעבן,
ווי אצינד אף אונדזער ערד!

זעט נאָר, קינדער,
ווי א וווּנדער
הילכט די יאָמטעוודיקע ליאמע,
הייבן אָן די כאָסן-קאַלע:
— יונג און שיין זײַן איז קעדײַ!
ס'האָט א זיפץ געטאָן דער טאַטע,
ס'האָט א טרער געלאָזט די מאַמע...
ניט געזאָרגט! ס'וועט זייער לעבן
זײַן, ווי אונדזער יאָמטעוו מײַ!

ס'אַרא פרילינג!
ס'אַרא פרילינג
האָט פארפוצט די בערג און טאָלן —
נעכטן איז געווען דער דרויסן
אי פארצאַרנט, אי געמיין...
און אצינד, ווי אף כידושים,
א באַנײַונג גייט א גרויסע,
און דאָס וואַסער אין די טײַכן
שפּיגלט אָף דעם הימלס כיין.

לאָמיר זינגען!
לאָמיר זינגען,
אז די גאָרע וועלט זאָל הערן,
ווי מיר גלייבן אין דער צוקונפט,
ווײַל מיר שאַפן זי אליין.
ניט אומזיסט עס שײַנען בלענדיק,
ווי פארגאַפט, די רויטע שטערן
און דאָס וואַסער אין די טײַכן
טאָפּלט זייער צארטן כיין.

* * *

„אוי, דו פאָרסט אוועק,
אוי, דו פאָרסט אוועק,
אף וועמען זשע לאָזסטו מיך איבער?"...
פון יענער ווײַטער צײַט,
פון יענע ווײַטע טעג
אף אייביק איז די ליד אין מיר פארבליבן...

פון נאָגעניש דער וויי,
פון איינזאמקײַט די פײַן
זיי פלעגן מיך אין שווערן וועג באגלייטן,
נאָר כ'האָב געוווּסט — דו וואַרטסט,
דו וועסט געטרײַ מיר זײַן
און וועסט מיך ניט פארבײַטן אף א צווייטן.

כ'בין אויסגעוועזן א וועלט! —
כ'בין שוין מיט יאָרן זאַט! —
פון גוטס און בייז פארזוכט שוין אלע טאַמען,
נאָר ס'האָט מיך ניט דערשטיקט
די שלאַנג פון שווארצן כשאַד.
ווײַל אומעטום דו ביסט מיט מיר צוזאַמען.

בא יענע ריוון

ניין, ניט קיין נײַגער האָט געפירט מײַן האַרץ
אהער צו אָט די גרינע, טיפע ריוון...

שוין צוואַנציק יאָר אדורך פון יענעם הארבסט,
ווען כ'וואָלט באַדארפט דאָ זיצן שיווע,
נאָר דעמלט כ'בין געווען פונדאַנען ווײַט
און בלויז געהערט פון די אַנצאָליקע האריגעס. . .

ס'איז שטיל ארום, נאָר דאַכט זיך, אז ער שרײַט —
מײַן ברודער שרײַט פון אָט די טיפע ריוון...
א מילדע גרינקײַט האָט פארשפרייט דעם טאָל,
אזוי פארציט א נײַע הויט די אַלטע וווּנדן.
מיר זײַנען ווי פון דימענט, ווי פון שטאָל —
און דאָך דאָס האַרץ צום ריוו איז צוגעבונדן...

אירמע דרוקער

געבוירן אין 1906 אין שטעטל טשערנאָבל (אוקראַינע).
אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930. וווינט אין אָדעס.

דאָס ווילנער באַלעבעסל

נאָך אין ליפּאָוועץ האָט זיך עזרע אָנגעהערט מיט מײַסעס און געשיכטעס וועגן דעם ווילנער באַלעבעסל. עס האָט דערציילט וועגן אים עזרעס טאַטע — דער אָנפירער פון דער ליפּאָוועצער קלעזמער־קאַפּעליע, עס האָבן דערציילט די קלעזמער, דער עלטערער ברודער, די פעטערס, שוואָגערס און שכיינים.

נאָך מער ווי אין ליפּאָוועץ האָט מען דערציילט אין בערדיטשעוו. און מער ווי אומעטום האָט מען דערציילט בא פעדאָצערן אין שטוב, אין עזרעס נײַער היים, אין עזרעס נײַער מוזיק־שול.

פעדאָצערן האָט זיך געוואָלט, אַז קלעזמער זאָלן ניט נאָר דערציילן, — זיי זאָלן אויך שפּילן וועגן דעם ווילנער באַלעבעסל. דערפאַר טאַקע האָט ער אָנגעשריבן די עלעגיע וועגן דעם פאַר־שפּילטן גורל...

עזרע איז געווען דער ערשטער פון פעדאָצערס טאַלמידים, וואָס האָט אויסגעשפּילט אָט די עלעגיע. פון טאָג צו טאָג איז אים דאָס ווילנער באַלעבעסל אַלץ נעענטער געוואָרן, און פון טאָג צו טאָג האָט אים אַלץ מער געצויגן קיין וואַרשע. געצויגן און געשראָקן. עזרען האָט זיך געוואָלט אָנהייבן דאָרט, וווּ דאָס ווילנער באַלעבעסל האָט געענדיקט...

און אָט איז ער אין וואַרשע. ער איז געקומען אַהער, קעדיי ארײַנטרעטן אין דער מוזיק־שול. און ס'האָט אים אָפּגעגאָלטן. דאָ אין וואַרשע האָט ער זיך באַגעגנט מיט אראָנען, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געשפּילט אין סעוואַסטאָפּאָלער סימפאָנישן אָרקעסטער.

דער ערשטער פידל אין אָרקעסטער, דער גרײַז־גראָווער אראָן האָט אים אין סעוואַסטאָפּאָל זייער פרײַנטלעך אופגענומען. ער האָט ניט געלאָזט, אַז דער דיריזשאָר טשערניכאָווסקי זאָל אים באַוולען, ער האָט אים געליבט פאַר די מוזיקאַנטן, געלערנט מיט אים, מיטגעהאָלפן אים דעריאָגן דאָס דורכגעלאָזטע. דאָ אין וואַרשע שפּילט אראָן דעם צווייטן פידל, אָבער די אכטונג צו אים פון די וואַרשעווער מוזיקאַנטן איז ניט קיין קלענערע, איידער די אכטונג פון די סע־וואַסטאָפּאָלער. דאָס האָט עזרע גלײַך דערפילט, ווען אראָן האָט אים באַקאַנט מיטן דיריזשאָר קאַזימיר שאַבעלסקי און מיט די מוזיקאַנטן פון אָרקעסטער. מע האָט דאָ עזרען באַגעגנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, ווי אַ קאָלעגע. מע האָט זיך אינטערעסירט מיט זײַן בערדיטשעווער לערער פעדאָצער, מיט זײַן מיינונג וועגן קאָנצערט. און ער אַליין, דער דיריזשאָר קאַזימיר שאַבעלסקי, האָט אים אײַנגעלאַדן קומען אויף די רעפּעטיציעס פון סימפאָנישן אָרקעסטער. „רעפּעטיציעס, — האָט ער אים געזאָגט, — זײַנען פאַר אײַך ניט וויניקער וויכטיק, איידער קאָנצערטן. אונדזערע רעפּעטיציעס וועלן זײַן פאַר אײַך זייער אַ וויכטיקע שול".

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן קאָנצערט איז עזרע געקומען אין אָפּערע־טעאַטער אויף אַ רעפּעטיציע.

דער גרײַז־גראָווער אראָן האָט עפּעס אײַנגערוימט קאַזימיר שאַבעלסקין, דערנאָך איבער־גערעדט מיט די מוזיקאַנטן, און אַלע האָבן אין איין קאָל געבעטן עזרען, ער זאָל עפּעס שפּילן פאַר זיי.

די אומגעריכטקייט האָט איבערגעשראָקן עזרען.

די האַרפּיסטקע האָט אים פײַערלעך צוגעטראָגן דעם פידל, זיך פאַרנייגט פאַר עזרען און אין נאָמען פון אַלע מוזיקאַנטן געזאָגט:

— אונדז האָט איר שוין געהערט שפּילן, און איצט ווילן מיר אײַך הערן...

דער וואַרעמער ברוסטיקער קלאַנג פון איר שטים, דער באַריר פון אירע פינגער באַם איבערגעבן אים דעם פידל, האָבן צונישט געמאַכט עזרעס צווייפל און פאַרדאַכט. עזרע האָט זיך דערזען אויג אויף אויג מיט יענער מינוט, אין וועלכער מע קאָן געווינען אָדער פאַרלירן אַלץ אין דער וועלט!

וואָס שפּילן? פון וואָס אָנהייבן? ווי קאָן מען אין אַזאַ מינוט באַטראַכטן, אָפּקלײַבן און באַשטימען, ווו דו ביסט שטאַרק און ווו דו ביסט שוואַך? וואָס קאָן אויסגעמען און וואָס קאָן ניט געפעלן ווערן? עזרע האָט נאָכגעפאָלגט דעם ערשטן באַריר פון סמיק איבער די סטרונעס פון פידל.

דער סמיק האָט אָנגערירט די ווונד פונעם ווילנער באַלעבעסל.

פעדאָצער האָט אין זײַן עלעגיע וועגן יויעל־דאָווידן, וועגן ווילנער באַלעבעסל, אויסגענוצט אַלס אַרײַנפיר דעם מאָטיוו פון „איכה"[1] — וועגן גליק, וואָס איז פאַרשוווּנדן, און וועגן אומגליק, וואָס האָט נאָכגעיאָגט אויף שריט און טריט. דאָס איז געווען דער לייטמאָטיוו פון פעדאָצערס עלעגיע.

— אני הגבר[2]... — הייבט אָן פעדאָצער פון יויעל־דאָווידס סאָף, אַז דער סאָף זאָל באַלײַכטן דעם אָנהייב, באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן זײַנס.

...דאָס ווילנער באַלעבעסל לויפט אַרום אַ דולער איבער די וואַרשעווער גאַסן און קלאָגט זיך:

„...ניט פאַר אײַך געדאַכט, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט! קוקט און זעט, צי ס'איז נאָך פאַראַן אַזאַ ווייטאָג, ווי מײַן ווייטאָג? ווי דער יאַם איז גרויס דער בראָך!"...

עזרע ווערט פעסטער און זיכערער בײַ זיך.

...יויעל־דאָוויד אין עלטער פון 5 יאָר.

אַ וועלט מיט קלאַנגען.

...עס הוידען זיך צווײַגן, עס שורשען בלעטער, עס פײַפט אַ ווינט, אַ דונער נאָך אַ דונער, אַ רעגן כליופּעט, אַ כוואַליע מיט אַ כוואַליע ריידן זיך איבער, בלומען פלאַטערן און קוויקן זיך מיט די שטראַלן פון דער זון.

...זעגן זינגען, זעגן שנײַדן זיך אײַן אין די לײַבער פון ביימער, און ביימער קראַכן, ביימער פאַלן. אַ געריידערײַ פון דערוואַקסענע, אַ געפּלאַפּל פון קינדער, אַ געוויין פון נײַ־געבוירענע, אַ געוויין נאָך די, וואָס זײַנען אַוועק פון דער וועלט.

אַ ראַש, אַ טומל, אַ געפּילדער... שאַ, שטיל...

אַ סטרונע פאַרגייט זיך, און אַ קינדערשע שטים טײַנעט:

— דערבאַרעמדיקער פאָטער אין הימל, העלף!

— העלף! העלף! — כאַפּן אונטער די איבעריקע סטרונעס, ווי מעשוירערים.

דאָס זינגט דאָס עלפיאָריקע ייִנגל יויעל־דאָוויד, דער עלפיאָריקער כאַזן פון דער ווילנער שול מיט זײַן כאָר...

די סטרונעס פון עזרעס פידל פּראָווען אַ כאַסענע.

דער „גאַסן־ניגן" פירט צו דער כופּע און אין וויכער פאַרפּלאָנטערן זיך אַ „שער" מיט אַ „פריילעכס", אַ „ברוגעז־טאַנץ" מיט אַ „בייגעלע", אַ „סעמעלע" מיט אַ „שטאָק".

— מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!..

צו 14 יאָר האָט מען יויעל־דאָווידן כאַסענע געמאַכט, צו 14 יאָר האָט יויעל־דאָוויד באַקומען אַ רײַכן שווער, אַ מיִעסע פרוי און אַ נײַעם נאָמען — דאָס ווילנער באַלעבעסל.

— מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!..

יויעל־דאָוויד באַקומט אין דער ווילנער שול 450 קאָפּעקעס אַ וואָך און איז געצוווּנגען גיין אַלע אינדערפרי און אַלע פאַרנאַכט צו די מוסער־זאָגער הערן מוסער.

אַ כאַזן איז אַ שאַלִיעך־ציבור — אַ געשיקטער, אַן אויסדערוווילטער פון קאָהאָל, און אַלס אַזעלכער דאַרף ער זיך פאַרשטעלן פאַר גאָט און אויסבעטן אַ לעבן פון געזונט און פּאַרנאָסע, פון מאַזל און בראָכע, אַ לעבן אָן בושע און אָן האַרצווייטיק, אויסבעטן נאַכעס פון קינדער און קינדסקינדער.

עס גייט דורך אַזוי אַ יאָר, צוויי, דרײַ, פינף... יויעל־דאָוויד ווערט אַ טאַטע פון קינדער. איצט איז יויעל־דאָוויד אַ דערוואַקסענער, און עס ווערן געשאַפן לעגענדעס וועגן יויעל־דאָווידס טענאָר.

אַ שטים מיט אַלע שיינקײַטן, מיט אַלע ווייכקײַטן און מיט אַלע מעסיקעסן פון דער וועלט. ווער איז ער, דער דאָזיקער, וואָס האָט געהערט יויעל־דאָווידס שטים און איז ניט אופּגעצייטערט געוואָרן, ניט באַגאָסן געוואָרן מיט טרערן?

ווער איז ער, אָט דער, — האָבן געטײַנעט די ווילנער באַלעבאַטים, — זאָל ער קומען אַהער און אונדז זאָגן, וועלן מיר אים קיינער ניט גלייבן, ווײַל אַזוינס איז ניט מעגלעך.

---

[1] — איכה — אַ טרויער־טפילע (קינעס), וועלכע פרומע ייִדן זאָגן טישעבאָוו.

[2] — אני הגבר — אַ פּאַסעק אין „איכה".

אין ווילנע האָט זיך געפונען א נאָגיד, וואָס האָט קיינמאָל אף זײַן לעבן ניט געוויינט, איז קיינמאָל אף זײַן לעבן פון קיין זאך ניט גערירט געווען. האָט דער נאָגיד געזאָגט: אויב דאָס ווילנער באַלעבעסל וועט אים קאָנען אין מעשעך פון א שאָ ווײנענדיק מאכן, גיט ער אוועק דרײַ הונדערט רובל אף קאָהעלשע היצטארכעסן. אויב ניט, באַדאַרף אים קאָהאָל באַפרײַען ביזן סאָף פון זײַן לעבן פון אלע באַשטײַערונגען און נעדאָוועס.

קאָהאָל איז מאַסקים געווען...

יויעל־דאָוויד האָט א זאָג געטאָן וועגן דער נעשאָמע און וועגן גוף: די נעשאָמע איז דײַנע און דער גוף איז דײַנער, האָב ראַכמאָנעס אף דײַן אייגענער מי...

— א מענטש, וואָס קען ניט וויינען, א מענטש, וועמען עס גייט קיין זאך ניט אָן, איז דאָך קיין מענטש ניט!

ס'זײַנען ניט דורך קיין פינף מינוט, און דער נאָגיד איז באַגאָסן געוואָרן מיט טרערן, געוויינט פאר אלע זײַנע יאָרן...

אין אלע שטעט און שטעטלעך פון גאָר דער וועלט זינגט מען יויעל־דאָווידס צוניפגע־שטעלטע שטיקלעך, אף אלע כאַסענעס שפּילט מען יויעל־דאָווידס „פרייליכסן" און „מאַראַלן"...

יויעל־דאָוויד און יויעל־דאָוויד!..

עזרעס פידל בלײַבט אין קלעם צווישן צווײ באַזונדערע טפּילעס: דער אָרגאַניסט פון ווילנער קאָסטיאָל סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, וואָס האָט ליב דעם מענטשן אף דער ערד און איז געצווּוּנגען לויבן גאָט אין הימל, לאָזט זיך אַראָפּ אף די טענער פונעם אָרגאַן, ווי אף טרעפּ, אלץ נידעריקער און נידעריקער, אלץ טיפער און טיפער.

יויעל־דאָוויד האָט ניט געוווּסט, אז אין דער שכיינעסדיקער דירע אנטקעגן האָט זיך אַרײַנ־געקליבן סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, און מאָניושקאָ האָט ניט געוווּסט, אז בישכיינעס מיט אים וווינט דער באַוווּסטער כאַזן פון ווילנער שול, יויעל־דאָוויד סטראַשונסקי...

מאָניושקאָ, ווייסט פעדאָצער, האָט געשפּילט פאר גאָט, ער זאָל קאָנען דינען דעם מענטשן, דער פוילישער מעלאָדיק, און עזרעס פידל זינגט א לויב־געזאַנג דעם מענטשן אף דער ערד, דעם מענטשן, וואָס באַשאַפט וווּנדער, דעם מענטשן, וואָס באַשאַפט וועלטן. דער פידל באַזינגט די פאַרהאָרעוועטע הענט, וואָס בויען, וואָס מיִען זיך, וואָס פּלאַנצן, אקערן, זייען און שנײַדן.

די פוילישע מעלאָדיק גיט איבער א גרוס די מוזיקאַנטן פון זייער לאַנד, פון זייער ערד, פון זייערע פעלדער און וועלדער, פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, פון זייערע זין און טעכטער, כאַוויירים און פרײַנט, פון זייער יוגנט, פון זייער ליבע, פון זייערע געזאַנגען און טענץ.

די פוילישע מעלאָדיק טראָגט זיך מיטן געבענטשטן גאַנג פון פרילינג־רעגן, וואָס ווי נאָר זײַן טראָפּן פאַלט, דאָרט וואַרט פרישער, וואַרט זאַפטיקער, בליט און וואַקסט.

די מוזיקאַנטן דאַנקען פאַרן גרוס מיט זייערע אינסטרומענטן — דער סימפאָנישער אָרקעס־טער האַלט אונטער עזרען.

עזרע, וואָס האָט ערשט געזען פאר זיך בלויז יויעל־דאָווידן מיט פעדאָצערן, דערזעט מיט־אַמאָל די בינע פון װאַרשעווער אָפּערע־טעאַטער, די מוזיקאַנטן, דעם דיריזשאָר. ער דערזעט, ווי די האַרפּיסטקע קומט אים צוהילף מיט אלע סטרונעס פון איר האַרפּע.

ווען ניט יויעל־דאָווידס אומגליק, וואָלט ער זיך דערפילט פאַרן גליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

די פוילישע מעלאָדיק וואַרט שטאַרקער און שטאַרקער, עס ברומט די ווײאָלאָנטשעל, עס האַלט ניט אויס דער קאָנטראַבאַס, ס'כאַפּן אונטער די קלאַרנעטן, די פלייטן, די טרובעס, די גאָבאָיען מיט די פּאַגאָטן.

דער דרויב פון די פײַקלעך צעשיט זיך ווי א הילכיק שרײַענדיק געלעכטער, די ליטאַוורעס מיט די טאַצן קלינגען ווי אף א גרויסן פריילעכן יאָמטעוו און דער פּויק קלאַפּט און קלאַפּט, ער איז איבערפולט מיט אַזויפיל ראַש און מיט אַזויפיל טאַקטן, אז טאָמער קלאַפּט ער זיך ניט אויס ווי געהעריק, קאָן ער נאָך גלײַך דאָ אָפּן אָרט פּלאַצן...

פעדאָצער קאָן זיך אָבער אף לאַנג ניט פאַרגינען די פרייד. די אַרײַנגעפלאָכטענע קלאַנגען פון דער פוילישער מעלאָדיק זײַנען אים נייטיק געווען אף פּאַרצושטעלן מאָניושקען.

און ווידער איז עזרע אליין, אליין מיט זײַן פידל.

א שטילע זומער־נאַכט. א שלאָפלאָזע נאַכט, ווי די מערהײַט נעכט פון א גאַנץ יאָר. אָפן זײַנען געווען ביידע שכיינעסדיקע אנטקעגנדיקע פענצטער, ווי אָפן ס'זײַנען געווען די אויגן און הערצער פונעם זינגער און שפּילער פאר דער רײַכער גאַב, וואָס די נאַכט האָט אלע ווײַלע מיט פולער מאָס זיי באַשאָנקען.

אף די קלאַווישן פונעם אָרגאַן האָט מאָניושקאָ באַגעגנט א סאך קלאַנגען ווי די סאָמע אָנגע־

לייגטע געסט, אָף וועלכע ער האָט שוין לאנג געוואַרט. ער האָט זיי איבערגעכאַזערט א צווייט מאָל, א דריט און פערט מאָל און זיי איבערגעלאָזט אָף שטענדיק.

א סאך קלאנגען האָט ער געטריבן פון זיך, ווי מע טרײַבט פליגן, וואָס קאָנען נאָר זשוושען און בײַסן.

און יויעל־דאָוויד האָט אין יענער נאכט געשאפן אָף זײַן פידל א נײַעם „זײַ־געזונט" פאר כאָסן־קאַלע. אָט יאָגן די קלאנגען ווי בארג־אראָפּ, און אָט ווערט דער לײַכטער פידל ווי א שווע־רער וואָגן פארהריזנעט אין א טיפער געדיכטער בלאָטע, ניט ארויסצוקריכן, ניט ארויס־צושלעפּן.

דעם פידל קומט צו הילף יויעל־דאָווידס שטים. יויעל־דאָוויד זינגט און די פידל־קלאנגען ווערן זיכערער אין זייער גאנג.

אין זײַן „זײַ־געזונט" רעדט אויס יויעל־דאָוויד זײַן הארץ פאר אלע יונגע פּאָרפאָלק, וואָס האָבן ערשט כאסענע געהאט, און ווינטשעוועט זיי מער מאזל, א שענערן גורל, ווי דער, וואָס איז אויסגעפאלן אים.

...זאָלט איר פארשטיין איינער דעם צווייטן פונעם אָנהייב ביזן סאָף פון אײַער לעבן, וועט איר זײַן גליקלעך!

מיר איז אזא גליק ניט באשערט!

א פארמאכט בוך בין איך פאר איר, פאר מײַן באשערטער, א בוך, וואָס זי וועט קיינמאָל ניט עפענען און קיינמאָל ניט לייענען.

אן אָפענער פידל איז מײַן הארץ, און אירע פינגער זײַנען פארגליווערטע, זיי וועלן ניט אָנרירן קיין איין סטרונע און ניט ארויסרופן קיין איין קלאנג.

מײַן שטים, מײַן פידל, מײַנע געזאנגען זײַנען פאר איר ניט מער, ווי אן אָרעמע קראָם, וואָס גיט ווייניק פארנאָסע, און זי האָט פײַנט מײַן שטים, זי האָט פײַנט מײַן פידל און קאָן ניט הערן מײַנע געזאנגען.

ניט פאר אײַך געדאכט, טויזנט מאָל ניט פאר אײַך געדאכט!

זײַט געזונט! זײַט נאָענט! און ווייסט קיינמאָל ניט פון דער גרעסטער שטראָף, פון דער ביטערסטער קלאָלע, וואָס הייסט פרעמדקײַט!..

יויעל־דאָוויד שאפט א נײַעם „זײַ־געזונט" פאר כאָסן־קאַלע און געזעגנט זיך אליין מיט זײַן אייגענער יוגנט.

— קער זיך אום! קער זיך אום!

ס'ארא פינצטערניש! און יויעל־דאָוויד שרײַט מיט זײַן טענאָר־שטים, מיט אלע קויכעס פון זײַן פידל — העלפט! העלפט!

פון אנטקעגנדיקן אָפענעם פענצטער האָבן זיך, ווי אָף א סרייפע, גענומען טראָגן קלאנגען מיטן אימפעט פון ראטעווען יענעם ביז אליין אומקומען.

וואָס איז געשען?

וויפל מאָל האָט ער, יויעל־דאָוויד, שוין טפילע געטאָן פאר זיך אליין און פאר אלע די, וואָס האָבן אים געשיקט, און זײַנע טפילעס זײַנען קיינמאָל ניט אָנגענומען געוואָרן.

איז דען מעגלעך, אז אָט איצט האָט זײַן טפילע דורכגעבראָכן אלע הימלען, אלע אײַזערנע ווענט, טירן און טויערן?!

ס'ארא וואונדערלעכע קלאנגען עס טראָגן זיך אהער צו אים, קלאנגען פון טרייסט און האָפענונג.

יויעל־דאָוויד לייגט אוועק דעם פידל, גייט צו צום אָפענעם פענצטער. די מעלאָדיע, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט, באפוילט אים — זינג! זינג מיך אויס! איך וויל אליין זיך דערהערן, איך וויל אליין זיך דערוויסן, וואָס האָב איך אָנצוזאָגן דער וועלט, מיט וואָס באַרײַכער איך זי.

יויעל־דאָוויד זינגט און מאָניושקעס פינגער בלײַבן פארגליווערט אָף די קלאַווישן. מאָ־ניושקאָ קוקט זיך אום א דערשראָקענער פון אלע זײַטן, ווי איינער, וועמעס טיף באהאלטענער סאָד, וועלכן ער האָט פארטרויט נאָר זיך אליין, איז פלוצעם געוואָרן אויס סאָד. ווער איז ער, אָט דער, וואָס האָט זיך דערקליבן צו די טיפענישן פון מײַן הארצן און דערציילט דאָס, וועגן וואָס איך אליין האָב זיך ערשט דערוווסט? מאָניושקעס אויגן קוקן אין אלע ווינקעלעך פון צימער.

— צי דוכט זיך עס מיר? — האָט זיך מאָניושקאָ פלוצעם צעלאכט. — אָט וואָס עס הייסט אָפּנארן דעם שלאָף, אָט וואָס עס הייסט וואך זײַן נאכט נאָך נאכט. די כאלוימעס קאָנען זיך ניט דערווארטן ביז איך וועל אנשלאָפן ווערן און קומען צו מיר וואכערהייט, און איך הער אין כאָ־לעם, ווי מײַן ערשט געבוירענע מעלאָדיע ווערט געזונגען אזוי, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט, ווי איך וואָלט פארלאנגט, זי זאָל געזונגען ווערן.

און יויעל־דאָוויד זינגט! ענדיקט זיך די מעלאָדיע, הייבט ער זי ווידער אָן פון אָנהייב, און

צום צווייטן און דריטן מאָל ווערט די מעלאָדיע זיכערער, געשליפענער, דערוואַרעמטער, לויטערער און קלאָרער.

„וואָס קומט דאָ פאָר?״ — ציטערט אויף מאַניושקאָ. — „וועלכער רוּיבער האָט עס געקאָנט אינמיטן נאכט פאר אים אין די אויגן אוועקרויבן זיינע נאָטן?!״

ניין, אלע נאָטן זיינען גאַנץ, זיי שטייען, ווי ער האָט זיי אוועקגעשטעלט, קיין איין צייכן פעלט ניט.

און דער זינגער לאָזט ניט דורך קיין טאקט, מאכט ניט דעם קלענסטן טאָעס.

מאַניושקעס פינגער פאלן צו צו די קלאַווישן און הייבן אָן אקאָמפּאַנירן דער וואונדערלעכער שטים, וואָס טראָגט זיך ערגעץ ווי פון הימל, און ווידער בלייבן זיינע פינגער פארגליווערט.

ס'איז עפּעס ניט גלאַט. ניט אנדערש, דער טייוול אליין האָט מיט אים פאַרפירט א בייזע שפיל. מאַניושקאַ הייבט זיך אויף, וויל שרייען, און — ער דערזעט דעם זינגער...

יויעל־דאָוויד האָט ניט באמערקט מאַניושקען, ער האָט פארגעזעצט זינגען און געהערט בלויז די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אים צו דער אָפענער וועלט.

עס גייט אויס דער לעצטער קלאַנג, דער ווידערקאָל בלייבט אָן אַטעם. מאַניושקאָ אפּלאָדירט און וועקט די באַנאַכטיקע שטילקייט מיט באגייסטערטע אויסגעשרייען:

— בראַוואָ! אויסגעצייכנט! בראַוואָ! וואונדערלעך! ווער זייט איר עס?! איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווער זייט איר, א מענטש, צי?..

— אוואדע בין איך א מענטש. איך בין יויעל־דאָוויד, מיין פאמיליע איז לעווינשטיין, ניין, איך מיין סטראַשונסקי, — האָט ווי שטענדיק אין די מינוטן פון אופרעגונג יויעל־דאָוויד געפּלאָנטערט צווישן זיין אייגענער פאמיליע לעווינשטיין און צווישן שווערס פאמיליע סטראַשונסקי, וועלכע מ'האָט אים געצוואונגען אָננעמען גלייך נאָך דער כאַסענע. יאָ, איך בין יויעל־דאָוויד סטראַשונסקי, דער כאַזן פון דער ווילנער שול, און איר ווער זייט?

— איך, — האָט מאַניושקאָ פריי אָפּגעענטפערט, — איך בין סטאַניסלאַוו מאַניושקאָ.

יויעל־דאָווידן האָט א הייב געטאָן אין דער הייך און, ווי א פארשייט יינגל, איז ער ארויסגעשפרונגען דורכן אָפענעם פענצטער.

די צוויי אומבאַקאַנטע האָבן זיך באגעגנט, ווי נאָענט געוואָרענע, אדאַנק זייער אלגעמיין באַקאַנטן, אדאַנק דער מעלאָדיע, וואָס האָט זיי פאראייניקט. יויעל־דאָוויד האָט ניט געקאָנט אָנלויבן די מעלאָדיע און מאַניושקאָ איז געווען באַגייסטערט פון יויעל־דאָווידס שטים. די לעוואָנע, דער איידעס פון אלע ליבע־דערקלערונגען און געשלאָסענע פריינטשאפטן, האָט פייערלעך באלויכטן דעם קאָמפּאָזיטאָר מיטן זינגער, וואָס האָבן זיך אלץ ניט געקאָנט אָנקוקן איינער אפן צווייטן.

— קומט, לאָמיר גיין! — האָט מאַניושקאָ ניט געקאָנט איינשטיין אף איין אָרט. — קומט! — האָט ער פעסט א כאַפּ געגעבן די האַנט פון זיין נייעם פריינט. — איך האָב ליב ווילנע, כאָטש איך בין געבוירן געוואָרן לעבן מינסק.

— איך בין אויך פארליבט אין ווילנע, כאָטש איך בין געבוירן אין ליבאַווע, — ענטפערט שטיל דער זינגער. ער האָט מוירע, אז זיין שטים זאָל אים ניט ארויסגעבן. ס'איז גענוג, אז ער־געצוווּ זאָל צו א שלאָפלאָזן מענטשן פארבלאָנדזשען איין קלאַנג פון זיינע רייד, אז מאָרגן זאָלן אלע ווילנער באַלעבאַטים ריידן וועגן דעם, אז יויעל־דאָוויד איז אראָפּ פון גלייכן וועג, שלייעט זיך ארום באַנאַכט מיט ניט־גוטע, וואָס מאכן אומריין זיין הארץ, זיין קאָל און זיינע ליפּן. מע וועט אים נעמען אפן פארהער און פון אלע זייטן מוסערן.

און מאַניושקאָ כידעשט זיך ניט, וואָס זיין נייער פריינט רעדט סוידעסדיק שטיל. מאַניושקאָ ווייסט, דער זינגער דאַרף היטן זיין שטים, ער דאַרף ציטערן איבער איר, ווי מע ציטערט איבער אן איין־איינציק קינד. א שטים ווערט געגעבן איין מאָל און ניט מער, איין מאָל — ווי דאָס לעבן אליין.

יויעל־דאָוויד רוימט איין מאַניושקען א צווייטן סאָד זיינעם: — איך טראָג אפילע דעם נאָמען פון ווילנע, איך הייס „דאָס ווילנער באַלעבעסל״.

— באַלעבעסל? — גיט זיך מאַניושקאָ א כאַפּ פארן אויער, ווי בא א פאלשן קלאַנג, וואָס צעשטערט די גאַנצע שפּיל. — א מענטש מיט אזא געבענטשטן טאלאַנט, ווי איר, האָט פארדינט א שענערן נאָמען!.. — האָט זיך איבער מאַניושקעס פּאָנעם צעגאָסן דער איראָנישער שמייכל, וואָס איז זעלטן אראָפּ פון זיין שמאָלן מויל און צוזויפגעפּרעסטע ליפּן. מאַניושקאָ בייזערט זיך אף די ווילנער באַלעבאַטים, און די ווערטער פליען בא אים געשווינד, ווי די קלאַווישן, וואָס עס טרייבן זיינע פינגער. — ווערן א באַלעבעסל, הייסט פארענדיקן באַם סאַמע אָנהייב, און דער קינסטלער, דער עמעסער קינסטלער, דאַרף שטענדיק זוכן, שטענדיק פארלאַנגען, קיינמאָל ניט שטילן זיין דאָרשט.

יויעל־דאָוויד פּאַרקוקט זיך אויף מאַניושקעס גרויסן קאָפּ, אויף זײַן ברייטן שטערן, אויף דער פאַרשאַרפטער, שפּיציקער נאָז, אויף זײַנע טיפע בלויע אויגן און רוקט אַראָפּ טיפער די יאַרמלקע, וועלכע ער האָט פון קוראַזש פאַרגעסן אויסטאָן. ער לאָזט ניט צו רו מאַניושקען, ער זאָל אים דערציילן וועגן זיך.

מאַניושקאָ דערציילט, ווי ער האָט זיך געלערנט אין וואַרשע, ווי ער איז דערנאָך געפאָרן קיין בערלין זיך פאַרפולקומען, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל די יוירנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן אים צו רו ניט געלאָזט, אַרויסגעבראַכט אויף דער נאָטן־בלאַט, ווי ער האָט דאָס דיריזשאָר־שטעקעלע גענומען אין זײַן האַנט. ער דערציילט וועגן דערוויַיל נאָך פאַרטראַכטע אָפּערעס און אָפּערעטעס, קאַנטאַטעס, אוווערטיורעס, פאָרטעפּיאַן־פּיעסן, וואָס קלאַפּן אין אים, ווי דער פּולס, לויפן אין זײַנע אָדערן מיט דער וואַרעמקײַט פון זײַן בלוט.

...עזרע גיט אויף זײַן פידל אַ פאַרענדיקטן פאָרטרעט מאַניושקעס, אַ פאַרענדיקט בילד פון זײַן לעבנס־וועג. עזרע ווייסט וועגן מאַניושקען דאָס, וואָס יויעל־דאָוויד האָט זיך אין יענער נאַכט נאָך ניט געקאָנט דערוויסן, דאָס, וואָס מאַניושקאָ האָט אין יענער נאַכט נאָך ניט געקאָנט דערציילן, און די קלאַנגען פון עזרעס פידל ווערן פולער, און די באַגעגעניש ווערט באַרײַכערט.

דער כאַזן פון דער ווילנער שול טאָר מער ניט זען דעם אָרגאַניסט פון קאָסטיאָל, און דער אָרגאַניסט פון קאָסטיאָל טאָר נאָענט ניט שטיין לעבן דעם כאַזן. ווי זייערע געטער, אַזוי דאַרפן זיי זײַן פײַנטלעך צווישן זיך, זײַן ווײַט אָפּגעשיידט איינער פונעם צווייטן. דער מינדסטער כשאַד וועגן אוועלכער־ניט־איז פאַרבינדונג צווישן כאַזן און אָרגאַניסט קאָן אופרודערן און אַרײַנברענגען אין גרימצאָרן די באַלעבאַטים פון שול און די קאַטויליקער פון קאָסטיאָל. דער כאַזן און אָרגאַניסט וועלן באַשולדיקט ווערן אין גרעסטן פאַרברעכן פון וועלן שאָלעם מאַכן צווישן דער יידישער עמונע מיטן קאַטאָליציזם, צווישן יעהאָוועז מיט יעזוסן. נאָר די אָפענע פענצטער פון יויעל־דאָווידס און מאַניושקעס צימערן איז קיינעם ניט געקומען אויפן זינען צו פאַרמאַכן. דורך די אָפענע פענצטער האָבן זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ ברייטער צעעפנט די הערצער פון די צוויי נײַע פרײַנט.

...עזרעס פינגער גייען איבער אין פּיציקאַטאָ און ציילן אויף די סטרונעס פינף הילכיקע קלאַנגען.

אַזוי האָבן זיי זיך צונויפגערעדט, אַז אויב אים, מאַניושקען, וועט געפעלן ווערן דאָס, וואָס ער, יויעל־דאָוויד, אַליין אָדער צוזאַמען מיטן כאָר וועלן אויסזינגען באַם אָפענעם פענצטער, וועט ער אויף איינער פון די באַסאָווע קלאַווישן אויסקלאַפּן אים „אַ פינף"... „פינף" איז געווען זייער פּאַראָל — פון אויסגעצייכנט, פון געפעלן ווערן איינער דעם צווייטן נאָך מער ווי ביז איצט.

עזרעס פינגער שפּאַנען איבער די סטרונעס ווי אויסשפּירער, קוקן זיך אום, שטעלן זיך אָפּ און צעלויפן זיך אין פאַרשיידענע זײַטן.

איין ניט פאָרזיכטיקער שפּאַן, איין בליק פון אַ שלעכט אויג קאָן אויסגעבן און אַנטפּלעקן יויעל־דאָווידס געהיימניסן.

דער פידל שפּילט אַ דועט מיט עזרעס האַרץ — דעם דועט פון ציטער. זיי ביידע, דער פידל מיטן האַרצן, בעטן זיך, אַז אַלץ זאָל דורכגיין בעשאָלעם, אַז קיינער, קיינער זאָל ניט באַמערקן, ווי יויעל־דאָוויד קומט צום באַשטימטן אָרט, אין דער כורווע פונעם פאַרוואָרפענעם געסל, הייבט אויף אַ גרויסן שטיין, נעמט אַרויס פון אונטער אים פּאַפּירן און פאַרבײַט זיי מיט אַנדערע. אין די פּאַפּירן זײַנען אָנגעשריבן מאַניושקעס אָפּשאַצונגען וועגן יויעל־דאָווידס קאָמפּאָזיציעס, פאַרגעבונגען אויף טעאָריע פון מוזיק, עס זײַנען פאַרשריבן געזעצן, וואָס מוזן יויעל־דאָווידן אומבאַדינגט זײַן באַקאַנט. אין די פּאַפּירן, וואָס יויעל־דאָוויד פאַרבײַט, זײַנען די אויסגעפילטע פאַרגעבונגען, נײַע קאָמפּאָזיציעס, פראַגן און פראַגן, אַ וועלט מיט פראַגן! יויעל־דאָוויד פרעגט — צי קאָנען צוויי קייסאָרים קיניגן מיט איין קרוין? צי האָט ער רעכט איינצײַטיק זײַן אי אַ זינגער אי אַ פידלער?

— ניין, — האַלט מאַניושקאָ, — זיך אַליין אויסגעפינען איז שווער, ווי גאָלד אַרויסבאַקומען פון זאַמד. עס טרעפט, אַז זייער אָפט קיניגן קינסטלער מיט פאַלשע פרעמדע קרוינען, וואָס געהערן ניט צו זיי, און זייער אייגענע עמעסע קרוין ליגט פאַרגעסן און פאַרוואָרפן ווי אַ פאַרזשאַווערטער שטיק בראָכוואַרג.

— איר, יויעל־דאָוויד, זײַט אַ זינגער און ניט קיין פידלער. דער פידל דאַרף שטענדיק אײַך, דעם זינגער, קומען צו הילף.

— און ווי איז מיט דעם, וואָס ער איז אי אַ זינגער, אי אַ קאָמפּאָזיטאָר?

— מיט דעם איז זייער גוט. דאָס איז איין קרוין, אויף איין קאָפּ באַלויכטן, מיט איין דימענט פון איין האַרצן. קיינעם קאָן דער זינגער אַזוי ניט אויסזינגען, ווי דאָס, וואָס ער אַליין באַשאַפט.

עזרע איז מעקאַנע יויעל־דאָווידן... פון טויזנטער און הונדערטער טויזנטער, וואָס זוכן טאָג־טעגלעך דעם אויצער, געפינט אַמאָל נאָר איינער.

און ער, יויעל־דאָוויד, איז דער גליקלעכסטער פון אַלע גליקלעכע — ער קומט אַלע פאַר־נאַכט צום שטיין, און ס׳איז גענוג, ער זאָל אים נאָר אַ הייב אויף געבן, אַז דער אויצער זאָל אים אַליין קומען אין די הענט אַרײַן...

אַ גײַיִק פון גאַמעס רײַסט פּלוצעם איבער די שפּיל, גלײַך ווי עזרעס פידל זאָל מיטאַמאָל זיך אַליין נעמען אויספּרווון, צי וועלן אים סטײַען קויכעס פאַר דער ווײַטערדיקער פאַנאַנדער־וויקלונג פון דער עלעגיע.

די נאַטור, האָט געהאַלטן מאַניושקאַ, איז געווען מער ווי גוט צו יויעל־דאָווידן, זי האָט אים באַשאָנקען מיט אַן אויסגעבילדעטער און אויסגעלײַטערטער שטים, און דאָך מוזן אייניקע טענער געשליפן ווערן. יויעל־דאָוויד דאַרף וויסן דעם סאָד, ווי צו קאָנען באַהאַלטן זײַן שטים, אַזוי ווי אין אַ שיידל, אַרויסברענגען געדעקטע קלאַנגען, פאַרבאַהאַלטענע און געגומענע אין קאָפּ. ער דאַרף וויסן ווי זיך באַגיין מיט דער לופט, ווען, וויאַזוי און וויפל אײַנעטעמען אין זיך. די לונגען, ווי די שטים, נייטיקן זיך אין גימנאַסטיק. אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף — טענער האָבן אַף די קלאַווישן פונעם אָרגאַן געוויזן יויעל־דאָווידן, וויאַזוי צו שלײַפן יעדן טאָן און יעדן קלאַנג. יויעל־דאָווידס שטים איז זיי נאָכגעלאָפן מיט אַן אָ־אָ־אָ! מיט אַן אי־אי־אי! די קלאַווישן באַפוילן פרײַ לאָזן די שטים, און יויעל־דאָוויד האָט זיך צעקלונגען מיט אַ הילכיקן א־א־א! און גלײַך האָט ער געדעקט די שטים מיט אַן או־או־או!

יויעל־דאָווידס פרוי האָט זיך דערשראָקן, זי איז שטענדיק געוווינט געווען הערן ווי איר מאַן זינגט, ווי ער לערנט און כאַזערט איבער זײַנע נײַע האַשקיווינוס, אַהאַוואַס אוילעמס, אָוו האָראַכמענס, קדושעס און קעסערס[1], און מיטאַמאָל — אַן אָקען, אַן איקען.

— טאַטע! טאַטע! — האָט זי זיך צעשריִען ניט מיט איר קאָל, און צוזאַמען מיטן טאַטן איז זי אַרײַנגעלאָפן צו יויעל־דאָווידן אין צימער.

— ווי איז מיר, — האָט די פרוי געבראָכן אירע הענט, — וואָס איז מיט דיר געשען, יויעל־דאָוויד, וואָס טוט דיר ווי, וואָס דו אָקעסט און איקעסט אַזוי?

— מיר טוט גאָרנישט ניט ווי, — האָט ער זיך צעלאַכט, — איך מאַך גימנאַסטיק מיט די טענער פון מײַן שטים, אַז זיי זאָלן זײַן באַוועגלעכער.

— און איך קאָן עס ניט הערן, און איך פאַרוואָר עס! — האָט זיך צעשריִען מיט זײַן הייזע־ריקלעכער באַסאָווער שטים דער נאָגיד רעב בער סטראַשונסקי.

דער גווירד האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן פון הינטער זײַן געלער באָרד און געציטערט, זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי ער זאָל נאָכמאַכן און כויזעקן פון יויעל־דאָווידס גימנאַסטיק־טענער.

— מענטשן קלײַבן זיך שוין הינטערן פענצטער אַף אַ בייז־וווּנדער. פרווו נאָכאַמאָל אַזוי אַן אָקע און אַן איקע טאָן, וועט איבער דער שטאָט אַוועק אַ קלאַנג, אַז יויעל־דאָוויד, דער כאַזן פון ווילנער שול, איז אַראָפּ פון זינען, פון אַלע זײַנע געזאַנגען קען ער איצט בלויז אָקען און איקען, און דאַן מעגסטו זיך שוין מיטן אַמעד אָפּגעזעגענען אַף אייביק, קיין דולן וועט מען צום אַמעד ניט צולאָזן. וואָס טוסטו עס? וואָס האָסטו צו מײַן טאָכטער? פאַרוואָס קוילעסטו אונדזביידן אַן אַ מעסער. גאַזלען, רעצייעך!

— שווער, ס׳איז ניט אײַער אייסעק! — האָבן יויעל־דאָווידס גרויסע שוואַרצע אויגן זיך אָנגעצונדן און זײַן שטים האָט געציטערט. — אָקען און איקען איז ניט לויטן דין און ניט לויטן געזעץ פאַרבאָטן. אָקען און איקען איז ניט קיין גנייווע און ניט קיין שווינדל!

— מיט וועמען רעדסטו עס אַזוי? — האָט רעב בער דער נאָגיד געגומען טופען מיט די פיס.

— מיט אײַך! מיט אײַך, מײַן שווער, מײַן ליבער טײַערער שווער! — האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן אַף יויעל־דאָווידס פּנעם און איז גלײַך דערשטיקט געוואָרן צווישן די פאַרביסענע ליפּן.

— יויעל־דאָוויד! טאַטע! — האָט יויעל־דאָווידס פרוי מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט פאַרוויינטע אויגן זיך אַוועקגעשטעלט אין דער מיט.

קיין שאָלעם איז אָבער ניט געשלאָסן געוואָרן. אַלע דרײַ — די פרוי, דער שווער און דער איידעם — זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צעקריגטע, בערויגעזע.

אַ צוזאַמענשטויס, אַ קריג פון מעלאָדיעס אַף די סטרונעס פון עזרעס פידל — דער שאָלעם איז אויך אין שול צעשטערט געוואָרן...

יויעל־דאָוויד דער זאָגער, אַזוי האָט מען גערופן דעם כאַזן, דעם אימפּראָוויזאַטאָר, האָט ניט ערגער, ווי די פאַרפאַסטע זאַכן, געזונגען דאָס, וואָס איז ערשט אַפן זינען אַרויף. יויעל־דאָוויד

---

[1] — נעמען פון פאַרשיידענע טפילעס.

זאָגט און זאָגט, און אינמיטן זאָגן האָט זיך אין שול אַרײַנגעריסן מאַניושקעס מעלאָדיע, יענע מעלאָדיע, וועלכע ער, יויעל־דאָוויד, האָט דער ערשטער דערהערט, דער ערשטער זי אויסגעזונגען.

די מעלאָדיע האָט זיך געבעטן, ער זאָל זי גלײַך אויסזינגען, אָט דאָ אויפן אָרט. יויעל־דאָוויד האָט איבערגעגעבן אין איר רעשוס די ווערטער פון דער טפילע.

...וואָס איז מיט דיר געשען, יאָם דו איינער, וואָס דו אַנטלויפסט? — האָט מאַניושקעס מעלאָדיע, ווי א ווינט, זיך געטראָגן, געיאָגט און געטריבן די כוואַליעס.

...און דו, יאַרדן, ווי קומט צו דיר, אַז דו זאָלסט אָפּטרעטן אויף צוריק? — ווונדערן זיך די קלאַנגען פון דער מעלאָדיע, און גלײַך צעיאָגן זיי זיך, ווי אין א וויכער־טאַנץ, מיט די בערג, וואָס שפּרינגען, ווי די שאָף.

די ווערטער מיט דער מעלאָדיע זײַנען זיך בעשאָלעם געגאַנגען זייער וועג, ווי לויט צעשטעלטע נאָטן־צייכנס.

נאָר ווען דער ענטפער איז געקומען, אַז דאָס שפּרינגען און טאַנצן, דאָס לויפן און אַנטלויפן איז פאַר אים, פאַר גאָט פון יאַנקעוון, וואָס האַלט אַלעמען אין דער מוירע, האָט די מעלאָדיע ווידערשפּעניקט.

ס'איז געוואָרן א שרעקלעכע קריג — די ווערטער רימען גאָט און די מעלאָדיע זינגט א לויב־געזאַנג דעם מענטשן.

— איי־אָ! איי־אָ! — האָט דער ראָוו א קלאַפּ געגעבן אין שטענדער.

— איי־אָ! איי־אָ! — האָבן די באַלעבאַטים אונטערגעהאַלטן דעם ראָוו, און יויעל־דאָוויד קאָן זיך ניט צעשיידן מיט מאַניושקעס מעלאָדיע, ער קאָן ניט אויפהערן, ער קאָן זיך ניט אָפּשטעלן.

— ווי געשריִען! — האָט דער ראָוו געגוואַלדעוועט, ווי א פאַרווונדעטע כיַע, — ס'איז א שטראָף פון גאָט פאַר אונדזערע גרויסע זינד. דער סאָטן־מעקאַטרעג האָט זיך גענומען צו אונדז! ווי געשריִען! דער שאַליִעך אונדזערער, וועלכן מיר האָבן געשיקט טפילע טאָן פאַר אונדז, איז ניט ראָע פאַר אַזאַ שליכעס! דער שאַליִעך אונדזערער האָט פאַרבלאָנדזשעט און איז געפאַנגען געוואָרן אין די נעצן פון טומע. אַלע טפילעס אונדזערע זײַנען אומריין געוואָרן דורך זײַנע אומריינע ליפּן, אַלע טפילעס אונדזערע קאָנען נאָר שלעכטס אויסבעטן פאַר אונדז! ווי געשריִען! א דיבעק איז אַרײַן אין עם כאַזן, און דער דיבעק זינגט אין אים זײַן טרייפענעם ניגן.

— א דיבעק! א דיבעק! — האָבן נאָכגעשריִען די באַלעבאַטים.

— ייִדן! ס'איז ניט גוט! — האָט דער ראָוו אויסגעלאָזט זײַן ביטער האַרץ צום שטענדער, אין וועלכן ער האָט ניט אויפגעהערט קלאַפּן מיט זײַנע פויסטן, — לאָמיר שרײַען אין איין קאָל:

— קרא סאָטן! — צערײַס דעם סאָטן!

— קרא סאָטן! קרא סאָטן! — האָבן צעווילדעוועטע, דערשראָקענע קוילעס זיך געטראָגן פון אַלע זײַטן, ווי דער גרעסטער אומגליק זאָל געשען.

— קרא סאָטן! — איז מען מיט די ווערטער אָנגעפאַלן אויף יויעל־דאָווידן, אים אָפּגעשטויסן פון אָמעד און א פּאָשעטער באַלטפילע האָט פאַרנומען זײַן אָרט.

יויעל־דאָוויד איז אין געפאַר, ער איז דערקלערט געוואָרן אַלס „אכער“, אַלס אָפּטריניקער. זײַן שטים, וואָס האָט פריִער געפלאַנצט און געכאָוועט די צווײַגן פונעם פּאַרדעס, פון גאָטס ווײַנגאָרטן, האָט איצט ווי א שאַרפע האַק זיך פאַרהייבן אויף זיי. אַזאַ מוז באַקומען זײַן שטראָף דאָ אויף דער וועלט, אַזאַ מוז אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל.

עזרע הייבט אויף א ליאַרעם אויפן פידל, ער צעיאָגט די קלאַנגען, זיי זאָלן קומען צו הילף יויעל־דאָווידן, און די קלאַנגען ווערן איבערגעכאַפּט און פאַרשריִען...

וואָס טוט זיך עס?

אַן אָרקעסטער פון שויפרעס לעכערט עזרעס אויערן:

— שוואָרים! שוואָרים! — באַפוילן פון אַלע זײַטן שילטנדיקע קוילעס, — זאָלן צעבראָכן און צעפאַלן ווערן די קלאַנגען אויף שטיק־שטיקלעך.

— טרואָ! טרואָ! — זאָלן די שטיק־שטיקלעך זיך פאַרייניקן אין איין גרויסן קלאַנג, אין איין הילכיק געשאַלערײַ.

— טקיִאָ גדוילאָ! — זאָל דאָס הילכיקע געשאַלערײַ זיך ציִען און ציִען ביזן לעצטן אָטעם.

יעדער שויפער בלאָזט אויס זײַן באַזונדער אָרור און יעדעס קאָל כאַפּט אים אונטער אויף זײַן אויפן:

— אָרור! אָרור! — פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן!

ווי די בלעטער פון א בוך, וואָס ווערן פאַרמישט און אויפגעמישט דורכן ווינט, אַזוי פאַרפּלאָנטערן זיך די צײַטן.

יויעל־דאָוויד איז ניט אַליין, ער איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער... עזרע צי־

טערט אויף פאַר יִצחק־יויעל לינעצקיס געשריי, פאַרן געשריי פונעם יִדישן סאַטירע־שרײַבער, וועמען די ליפּאָוועצער כּסידים האָבן באַכערווײַז געוואָרפן אין בוג אַרײַן אָף צו דערטרינקען אים דערפאַר, וואָס ער האָט געלייענט טרייף־פּאָסל, הײַנטוועלטיקע ביכלעך...

א גרויל גייט דורך עזרען איבערן לײַב, ווי דאַן, אין די קינדער־יאָרן, ווען ער פלעגט דורכ־גיין דאָס בריקל, ווו עס איז פאַרגעקומען דער ניט געלונגענער מאָרד.

א שאַרפער מעסער־בלאַנק פינקלט דורך פאַר די אויגן און דראָט מיט א צווייטער סאָקאָנע. עזרע קאָן ניט צוקוקן, ווי דאָס מעסער אין האַנט פון גאָטסגלויביקן גאַזלען דערנעענטערט זיך צום האַרצן פון באַרוך שפּינאָזע.

די סאָקאָנע איז פאַרבײַ... ס'אַרא גליק! שפּינאָזע האָט באַוויזן צו ראַטעווען זײַן האַרץ, ווי ער האָט שטענדיק געראַטעוועט זײַן קאָפּ, ער זאָל זיך ניט בייגן און זיך ניט אונטערגעבן.

עזרע שפּילט און זעט ווי מע ברעגנט אוריִעל אַקאָסטען אין בעסמעדרעש אין טרויער־קליידער און מיט שוואַרצע ליכט אין די הענט.

— אַלכעט! — שרײַט מען פון אַלע זײַטן. — שלאָג זיך אַלכעט, ווײַל גרויס איז דײַן זינד! ראָשע! דו האָסט גאָט געלעסטערט, דו האָסט די זײַלן פון אונדזערע „אַני־מאַמינס" געפּרוווט אײַנוואַלגערן, האָסט געזאָגט: „דער מענטש האָט נאָר איין לעבן — דאָס איז דאָס לעבן, וועלכעס ער לעבט אָף דער ערד. קיין צווייטס איז ניט פאַראַן". ראָשע! שלאָג זיך אַלכעט!

עזרע זעט, ווי גאָטס דינער מיט בערד און פּייס, אָנגעטאָנענע אין ווײַסע קיטלען, ציילן רויִק, ניט געכאַפּט די מאַלקעס, די שמיץ, וואָס פליִען איבער אוריִעלס פּלייצע.

עזרע זעט, ווי מע לייגט אַוועק אוריִעלן אָף דער שוועל פון בעסמעדרעש, און אַלע, פון קליין ביז גרויס, טרעטן איבער זײַן קערפּער.

אוריִעל קאָן ניט איבערטראָגן דעם ביזויען, ער קאָן מער ניט לעבן און אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט טוט ער זיך אָן דעם טויט...

יויעל־דאָוויד אַנטלויפט פון שול, אַנטלויפט פון דער היים. יויעל־דאָוויד לויפט אין קאָסטיאָל פונעם הייליקן יאַן צו סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, ער זאָל אים באַשיצן, ער זאָל אים אויסשטרעקן זײַן האַנט.

יויעל־דאָוויד לויפט, און פון אומעטום, פון אַלע זײַטן באַגלייט אים דער „אָרור!"...

— ער איז אומריין! אומריין! — וואָרנט דער ראָוו. — שטייט ניט אין זײַנע דאַלעדאַמעס, פיר איילן נאָענט צו אים, גריסט זיך מיט אים ניט, און קיינעמס האַנט זאָל ניט אויסגעשטרעקט ווערן שאַלעם אים אָפּצוגעבן און א טויווע אים צו טאָן. זאָל ער אויסגעמעקט ווערן פון לעבנס־בוך און זאָל ער פאַרפוילט ווערן ווי א צווײַג, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פון בוים.

— אָרור! אָרור!..

— בום־בום־בום! דזין־דזין־דזין! בום־בום־בום! דזין־דזין־דזין! — הערט אויף דער פידל אָף א ווײַלע שפּילן און מאַכט נאָך דעם געקלאַנג פון גלעקער און גלאָקן. דער קאָסטיאָל פונעם הייליקן יאַן פײַערט זײַן ניצאָכן. יויעל־דאָוויד האָט פאַרלאָזן יעהאָוועס געצעלט און איז געקומען אין יעזוסעס פּאַלאַץ.

יעזוס האָט ליב אָן אַנטבלויזטן קאָפּ, און יעהאָווע — פאַרקערט, ער האַלט עס פאַר א גרויסער אַווירע און שטראָפט דערפאַר. יויעל־דאָוויד פּרוווט אויסטאָן זײַן היטל, און אין קאָסטיאָל, אין קיניגרײַך פון יעזוסן, דערשרעקט ער זיך פאַר יעהאָווען, און דאָס היטל ווערט ווי צוגעשמידט צום קאָפּ. דער נײַער גאָט בייזערט זיך: דו געפינסט זיך אינעם שאָטן פון מײַן באַלקן, איז טו אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג. יויעל־דאָוויד הייבט אויף זײַן האַנט אויסצופּילן דעם באַפעל פונעם נײַעם גאָט, און דער אַלטער גאָט שלײַדערט זי אָפּ אָף צוריק. יויעל־דאָוויד ווייסט ניט, אָף וועלכער וועלט ער געפינט זיך, ער ווייסט ניט, בא וועלכן גאָט פריִער מעכילע בעטן. ער איז שולדיק פאַר זיי ביידן. צום יִדישן גאָט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין דערקלערן אין ליבע און אין איין בעטן בא אים, ער זאָל אָנעמען זײַנע טפילעס פאַרן פאָלק יִסראָעל, וואָס האָט אים אויסדערוויילט און געשיקט טפילע טאָן. און אים, יעזוסן, האָט ער געהאַלטן אין איין לעסטערן, אַז ער איז ניט־געשטויגן און ניט־געפלויגן, אַז ער איז גאָר קיין גאָט ניט.

דער פידל עטעמט אָפּ פרײַ, זאָגט אָן א בסורע, און טיילט זיך מיט זײַן פרייד. פון ערגעץ א הויכן ווײַטן באַלקאָן האָבן זיך פּלוצעם גענומען אַראָפּלאָזן טיפע אָרגאַן־קלאַנגען, ווי שטריק אָף זיך אָנכאַפּן אין זיי.

— פּאַני סטאַניסלאַוו! פּאַני סטאַניסלאַוו! — האָט זיך יויעל־דאָוויד דערשראָקן פאַרן אָפּ־הילך פון זײַן שטים, וואָס האָט אים אויסגעזען פרעמד, און זיך דערפרייט מיט די אַנטקעגן אָנ־קומענדיקע קלאַנגען, ווי מיט נאָענטע, ווי מיט אייגענע.

— פּאַני סטאַניסלאַוו! דאָס בין איך! איך, יויעל־דאָוויד! איך מוז אײַך זען! ווו זײַט איר?!

— אָט בין איך! אָט בין איך! ביטע! ביטע! — האָט מאַניושקאַ באַגעגנט יויעל־דאָווידן מיט גאַסטפֿרײַנטלעכע ברייט צעעפֿנטע אָרעמס.

יויעל־דאָוויד איז געשטאַנען פֿאַר מאַניושקען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, און ווי אַ טפּילע, וואָס ווערט געזאָגט בלויז מיט די ליפּן, אַזוי שטיל האָט יויעל־דאָוויד אויסדערציילט פֿאַר איר אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, וואָס אים דערוואַרט.

— האָט קיין מוירע ניט, — האָט מאַניושקאַ פֿעסט צוגעדריקט צו זיך יויעל־דאָווידן. — איך וועל אײַך קומען צו הילף מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען. אין ווילנע טאָרט איר מער קיין טאָג ניט בלײַבן, קיין איבעריקע שאָ. דער וועג פֿירט קיין וואַרשע. נאָך מאָרגן, מאָרגן פֿאַרטאָג וועל איך אײַך אָפּפֿירן קיין וואַרשע, איך וועל אײַך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַלע מײַנע באַקאַנטע און העלפֿן אײַך זיך אײַנאָרדענען.

יויעל־דאָוויד איז אין וועג...

יויעל־דאָוויד קאָן גאָרניט זיך אָנקוקן אַף זיך, ער קוקט אַרײַן אין שפּיגעלע און דערקענט זיך ניט. ער האָט גאָרניט געוווסט, אַז ער איז נאָך אַזוי יונג.

יויעל־דאָוויד וואַרצלט אויס די „סאַמאַכן" פֿון די נאָזטיכלעך, האַנטעכער, אייבערשטע און אונטערשטע העמדער און פֿאַרפּלאָנצט אָנשטאָט זיי „לאַמעדן". ער איז ווידער לעווינשטיין, ער איז ווידער ער, ער טראָגט ווידער זײַן אייגענע פֿאַמיליע. אויס סטראַשונסקי, מער וועט ער קיינמאָל אין לעבן ניט הייסן סטראַשונסקי.

— פּאַני לעווינשטיין! פּאַני לעווינשטיין! — טוט אים צוליב מאַניושקאַ. ער דערמאָנט אים אַלע ווײַלע, אַז ער איז שוין ניט דער, וואָס געווען, אַז ער איז גאָר אַן אַנדער מענטש.

דער פֿידל האָט אַלע ווייען פֿאַרביטן אַף מאַזשאָר און פֿרייט זיך.

יויעל־דאָוויד האָט דעם בלויען פֿויגל פֿאַרן פֿליגל געכאַפּט, זײַן שאָ איז געקומען, די שאָ פֿון האַלטן די גאַנצע וועלט באַ זיך אין האַנט און טאָן מיט איר, וואָס דאָס האַרץ נאָר גלוסט, די שאָ, אין וועלכער אַלץ, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט, איז כאָכמע, און אַלץ, וואָס ווערט געטאָן, איז מיט מאַזל און גליק.

יויעל־דאָווידס ערשטע קאָנצערטן אין די פּריציש און מאַגנאַטישע הויפֿן איבעראַשן און מאַכן פֿרײַ דעם וועג צו די גרעסטע בינעס פֿון דער שטאָט.

אַ קאָנצערט נאָך אַ קאָנצערט! וואַרשע אַפּלאָדירט! וואַרשע גייט כאָדאָראָם!

הונדערטער יויעל־דאָווידס אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס און אין פֿאַרשיידענע פֿאַרבן, אַרומגע־רינגלט אַרום און אַרום מיט לויב־ און רום־ווערטער, רײַסן זיך אָפּ פֿון די אַפֿישן און גייען דורך פֿאַרבײַ עזרעס אויגן אין אַ פֿײַערלעכן פּאַראַד, אין אַ צערעמאָניאַל־מאַרש.

יויעל־דאָוויד איז פֿאַרליבט אין דער בלאָנדער שטאָלצער זינגערין, וואָס זינגט צוזאַמען מיט אים דועטן, אין עליזען. זי איז זײַן ערשטע ליבע. און וואָס ער זאָל ניט טאָן, וועגן וואָס ער זאָל ניט טראַכטן, וואָס ער זאָל ניט זינגען, טוט ער צוליב איר, זינגט ער צוליב איר...

ער ווייסט, יויעל־דאָוויד, וואָס ראַבי יויסעף האָט געזאָגט: ווען אַ מאַן זינגט און אַ פֿרוי ענטפֿערט אָפּ, איז עס אויסגעלאַסנקײַט. ווען אַ פֿרוי זינגט און אַ מאַן ענטפֿערט אָפּ, איז עס ווי פֿײַער און פֿלאַקס — ווען איינס לעשט זיך אויס, כאַפּט דאָס צווייטע זיך אָן.

פֿאַר פֿולגעפּאַקטע זאַלן, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן ווערט יעדן אָוונט באַנײַט, פֿאַרשענערט און פֿאַרטיפֿערט זייער ליבע־דערקלערונג.

— אַנטפּלעק מיר דײַן געשטאַלט, — זאָגט ער צו איר, צו עליזען, — לאָז מיר הערן דײַן קאָל, ווײַל דײַן קאָל איז אָנגענעם און דײַן געשטאַלט איז שיין.

איר קאָלאָראַטור־סאָפּראַנע צעשיט זיך, ווי אָנצאָליקע פֿאַלנדיקע שנייעלעך, פֿאַרפֿליט אין דער הייך, ווי אַ צוויטשערנדיקע מאַכנע פֿויגלען.

...קאַזימיר שאַבעלסקי איז איבעראַשט. ניט איין מאָל האָט ער געפּרוווט דערגיין, ווער איז דער, וואָס האָט באַאַרבעט אָט די פּוילישע פֿאָלקס־מעלאָדיע, וואָס צעטראָגט זיך איצט דאָ אַף דער בינע. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז יויעל־דאָוויד.

די מוזיקאַנטן קוקן זיך איבער מיטן דיריזשאָר, און אַלע זײַנען צופֿרידן, וואָס דער אומ־באַוווסטער האָט פּלוצעם זיך דאָ מיטאַמאָל אַנטפּלעקט.

די אינסטרומענטן מיט די שפּילער זײַנען געוואָרן איינס, ווי איינס איז געוואָרן דער אָר־קעסטער און דער דיריזשאָר מיט עזרעס פֿידל...

דער אָרקעסטער האָט זײַנס אָפּגעשפּילט, און עזרען ווילט זיך לענגער פֿאַרהאַלטן באַ יויעל־דאָווידס גליק. נאָר דאָס גליק פֿאַרשווינדט, ווי די נאָטן־צייכנס פֿון פּעדאָצערס עלעגיע. דער בלויער פֿויגל האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון יויעל־דאָווידס האַנט, און ס׳איז פֿאַרפֿאַלן, ס׳איז אומעג־

לעך אים צו דעריאָגן. וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן יויעל־דאַווידס דערפאָלג, אַלץ מער סאָנים האָט ער באַקומען. וואָס מער בלומען, אַלץ מער שטיינער האָבן געגומען פּליען אין אים. געדונגענע כוליגאַנעס רייַסן איבער יויעל־דאַווידס געזאַנגען מיט קוויטשערייַען און סווישטשערייַען.

די שוואַרצע פּרעסע העצט:

לעווינשטיין איז אונטערגעשיקט אַף אַראָפּצופירן פון גלייַכן וועג די קאַטוילִיקער! ער פאַרנאַרט מיט זייַנע געזאַנגען אין די נעצן, פון וועלכע ס'וועט אומעגלעך זייַן זיך אויספּלאָנטערן. לעווינשטיין פאַריִידישט די פּוילישע נעשאָמע, פאַרקוגלט די פּוילישע מעלאָדיע!

מע וואָרנט און מע דראָט עליזען. וועט זי זיך ניט אָפּזאָגן פון יויעל־דאַווידן, וועלן אַלע זיך אָפּזאָגן פון איר. זי וועט פאַרלירן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, קרוווים און פרייַנט, און צווישן פּוילנס׳ טעכטער וועט זי מער פאַר קיין טאָכטער ניט פאַררעכנט ווערן. זי וועט זייַן פאַרשאָלטן פון גאָט און לייַט און אינערגעץ וועט זי קיין שוץ און קיין רו ניט געפינען.

כיירעם! אומעטום כיירעם! אים, יויעל־דאַווידן, האָט מען אַרייַנגעוואָרפן אין כיירעם פאַר מאָניושקעס מעלאָדיעס, דערפאַר, וואָס ער איז געקומען צו עליזען; און עליזען דראָט מען אַרייַנוואַרפן אין כיירעם דערפאַר, וואָס זי איז געקומען צו אים, יויעל־דאַווידן.

אַף אַ כוידעש צייַט האָט מען עליזען אוועקגעפירט פון דער היים, און איצט האַלט מען זי פאַרשלאָסן. עליזע זינגט ניט, עליזע רעדט ניט, עליזע וויינט און צאַנקט, ווי אַ ליכט. און אַז עליזע זינגט ניט, זינגט אויך ניט יויעל־דאַוויד.

יויעל־דאַווידס סאָנים האָבן געוווסט, אַז קאַלוּמאַן ער וועט אַרומגיין אַף דער ערד, וועט אים עליזע ניט פאַרגעסן. זיי האָבן אויך מוירע געהאַט, אַז דער זינגער וועט סאָפּקאַלסאָף בייַקומען דעם פאַרליבטן, און יויעל־דאַוויד וועט מיט דער צייַט ווידער אָנהייבן אַרויסטרעטן אַף קאָנצערטן. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט אייַנאָרדענען אים אַ לעצטע באַגעגעניש מיט עליזען.

יויעל־דאַוויד זינגט און עליזע זינגט מיט... זיי זינגען און שווערן זיך: אַפילע דער טויט אַליין וועט זיי ניט קאָנען צעשיידן.

די פידל־קלאַנגען צעשיטן זיך, ווי דער דרויב פון די פּייַקלען באַם אויסקלאַפּן זייער ראָצכישן מאַרש פאַרן הענקער, ווען ער דערנענטערט זיך צו זייַן קאָרבן.

— רום דעם זינגער!

— רום און וויוואַט, וויוואַט און רום, — שרייַען די געסט, וואָס זייַנען געקומען אַף יויעל־דאַווידס באַנקעט, ווי אַף זייַן לעווייַע.

— פאַרן זינגערס דערפאָלג! פאַר יויעל־דאַווידן! — הייבן זיך אוף אַלע בעכערס.

עליזע כאַפּט אַרויס פון יויעל־דאַווידס הענט דעם פאַרסאַמטן בעכער מיט ווייַן און גיט אים איבער איר בעכער.

אַלע אופגעהויבענע בעכערס לאָזן זיך אַראָפּ... מע שווייַגט און מע ווייסט ניט, וואָס צו טאָן.

— פאַר יויעל־דאַווידן! פאַר יויעל־דאַווידן! — ציטערט עליזעס דערשיטערטע שטים.

און ווען זי האָט יויעל־דאַווידס פאַרסאַמטן בעכער נאָענט צוגעטראָגן צו אירע ליפּן, האָבן צענדליקער פאַר הענט זיך אויסגעשטרעקט צו איר.

— וואָס טוט איר עס?! וואָס טוט איר עס?! — האָבן אַלע געשריִען, און אַלע ווי איינער האָבן זיי זיך אַרויסגעגעבן מיט זייער פאַרברעכן...

נאָך אָט דער באַגעגעניש זייַנען שוין אַף שטענדיק אַלע וועגן צו עליזען געבליבן אָפּגעשניטן פאַר יויעל־דאַווידן.

יויעל־דאַוויד האָט זיך גערירט פון זינען. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן און ניט אופגעהערט זינגען מיט די ווערטער און מיט דעם ניגן פון אייכאַ:

„ניט פאַר אייַך געדאַכט, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט! קוקט און זעט, צי ס'איז נאָך פאַראַן אַזאַ ווייטעק, ווי מייַן ווייטעק? ווי דער יאַם איז גרויס דער בראָך!“

...דער פידל בלייַבט צוגעטוליעט צו עזרען און דער סמיק לאָזט זיך ניט אַראָפּ. נאָר אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַלץ איז קלאָר. יויעל־דאַוויד איז שוין מער ניטאָ — ווילנע האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַלעבעסל און וואַרשע האָט אים פון זינען אַראָפּגעפירט.

אַ ווייַלע שטייען די מוזיקאַנטן מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ. באַגייַסטערטע אויסגעשרייען רייַסן איבער די שטילקייַט. די מוזיקאַנטן אַפּלאָדירן פעדאָצערן און עזרען. מע אַפּלאָדירט מאָניושקען פאַר אַנטפּלעקן יויעל־דאַווידן. מע אַפּלאָדירט יויעל־דאַווידן פאַר זייַן צוטרוי און ליבע צו מאָניושקען, פאַר זייַן ליבע צו עליזען, פאַר זייַן גרויס געזאַנג...

טריבונע פון לעבן

לויט דער באַקאַשטע פון די לייענער

אזוי האָט אויסגעזען איינס פון די ארבעטס־צימערן פון אונדזער רעדאקציע דעם 10 אָקטיאַבער ד.י. ארום טיש האָבן זיך פארזאמלט עטלעכע צענדליק מענטשן — ייִדן און ניט־ייִדן, מאנצבלען און פרויען פון פארשיידענעם עלטער און פארשיידענע פראָפעסיעס.

אין אָנהייב פונעם שמועס האָט דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס דערציילט, אז אין פילצאָליקע בריוו פרעגן זיך אַן די לייענער פונעם זשורנאל וועגן דער כוואַליע פון אנטיסעמיטיזם און ראסיזם, וואָס האָט לעצטנס ווידער זיך אופגעהויבן אין מײַרעוו־דײַטשלאנד, אמעריקע, ארגענטינע און אנד. לענדער. מיט צאָרן רופן זיך אָפּ די לייענער אף דער רעכילעס־קאמפאניע וועגן דער לאגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד, וואָס האָט פונקט אין דער זעלבער צײַט זיך צעבושעוועט אין דער רעאקציאָנערער פרעסע פון די מײַרעוו־לענדער.

ארן ווערגעליס האָט געבעטן די בײַוועזנדיקע ארויסצוזאָגן זיך וועגן די פראגן, וואָס ווערן באהאנדלט אין די בריוו.

דער ערשטער נעמט דאָס וואָרט דער שעף פון א בויונגס־פארוואלטונג פון „גלאַוומאָסטראָי" מייער פאָדאָלני, געוועזענער קאָמאנדיר פון א פארטיזאנער־מאכנע אין ווײַסרוסלאנד. אונטער כ׳ פאָדאָלניס אָנפירונג זײַנען אין מאָסקווע לעצטנס אויסגעבויט געוואָרן דער פּרעכטיקער פּיאָנערן־פּאלאץ אף די לענין־בערג, דער גרעסטער קינאָ־טעאטער „ראָסיִא" אא.

— איך האָב האַיאָר פארבראכט מײַן אורלויב אפן ליטווישן קוראָרט אין פאלאנגע, — זאָגט מייער פאָדאָלני. — צוזאמען מיט מיר האָט גערוט דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי יאקוב גליקאס. ער איז א ייִד, א פאָרזיצער פון א גרויסן ליטווישן קאָלווירט. איך האָב זיך אויך באגעגנט מיט מײַן אלטן באקאנטן — מיט דעם ייִדן הענריך זימאנאס. אין די מילכאָמע־יאָרן איז ער געווען סעקרעטאר פון א געגנטקאָם פון דער פארטיי, וואָס האָט געארבעט אומלעגאל אין יענעם קאנט, ווו מײַן פארטיזאנער־מאכנע האָט אָפּערירט. איצט איז ער דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון ליטע, הויפּט־רעדאקטאָר פון דער רעפּובליקאנישער געגנטלעכער צײַטונג „טיִעסא", קאנדידאט פון פילאָסאָפישע וויסנשאפטן, גרייט א דאָקטאָר־דיסערטאציע.

אין דער פארטיזאנער־מאכנע, ווו איך בין געווען קאָמאנדיר, האָבן זיך געפונען רוסן, ווײַסרוסן, ליטווינער, ייִדן. איך ווייס ניט פון קיין איין פאל, אז אין דער מאכנע זאָלן האָבן פאָרגעקומען רײַבונגען אפן נאציאָנאלן באָדן. איך זע דאָס אויך ניט אין דעם גרויסן בויער־קאָלעקטיוו, מיט וועלכן איך פיר אָן איצט.

ווען מע הייבט אָן ערגעץ אין אויסלאַנד טומלען וועגן קלוימערשטער דיסקרימינאַציע קעגן די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, רופט עס בא מיר ארויס א ווידערגעפּיל. ווי קאָן מען אזוינס ריידן וועגן דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. ס׳איז אלעמען באוווּסט, אז דער סאָוועטישער געזעלשאפט איז לויט איר עצם מעהוס דערווידער יעטווידער דיסקרימינאַציע קעגן אוואָסער־ניט־איז פאָלק, אויך, נאַטירלעך, קעגן ייִדישן פאָלק.

עס טרעט ארויס דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטארבעטער פון דער פּראָקוראַטור פון פססר, דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן ראָמאַן ראַכונאָוו, אווטאָר פון העכער אכציק וויסנשאַפטלעכע ווערק.

— לויט דער נאַציאָנאַליטעט בין איך א ייִד, לויטן באַרוף — א יוריסט, — דערקלערט כ׳ ראַכונאָוו. — דערפאַר וועל איך ריידן פון יורידישן שטאַנדפּונקט. די געזעצגעבונג פונעם צאַרישן רוסלאַנד האָט געשאַפן, אויב מע מעג זיך אזוי אויסדריקן, אן אָרגאַנישע באַזע פאַרן אַנטיסעמיטיזם. דאָס זײַנען געווען די געזעצן וועגן פאַרטרײַבן די ייִדן אין

„טכום־האַמוישעוו“, וועגן באַגרענעצן זייערע רעכט אַף בילדונג אאַוו. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט פונעם ערשטן טאָג פון איר קומען אַף דער וועלט ענדגילטיק געמאַכט דערצו א סאָף. אין אונדזער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע ווערט געזאָגט (אַרטיקל 123): „די גלײַכבאַרעכטיקונג פון די בירגער פון פססר, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט און ראַסע, אין אַלע געביטן פונעם ווירטשאַפטלעכן, מעלוכישן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן איז א געזעץ, וואָס קאָן ניט געענדערט ווערן. וועלכע־ניט־איז דירעקטע אָדער אומדירעקטע באַגרענעצונג פון די רעכט אָדער, פאַרקערט, אײַנשטעלונג פון דירעקטע אָדער אומדירעקטע פּריווילעגיעס פאַר בירגער אָפּהענגיק פון זייער ראַסעווער און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, ווי אויך יעטווידע פּריידיקונג פון ראַסעווער אָדער נאַציאָנאַלער אויסנעמלעכקייט, אָדער האַס און ביטל — ווערן באַשטראָפט דורכן געזעץ“.

אינעם אַרטיקל 74 פונעם נײַעם קרימינעלן קאָדעקס פון רספסר (אָנגענומען אין 1960) ווערט קאָנקרעט אָנגעוויזן די מאָס פון דער שטראָף: „פון זעקס כאָדאָשים ביז דרײַ יאָר טפיסע אָדער פון צוויי ביז פינף יאָר פאַרשיקונג“.

די דאָזיקע געזעצן באַשיצן די רעכט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, דערונטער אויך פון דער ייִדישער. זיי דינען אַלס יורידישער יעסאָד אַף ניט צו דערלאָזן די מינדסטע פּרוּוון פון אַנטיסעמיטיזם.

שוין פונעם געזאָגטן איז צו זען, ווי ווילד עס זײַנען די רעכילעס, אז אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט, קלוימערשט, געפּירט א פּאָליטיק פון אַנטיסעמיטיזם, פון רעפּרעסיעס קעגן ייִדן אונטערן טערעץ, אז די ייִדן באַגייען אַזויגערופענע עקאָנאָמישע פאַרברעכנס.

דער קאַמף קעגן פאַרברעכנס ווערט בא אונדז אין לאַנד געפּירט דורך פאַרשיידענע מיטלען. דאָס הויפּט־מיטל איז — ניט דערלאָזן דערצו, אז פאַרברעכנס זאָלן באַגאַנגען ווערן. נאָר אויב דאָס פאַרברעכן איז שוין געוואָרן א פאַקט, מוז מען עס אויפדעקן, און יענע, וועלכע זײַנען אים באַגאַנגען, מוזן באַשטראָפט ווערן אין העסקעם מיטן געזעץ. קוידעמקאָל איז דאָס שײַעך צו די סאַמע געפערלעכע פאַרברעכנס — גנייוועס, כאַבאַר, מאָרדן אדג.

באַם באַשטימען די שטראָף ווערן לויט דער סאָוועטישער יוריספּרודענץ גענומען אין אכט דער כאַראַקטער פונעם פאַרברעכן און די פּערזענלעכקייט פונעם פאַרברעכער. ווען איך זאָג „פּערזענלעכקייט“, האָב איך אין זינען זײַן ביאָגראַפיע, זײַן אַרבעטס־סטאַזש, צי איז ער שוין פריִער געמישפּעט געוואָרן אאַוו. די נאַציאָנאַלע אָדער ראַסעווע אָנגעהעריקייט האָבן דערצו די מינדסטע שײַכעס ניט.

די רייד וועגן דעם, אז טויט־שטראָף ווערט באַנוצט דעריקער בענעגייע ייִדן, זײַנען וויסטע רעכילעס. אין יול 1963 האָט דאָס אויבער־געריכט פון רספסר ארויסגעטראָגן זײַן אורטייל איבער א גרויסער גרופּע אָנגעקלאָגטע, וועלכע האָבן אָנגעטאָן דער מעלוכע אן ערנסטן מאַטעריעלן שאָדן. צו טויט־שטראָף איז צוגעמישפּעט געוואָרן איין אָנגעקלאָגטער — טקאַטשענקאָ (לויט דער נאַציאָנאַליטעט א רוס), די איבעריקע — קראַקאָווסקי, אוווערבוך (ייִדן), קורבאַקאָוו (א רוס) אאַ. האָבן באַקומען פאַרשיידענע טערמינען טפיסע.

אין ווילניוס האָט מען געמישפּעט מיקאַלאַוסקאַסן, יורגילאַסן און אַנד. פאַר קויפן און פאַרקויפן אויסלענדישע וואַליוטע. מיקאַלאַוסקאַס איז א ייִד, יורגילאַס — א ליטווינער, ווילקײַריס — א דײַטש. זיי אַלע זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן צו טפיסע אַף 3—4 יאָר.

אין מאָסקווע האָט מען פאַר ספּעקוליאַציע מיט וואַליוטע פאַרמישפּעט צו טויט־שטראָף ראַקאָטאָוון (אַן אוקראַינער) און פּײַבישענקאָ (אַ ייִד), די איבעריקע אָנגעקלאָגטע האָבן באַקומען טפיסע אָף פאַרשיידענע טערמינען.

אָט וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן די רעכילעסן, אַז דאָס סאָוועטישע געריכט באַציט זיך קלוימערשט טענדענציעז צו ייִדן.

עס בעט אַ וואָרט דער שעף פון דער לײַכטער אינדוסטריע באַם מאָסקווער שטאָטישן ראַט פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, פאָלקאָווניק אין רעזערוו לעאָניד ווינאָקור, איינער פון יענע, וואָס האָבן גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם דײַטשישן פעלדמאַרשאַל פאַוליוס.

— פאַר אונדז, סאָוועטישע ייִדן, זעען פּאַשעט אויס ווילד די פּרוּוון פון די אומגעבעטענע „אַפּעטראָפּסים" מעייווער לאַיאַם צו נעמען אונדז אונטער זייער „שוץ". מיר האָבן, ווער עס זאָל זיך פאַר אונדז זאָרגן, — דאָס איז אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד. איך האָב אַ סאַך פרײַנט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, איך שרײַב זיך אָפּט דורך מיט די כאַווײרים פונעם פאַלק, אין וועלכן איך האָב געדינט בייס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, איך בין שטענדיק אַן אָנגעלייגטער גאַסט באַ מײַנע געוועזענע קאָמאַנדירן, באַ גע־נעראַלן און מאַרשאַלן. אין ערגעץ און קיינמאָל האָב איך ניט גע־פילט, אַז מע זאָל מיך איגנאָרירן אָדער קוקן אָף מיר מיט ביטל דערפאַר, ווײַל איך בין אַ ייִד.

עס ווילט זיך וויסן, פאַרוואָס טומלט מען אין מײַרעוו אַזויפיל וועגן דער „דיסקרימינאַציע" קעגן ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, כאָטש דאָס איז אַ בעפּײַרעשער שעקער. אין דער זעלבער צײַט מאַכט מען זיך ניט זעענדיק אַזאַ סקאַנדאַליעזן פאַקט, ווען אין די פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אויסטראַליע און אַנדערע לענ־דער לעבן און שפּאַצירן אַרום אָף דער פרײַ געוועזענע אָנגעזעענסטע נאַציסטן, וועלכע האָבן אויסגעמאָרדעט הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען מענטשן — זקיינים, קליינע קינדער, פרויען — בלויז דערפאַר, וואָס זיי זײַנען ייִדן. נאָך מער, אַ סאַך פון אָט די מערדער פאַרנעמען איצט אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד הויכע רעגירונגס־פּאָסטנס אָדער באַקומען סאָלידע פּענסיעס. יענע לײַט, וועלכע „זאָרגן" זיך אַזוי וועגן אונדז, סאָוועטישע ייִדן, און גיסן איבער אונדז „ראַכמאָנעס־טרערן", — די דאָזיקע לײַט נעמען אָן פולע מײַלער מיט וואַסער און שווײַגן, זעענדיק, ווי די מערדער פון זעקס מיליאָן ייִדן אין מײַרעוו־אייראָפּע בראַווירן איצט אומפאַרשעמט מיט זייערע „אָרדענס", וועלכע זיי האָבן באַקומען פאַר אָט די מאָרדן, די דאָזיקע „גוטבעטער" אונדזערע פאַרשטאָפּן זייערע אויערן מיט וואַטע, ווען זיי דערהערן די גערעכטיקע פאָדערונגען, אַז די מערדער זאָלן באַקומען די שטראָף, וועלכע זיי האָבן פאַרדינט.

דער פאַרזיצער גיט דאָס וואָרט דעם טאָקער פון מאָסקווער אווטאָמאָביל־זאַוואָד אָף ליכאַטשאָווס נאָמען שמועל קאַץ.

— מײַן טאַטע ייִסראָעל איז געווען אַן אָרעמער פורמאַן אינעם ווײַסרוסישן שטעטל מסטיסלאַוול. ער האָט געהאָרעוועט פון קאַיאָר ביז שפּעט באַנאַכט. מײַנע ברידער, מײַן שוועסטער און איך זײַנען אַוועק אין שול ערשט אין די סאָוועטישע יאָרן. נאָך דער שול בין איך אָנגעקומען אַלס לערן־ייִנגל צו אַ שנײַדער. דערנאָך בין איך אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און געוואָרן אַ שוואַרץ־אַרבעטער אינעם זאַוואָד, ווו איך אַרבעט ביז איצט. רוסישע כאַווײרים האָבן מיר געהאָלפן צו ווערן אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער. מיט באַזונדערער דאַנקבאַר־קײַט דערמאָן איך דעם מײַסטער קיריל באַראַנאָוו, וואָס האָט מיט געדולד געלערנט מיר דעם טאָקער־פאַך, איבערגעגעבן מיר זײַנע קענטעניש און דערפאַרונג. דאָ אין זאַוואָד האָב איך זיך באַקאַנט מיט מײַן קינפטיקער פרוי קלאַוודיאַ, וועלכע האָט גע־אַרבעט מיט מיר אין איין צעך אַלס שלײַפערן.

מיר האָבן דרײַ קינדער. דער עלטערער זון — וולאַדימיר — לערנט זיך אָפן פערטן קורס פון דער מאָסקווער באַרימטער טעכנישער הויכשול אָף באַומאַנס נאָמען. מיר וווינען אינעם אַר־בעטער־שטעטל פונעם אווטאָמאָביל־זאַוואָד. דאָס איז אַ גאַנצע שטאָט מיט לאַנגע גאַסן נײַע הײַזער. מיר האָט מען דאָ געגעבן אַ גרוימע דירע, פאַר וועלכער איך צאָל 8 רובל אַ כוידעש.

מײַן קוידעשלעכער פאַרדינסט באַטרעפט 160—180 רובל. כוץ דעם גייען אַרײַן אין אונדזער בודזשעט די סטיפּענדיעס, וועלכע מײַן זון און טאָכטער באַקומען. דאָס קלעקט אונדז פולשטענדיק צום לעבן. אין אַ נויט־פאַל העלפט אונדז אויס דער זאַוואָדישער פּראָפאַריײנישער קאָמיטעט. אַזוי, לעמאָשל, איז מיט אײניקע יאָר צוריק ערנסט קראַנק געוואָרן מײַן פרוי — אַף שווינדזוכט. מע האָט זי געהיילט אין זאַוואָדישן שפּיטאָל, דערנאָך האָט דער זאַווקאָם עטלעכע מאָל געגעבן איר פּוטיאָווקעס אין סאַנאַטאָריע, ביז זי איז געוואָרן פולשטענדיק געזונט.

די רייד אין אַמעריקע וועגן קלוימערשטע רעדיפּעס אַף ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זעען מיר אויס פּאַשעט מעשונע־ווילד. פאַר אַלע יאָרן, וואָס איך אַרבעט אין זאַוואָד, האָב איך קיינמאָל ניט באַמערקט קיין שום סיכסוכים אַפן נאַציאָנאַלן באָדן. אַלע אַרבעטער בא אונדז אין זאַוואָד, ווי אַלע סאָוועטישע מענטשן בא אונדז אין לאַנד, באַציִען זיך אײנער צום צווייטן מיט אַכטונג.

עס הייבט זיך אויף פון זײַן אָרט דער שלאָסער פונעם אווטאָמאָביל־זאַוואָד אַף ליכאַטשאָווס נאָמען וואַסילי קאָראַבקאָוו. ער זאָגט:

איך בין אַ רוס, אַ בריגאַדיר פון אַ שלאָסער־בריגאַדע. אינעם צעך, וווּ איך אַרבעט, זײַנען פאַראַן רוסן, ייִדן, טשוּוואַשן, טאָטערן, שפּאַניער און מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דער מײַסטער פונעם צעך, מײַן שעף איליאַ שוקלין — איז אַ טשוּוואַש. דער טעכנאָלאָג גריגאָרי קרײַטשעווסקי — אַ ייִד. מיט קריטשעווסקין בין איך קימאַט פון אײן

עלטער, מיר האָבן צווישן זיך אַ סאַך געמײנזאַמע אינטערעסן אויך אויסער דער אַרבעט: מיר זײַנען בײדע פּאַטאָ־ליבהאָבער, ניט זעלטן שמועסן מיר וועגן פּאָליטישע פראַגן, מיר לײַען אָפּט אויס אײנער דעם אַנדערן צו עטלעכע רובל.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך גאָר קיינמאָל ניט פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז פיל פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר, געהערן צו אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד קאָן זײַן צווישן מיר און אַ מענטשן פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט? עפּשער נאָר דערין, וואָס ער רעדט צומאָל רוסיש מיט אַן אַקצענט. ס'וואָלט אָבער געווען לעכערלעך, ווען מע זאָל מיינען, אַז דאָס האָט אַוועלכע־ניט־איז ווירקונג אַף אונדזערע באַציִונגען. די רייד וועגן רעדיפּעס אַף ייִדן אָדער אַף פאַרשטייער פון די איבעריקע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האַלט איך פאַר בייזע רעכילעס.

עס טרעט אַרויס דער פּראָפעסאָר, ווירקלעכער מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן פון פּססר איליאַ סטראַשון.

— מײַנע שילער און פּריײַנט האָבן ניט לאַנג צוריק באַוויזן מיר אַ בראָשור פון אײנעם אַ בורזשואַזן שרײַבער לעאָן גור, אין וועלכער עס ווערט דערציילט וועגן דער בלאָקאַדע פון לענינגראַד. דאָס איז אַ מיִעסער פּאַסקוויל, פול מיט רעכילעס און שקאָרים. גור באַרעכטיקט די האַנדלונגען פונעם פאַשיסטישן מיליטער, וואָס האָט באַמבירט די שטאָט, כאַרעוו געמאַכט גאַנצע וווינונגס־ראַיאָנען, שפּיטאָלן, קינדער־אַנשטאַלטן, פאַרניכטעט די שפּײַז־רעזערוון. יענע, וואָס טרײַבן איצט רעכילעס אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד און שרײַען, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג איז פּססר לײַדט פון דיסקרימינאַציע, האַנדלען מיט פונקט אַזעלכע מעטאָדן, ווי לעאָן גור.

אַלס באַווײַז, ווי ליגנעריש עס זײַנען די רייד וועגן דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָן דינען כאָטש די לאַגע אין אונדזער אַקאַדעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן. אין איר באַשטאַנד גייען אַרײַן 75 רוסן און אוקראַיִנער און 8 ייִדן. באַטראַכט זיך נאָר, וואָס דאָס באַטײַט. די ייִדישע באַפעלקערונג בא אונדז אין לאַנד באַטרעפט סאַכאַקל אײן פּראָצענט לעגאַבע דער גאַנצער באַפעלקערונג. און אין דער אַקאַדעמיע דערגרייכט די צאָל ייִדישע מיטגלידער 10 פּראָצענט. צווישן די מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן פון דער אַקאַדעמיע באַטרעפט די צאָל ייִדן 12 פּראָצענט!

און ווי איז די לאַגע אין אַמעריקע? אינעם פּאַרטראַג, וועלכן עס האָט פאַרעפנטלעכט די „ליגע פון קאַמף קעגן דיפאַמאַציע", ווערט געבראַכט אַזאַ ציפער: צווישן די 51 טויזנט אָנגע־שטעלטע, ספּעציאַליסטן און טוער פונעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט פון די דרײַ גרעסטע אַמע־ריקאַנער אויטאָמאָביל־קאָמפּאַניעס — „דזשענעראַל־מאָטאָרס", „קרייסלער" און „פאָרד" — געפינען זיך סאַכאַקל 328 יידן, ד.ה. ווייניקער פון 0,75 פּראָצענט.

ווי ווילד און צוויִעסדיק עס זײַנען די רייד אין אַמעריקע און אין אַנדערע מײַרעוו־לענדער וועגן קלוימערשטע רעדיפעס אַף יידן בא אונדז אין לאַנד. אין יעדן סאָוועטישן זאַוואָד, אינסטי־טוט, אַקאַדעמיע קאָן מען דאָך זען יידן, וואָס פאַרנעמען דאָרט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע און בעקאָוועדיקע פּאָסטנס.

עס טרעט אַרויס דער שעף פון אַ צעך אין מאָסקווער צווייטן זייגער־זאַוואָד באָריס שאַפּיראָ.

— שוין פופצן יאָר אַרבעט איך אין זייגער־זאַוואָד און איך האָב קיין איין מאָל ניט באַמערקט, אַז דאָ זאָלן זײַן וועלכע־ניט־איז אַנטיסעמיטישע שטימונגען. בא אונדז אַרבעטן 350 מענטשן, צווישן זיי רוסן, יידן, אוקראַינער, טאַטערן אאַ. און שטענדיק הערשט דאָ אַן אַטמאָספער פון צוטרוי, פרײַנטשאַפט.

אָנגעקומען אין זאַוואָד בין איך אַלס שילער. געלערנט האָבן מיך דערפאַרענע רוסישע אַרבעטער. אין צוויי יאָר אַרום בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס מײַסטער. איך האָב געאַרבעט און גלײַכצײַטיק זיך געלערנט אין טעכניקום פאַר אַפּאַראַטן־בויונג. ווען איך האָב געענדיקט דעם טעכניקום, האָט מען מיך באַשטימט אַלס שעף פון אַ צעך.

אונדזער דירעקטאָר ניקאָלײַ וואָלקאָוו — איז אַ רוס. דער שעף פון פּראָדוציר־אָפּטייל גריגאָרי סקוראַטאָווסקי — אַ ייִד. דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם אַלעקסאַנדער ריאַבקאָוו — אַ רוס. דער פּאָרזיצער פון זאַווקאָם מיכאַיל טשודינאָווסקי — אַ ייִד.

ווען מע זאָל ריידן וועגן דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין רוס־לאַנד, איז דאָס אַן עמעס, ווען מע האָט אין זינען דאָס פּאַררעוואָ־ליוציאָנערע רוסלאַנד. אָבער ריידן וועגן דיסקרימינאַציע אין סאָוועטן־רוסלאַנד איז פּאַשעט ווילד. וועגן זיך האָב איך שוין דערציילט. מײַנע צוויי שוועסטער האָבן פאַרענדיקט אינסטיטוטן און וווינען אין מאָסקווע. מײַן פרוי נאַטאַליע האָט פאַרענדיקט ניט נאָר אַן אינסטיטוט, אויך די אַספּיראַנטור און איז איצט קאַנדידאַט פון כימישע וויסנשאַפטן.

לויט דער באַקאַשע פון די אָנטיילנעמער פונעם שמועס האָט דער מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מישע לעוו דורכגעבלעטערט אַ ריי אויסלענדישע יידישע צײַטונגען און פאַרגעלייענט פון זיי אייניקע מיטיילונגען, וועלכע כאַראַקטעריזירן די לאַגע פון די יידן אין אָט די לענדער. אָט וואָס עס דערציילט זיך בלויז אין עטלעכע נומערן פון די דאָזיקע צײַטונגען.

— אַן אויספאָרשונג, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דורכגעפירט געוואָרן אין זעקס גרויסע שטעט פון פּשאַ, האָט באַוויזן, אַז די פּריוואַטע באַשעפטיקונגס־אַגענטורן דיסקרימינירן קעגן יידן, נעגערס און קאַטאָליקן באַם אָנעמען אַף אַרבעט.

דעם דאָזיקן באַריכט האָט פאַרעפנטלעכט דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, וואָס האָט דורכגעפירט די אויספאָרשונג.

— די „ליגע פון קאַמף קעגן דיפאַמאַציע" באַם „בעניי בריס" האָט אַרײַנגעטראָגן אַן אָנקלאָגע קעגן דעם ניו־יאָרקער האַנדלס־קלוב, אַז ער פּראַקטיקירט דיסקרימינאַציע קעגן יידן.

— מיט אייניקע כאַדאָשים צוריק זײַנען אין אַרגענטינע ווידער געשלאָסן געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל יידישע אינסטיטוציעס.

— אין טשיקאַגאָ זײַנען כוליגאַנעס באַפאַלן די שול „קהילאַס יִסראָעל" און אויסגעהאַקט דאָרטן 12 פענצטער. דער ראָוו עליאָס אײַנהאָרן האָט דערקלערט, אַז דער דאָזיקער כוליגאַנישער אַקט איז געקומען פון די ראַסיסטן, ווײַל ער, דער ראָוו, באַטייליקט זיך אין דער „אָרגאַניזאַציע פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון די ראַסן".

— אין לאָנדאָן האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אַן אילוסטרירטער כוידעש־זשורנאַל „פּאַנאָראַמאַ" לויטן מוסטער פון די פאַשיסטישע אַנטיסעמיטישע אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען דערשינען אין היטלערישן דײַטשלאַנד. אין דעם ערשטן נומער שרײַבט די רעדאַקציע, אַז זי וועט פּראָפּאַגאַנדירן איר „אַנטיסעמיטישע, אַנטיקאָמוניסטישע, אַנטי־דעמאָקראַטישע און אַנטי־ייִסראָעלדיקע" פּראָגראַם.

— די פּראָגרעסיווע קרײַזן אין אַמעריקע טרעטן אַרויס קעגן דער אײַנפירונג פון דעם טרויעריק־באַרימטן „נומערוס־קלאַוזוס" (פּראָצענט־נאָרמע) פאַר יידן אין די הויכשולן פון פּשאַ. עס ווערט באַגרענעצט דער צוטריט

פון ייִדן אױף מעלוכע־פּאָסטנס. די צאָפן־אַמעריקאַנער פאַרלאַגן נעמען ניט אָן ארויסצוגעבן ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער ענגלישער איבערזעצונג. די אָפיציעלע ליטעראַרישע קרייַזן פרוּוון אין בעסטן פאַל פאַרשווייַגן די ייִדישע שרייַבער און זייער ליטעראַרישן שאפן.

— אין ניו־יאָרק איז דאָ א קלוב, וואָס עקזיסטירט שוין 90 יאָר. די פירער פונעם קלוב באַצייכענען אים, ווי „די וואָל־סטריט פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע". פאַר די 90 יאָר איז דער קלוב פולשטענדיק „ייִדן־ריין". אויב א מיטגליד דאַרף זיך דורכריידן וועגן א געשעפט מיט א סויכער, וואָס איז א ייִד, מוז ער זיך מיט אים טרעפן ערגעץ אנדערש. אין סאַן־פראַנציסקאָ האָבן 22 פּראָצענט פון די אַרבעטס־געבער אָנערקענט, אַז זיי פירן א פּראַקטיק פון „ייִדן־ריין".

— אין לאָס־אַנדזשעלאָס האָבן נאַצישע כוליגאַנעס אָנגעשמירט האַקנקרייצן אויף פינף סינאַגאָגעס און ייִדישע אינסטיטוציעס...

מיט אינטערעס הערן אויס די בייַוועזנדיקע די אינהאַלטסרייַכע אַרויסטרעטונג פונעם מיטגליד פון דער קאָלעגיע בא דער פּראָקוראַטור פון פססר גענאַדי טערעכאָוו.

— איך האָב זיך געהאָדעוועט אין א קליין ייִדיש שטעטל פון ווייַסרוסלאַנד, — זאָגט ג. טערעכאָוו. — קינדווייַז זייַנען אַלע מייַנע כאַווירים געווען ייִדישע ייִנגלעך. די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע מינהאָגים זייַנען פאַר מיר ניט קיין געהיימניס אונטער זיבן שלעסער. אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון ווייַסרוסלאַנד, זייַנען א סאַך כאַווירים מייַנע אויף דער אַרבעט געווען ייִדן. מיט פיל פון זיי באַגעגן איך זיך ביז איצט. איך קאָן אָנרופן דעם דירעקטאָר פון א הילפס־ווירטשאַפט בא דער אַקאַדעמיע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע וויסנשאַפטן אין גאָרקי (מאָהילעווער געגנט, ווייַסרוסלאַנד) לייזער ניימאַרק און זייַן ברודער ייִסראָעל ניימאַרק, וואָס אַרבעט דאָרט, אין גאָרקי, אין שטאָטסאָוועט. איך קאָן אָנרופן מייַן פרייַנט עליאָקום שאַפּיראָ, וואָס וווינט אין מאָסקווע. אין די קינדער־יאָרן האָט ער מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, ווען איך האָב זיך געטרונקען. מייַן ערשטע ליבע — ראָדע ריזאָווע איז אומגעקומען בייַס דער אָקופּאַציע פון ווייַסרוסלאַנד. די פאַשיסטן האָבן זי לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן אין גרוב. אָביעקטיוו באַצי איך זיך צו יעדן אַנטיסעמיט פּונקט אַזוי, ווי צו א פאַשיסט.

די סאָוועטישע געריכט־אָרגאַנען האָבן אין די נאָכמילכאָמעיאָרן זייער פיל געטאָן און טוען אויך איצט, אַז די שולדיקע אין אויסראָטן ייִדן אין דער מילכאָמע־צייַט זאָלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף. ניט לאַנג צוריק בין איך בייַגעווען אויפן געריכט אין טאַלין (עסטלאַנד), וווּ מע האָט געמישפּעט געוועזענע אָנטיילנעמער פון פאַשיסטישע שטראָף־אָטריאַדן, וועלכע האָבן אויסגעראָטן 7—8 טויזנט ייִדן אין קאַלעווי־לייִווע. א ריי אַזעלכע פּראָצעסן זייַנען דורכגעפירט געוואָרן אין די סאָוועטישע באַלטישע מעלוכעס, אין די מייַרעוו־געגנטן פון אוקראַיִנע און ווייַסרוסלאַנד. די סאָוועטישע אויספאָרשונגס־אָרגאַנען פאַרנעמען זיך ביז איצט מיט די איניאָנים פון די לייַט, וועלכע זייַנען מילכאָמע־צייַט באַגאַנגען פאַרברעכנס קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

איך וועל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די געריכט־פּראָצעסן איבער די אַזוי־גערופענע „עקאָנאָמישע פאַרברעכנס", ווייַל אין דער פּראָקוראַטור פאַרנעם איך זיך מיט די דאָזיקע איניאָנים. איך דערקלער מיט דער פולער אַכרייַעס, אַז בא אונדז אין לאַנד איז ניט בלויז די אַבסאָליוטע צאָל ייִדן, וועלכע זייַנען צוגעצויגן געוואָרן צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייַט, קלענער איידער בא אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אויך די פּראָצענט־פאַרהעלטעניש פון ייִדן־אָנגעקלאָגטע לעגאַבע דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון לאַנד איז א קלענערע, איידער דאָס איז אין אַנדערע נאַציאָנאַלע סוויוועס.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זייַנען פאָרגעקומען עטלעכע פּראָצעסן איבער בירגער, וואָס האָבן צעגאַנוועט סאָציאַליסטיש אייגנטום. דאָס זייַנען געווען אָפענע פּראָצעסן, אויף וועלכע עס זייַנען בייַגעווען טויזנטער מענטשן. זומער 1962, לעמאָשל, בין איך אַרויסגעטראָטן אַלס מעלוכישער באַשולדיקער אויפן פּראָצעס אין פרונזע (קירגיזיע). דער פּראָצעס האָט געדויערט פיר כאָדאָשים. די אָנגעקלאָגטע האָבן צוגעגאַנוועט פון דער פרונזער טריקאָטאַזש־פאַבריק ניט־דיסקאָנטירטע פּראָדוקציע אויף א סומע פון העכער 30 מיליאָן רובל (אין אַלטן געלט־מאַסשטאַב). די פאַרברעכער — רוסן, אוקראַיִנער, ייִדן, קירגיזן — זייַנען פאַרמישפּעט געוואָרן צו פאַרשיידענע טערמינען טפיסע. זאָל דאָ, אַגעוו, געזאָגט ווערן, אַז די ייִדישע פאַרברעכער האָבן באַקומען א סאַך

קלענערע טפיסע־טערמינען איידער די רוסן אָדער אוקראַינער, — פאַרשטייט זיך, דערפאַר, ווײַל זייערע פאַרברעכנס זײַנען געווען קלענערע.

מיטן געזאָגטן וויל איך באַטאָנען, אַז די סאָוועטישע אויספאָרשונגס־אָרגאַנען פירן א קאַמף ניט קעגן ייִדן אָדער קעגן מענטשן פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, — זיי קעמפן קעגן יענע, וואָס צעגאַנווענען סאָציאַליסטיש אייגנטום, מאַכן א טעל פון פאָלקס־גוטס, וואָס די אַרבעטער און פויערים שאַפן מיט זייער מי. מענטשן, וועלכע באַגייען אַזעלכע פאַרברעכנס, צו וואָס פאַר א נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן ניט געהערן, וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף אין העסקעם מיטן געזעץ. צוזאַמען דערמיט האָט יעטווידער פאַרברעכער דאָס רעכט צו ווענדן זיך אין פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער אַנטשפּרעכיקער רעפּובליק מיט א ביטע וועגן באַגנעדיקונג. אַזעלכע ביטעס ווערן באַטראַכט אין אַזא אַספּעקט, אַז מע זאָל דעם פאַרמישפּעטן פאַרהיטן דאָס לעבן, אויב דאָס דערלויבן די אומשטענדן פונעם איניען.

עס טרעט אַרויס די וואָלגאָגראַדער אײַנוווינערן וואַלענטינע אַלפּערין. אין 1946 איז זי אַרויסגעפאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין פּוילן. אין דרײַ יאָר אַרום האָט זי מיט איר מוטער, מיטן מאַן יויסעף אַלפּערין און א טאָכטער סוועטלאַנא זיך באַזעצט אין ייִשׂראל. האיאַר האָט זי מיט איר אַכצניאָריקער טאָכטער און מיט איר מוטער זיך אומגעקערט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— פערצן יאָר האָט אונדזער געזינד געוווינט אין חיפה. איצט האָב איך זיך אומגעקערט קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. אומגעקערט זיך דערפאַר, ווײַל איך בין איבערצײַגט, אַז בלויז דאָ וועל איך און מײַן טאָכטער פילן זיך אַלס מענטשן. בלויז דאָ וועלן מיר קאָנען פרײַ אַרבעטן און מײַן טאָכטער וועט באַקומען די בילדונג און דעם פאַך, וועלכע זײַנען איר צום האַרצן.

מאַטעריעל לעבט זיך אַן אַרבעטער־מישפּאָכע אין ייִשׂראל זייער שווער. גאַנצע אַכט יאָר האָבן מיר זיך געמאַטערט אין א פּיצל צימערל. ערשט אין 1957 האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן צו קויפן צוויי צימערן. דערפאַר פלעגן מיר יעדן כוידעש דאַרפן צאָלן גרויסע שטײַערן און דערצו העכער 600 פונט סכאַרלימעד פאַר דער טאָכטער, וואָס האָט געלערנט אין א מיטלשול.

נאָר אַן אַן ערעך שווערער פון דער מאַטעריעלער לאַגע איז די אַטמאָספער פון שאָוויניזם אין לאַנד. עס האָבן מיר געקאָסט פיל געזונט די איבערלעבונגען פון מײַן טאָכטער, וועלכער מע האָט גערייצט מיטן נאָמען „גאָיע‟, ווײַל איר מאַמע איז א רוסישע.

יאָרנלאַנג בין איך טאָג נאָך טאָג געגאַנגען אין היסטאַדרוט זוכן אַרבעט. נאָר קיינער האָט מיך ניט געוואָלט נעמען, כאָטש איך האָב גוט געקענט אַלע נײַ־טיקע שפּראַכן און קיין פאָרמעלע שטערונגען זײַנען אויך ניט געווען. אַז איך האָב זיך שוין יאָ אײַנגעאָרדנט אָף צײַטווײַליקער אַרבעט, האָט דער באַלעבאָס מיר געצאָלט בלויז 90—100 פונט א כוידעש, אָנשטאָט דעם אײַנגעשטעלטן דורך דער היסטאַדרוט גופע מינימום פונעם אַרבעטס־לוין 165 פונט.

ווען מײַן טאָכטער האָט פאַרענדיקט די מיטלשול, האָט זי ניט געהאַט קיינע פּערספּעקטיוון צו באַקומען א פאַך. זי וואָלט איר האַלב־ייִדישע אָפּשטאַמונג שטאַרק געפילט אויך באַם וועלן פאַרפירן א פאַמיליען־לעבן, שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז נאָכן אָפּדינען איר טערמין אין דער אַרמיי (אין ייִשׂראל גייען פרויען דורך מיליטער־דינסט), וואָלט זי אַפילע טרוימען ניט געקאָנט וועגן אָנקומען אין אוניווערסיטעט. די דיסקרימינאַציע האָבן אויסצושטיין אויך די אַפריקאַ־נער ייִדן.

פאַר אונדזער אָפּפאָרן פון חיפה האָבן אייניקע הויכגעשטעלטע לײַט פון „מאַפּײַ‟ געפּרוווט אײַנריידן מײַן טאָכטער, זי זאָל זיך ניט אומקערן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווײַל די סאָוועטישע מענטשן וועלן זיך צו איר שלעכט באַציִען, זיי וועלן איר אַרויסווײַזן אומצוטרוי. מיר ווינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד סאַכאַקל אָנדערהאַלבן כאַדאָשים. נאָר איר וואָלט א קוק טאָן אָף מײַן טאָכטער, אָף איר פּאָנעם, וואָס שײַנט פון פרייד, ווען זי דערציילט וועגן אירע פרײַנטלעכע באַציִונגען מיט דער וואָלגאָגראַדער יוגנט. איך פריי זיך פאַר מײַן טאָכטער, איך בין רויִק פאַר איר גוירל. איך בין זיכער, אַז דאָ, אינעם סאָוועטישן לאַנד, וווּ איך האָב זיך דערצויגן, וועט אויך מײַן טאָכטער קיינמאָל ניט הערן אַזוינס, וואָס דערנידעריקט איר ווירדע, ווײַל מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַלי־טעטן האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד בעעמעס גלײַכע רעכט און לעבן ווי א פרײַנטלעכע מישפּאָכע.

דער פּאַרזיצער גיט דאָס וואָרט דעם גוואַרדיע־גענעראַל־לייטענאַנט פון אַרטילעריע הירש פּלאַסקאָוו.

— איך בין אַן עלטערער מענטש. איך געדענק נאָך גוט די שוואַרצמיייִשע פּאָגראָמען אין 1905 יאָר, ווען אין מינסק איז גאַנץ נעמיגע, ליאַכאָווקע, קאָמאַראָווקע געווען פאַרגאָסן מיט בלוט פון ייִדן. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייט דאָס ייִדישע פאָלק פון אַזעלכע שוידערן.

איך האָב געלייענט די רעדע פונעם הויפּט־פּראָקוראָר פון ייִסראָעל אויף דעם אייכמאַן־פּראָצעס. א סאַך פון די דאָזיקע מער־דער האָבן זיך איצט ווידער באַוויזן אויף דער וועלט־אַרענע. אין מערב־דייטשלאַנד איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין זײַנע פּריזער־דיקע רעכט דער גאַנצער גענעראַליטעט און דער אָפיצערן־קאָרפּוס פונעם ווערמאַכט. זיי אַלעמען צאָלט מען אויס הויכע פּענסיעס. ווידער בליט דער רעוואַנשיזם. ווילט זיך פרעגן בא די אומגעבעטענע אויסלענדישע „אַפּעטראָפּסים" אונדזערע: פאַרוואָס פאַרורטיילט איר ניט אַזעלכע אַנטיהומאַנישע אַקציעס? פאַרוואָס פּרוווט איר ניט אַפילו א פינגער אין קאַלטן וואַסער אַרײַנטונקען, כּדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן א סאָף צו די היטלערישע מלחמה־פאַרברעכער?

דער רעוואַנשיזם רופט אַרויס גרויס אומרו בא די פעלקער פון גאָר דער וועלט. די מאַמעס קאָנען ניט שלאָפן רויִק, ווײַל זיי ווייסן ניט, וואָס וועט זײַן מאָרגן מיט זייערע קינדער. אײַך אָבער, מײַנע הערן, אַרט דאָס לאַכלוטן ניט. אײַער האָס צום לאַנד, וואָס בויט די נײַע געזעלשאַפט, פאַרשטעלט פון אײַך אַלע אַנדערע געפילן.

איר טײַנעט, אַז אין דער סאָוועטישער אַרמיי לאָזט מען ייִדן ניט צו צו פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמאַנדיר־פּאָסטנס. פון דעם אַליין זע איך, ווי ווייניק איר ווייסט דאָס לעבן אין סאָוועטישן לאַנד. איך אַליין, לעמאָשל, בין א געוועזענער שלאָסער. אָנגעקומען אין דער אַרמיי, ווו איך דין שוין 42 יאָר, האָב איך פאַרענדיקט אַן אַרטילערישע מיליטער־שול, צוויי אַקאַדעמיעס, געווען קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילעריע־פּאָלק, אַכט יאָר געווען אַרטילעריע־קאָמאַנדיר פון א גאַנצער אַרמיי, געווען קאָמאַנדיר פון דער אַרטילעריע פון א מיליטערישן קרײַז. איך וועל זיך דאָ דערלויבן אָנצורופן די נעמען פון איינזיקע מײַנע שלאַכט־פרײַנט — ייִדן, וועלכע זײַנען אין דער סאָוועטישער אַרמיי אָפיצערן און גענעראַלן.

אַרמיי־גענעראַל קרייזער, העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, קאָמאַנדיר פון א מיליטער־קרײַז; גענעראַל־לייטענאַנט, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון אַרמעניע דאָוויד דראַגונסקי; גענעראַל־מאַיאָר אַלעקסאַנדער קראַניק, בייס דער מלחמה די גאַנצע צײַט געווען קאָמאַנדיר פון א דיוויזיע, פון א קאָרפּוס, איצט קאַנדידאַט פון קריגס־היסטאָרישע וויסנשאַפטן; די צוויי ברידער ווײַנרוב, ביידע העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד: דער עלטערער — א פּאָלקאָווניק, דער ייִנגערער — א גענעראַל־לייטענאַנט; פּאָדפּאָלקאָווניק זינאָווי ריסקין; פּאָלקאָווניק כאַים לעוויטין; פּאָל־קאָווניק אַווראָם לעווין; גענעראַל־לייטענאַנט פון אַרטילעריע, העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד בעסקין; גענעראַל־לייטענאַנט פון אַרטילעריע ברײַדאָ; גענעראַל־לייטענאַנט פון אַרטילעריע מיכאַיל לעוו, געווען קאָמאַנדיר פון א קאָרפּוס, איצט א וויסנשאַפט־טוער; פּאָלקאָווניק יאַנקעוו פייגין, געווען קאָמאַנדיר פון א פּאָלק, איצט א וויסנשאַפט־טוער; גענעראַל שימען קריוואָשעין, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס איז, ווי מע זאָגט, בלויז א טראָפּן אין יאַם. אָפיצערן און גענעראַלן, וועלכע זײַנען לויט זייער נאַציאָנאַליטעט ייִדן, זײַנען פאַראַן אין דער סאָוועטישער אַרמיי אָן א שיר.

קיין שום ערלעכער מענטש אויף דער וועלט דאַרף ניט האָבן אײַער טומל אַרום דער אויסגעטראַכטער „ייִדן־פּראַגע" אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די ייִדן, ווי אַלע מענטשן פון דער וועלט, שטרעבן דערצו, אַז מער זאָלן קיינמאָל ניט זײַן קיין מלחמות. אײַערע רעכילעס אָבער קומען צוניץ טאַקע די אונטערצינדער פון א נײַער מלחמה.

צום סאָף פונעם שמועס האָט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס באַדאַנקט די אָנטיילנעמער פון דער באַגעגעניש. ער האָט מיטגעטיילט דעם באַשלוס פון דער רעדקאָלעגיע אָפּצודרוקן די מאַטעריאַלן פון אָט דעם שמועס אין נאָענטסטן נומער פונעם זשורנאַל.

אַלעקסאַנדער גובניצקי

דער באַלעבאָס פונעם יאַם

זע נאַר, ער בלאָזט אפן וואַסער, ווי אַף הייסן מילך!.. — טוט מיך עמעצער אַ שווערן טאַרקע אין פּלייצע.

איך קוק זיך אום, עס שטייט פאַר מיר אַ פאַרשוין, מע זעט גלײַך, ס'איז אַ פישער: אַף די פיס — הויכע גומענע שטיוול, דאָס פּאָנעם — רויט־פאַרבראָטן פון געזאַלצענעם יאַם־ווינט.

— וויגדאָר! — דערקען איך אים גלײַך. — זאָרעך דעם פישערס אייניקל! וואָס טוסטו דאָ?

— איך כאַפּ פיש, אָט שטייט מײַן טראַלער, — ווײַזט ער מיר אפן יאַם מיט אַזאַ מינע, גלײַך ער האָט דאָ, ווי אַמאָל באַם שטעטלדיקן בלאָטע־טײַך, ערשט צוגעטריבן צום ברעג זײַן זיידנס אַלט שיפל.

— פיש, מײַן קינד, גייען ניט אין דער נעץ, ווי הינט אַף דער קליוטשקע, — פלעגט אים לערנען דער זיידע. — העכט פאַרמאָגן זיך זייער פּאָוואָדקע, קאַרפּן פליושקען זיך באַם ברעג... געוווין זיך צו באַצײַטנס אַרײַנשטעלן דעם יאַטיער, ביסטו באַלעבאָס איבערן טײַך.

באַ אונדז אין שטעטל איז באַם יונגוואַרג כאַפּן פישעלעך געווען קײַ־און־שפּײַ: מיר פלעגן מאַכן אַ קנופּ אין העמד אָדער כאַפּן די פיש אין דער באָבעס דרוכשלאַק, מיט דער זיפּ, מיט אַ טאָרבע, קריכן ביזן האַלדז אין וואַסער. דאָס שיפל טרינקט זיך פון דעם ייִנגלשן טאַרעראַם. כעוורע רײַסן זיך פאַר די העמדער, טשיפּען זיך פאַר אַ פוילער פּלאָטעצע. אַזויפיל טײַכן אַף דער וועלט, אָבער באַ אונדז אין שטעטל איז דאָ בלויז איין ריטשקע. כאָטש גרויס איז זי ווי אַ געגעז, נאָר אַלע זומער נעמט זי צו אַ קינד...

— איך געדענק, וויגדאָר, האָסט געהייצט אין צוקער־זאַוואָד די קאָטשעגאַרקע. אַזאַ היץ געווען, אַז מע פלעגט דיך אַף נאָסילקעס אַרויסטראָגן. נאָך דער וואַכטע פלעגסטו ליגן אײַנגע־וויקלט אין פּראָקאָפּס סוויטקע, קיין טראָפּן בלוט אין פּאָנעם ניט געווען.

אין שטאָט באַקט די זון אומראַכמאָנעסדיק, די היץ איז ווי אין דער קאָטשעגאַרקע, מע שטעקט אַרויס די צינגער, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. נאָר אָט קומסטו צום טײַך, און איך זע, ווי עס בײַט זיך דײַן אויסזען, גלײַך דו וואָלסט אַ נײַע הויט אַף זיך אַרופגעצויגן.

דער הימל, ריין פון כמאַרעס, איז נאָך ניט אויסגעשטערנט, נאָר דער אָפּדערנאַכט איז שוין צוגעפאַלן און די שקיִע וויקלט זיך אַרום דעם האַלדז מיט זײַדענע שאַרפעלעך, כאָלילע זיך ניט פאַרקילן.

— זע נאָר, זאָרעך, לאָז ניט אָפּ דאָס פישל, — בעט זיך וויגדאָרס באָבע, זיצנדיק מיטן זיידן באַם ברעג טײַך.

און איידער דער זיידע צעוויקלט זײַן גרויסע נעץ, כאַפּט וויגדאָר אַרויס אַף דעם האַטשיק אַ בלישטשענדיקע באַשפּעניש, וואָס בעריעט זיך דערנאָך אין טיפן גראָז, באַם ברעג, דרייט זיך און בייגט זיך אויס, רײַסט שטיקער פון זיך אַליין, בײַסט באַ וויגדאָרן די פינגער, ווי אַ קעלעוו. מע לייגט אים אַרײַן צווישן די שאַרפע ציין צוויי שטעקעלעך, שטיקט ער זיך, דער פיש, אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט דערוואָרגן.

— זעסט, בלינדער ליוויאָסן, — שרײַט פריילעך די באָבע, — וויגדאָר איז שוין מער קנאַקער פון דיר.

וויגדאָר נעמט זיך ניט איבער, מער ניט, ער פאַרציט זײַן באַליבט לידל:

יאָ, איך ווייס, די מאַמע וועט ניט הייסן
און וועט זאָגן: ביסט נאָך יונג און קליין,
נאָר מיר ביידע ווייסן שוין און ווייסן,
אַז באַנאַכט איז בעסער זײַן אַליין...

דערנאָך קומען טעג און ווידער טעג. אַף דעם געפלאָכטענעם שטרויענעם פּאַרקן הענגט דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצײַג. דער זיידע, זאָרעך דער פישער, שמירט מיט סמאָלע דאָס איינציקע צעלעכערטע שיפל, לאַטעט די אונטערגעפוילטע סיטקע. אָנגעשפּאַרט צום פּלויט שטייען וועס־לעס... ניין, ניט זאָרעך דער אַלטער און ניט זײַן אייניקל וויגדאָר האָבן דעמלט ניט געטראַכט פון אַזאַ גרויסן און ברייטן וואַסער, ווי די באַלטיק, וווּ עס איז איצט וויגדאָר: אַ יאַם מיט שיפן, קראַנען, זעגלען, טראַלערס... דער ווײַסער באַקען — פון רעכטס, דער רויטער באַקען — פון לינקס. גאַרטל זיך אונטער, וויגדאָר זאַכאַראָוויטש פישמאַן, מאָרגן אין יאַם אַרײַן!

ווידאַר האָט ניט פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען ער האָט באַקומען דעם דיפּלאָם פון אַ קאַפּיטאַן און צום ערשטן מאָל מײַסע־באַלעבאָס פּאַרנומען זײַן אָרט אינעם טראַלער, וואָס איז אַוועק אין אָפענעם יאַם. יאָ, דאָס ערשטע פידפּאַלעקל האָט ווידאַר פאַרברענט, אָפּגעלאָזט דעם קאָסיאַק צוריק אין וואַסער, אַפילו מיטן אויג אַ פינטל טאָן ניט באַוויזן...

— פישמאַן, — האָט געזאָגט צו אים דער פּאַרזיצער פונעם סאָוועט, — פאַרשרײַבט אין אײַער פּלאַנשעט דעם נײַעם קוואַדראַט, שמעקט אַליין אָן, ווּ די פיש דרייען זיך אַרום...

די ערד ליגט דערווײַל ווידאַרן צוקאָפּנס, און אין יאַם, דוכט זיך אים אויס, איז צו טומל־דיק, כאָטש לייג אונטער אַ קישעלע אונטער דער בייזער כוואַליע, זי זאָל אַזוי ניט קלאַפּן אין קאָפּ אַרײַן. ווידאַר קוקט זיך אַרום — שוין ווּעסנע, פאַר איין נאַכט ווערט גרין דער וואַלד, איז וואָס האָסטו מוירע, מענטש איינער, פאַר דײַן אייגענער ווּעסנע, וואָס איז נאָך גרין, נאָר עס קומט שוין נאָך איר די רײַפקייט?

אַזוי האָט ער געטראַכט, ווידאַר, אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צײַן דעם ייִכעס פון פישער איז טאַקע גוט, נאָר פונדעסטוועגן איז דער יאַם אַ יאַם און די ריטשקע אין שטעטל, דער בלאָטע־טײַך, איז טאַקע אַ ריטשקע, אַ בלאָטע־טײַך.

און דאָך... דאָך איז אים גוט געווען דעמלט און גוט איז אים איצט. קאַיאָר איז דעם יאַמס פּאָנעם פאַרצויגן מיט אַ גרינעם צודעק, די אויגן פאַרקיסנעט. עס שמעקט פון אים מיט זאַלץ, מיט אייל, מיט ליסקע. ווידאַר פישמאַן גייט אַרום און ווערטלט זיך מיט זיך אַליין: אַ ייִד שטופּט זיך כאַפּן פיש... אַ ייִד מיינט, אַז ס'איז גענוג צו זײַן זאָרעך דעם פישערס אייניקל... דעריקער מוז אַ שיפסקאַפּיטאַן פאַרמאָגן אַ קלעפּקע, וויסן, ווען די פיש גייען כאָפּטעסווײַז, ניט האָדעווען אומזיסט די פייגל. מע האָט דיר, ווידאַר זאַכאַראָוויטש, געגעבן ניט קיין מולטער. פונעם רע־מאָנט אין קלײַפּעדאַ האָסטו גענומען דעם אויסגעפּאַרבטן טראַלער, דאַרפסטו וויסן, ווּ און ווען אַרויסוואַרפן די סיטקע, וויפל זאַלץ מיטנעמען, וויפל פעסער, שטריק, טרינק־וואַסער. נעם מיט זיך אויך אַ גוטן קעכער צו קאָכן אָנבײַסן: אויף דער שיף ביסטו סײַ דער טאַטע, סײַ די מאַמע, — דו ביסט באַלעבאָס!

באַטאָג און באַנאַכט אַקערן פיש־טראַלערס דעם יאַם, ווי טראַקטאָרס די נײַערד.

זיבן־אַכט טעג געדויערט דער וועג אין אַקעאַן צו די קוואַדראַטן, דערנאָך, אַז מען איז שוין אויפן אָרט, טוט ווידאַר זאַכאַראָוויטש אָן דאָס וואַטאָווע רעקל, ווײַל נעמען קאָמאַנדעווען מיט די מאַטראָסן איז שוין קיין צײַט ניטאָ, מע דאַרף אַליין קאַטשען פעסער, זאַלצן פיש, שלעפּן דעם טראַל פונעם יאַם, איבערכיטרעווען די סאַלאַקע, זי זאָל מיט אַ זײַטל זיך ניט אַרײַנוואַרפן צוריק אין וואַסער.

די שיף איז ניט שלעכט צוגעגרייט צום פישפאַנג, זי טראָגט זיך זיכער און רירעוודיק. די מאַטראָסן זײַנען צופרידן מיטן רעמאָנט: נײַע נעצן לויטן מעטראַזש, שטריק שטײַפע, פּופּציק טאָן ברענשטאָף; פאַראַן גענוג פעסער, שיפּלעך, זאַלץ, טרינק־וואַסער, אַלערליי געצײַג.

אין אַזאַ מין „שטיבעלע" — אין דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע — זיץ איך זיך גאַנץ ברייטלעך, איך, דער שאַפער אויף די ערדישע וועגן. ווײַל עפּעס קער איך זיך דאָך אָן מיט אים אַ שטיקל מעכוטן. דאָרט, אין שטעטל, האָבן מיר זיך אויף איין הוידעלקע געהוידעט, געכאַפּט אײנינעם פיש. און וויפל מאָל פלעג איך אים, דעם איצטיקן יאַטעבעדאַם, דעם קאַפּיטאַן, אַרײַנקוועטשן אין אַ פּאַס פון הערינג, אַראָפּקאַטשען אים גלײַך אין טײַך אַרײַן...

איז טאַקע גרויס אַצינד דער ביזויען צו ווײַזן זיך פאַר ווידאַר זאַכאַראָוויטשן, ווי איך טרייסל זיך אין קאַיוטע, מוטשע זיך, קאַטשע, נעבעך, וואַסער פונעם בויך. אויסגעפּאָרן פאַר מײַן לעבן מיטן סאַמאָסוואַל אַזויפיל ווערסטן, זומער און ווינטער, דורך רעגנס, דורך שנייען און זאַווערוכעס, כאָלילע ניט קיין געפּעסטעט בעניאָכידל, זיץ איך גאָר אין קאַיוטע אויפן פּליושענעם בעטל, קוק אין קײַלעכדיקן פענצטערל, ווי דער שטאָרם וואַלויטשעט די מאַטראָסן, פאַרטרינקט און פאַרפּליעסקעט אַלץ מיט אַנאַנדער.

ווידאַר רײַסט זיך אַרײַן צו מיר מיט אַ שטאַרקן, נאַסן ווינט:

— גיי זאַלצן פיש, ליג ניט אין קאַיוטע...

יאָ, איך וועל באַ מײַן בען־איר דורכגיין די כוילעניפּלע־שטיק פונעם יאַם, ווערן אַן עמעסער פישער.

דער קאַפּיטאַן רעדט מיט מיר איידל:

— קלײַבסט זיך, ווי דער נאָגיד, אויף דער קרענק! גייסט אַ כאַסן ווערן, צי וואָס?..

וואַרפט עס מיך אַרײַן אין טומל פון די פישער. דער באַצמאַן כאַוואַלקע לאָזט מיך אַראָפּ שעפּן דאָס וואַסער. ווידאַר שרײַט מיר אַרײַן אין אויער אַרײַן:

— אין יאַם, נאָר אין יאַם איז אונדזער מאַזל...

מאַטאָרן זשומען, כוואַליעס שרײַען זיי איבער, דער באָצמאַן לויפֿט צו צום שטורמאַן, זאָגט אים עפּעס אַרײַן מיטן מויל און מיט די הענט, יענער גוואַלדעוועט אויך עפּעס, לאַכט, צו מיר דערגייען אַ פּאָר קלוגע, אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס מיינען, ווײַזט אויס, צו אונטערשטרײַכן, אַז בלויז מיט זײַן קויעך דאַרף דער מענטש ענטפֿערן דעם אָקעאַן:

— פֿונעם האָנס געשריי וועט דער טאָג ניט קומען...

— נאָר פֿון אַ נערעק מיטן שטעקן ווערט דער בער אַן אייזל...

די שיף קריכט אין הימל, נאָר מע האַלט זי גוט פֿאַרן צוימל. מיך וואַרפֿט עס איבער דער דעק, ווי אַ ליידיק פֿעסל. איך נעם זיך אָן פֿעסטער פֿאַר די באָרטן, נאָר דער טראַלער איז ניט דער באָבעס קאָרעטע, פּראָזשעקטאָרן קוקן נאָך יעדן טראָט, וואָס איך מאַך. ווייסט מען שוין מיסטאַמע אין קאַפּיטאַנס רובקע, אַז באַ אונדז, מענטשן פֿון די ערדישע וועגן, איז דער יאַם גאָר ניט קיין גרויסער מעיוכעס. און ס'איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, ווען עס רינט פֿון אַלע פּאָלעס, עס קלינגט אַזוי אין די אויערן, אַז דו מיינסט: עס גייט איבער דײַן קאָפּ אַ שטאַרקער גוסרעגן. מיטאַמאָל אָבער ווערט אַ ביסל שטילער, און איך דערהער, ווי דער ייִנגסטער פֿון די מאַטראָסן, יעמעליאַנאָוו, זאָגט מיט אַזאַ געמיטלעך קאָל, ווי ער וואָלט געלעגן אונטער אַן עפּל־בוים און געקײַט אַ גרעזעלע:

Только там, в океане,
Быть положено кораблю...[1]

קיינמאָל אין מײַן לעבן איז מיר נאָך אַזוי גוט ניט געווען, ווי נאָכן שטאָרם, באַם זאַלצן פֿיש. מיר שווימען אָף דער פּאַלובע, ווי די קאַטשקעס אין סטאַוואָק. איך טראַכט וועגן דורכגע־לעבטן און עס כאַפּט מיך אָן אַ דערשטיקעניש: וואָסי, ער, וויגדאָר, איז פֿון אַן אַנדער טייג געקנאָטן? צי דען האָבן מיר ביידע אַלע יאָרן ניט גערוקט אין בויך אַרײַן כערסאָנער קאַווענעס, געבראָטענע בורעקעס, דאַרע באַרלעך, הערינג מיט קאַרטאָפּליעס, — דאַרף איך מוירע האָבן פֿאַרן בייזן וויכער, כאַליאַטשען אָפּן פּליושענעם בעטל, אויסשפּײַען די גאַל בייס אַ געוויינלעך ווינטל אין אָקעאַן, און ער, זאָרעך דעם פֿישערס אייניקל, מעג פֿאַרעכנט ווערן צווישן די גוואַלדאָוונע יאַמלײַט?

וויגדאָר זאַכאַראָוויטש שטייט באַם שטורוואַל און קוקט צו, ווי לעפּיש די זון שטעלט אים אַרויס איר רויטע צונג: קאַרג, הייסט עס, אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשמײַעט, זיך געבאַקן אָף דעם יאַמס סקאָווראָדע, ווילסטו זיך אויך באַנאַכט אָף הייסע קוילן גלײַען? אַנו, שוואַליאַם, שלאָפֿן!

שלאָפֿן? וואָס פֿאַר אַ שלאָפֿן, ווען דער ערד גייט קוים אָפּ דאָס געשווילעכץ פֿונעם קורצן באַנאַכטיקן דערפֿרירעכץ, און מאַטראָסן, ביז די קני אין דעם קאַיאָר, וואַלויטשען שוין דעם טראַל פֿונעם יאַם. אַזויפֿיל סאַלאַקע האָט מען אַ שלעפּ געטאָן צום ברעג, אַז עס פֿרייט זיך דאָס האַרץ, העגט זשאַלעווען ניט קיין אָדערן, אַזוי ווי באַם שניט אין פֿעלד.

באַלד וועט די זון ווידער אַ טשמעליע טאָן, איז באַהאַלט, זײַט מויכל, וואָס גיכער די סאַ־לאַקע, זאַלצט זי גלײַך אײַן, לייגט זי אַרום מיט אײַז, ווײַל פֿאַר אַ פּאָר שאָ ווערן רויט באַ איר די בעקעלעך, און דער בויך באַ איר — בלאָוו, ווי מילך, כאָטש וואַרף זי צוריק אין יאַם אַרײַן.

מאַטראָסן אָף דער פּאַלובע האָרעווען ביז דעם זיבעטן שוויס. זיי פֿאַרשטייען אָפּן וווּנק דעם קאַפּיטאַנס קאָמאַנדע.

שטורמאַנעס גיבן איבער: אין יאַם הייבט זיך ווידער אָן אַ שטאָרם פֿון אַכט־נײַן באַלן...

אָף אַ פּאָר מינוט שטעלט מען זיך אָפּ פֿאַררייכערן, הייבט אָן כאָוואַלקע דער באָצמאַן דער־ציילן, ווי אַמאָל האָבן מאַטראָסן זיך געוויִקט אין זאַלץ — די העמדער פֿלעגן זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסטריקענען, מאַמעש געפֿוילט אָף די לײַבער.

מע וואָלט אַזוי שאָענלאַנג געהערט דעם באָצמאַנס ביטערע רייד, נאָר עס קומט אַרײַן וויגדאָר זאַכאַראָוויטש, פֿאַרבעט די מאַטראָסן צום טיש — עסן וואַרמעס.

— אַנו, גיב נאָר אַ שעפּ פֿון דנאָ אַ ביסל שיטערס, — לאַכט כאָוואַלקע צום קאַשע־וואַר, — נעכטן האָב איך געזען מײַן אייגן דאָרף אין באָרשטש...

וויגדאָר זאַכאַראָוויטש זשמורעט צו די אויגן, ווי ער וואָלט געקוקט אין אַ שפּעלטעלע און געזען דאָרט די פֿאַרגאַנגענע יאָרן:

— געדענקסט, זעמליאַק, ווען עס פֿלעגט זיך ניט כאַפּן קיין פֿיש, פֿלעגט שרײַען דער זיידע זאָרעך: רײַסט אוף די בריק, לאָזט אַרויס די נעשאָמע פֿונעם בלאָטע־טײַך, די פֿיש מאַכן זיך אַ לעבן, בעשאַס מענטשן פּעכנען פֿון הונגער!..

---

[1] בלויז דאָרט, אין יאַם,
דאַרף זיך געפֿינען די שיף...

ווי נאָר עס פלעגט ווערן טונקל אין דרויסן, האָט זאָרעך דער פישער געכאַפּט זײַנע קינדער מיט די אייניקלעך, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג: די סיטקעס, יאַטיערס, די סמאָלע, די וועסלעס. זײַן גאַנצער מאַיאָנטעק פלעגט גיין אין טײַך אַרײַן, — ניט אַף כאַפּן גאָלדענע פישעלעך, נאָר אַף ראַטעווען אַ שטאָט, מע זאָל ניט פאַרוואַרפן די ציין אַף די באָנטעס.

זאָרעך דער פישער האָט קיינמאָל ניט געפאַרבט דאָס שיפל זײַנס, פלעגט עס באַוואַקסן ווערן מיט גרינעם מאָך, צעגעסן ווערן פון זון און פראָסט. אויך הײַנט, ווי מע דערציילט, ליגט זײַן שיפל אַפן הויכן ברעג פונעם בלאָטע־טײַך, אַפן „באַרג״, קעגן דער כאַלופּקע פון מעני־ראָכל דער „טיגערן״ (ווײַט אָפּגעשיידט זאָל זי זײַן — דער פאַשיסט האָט זי טאַקע אַף זאָרעכס אַלט שיפל אָפּגעפּירט אינמיטן בלאָטע־טײַך און דערטרונקען...). מע זאָגט אויך, אַז ביז איצט איז דאָס שיפל פול מיט ליסקעס ווי מיט לושפּײַקעס, כאָטש עס זעט אויס ווי אַ פאַרוואָרפענע מאַציייווע.

איך פאַרשטיי גוט ווּיגדאָרן, ווען ער זשמורעט צו די אויגן און קוקט אַרײַן אין שפּעלטעלע צו די פאַרגאַנגענע יאָרן:

— געדענקסט, זעמליאַק?..

אין דער אויסגעטריקנטער ריטשקע זײַנען פלאָטעצעס געווען מיט גאָלד גלײַך, מע האָט זיך מאַמעש געהאַרגעט פאַר אַ קאָרעסל, ווײַל וואָסער מאָגן אין שטעטל האָט פײַנט געפילטע פיש, צי געפּרעגלטע פיש, צי אַ יויך פון פיש, צי אַ קאַרטאָפליע, צוגעפּראַוועט מיט פישראָסל?..

דאַנק איך דיר, ווּיגדאָר זאַכאַראָוויטש, וואָס דו האָסט מיך גענומען אַפן טראַלער, צו באַ־ווײַזן מיר נאָך אַ שטיק לעבן און צו דערמאָנען מיר אין יענעם. טײַטלסט גוט מיטן טײַטל, זאָרעך דעם פישערס אייניקל, איך פאַרשטיי די גרויסע לער דײַנע: זע, גוטערברודער, פונוואַנען עס נעמט זיך אַ סאָוועטישער שיפסקאַפּיטאַן...

אָך, ס'אַרא פאַרגעניגן, ווען דער יאַם, נאָך אַ כמורנעם טאָג, בעט אויס צו פאַרנאַכט־צו אַ ביסל שײַן: ליכטיק ווערט אין די אויגן, דער הימל פינקלט מיט כיין, יעדע כוואַליע — אַ דיי־מענט־אָפּשײַן אַף דער דורכזיכטיקער שיף.

מיט אַ מין גאַדלעס שטייט די שיף באַם ברעג, סע הייסט: איך האָב מײַנס אָפּגעטאָן, קומט מיר אַוואַדע אַ ביסעלע מענטשלעכע רו.

מאַטראָסן, מײַנע נײַע פרײַנט, איך לאָז אײַך איבער באַם יאַם און בין זיכער, אַז איר וועט אויך ווײַטער שפּינען גאָלד מיט אײַערע מאָזאָליעדיקע הענט. וואָס מער איך קוק זיך צו צו אײַך, אַלץ טיפער פאַרקלײַב איך זיך אין אײַערע בלויע יאַם־אויגן, אין וועלכע איך זע, אַכוץ דער ווייכקײַט פון אַ כוואַליע, אויך אַן אָפּשײַן פון סקאַלעס, אָפּגעשליפענע פון שטורעמס.

זיבן טויזנט ליטער בלוט טרײַבט איבער דאָס מענטשישע האַרץ פאַרן מעסלעס, וויפל זשע, אַשטייגער, וואַרפן איבער יאַם־צופלוסן עמערס וואַסער? — איך שטיי אַזוי ווידער באַם ברעג, באַטראַכט דעם יאַם און באַטראַכט די ערד און דערפיל נאָכאַמאָל דעם קויעך פון דער מאַמעניו־יאַבאָשע און דעם קויעך פון דעם טאַטעניו־יאַם.

דער יאַם האָט אָפּשײַ פאַר דער ערד. ער ווייסט זײַנע גרענעצן. זעלטן ווען טוט ער אַ שפּיל אַף זײַן אויפן, נאָר שטילט זיך ווידעראַמאָל אײַן, ווײַל אַזוי דאַרף זײַן, אַזוי איז בעסער... גאַנצע מעסלעסן קושן זיי זיך — דער יאַם מיט דער ערד.

פאַלט די זון אַרײַן אין די פאַרנאַכטיקע כמאַרעס, ווערט זי אַ צווייפענעמדיקע, אַ לעץ מיט אַ רויטער צונג — אַ שווימערן אין די יאַם־ווײַטקײַטן.

מאַטראָסן זעען: די זון אַפן סאַמע ראַנד פון הימל ליגט ווי אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע, שפּעטער ווערט זי אַ באַרל, אַ ווײַניק עפּעלע, אַ קאַנעצל...

נידעריק זײַנען די ברעגן, ווי די שטאָט וואָלט זיך אָנגעבויגן אַף אויסצוּוואַשן זיך דאָ דאָס פּאָנעם. נאָר מע באַלייגט אים שוין די זײַטן, דעם יאַם, ער זאָל ניט צעשווענקען דעם ווייכן רוקן פון דער ליבער ערד.

ווײַט אין יאַם, וווּ מיר האָבן איבערגעלאָזט אַנדערע טראַלערס־רעפריזשעראַטאָרס, שטייען נאָך מאַטראָסן אַף זייער וואַכטע, און עס הערט זיך דורכן שלאָף די געוווינטע קאָמאַנדע.

און דאָ קרעכצט די הייב־מאַשין, מע שטייט אַף די פיס פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס, קעדיי מיליאַסן זילבערנע קאָרעסלעך זאָלן רוקנדל צו רוקנדל זיך לייגן אין פעסער, ווי סטאַ־טעקלעך, און שמעקן זאָל אַרום זיי מיט פעפער, בסאָמים־נעגעלעך, פּעטן בוימל...

געבענטשט זאָלן זײַן די פאַרהאָרעוועטע הענט, וואָס ברענגען אַפן ברעג אַזאַ האָב־און־גוטס, דעם מענטשן צום פאַרגעניגן.

סאטירע און הומאָר

איציק קיפניס

וואָס מע זאָגט „גאָט האָט צוגעשיקט" „גאָט האָט געפירט"

אויך אין דעם פרימאָרגן, ווי בא א סאך פרימאָרגנס פון לאנגע יאָרן, ניט איבערצו־ציילן, איז דער אלטער געזעסן אף זײַן פײַערדיקן שטול. ארום אים האָבן געווימלט מאלאָכים. זיי האָבן זיך אָפגערעכנט פאר אים וועגן אלע טועכצן, וואָס זיי האָבן נעכטן געזען אף דער זינדיקער ערד. דער אלטער האָט מיט קיין אויג קיין פיר ניט געטאָן, ווײַל יעדער נעכטן איז געווען גרעאָטן אינעם אייערנעכטן, ווי צוויי טראָפּנס וואסער. מעגלעך, אז ער האָט מער געדרעמלט ווי געהערט. די זינד זײַנען קיין זינד ניט געווען. די וויל־טאטן זײַנען ווײַט געווען פון וויל, נאָר ס'גאָרנישט, אזוי פירט זיך שוין פון קאדמוינים. און די מאלאָכים — צו זיי האָט עס ניט. זיי פילן זיך אויס זייער אווודע מיט דער בעסטער שטרענגקײַט. פלוצעם האָט זיך צעבליצט א מאלעכל, די קויכעס זײַנען אים אויסגעגאנגען, אזוי האָט ער גע־צאפּלט, ס'זאָל שוין גיכער קומען זײַן ריי.

— שאדײַ, אלמעכטיקער גאָט! — האָט דאָס יונגע מאלעכל מיט ניט קיין געהערטער פרייד אויסגערופן. — אף דער זינדיקער ערד האָב איך נעכטן געזען א גרויס וווּנדער. א פראכט פון א זאך! אין יאנושפּאָל אף דער אוקראַינע, דאָרט, ווו ס'איז מײַן כיילעק ערד, האָב איך אָנגעטראָפן אן אלט פאָרפאָלק, א ייִד מיט א ייִדענע, און זינט זיי לעבן, האָבן זיי זיך נאָך קיינמאָל ניט געקריגט!..

דער איבערשטער האָט זיך א רודער געטאָן פון זײַן דרימל, האָט אָנגעקוקט מיט זײַן געטלעכן בליק ס'מאלעכל.

— ס'קאָן ניט זײַן! — האָט ער זיך אָנגערופן. — זינט איך האָב די וועלט באשאפן און אויך אף דער, וואָס איך קלײַב זיך ערשט באשאפן, איז נאָך אזעלכעס ניט געהערט געוואָרן...

— הי אדוני![1] — האָט דאָס מאלעכל געצאפּלט מיט זײַן יונגער פרייד. — נעכטן בין איך אליין דאָרט געווען. ער הייסט באָרעך־מייער דער שטריקלדרייער און זײַן ליבע ייִדענע הייסט פריידע דעם שטריקלדרייערס.

— ניין, — מאכט דער אלטער שוין מיט א שמייכל, — אף אזעלכעס בין איך שוין גראָד א באלן אליין א קוק טאָן.

גענוג געווען איין פיר מיט דער מאכשאָווע, ווי די מאלאָכים, וואָס זײַנען צו אים צוגע־שטעלט, האָבן שוין אויסגעפילט זײַן פארטראכט: דער אלטער איז גלײַך געווען אויסגעקליידט ווי א געוויינלעכער באַסערוועדאָם, אין הויזן און אין א גרויען רעגנמאנטל. אין קעשענע איז געווען פארגרייט א ביסל מינץ. איך גיב אײַך נאָך, אז דאָס מינץ איז געווען פון ריין גאָלד. און אין קעהערעף־אַין איז ער שוין געווען אף דעם שטיקל באצירק פונעם ערדקוגל, ווו ס'איז געשטאנען יאנושפּאָל, מיט זײַנע אײַנוווינער, קלייטן און שטיבער, פעלדער און שכײנישע דער־פער. ער איז צוגעגאנגען צו באָרעך־מייער דעם שטריקלדרייערס שטיבל; אויך אף דער ערד איז נאָך געווען סאמע גאנצפרי... וואָס זשע האָט ער געטראָפן? פריידע דעם שטריקלדרייערס שפּיליעט צו אפן מאן אירן, אף באָרעך־מייערלען, דעם שטויב־מאנטל אף אלע קנעפּ, זי פאַ־ריכט אים נאָכאמאָל דאָס היטל אפן קאָפּ. אירע אויגן שטראלן מיט ליבע און זײַנע בליקן ענטפערן, אז ער נעמט צו די ליבע מיט נאָך גרעסערער ליבשאפט. נאָר איצט צעשיידן זיי זיך עפּשער אף א גרויסן שטיק טאָג. אינעם צווייטן נאָענטן שטעטל, בײַדיבע, פאלט הײַנט אויס א יאריד, האָט

[1] — כײַ אדוינוי — א שווּע.

באָרעך־מייערל צוגעטראַכט צו גיין קיין ביַידיבע. איר שפּילט זיך מיט גאָט! — עפּשער וועט ער אים עפּעס צושיקן אַ מעציִע?!

פריידע אינעם רייַנעם קליידל, אין דער רייַנער פאַטשיילע האָט פון סאַמע גאַנצפּרי זאָרג־זאַם אַרויסבאַגלייט איר גוטן שטילן אַלטינקן באָרעך־מייערלען אַפן יאַריד, האָט אים צוגעוווּנטשן, זי זאָל אים אינגיכן דערלעבן זען צוריק אַ געזונטן, און האָט זיך צוגעשטעלט צום טאַפּליע קוקן, ווי ער, באָרעך־מייערל אירער, האָט עס מונטער און, קיין אײַנהאָרע, בראַוו אַוועקגעשפּאַנט. דער ריבוינעשעלוילעם, פאַרשטעלט ווי אַ פאַרמעגלעכער דאָרפסמאַן, האָט שוין גלײַך פון דער ערשטער רעגע דערזען, ס'אַרא שיין לעבן דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק פירט צווישן זיך. נאָר עס אַרט אים ניט זיך צוקוקן ווײַטער.

ווי זיי זײַנען אַרויס פון די טויערלעך, שוין אויס שטאָט, ס'הייבט זיך שוין אָן פעלד און שליאַך, דערזעט באָרעך־מייער אין שטויב אַפן סאַמע וועג — ער איז שוין שיר ניט אַרופגע־טראָטן אָף איר — אַ נאָדל בלישטשעט! בייגט ער זיך פּאַמעלעכקע אָן און הייבט זי אויף... יאָ, ס'איז אַ נאָדל. נאָך אַפילע מיט אַ בײַוועלע פאַרצויגן.

— נו־יאָ, — האָט באָרעך־מייער באַטראַכט די נאָדל און זיך געלאָזט גיין מיט איר, — מײַן פריידע זאָל לעבן וועט גאָרניט האָבן קעגן, אין באַלעבאַטישקייט קאָן אַלץ צוניצקומען!..

אָבער אַזוי ווי ער שפּיגלט זיך אין זײַן געפינס, גייט דורך אַ צעלניקער מיט זײַן קאָרב צעלניק. — זיידעניו, — מאַכט ער צו באָרעך־מייערן, — איך דאַרף אַזאַ נאָדל, איך קאָן דיר פאַר איר געבן אַ טוץ העמדער־קנעפּ.

באָרעך־מייער האָט אַ קוק געטאָן אַפן צעלניקער.

— אויב דו דאַרפסט אַזוי נייטיק די נאָדל, — זאָגט ער, — נעם זי און זײַ מאַצליעך. — און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווײַטער מיטן טוץ העמדער־קנעפּ.

דער אַלטער אינעם גרויען רעגנמאַנטל נעמט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ. ס'איז אים אַלץ פון דער ערשטער מינוט אָן זייער געפעלן.

אַזוי ווי זיי גייען, גייט אַרויס פון אַ זײַטיק פעלד־וועגל אַ יונגע פּויערטע און טראָגט אָן אָף אונטערן אָרעם. דערזען די קנעפּ, האָט זי זיך זייער דערפרייט.

— זיידעניו, — מאַכט זי, — אָט דאָס איז דאָך מײַן גאַנצער יאַריד! מער ווי קנעפּ דאַרף איך ניט, מײַן עלטערן יינגל אָף צוויי העמדער. נאַ דיר דאָס הינדעלע און גיב מיר די קנעפּ!

באָרעך־מייער האָט אַ קוק געטאָן אָף דער יונגער פּויערטע.

— אויב דו האָסט אַזוי גערן די קנעפּ, — זאָגט ער, — נעם זיי דיר, מײַן פריידע וועט פונעם הינדעלע אויך זײַן גערן.

די פּויערטע איז אַ פריילעכע אַוועק מיט די קנעפּ אהיים און די צוויי אַלטע גייען זיך ווײַטער. אַזוי ווי זיי גייען, יאָגט זיי אָן אַ פור מיט גענדז און מיט קאַטשקעס. דערזען באַ באָרעך־מייערן ס'הינדעלע, רופט זיך אָן דער פּויער:

— זע נאָר, זיידעניו! איך זוך אָט דעם סאָרט הינער שוין אַ צײַט און קאָן ניט געפינען. נעם דיר אַ גאַנדז, וועלכע דו ווילסט, און גיב מיר אָפּ ס'הינדעלע.

— אויב דיר איז אַזוי געפעלן ס'הינדעלע, — מאַכט באָרעך־מייער, — טאָ נעם זי. מײַן פריידע זאָל לעבן וועט אָף מיר ניט זײַן בערויגעז...

— טאָ קלײַב זיך אויס אַ גאַנדז.

— וואָס דאַרף איך עפּעס קלײַבן? אַז דו וועסט וועלן, ווּעסטו מיר אַליין געבן!

האָט אים דער פּויער אויסגעקליבן די שווערסטע גאַנדז און איז אַוועקגעפאָרן ווײַטער.

באָרעך־מייער האָט אײַנגעמאָסטעט די גאַנדז אונטערן אָרעם, ס'איז טאַקע אַ ביסל שווער־לעך, נאָר ווי זאָגט דאָס ווערטל: נאָך אַ שווערן וואָגן איז גוט גיין צופוס.

נאָר אָף די רייד קומט אָן אַ יונגער דאָרפסמאַן און טרײַבט אַ פּאָר קעלבער אַפן יאַריד.

— זיידעניו! — מאַכט ער. — ווו האָסטו גענומען אַזאַ שיינע גאַנדז?! נעם דיר פאַר איר אַ קעלבל. די גאַנדז דאַרפסטו טראָגן, דאָס קעלבל גייט אַליין...

— מע קאָן אַזוי אויך, — האָט באָרעך־מייער געענטפערט.

און מיטן קעלבל איז אים טאַקע געוואָרן אַ סאַך גרינגער.

פאַרן קעלבל האָט אים אַפן וועג איינער אָפּגעגעבן אַ מוציקל, פירט ער דאָס מוציקל אַפן יאַריד. דער אַלטער אינעם גרויען רעגנמאַנטל גייט זיך מיט אים באַנאַנד און קלערט, אַז ווען ער איז ניט אַזוי געווויינט מיטן הימל, וואָלט ער זיך אָף אַ צײַט באַזעצט דאָ. ער זעט, אַז אָף דער ערד קאָן מען זיך אויך ווי־עס־איז דורכלעבן...

אַזוי ווי זיי גייען, יאָגט זיי אָן אַ קאַרעטע מיט פיר פערד נאַשפּיק. דער פּאָרעץ האָט דער־זען דאָס מוציקל, איז ער צו דעם צוגעזאָטן געוואָרן.

— זיידעניו, — מאַכט ער, — וויפל זאַגראַניצעס איך בין אויסגעפאָרן, האָב איך אַזאַ

מוציקל ניט געקאָנט געפינען. נעם בא מיר צו די קאַרעטע מיט אַלע פיר פערד, איך האָב אין דער היים אַנדערע, און דאָס מוציקל גיב אָפּ מיר.

באָרעך־מייער דער שטריקלדרייער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַזאַ רײַכקייט.

— איך ווייס גאָרניט, — זאָגט ער, — ווו וועל איך זיי אין דער היים אַנידערשטעלן...

— נעם, ס'איז ווערט... — האָט זיך שוין דער אַלטער אינעם גרויען רעגנמאַנטל ניט געקאָנט אײַנהאַלטן.

און באָרעך־מייער האָט פאַרענדיקט מיטן פאָרעץ דאָס געשעפט ווי געוויינלעך:

— אויב דו דאַרפסט אַזוי נייטיק דאָס מוציקל, — זאָגט ער, — נעם דיר עס...

אַזוי ווי די צוויי אַלטינקע פאָרן אין דער קאַרעטע, אָט־אָט דאַרף מען שוין אַרײַנפאָרן קיין בײַדיבע, מע הערט שוין דעם יאַריד פונדערווײַטנס, שפּרינגט אַרויס פונוואַנען פון ווו אַ באָכער, שיין ווי אַ גאָט, מיט ברענענדיקע אויגן און צעלאָזטע קוטשערן.

— זיידעניו! — שרײַט ער אויס מיט געבעט. — לײַ מיר אויף איין טאָג די קאַרעטע דײַנע. איך האָב הײַנט כאַסענע. מײַן קאַלע איז שיין, ניטאָ צו איר די צווייטע! נאָר אין אַזאַ קאַרעטע דאַרף איך זי באַגעגענען!!!!

דער אַלטער אינעם גרויען רעגנמאַנטל שלעפּט אים פאַרן אַרבל, ווי איינער מיינט: אַזאַ גוטס פאַרגלייבט מען דען?! אָבער באָרעך־מייער האָט זיך פאַרקוקט אויפן כאָסן, ער איז אים זייער געפעלן געוואָרן.

— נאָר מיט איין טנאַי, — זאָגט ער, — שענק איך דיר די קאַרעטע. אַז איר וועט אויסרופן דראָשעגעשאַנק, זאָלט איר דערמאָנען מײַן פריידען זאָל לעבן אויך. אַז זי און איך וואַרפן אײַך דעם דראָשעגעשאַנק.

און זיי זײַנען אַראָפּ פון דער קאַרעטע. דער באָכער מיט דער געטלעכער שיינקייט האָט געגעבן אַ טאַנץ אַרײַן אין דער קאַרעטע און די פערדלעך זײַנען בא אים אַוועקגעפלויגן ווי די פייגל.

באָרעך־מייער האָט אים מיט פאַרגעניגן נאָכגעקוקט און זיי זײַנען אַרײַן קיין בײַדיבע אויפן יאַריד.

צום ערשטן זײַנען זיי אַוועק אין בעסמעדרעש אָפּדאַוונען און זען וואָס ייִדן טוען.

נאָכדעם האָט באָרעך־מייער זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן יאַריד, איבערגעביסן אַ שטיקל קאָרזש, געגעבן דעם אַלטן אויך אַ האַלבן. און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז פריידע זאָל לעבן קוקט שוין אויף אים אַרויס, האָט ער זיך אָן שיִעס אַוועקגעלאָזט אַהיים.

אַפּצוריקוועגס זאָגט צו אים דער אַלטער:

— אין וויפל געוועט, אַז דו וועסט אָפּכאַפּן הײַנט פון פריידען דעם עמעסן כיילעק?

— ע, ניין, — ענטפערט באָרעך־מייער מיט אַ שמייכל... — מײַן פריידע זאָל לעבן וועט זיך נאָר דערפרייען, אַז זי וועט מיך דערלעבן זען צוריק.

— ניין, — מאַכט דער אַלטער, — אין וואָס געוועט? איך לייג אײַן אַ בײַטל מיט געלט!

— און איך, — ענטפערט באָרעך־מייער, — וועל דיך מעכאַבעד זײַן מיט אַ וועטשערע.

געקומען אַהיים, זאָגט דער אַלטער אין גרויען רעגנמאַנטל:

— דו גיי אין שטוב און איך וועל בלײַבן דאָ אין פירהויז און וועל זיך צוהערן.

פריידע האָט שוין אַרויסגעקוקט אויף איר באָרעך־מייערלען, איז זי אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, אים אַרײַנגענומען אין שטוב און געהאָלפן זיך איבערטאָן. בייסמײַסע פרעגט זי בא אים:

— מיט וואָס זשע האָט דיר דער אייבערשטער באַגליקט אויפן יאַריד?

„איך האָב אים באַגליקט?!" — האָט דער אַלטער דאָרטן אין פירהויז אַ קנייטש געטאָן מיט די פלייצעס.

— אוי, פרעג גאָר ניט, פריידע־לעבן! — ענטפערט באָרעך־מייערל. — מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. ווי איך בין נאָר אַרויס פון די טויערלעך צום פעלד, אַזוי דערזע איך אַ נאָדל בלישטשעט אין זאַמד, נאָך מיט אַ בײַוועלע פאַרצויגן.

— אַ נאָדל איז אַ גוטע זאַך, — זאָגט פריידע.

— אָבער וואַרט, פריידע־לעבן, ס'איז נאָך ניט אינגאַנצן... איך גיי אַזוי מיט דער נאָדל, יאָגט מיך אָן אַ צעלניקער און גיט מיר פאַר דער נאָדל אַ טוץ קנעפּלעך.

— וואָס גאָט קען! — זאָגט פריידע מיט אַנציקונג.

„ווײַטער גאָט און נאָכאַמאָל גאָט" — קנייטשט דער אַלטער מיט די פלייצעס.

— וואַרט, פריידע־לעבן, ס'איז נאָך ניט אינגאַנצן.

און באָרעך־מייערל רעכנט איר אויס איין מעציִע נאָך דער צווייטער: פריִער אַ הינדעלע, דערנאָך אַ גאַנדז, אַ קעלבל, אַ מוציקל. אַז ס'איז געקומען צו דער קאַרעטע מיט די פיר פערד נאַשפּיץ, האָט זיך פריידע פאַרכידעשט און געפרעגט:

— ווו וועלן מיר זיי שטעלן, האַרץ מײַנס?

— האָב קיין זאָרג ניט, פֿריידע־לעבן! וועסט באַלד הערן, ווי גאָט האָט אונדז אויסגעפּירט.

„יאָ, — האָט דער אַלטער אין פּירהויז אים איבערגעקרימט, — נאָר וואָס איך אייצע אים, טוט ער פֿאַרקערט"...

און באַרעך־מייערל דערציילט פֿונעם כאָסן מיט דער געטלעכער שיינקײַט, מיט די ברענענ־דיקע אויגן און צעלאָזטע קוטשערן. וויאַזוי ער האָט זיך דערפֿרייט מיט דער קאַרעטע. — נאָר מיט אַזאַ קאַרעטע, — זאָגט ער, — קאָן ער פֿאָרן נאָך דער קאַלע!

— געדענק זשע, — זאָג איך צו אים, — דער דראָשעגעשאַנק זאָל זײַן פֿון מיר און פֿון מײַן פֿריידען!..

— מיט מאַזל, — האָט פֿריידע געענטפֿערט. — איצט גיי וואַש זיך, וועלן מיר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

— דו פֿאַרשטייסט? — זאָגט באַרעך־מייערל, — אין פּירהויז וואַרט אַף אונדז אַן אוירעך, וואָלט מען אים אויך דאַרפֿן בעטן צום טיש.

— פֿאַרוואָס דען ניט? — ענטפֿערט פֿריידע. — ווו צוויי לעפֿל, וועט זײַן אַ דריטער.

זיי גייען אַרויס פֿאַרבעטן דעם אוירעך, איז שוין זײַן אָרט פֿאַרקילט געוואָרן, נאָר דאָס בײַטל מיטן געלט איז געלעגן אַפֿן קאַסטן און דער האַלבער קאָרזש אויך.

באַרעך־מייער האָט זיך דאָך ניט געקאָנט אָנשטויסן, אַז יענער עסט ניט.

אינדערפֿרי, אַף זײַן פֿײַערדיקן שטול, איז דער אַלטער געזעסן ווי יעדן פֿרימאָרגן. ער האָט צוליב געטאָן די פֿאַרליבטע מאַלאָכים און זיי געגעבן צו פֿילן, אַז אַף דער ערד איז אים עפּעס־וואָס געפֿעלן געוועזן. איין זאַך איז נאָר ניט צו פֿאַרשטיין:

אַז די מענטשן, אַלץ טוען זיי אַפֿ אַליין, און אַרופֿלייגן לייגן זיי אַרוף אַף אים: „גאָט האָט געהאָלפֿן", „גאָט האָט געשיקט"... און...

אינעם יונגן מאַלעכל האָט מען אויך ניט פֿאַרגעסן. מע האָט באַפֿוילן אַרויסגעבן אים אַ נײַע פּאָר פֿליגל.

●

מאַרק ראַזומני

דער אַבסטראַקציִאָניסט

ווי אַן אילוסטראַציע צו די ווערטער פֿון נ. ס. כרושטשאָוו וועגן דער „שאַפֿונג" פֿון די אַבסטראַקציִאָניסטן, האָט דער דירעקטאָר פֿון זאָאָלאָגישן גאָרטן אין באַלטימאָר (פֿשא) אַרטור וואַטסאָן אײַנגעטונקט דעם עק פֿון אייזל דזשעק אין פֿאַרב און אים געלאָזט „שאַפֿן". דער אייזל האָט „אויסגעמאָלט אַ בילד", וואָס איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך אַ קענער פֿון אַבסטראַקטער מאָלערײַ.

(פֿון די צײַטונגען)

באַם באַלטימאָרער אייזל דזשעק,
וואָס איז, צוליב דעם שמירן פֿון זײַן קינסטלערישן עק,
בארימט געוואָרן אין דער מאָלערײַ אַבסטראַקטער, —
האָט פֿון דערפֿאָלג דער אייזל־מויעך מאַמעש זיך פֿאַרדרייט.
ער האָט באַשלאָסן, אַז ווי גרויס עס איז די וועלט און ברייט,
איז ניט פֿאַראַן אַ קינסטלער, נאָך אַזאַ באַגאַבטער און געוואַגטער,
ווי ער, דער מײַסטער דזשעק פֿון באַלטימאָר...
נאָר מיטאַמאָל דערוווּסט האָט ער זיך גאָר,
אַז מ׳רופֿט אויך דעם און יענעם אָן „אַבסטראַקטער מאָלער", —
און וועמען? אַלץ אַזעלכע, וואָס פֿאַרמאָגן ניט קיין עק,
וואָס מאָלן ניט פֿון הינטן, נאָר פֿון פֿאָרנט,
דערצו מיט הענט גאָר, ניט ווי ער, דער מײַסטער דזשעק!
„פֿאַרטאַטשעס! קומען זאָל אַף זיי אַ פֿינצטערע מאַפּאָלע!" —
איז אייזל אויסער־זיך געוואָרן,
צערעוועט זיך, געקראָכן אַף די ווענט. —
„דורך זיי, די האַנט־שמירערס, ווערט מאָלערײַ פֿאַרשוועכט נאָר —
וואָס האָבן גאָר אין קונסט אַבסטראַקטער זיך צו מישן הענט?
אַבסטראַקטע מאָלערס ווערן ניט געבוירן אַזוי גיך,
ווען זיי פֿאַרשטייען ניט צו פּענדזלען מיטן עק, ווי איך!.."

ניט זידל די אבסטראַקטע קינסטלער, גוטער אייזל דזשעק!
זיי זײַנען דײַנע ברידער לײַבלעכע און עכטע...
ס'איז דאָך באַוווּסט: ווען עמעץ איז אַ מאָלער אַן אַבסטראַקטער,
איז דאָך זײַן האַנט ניט ווערט פיל מער פון אייזלס עק,
און ס'טראָגט דאָס גאַנצע שאַפן זײַנס אַן אייזלשן כאַראַקטער...

קעלבערנע לעבנס-כאָכמע

אַ קעלבעלע האָט זיך אַמאָל געגומען אַפן זינען
צו זען, וואָס פאַר אַ וועלט עס איז מיכוץ דער שטאַל פאַראַן.
און איינמאָל פרי באַגינען
פלינק צו דער שטאָט זי האָט געטאָן אַ שפּאַן,
און אָנגעקוקט זי האָט זיך דאָרטן פיל כידושים,
פון אַלע היספּײַלעס קעלבערנע געכאַפּט...
נאָר פּלוצעם האָט איר האַרץ זיך מוירעדיק צעקלאַפּט
און אָפּגעשטאָרבן זײַנען אַלע אירע קושים:
דערזען זי האָט, ווי ס'הענגען אין די מאַרק־געוועלבער
פריידיקעס פון אָקסן, קי און קעלבער!
פּײַל פון בויגן
איז זי צוריק אַוועק אין שטאַל צו דער מישפּאָכע,
און האָט מיט אויפגעריסענע פון איימע אויגן
דערציילט די אַלע גרוילן, וואָס זי האָט געזען.
„מע מאָרדעט דאָרטן!" — געקלאָגט זי האָט צעבראָכן, —
„מע קוילעט דאָרט אָן אַ פאַר וואָס, אָן אַ פאַר ווען!
איז וואָס זשע שווײַגן מיר אַף אָט דער גזיירע?
מע וועט אונדז אַלעמען דאָך שעכטן!!"
„שאַ־שאַ", — אַן אָקס געזאָגט האָט, האַלטנדיק אין מאַלעגיירען, —
„ניט היץ זיך! זשליאָקע, פרעס און טו, וואָס יעדע קאַלב דאַרף טאָן...
אין אונדזער שטאַל געניסן מיר פון אַלע רעכט באַשערטע,
און דאָס, וואָס עס געשעט מיט יענעם, גייט אונדז ווייניק אָן".

יאָ, בלויז בעהיימעס דרעמלען זאָרגלאָז, אין אַ גלײַכגילט טעמפּ פאַרזונקען
דעמלט, ווען עס ווערט געשאַרפט די שווערד פון קריג און אומקום.
זיי טײַנען: „אונדזער שטאַל איז זיכער, זעטיק אונדזער היי...
וואָס אַרט אונדז דען, אַז ערגעץ־ווו טוט עמעצן וואָס וויי?"

דער גענעץ

דער גענעץ אויפגעעפנט האָט אַ מויל,
און ווײַט אַרום האָט זיך צעהילכט זײַן נודנער וויען:
„אָר־אַ... ווי לאַנגווײַליק מיר איז! ווי אומעטיק, אַ גרויל...
אַ וועלטעלע... נו, מאַמעש אַ ביזויען!
אָר־אַ... נאָך אַלץ, וואָס איידל און וואָס שיין איז,
עס בענקט מײַן האַרץ, מײַן גײַסט, מײַן סייכל!"

אַ שמייכעלע, וואָס האָט געוווינט אין שכיינעס
און זיך באַגעגנט מיטן גענעץ צוואַנציק מאָל אַ טאָג,
געענטפערט האָט אַף דעם אים מיט אַ שמייכל:
„היי, דו, ניט ווערט קיין גראַשן איז דײַן בענקשאַפט און דײַן קלאָג,
באַגלייטן אַלעמאָל עס וועט דיך נודיעניש אָן גרענעץ,
ווײַל דאָס דערהייבנסטע און שענסטע וועט פאַר דיר
פאַרוואַנדלט ווערן טאָמיד אין אַ גענעץ,
ווי נאָר דו וועסט זיך טאָן צו דעם אַ ריר"...

●

א סגולע צו צײַנווייטעק

(מאָנאָלאָג פון א קאָוועל)

אזוי בין איך דאפקע געזונט, א מאָווער. ס'איז בעיערושע. מייַן טאטע האָט אויך געבויגן פאָדקעוועס. מיט די הוילע הענט. פון אים טאקע האָב איך געיארשנט די מעלאָכע שמידערייַ. האָט איר עפשער געהערט וועגן בערקע דעם קאָוועל? דאָס בין איך! בארימען וויל איך מיר ניט, נאָר שייַעך צו לייקענען, אז איך בין פאָרט בערקע דער קאָוועל.

אין אונדזערע קאָלכאָזן האָבן פויערים דערעכערעץ פאר בערקען. מע בעט זיך, מע כאַלעשט: טשעלאָוויטשעו[1], זאָגן זיי, מירן דיך אָפגילטן, קום צו פאָרן רעמאָנטירן דעם אינווענטאר!

— וואָס ווילט איר, — טייַנע איך צו זיי, — וואָס רייַסט איר שטיקער פונעם אלטן בערקע? קארג, — זאָג איך, — יונגעלייַט בא אונדז אין מעכפונקט? שמידער, שלאָסער, טעכניקער א וועלט!

ווי אן ארבעס אין וואנט. דערלאנג זיי בערקען און אן עק.

בארימען וויל איך מיר ניט, נאָר איך האָב טאקע ניט קיין נארישע יאָדאַיִם: אן אקס איז אן אקס, א זייעלקע איז א זייעלקע, און דארף מען אונטערקאָוועון א נאָראָוויסטן זשערעבטשיק, פון די פערדלעך, וואָס פייַער פליט זיי פון די נאָזלעכער, איז אויך בערקע, ניט קיין אנדערער!

דער דירעקטאָר פון אונדזער סאָווכאָז איז גאָר אפן זיבעטן הימל. ער ווייסט, אָסטאפ איוואַנאָוויטש, אז ווען בערקע טוט זיך א פאָרקע אין די געדערים פון א הינקעדיקן טראקטאָר, — איז פאָראדעק, מער הינקט ער ניט!

— איַי, בערקע, — מאכט ער, — מיט אזעלכע הענט, מיט אזעלכע הענט, וועסטו אף יענער־וועלט אויך ניט פארפאלן ווערן!

— געוויס! איך זאָל נאָר ניט אָנטרעפן אף קיין טויבן מאלעך, — דאָס גיב איך אים אָנצוהערן, ער זאָל זייַן א מענטש. הייַנטיקס יאָר מעג ער מיר געבן אורלויב צו דער צייַט, איך וויל מיר דורכפאָרן צו מייַנע קינדער, וויל איך.

דער דירעקטאָר מייַנער פארשטייט, ווייַזט אויס, אפן ווונק.

— נו, בערקע, — שמייכלט ער, — פון מאָרגן, — זאָגט ער, — קאָנסטו פאָרן צו דייַנע כלאָפצעס.

פאָרן מיר, הייסט עס, קיין קיִעוו. פון דעם וואָלט איך, אייגנטלעך, געדארפט אָנהייבן, נאָר ווי זשע וואָלט איר געוווּסט, אז בערקע דער קאָוועל דאָס בין איך?

אזוי בין איך דאפקע געזונט, מאָווער! דרייַ מילכאָמעס דורכגעמאכט: בא די קארפאטן קאָנטוזשעט געווען, באם פערעקאָפ געווען פארווונדעט און ערגעץ לעבן קעניגסבערג האָט מיך דער דייַטש אויך גוט מעכאבעד געווען. נאָר זעט איר דאָך: איך לעב, איך בייג נאָך פאָדקעוועס מיט די הענט. מיט די הוילע הענט! און קרענקען זאָלן מייַנע סאָנים!

אָבער שטעלט אייַך פאָר, אז איך האָב זיך נאָר ארייַנגעזעצט אין צוג, האָט מיר אָנגעהויבן צו נאָיען א צאָן! געהערט א ביסל? מיר, מיט מייַנע מאָווערדיקע ציין!

ווייסט איר דעם טאם פון א נאָיענדיקן צאָן? ניין? האָט איר עפשער פארמאָגט אמאָל א שוויגער א שלאק? הא? אָט דאָס איז צייַנווייטעק.

עס נאָיעט און עס נאָיעט, און מיטאמאָל גיט עס דיך א צי, אז דו שפּרינגסט אזש אונטער. די אויגן קריכן שיר ניט ארויס און די האָר שטעלן זיך דיר קאַפויר. אפצופריִער האָב איך זיך געמאכט טאמעוואטע, געפרוּווט „פארריידן דעם צאָן": הא, וואָס? דו נאָיעסט? נאָיע זיך!

קוידעם, האָב איך זיך צוגעזעצט צו א קאָמפאניע סטודענטן און פארפירט א געשפרעך. ווייַזט זיך ארויס, ס'איז נאָש בראט — אגראָטעכניקער, און פאָרן פאָרן זיי פון א נאָענטן סאָווכאָז, וווּ זיי האָבן פראקטיקירט.

— אויב אזוי, האָט איר דאָך, מיסטאמע, געהערט פון בערקע דעם קאָוועל?

ווייַזט זיך ארויס, אז עפּעס האָבן זיי יאָ געהערט, נאָר זיי געדענקען ניט, וואָס. האָב איך זיי געגעבן צו פארשטיין, און גאָר גיך זייַנען מיר געוואָרן גאנצע גוטעברידער. מיר האָבן שוין אפילע געמאכט א שטיקל לעכאַיִם אויך און כ'האָב פארצויגן דאָס לידעלע: „פריכאָדיטע, יא נע

[1] — מענטש (אוקראַיִניש).

סטאנו פריאטאטסיא״[1]. האָט מיך דער מאמזער מײַנער, דער צאָן, מיין איך, געגעבן א צי! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — דער שארבן האָט זיך מיר איבערגעדרייט מיטן דאשעק אפצוריק.

— עהע, — זאָג איך, — כעוורעלײַט, איר זינגט זיך געזונטערהייט און איך וועל מיר אוועקהינקען כאפן א דרימל...

גיי איך און צי מיך אויס, ווי א גראף, אף דער אייבערשטער פּאָלקע (איך האָב ליב די אייבערשטע פּאָלקע און דאפקע אין א „זשאָסטקע״ און בעפּירעש, זאָג איך אײַך, אין א קוריאשטשע וואגאָן).

האָב איך זיך, הייסט עס, אויסגעצויגן אף דער אייבערשטער פּאָלקע, מאך צו די אויגן, ווי איינער רעדט: איך טשעפּע דיך ניט, טשעפּע דו מיך ניט...

מיינט איר, דער צאָן מײַנער, האָט זיך בארויִקט? ווייס איך וואָס! נאָיעט און נאָיעט און נאָיעט. ווער איך שוין אין קאס — און איך נעם און שפּרינג אראָפּ פון דער פּאָלקע, טו מיר א פּאָרקע אין טשעמאָדאן און שלעפּ ארויס מײַן דאָמינאָ.

— כאווײרימלעך, — רוף איך אויס, — ווער האָט כיישעק צו א בלאנדזש?..

באלאָנים האָבן זיך טייקעף געפונען. איינער עפּעס אן אויסגעצויגענער פארשלאָפענער נעפעש מיט א צעקנייטשט פּאָנעם, א שטיקל מאכער פון „זאגאָטסקאָט״, זײַנע א שכיינע — א געפּארבטע דאמע מיט א פּירגאָרנדיקן גוידער, מיִעס ווי דער טויט, נאָר זי האלט זיך אין איין כיינדלען צום פארשלאָפענעם נעפעש; דער דריטער — מײַן פּארטניאָר, טאקע פון די סטודענט־לעך, א זשוואוו באָכערל, א דורכגעטריבנס, א ציגל אף שרײַפּעלעך. מיר טוען זיך א צעזעץ און איך גיב א ווונק צו מײַן באָכערל: העלף, סעריאָזשקע, וועל איך זיי באווײַזן, ווער בערקע דער קאָוועל איז. דער דובל איינס איז בא מיר, איך קלאַפּ אפּן דרײַער און סעריאָזשקע איז מיוון־קאָל־דיבער. די דאמעטשקע מיטן גוידער טרעפט אלע מאָל מיטן פינגער אין הימל און דער פארשלאָפענער נעפעש איז מאָלע־רעציכע אף איר, נאָר עס העלפט ניט — סעריאָזשקע דעקט דעם לעצטן דרײַער און מיר פארשרײַבן זיך די ערשטע איין און פערציק אויגן.

האקלאל, מע קלאפּט מיט די שטיינער, אז עס גייט א רויך. דער פארשלאָפענער שוויצט שוין און שרײַט אף דער דאמעטשקע, נאָר ער בלײַבט ווידער מיטן דובל זעקס אף דער האנט — נאָכאמאָל אונדזערע דרײַסיק אויגן!

די דאמעטשקע שמייכלט מיט א שולדיק שמייכעלע צום פארשלאָפענעם, נאָר יענער ברענט, ער בעט זיך שוין בא איר מיט אן איבערגעטריקנט קאָל: לאָמיר כאָטש ניט בלײַבן קיין „סוכיִע קאָזלי״ — קיין „טרוקענע צאפּעס״, הייסט עס.

עס טראסקען די שטיינער, פּאָשעט א מעכײַע, און אָט האָבן מיר שוין... שא נאָר, וויפל באדארפן מיר דען? מיר האָבן שוין אונדזערס, נאָך מיט א סמיטשיק.

— די טרוקענע צאפּעס א גרויסארטיקן וויוואט! — שרײַט אויס מײַן סטודענטל, און איך בין צופרידן, איך קײַקל מיך פון געלעכטער און — מיטאמאָל... אוי, מיטאמאָל! מיטאמאָל גיט עס מיך א טראָג אויף! גאָטעניו, טאטע־פּאָטער, כאָטש דראפּע זיך אף די גלאטע ווענט! דער צאָן האָט זיך עס צעבושעוועט, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, איך מוז אוועק פון דער שפּיל...

איך פארוק מיך שוין אין א ווינקל און זיץ אין געהאקטע ווונדן. זיץ איך אזוי, הייסט עס, מיט אן אראָפּגעלאָזטער נאָז. איר שטעלט זיך פאָר, ווי איך האָב דעמלט אויסגעזען: די מאָרע־שכוירע האָט, מינאסטאם, אראָפּגעוויינט פונעם פּאָנעם...

און פּלוצעם טוט זיך אן עפן די טיר פון וואגאָן און עס קומט ארײַן — ווער מיינט איר? — אן אינטוריסט! אן אויסגעצאצקעטער, מיט געקעסטלטע פּלודערן. נאָך די אייגעלעך, וואָס פליִען הין און צוריק און זוכן, זוכן, זוכן, איז צו זען, אז ער איז ניט פון דעם מין אינטוריסטן, וועלכע ווילן וויסן, ווער מיר זײַנען און וואָס מיר זײַנען. נייִן! קיין גוטס וויל ער ניט זען.

אהא! איך שפּיר, דער פארשוין לאָזט זיך צו מיר. וואָס בין איך אים אזוי געפעלן געוואָרן, האָב איך טייקעף פארשטאנען: ער זעט א יִידישע נאָז און דערצו נאָך — אן אראָפּגעלאָזטע, האָט ער זיך דערפרייט.

נו, נו, קלער איך מיר, צו מײַן ציינווייטעק פעלט מיר ניט מער, ווי אזא אינטוריסט. ווײַל ווערדליק איך בין א מיוון אף דיפּלאָמאטיע, ווייס איך, אז פאר א פערד באדארף מען זיך היטן פון הינטן, פאר א צאפּ — פון פאָרנט און פאר נײַגעריקע אף שלעכטס — פון אלע זײַטן. נאָר בערקע דער קאָוועל איז ניט פון די שרעקעוודיקע און קיין דיפּלאָמאטיע דארף מען אים אויך ניט לערנען. אף מײַן ציינווייטעק ווילסטו מאכן ביזנעס? — פּרווו!

— העלאָ! — גיט ער מיר גוטברודעריש א קלאַפּ אין דער פּלייצע, אזוי, אז דאָס ציינדעלע מײַנס גיט זיך מיר א פארשנײַד אין די געהירן, ערגעץ אָטאָ אָ־דאָ.

---

[1] — קומט צו גיין, איך וועל זיך ניט אויסבאהאלטן.

— אלאָ, אלאָ, מיסטער! — דערלאַנג איך אים צוריק אַ בענטש אין פּלייצע, זאָל ער וויסן, אַז מיר זײַנען אויך ניט אַבי־וועד.

דער נײַער באַקאַנטער מײַנער מיט די גזקעסטלטע הויזן פאַרקרימט זיך אַף אַ רעגעלע (קיין אײַנהאָרע, אַ שווער הענטל בּאַ מיר). אָבער באַלד קומט ער צו־זיך און צעשמייכלט זיך פרײַנטלעך.

— אָ, מײַן ליבער מיסטער, — מאַכט ער צו מיר, — נאָך אײַער קלאַפּ פיל איך, אַז איר זײַט פּולשטענדיק אַלרײַט. ווי זשע קומט עס, וואָס בּאַ אײַך זײַנען אַזוינע טרויעריקע אויגן, עס שפּירט זיך אין זיי דער אַלטער יידישער טרויער...

— איך ווייס ניט, — ענטפער איך, — צי דער אַלטער, צי דער נײַער, צי דער ייִדישער, צי דער ניט־ייִדישער, נאָר איר האָט געטראָפן: הײַנט בין איך ווירקלעך טרויעריק, כאָטש אַזוי בין איך, ווי זאָגט איר דאָרט, גאַנץ אַלרײַט.

— וואָס זשע איז מיט אײַך אַזוי דער טרויער, מײַן ליבער ייִד?

— אַך, פרעגט גאָר ניט. מײַן טײַערע, מײַן ליבהאַרציקע שוויגער, זאָג איך, איז, נעבעך, אָפּגעשטאָרבן.

— אַזוי? אוי־וואַ, אוי־וואַ! שוין לאַנג איז דער אומגליק געשען?

— אַ יאָר פערציק צוריק... און יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך אין מײַן טײַערער שוויגער, גייט מיר דורך אַ גרויל איבערן לײַב.

און איך נעם און דערצייל אים אַ מײַסע מיט אַ שוויגער אַ שלאַק. מײַן פלױנעסטע, מײַן טײַבעלע, פאַרשטייט איר מיך, האָט געשטאַמט פון לויטערן ייִכעס — סאַמע שאַמאָסים מיט מעלאַמדים. איז דער שוויגער מײַנער ניט אָנגעשטאַנען, לעמײַ אין דער זײַדענער מישפּאָכע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאָשעטער אַמכאָ, אַ קאָוועל. מיילע, ווילסטו בורטשען, בורטשע! אַבי איך לעב מיר גוט מיט מײַן טײַבעלען. מיינט איר, זי האָט זיך באַרויִקט? — ווייסען! זי האָט אָנגעהויבן פירן אַ „קאַלטע מילכאָמע״. איך ווייס אָבער, אַז אַף מײַן טײַבעלען ווירקט ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע. שווײַג איך ווידער. וואָס זשע טוט מײַן שוויגערוניע, אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל זי האָבן! זי נעמט ברעכן טעפּ און טעלער און מאַכט היסטעריקעס מיט סקאַנדאַלן! ס'אַ ביזויען, זאָג איך אײַך, פאַר דער וועלט. נו, דאָ האָב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן! אַרויס, ווי זאָגט איר, מיטן בײַטשל. אהין־אַהער, ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך — זי האָט זיך יאַקאָס אײַנגעשטילט, פאַרשטאַנען, אַז פאַר בערקע דעם קאָוועל באַדאַרף מען האָבן דערעכערעץ. און מיר האָבן אײַנגעשטעלט, ווי זאָגט איר דאָרטן, אַ פרידלעכן קאָנטאַקט. ס'איז געוואָרן כײַ־געלעבט! שאָלעם־וועשאָלוועַ, מירנאָיע סאָסושטשעסטוואָוואַניע. הײַנט פאַרשטייט איר שוין, מײַן האָכגעשעצטער מיסטער, ווו דער הונט איז באַגראָבן?

— איר זײַט אַ מאָדנע פאָלק, — שמייכלט מײַן אינטוריסט, — יעדע זאַך פירט איר אַריבער אַף פּאָליטיקע. אָט האָט בּאַ אײַך געטראָפן אַן אומגליק מיט דער שוויגער, אַפילו פון אַן אומגליק מאַכט איר פּאָליטיקע.

— וואָס זשע ווילט איר, מיר זאָלן פון פּאָליטיקע מאַכן אַן אומגליק? איך ווייס ניט, ווי בּאַ אײַך, — בּאַ אונדז איז עס שטרענג פאַרבאָטן.

— דאָס אַלץ איז העכסט אינטערעסאַנט, — מאַכט ער צו מיר, און שלעפּט אַרויס אַ ביכעלע מיט אַ זילבערנעם בלײַפעדער...

ט'האָסטו, קלער איך זיך, באַלד וועלן זיך אָנהייבן דיפּלאָמאַטישע קאָשעס. און אַרום איז שוין אַ היפּש רעדל. דער אוילעם מונטערט מיך פון אַלע זײַטן: — בערקע, האַלט פּאָסאָן!

— פּליז! — ווענדט זיך צו מיר מײַן אינטוריסט. — זאָגט מיר, ס'איז עמעס, אַז...

— ס'אַ ליגן! — פאַל איך אים אַרײַן אין די רייד, — שעקער־וועקאָזעוו, אַפּן בוידעם אַ יאַריד, עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס!

— נו, דאַן איז אַ בלאָף, הייסט עס, אַז...

— כאָלילע, — שלאָג איך אים ווידעראַמאָל איבער, — ווער זאָגט אײַך „אַ ליגן״, ס'איז לויטער עמעס, ריין ווי גינגאָלד, איך שווער אײַך באַם לעבן!

דער אינטוריסט איז פאַרבליבן מיט אַן אָפענעם מויל און פינטלט מיט די אויגן:

— פּליז! אַנטשולדיקט, מיסטער, איך האָב דאָך ניט פאַרענדיקט מײַן געדאַנק. ווי האָט איר גלײַך אַדוועַרטײַזט, וואָס איז עמעס און וואָס איז בלאָף?

— איך פאַרשפּאָר שוין, ווי זאָגט איר דאָרט, אַדוועַרטײַזן, איך ווייס אָפּצופריִער, אַז אַלץ, וואָס איר האָט אַרויסגעלעזן וועגן אונדזער לאַנד אין אײַערע בלעטער, איז לויטער פאַרקערט. דעהײַנע: שטייט דאָרטן, אַז ס'איז „עמעס״, מעגט איר זיכער זײַן — ס'איז ליגן־שעבעליגן. שטייט דאָרטן „בלאָף״ — איז עס ריינער עמעס.

— אלזאָ, — נעמט זיך ווידעראַמאָל צו מיר מײַן נײַער באַקאַנטער, — איך זע, אַז איך האָב אָנגעטראָפן אַף אַ קלוגן באָי, איר מוזט פאַרמאָגן אַ גוטן דזשאָב, אַ געשעפט, הייסט עס, אָדער איר מוזט זײַן אַ הויכגעשעצטע פּערזאָן באַ אײַך אין לאַנד.

— וואָס זשע, — וווּנדער איך זיך, — איר האָט אין אַמעריקע ניט געהערט פון בערקע דעם קאָוועל? ניין? הערט אַ מײַסע. בערקע דער קאָוועל, זאָלט איר וויסן, דאָס בין איך: איך האָב מיר פײַנט צו באַרימען, נאָר... — און דאָ שיט איך אים אַרויס אַלץ וועגן זיך, ווי איך האָב אַמאָל געבידעוועט און ווי איך לעב אַצינד, און ווי איך האָב אויסגעכאָוועט דרײַ זין, פון וועלכע צוויי זײַנען אומגעקומען אַפן פראָנט, און ווי איך פאָר אַף אורלויב צום לעבעדיקן זון, וועלכער אַרבעט אַצינד אַלס שעף־מעכאַניקער אין איינעם פון די גרעסטע זאַוואָדן אין דער וועלט, און ווי...

נאָר דאָ שלאָגט מיך דער אויסלענדער איבער:

— זאָגט מיר נאָר, מיסטער בערקע, ווי הייסט ער, אײַער זון? דער נאָמען זײַנער אינטע־רעסירט מיך.

— אווראָם הייסט ער, אַבראַשע.

— אַבראַשע, — כידעשט ער זיך, — נו און זײַן ווײַבל ווי הייסט?

— סאַרע, — זאָג איך, — סאַרעטשקע, אַ טײַער קינד.

— אַבראַשע און סאַרעטשקע? — ציט ער אויס מיט אַ בײַקעלכל און סטראָצלט אויס אַף מיר אָט אַזעלכע אויגן. — אַזוי טאַקע רופט מען זיי? און אַזוי זײַנען זיי פאַרשריבן אינעם פּאַספּאָרט?

— אַזוי טאַקע רופט מען זיי און אַזוי זײַנען זיי פאַרשריבן, — ווער איך שוין בייזלעך.

— און זיי האָבן קיינמאָל, — פרעגט ער, — קיינמאָל ניט געביטן זייערע נעמען?

דאָ בין איך שוין אַרויס פון די קיילים, אַז איך האָב שיר ניט פאַרגעסן מײַן גאַנצע דיפּלאָמאַטיע.

— הערט נאָר אויס, מיסטער, צו וואָס דאַרפן מיר בײַטן אַזעלכע טײַערע נעמען, ווי אווראָם און סאָרע? ס'איז עפּשער דערפאַר, ווײַל איך רייד וועגן מײַנע אייגענע קינדער, נאָר מיר דוכט, אַז קיין שענערע נעמען זײַנען גאָר אַף דער וועלט ניט פאַראַנען! ס'קאָן זײַן, — מאַך איך, — אַז אָט די נעמען שטייען דאָרטן באַ אײַך עמעצן אין גאָרגל, האָב איך, זאָג איך, צו אים גאָרניט. ער מעג דערוואָרגן ווערן געזונטערהייט. כ'וועל זיך ניט מישן! איך האָב דאָך שוין איין מאָל גע־זאָגט: איך בין פאַר אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן — מירנאָיע סאָסושטשעסטוואָוואַניע.

— העלאָ! — גיט מיר דער אויסלענדער ווידעראַמאָל אַ גוטברודערשן קלאַפּ אין פּלייצע. — בעשאַס איך בין צוגעגאַנגען צו אײַך, זײַט איר געווען זייער טרויעריק, אַצינד זײַט איר ווערי־גוד, צי דען האָט איר פאַרגעסן אײַער שוויגער?

— מיסטער, — קלאַפּ איך אים אָפּצוריק אין פּלייצע, — אַז מע שמועסט מיט אַ קלוגן מענטשן, פאַרגעסט מען אין אַלע צאָרעס.

האַקלאַל, מיר האָבן זיך גאַנץ פײַן אָפּגעזעגנט, פאַרבעטן איינער דעם אַנדערן צוגאַסט, און איך האָב אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל לעמאַנהאַשעם ניט פאַרגעסן צו דערציילן זײַנע לאַנדסלײַט וועגן בערקע דעם קאָוועל, ווײַל אויב אין אַמעריקע האָט מען ניט געהערט וועגן בערקען, איז מיר אַ ראַכמאָנעס אַף אַמעריקע. די שכיינים מײַנע פון וואַגאָן האָבן אויך צוגעשטימט.

צו די קינדער בין איך געקומען צו פאָרן אַ פרישער, אַ געזונטער, אַ מאָווערדיקער! נו, און דער צאָן מײַנער? ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט ווי געטאָן!

. . . .

אַזאַ אינטוריסט, ווי מײַנער, איז, הערט איר, אַ סגולע צו ציינווייטעק!

עפראַיִם לויטער

געבוירן אין 1889 אין בערדיטשעוו. אנגעהויבן זיך דרוקן וועגן טעאטער־פראגן אין 1910. ארבעט אלס רעזשיסער און פעדאגאָג. וווינט אין מאָסקווע.

באגעגענישן מיט וואכטאנגאָוון

עס טרעפט אמאָל: א וויכטיקע געשעעניש אין לעבן קריצט זיך אזוי שטארק אײַן אין זיקאָרן, אז ס'איז גענוג נאָר א טראכט טאָן וועגן דעם, און עס שטייען אויף העלע, צאפלדיקע בילדער, עס לעבן אויף א סאך קלייניקע, נאָר בוילעטע דעטאלן, וואָס מאכן די בילדער נאָך דײַטלעכער, רעאלער. אין דער זעלבער צײַט לאָקערט ערגעץ אין א ווינקעלע פון באוווסטזײַן אן אומרויִקער געדאנק: „איז דאָס אלץ טאקע אינדערעמעסן פאָרגעקומען?“

אָט אזא געדאנק האָט פלוצלינג א פלאטער געטאָן בא מיר אין קאָפּ, ווען כ'האָב זיך דערמאָנט אין די באגעגענישן מיטן גרויסן סאָוועטישן רעזשיסער יעווגעני באגראַטיאָנאָוויטש וואכטאנגאָוו.

אין הארבסט 1921 איז וואכטאנגאָוו שוין געווען זייער קראנק. מיר האָבן דאָס דעמלט ניט געוווּסט, און ער אליין האָט אפילע מיט קיין וואָרט ניט געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם. ער פלעגט גריוועך זײַן די פײַנפולע ווייטעקן און האָט מעסירעסנעפעשדיק געארבעט און געארבעט: געווען אקטיאָר און רעזשיסער אין קינסטלערישן טעאטער, אָנגעפירט מיט דער דריטער סטודיע, געגרייט „די פרינצעסן טוראנדאָט“, רעפעטירט אין „האבימאָ“ די פיעסע „הדיבוק“. און דאָך האָט וואכטאנגאָוו נאָך א געשפרעך מיט מיר, דעם פאָרשטייער פון דער טעאטער־סטודיע „קולטור־ליגע“, מאסקים געווען באלד נאָך אונדזער אריבערפאָרן פון קיִעוו קיין מאָסקווע אָנהייבן ארבעטן בא אונדז אלס פעדאגאָג און רעזשיסער.

וואכטאנגאָוו האָט ניט געענדערט זײַן באשלוס אפילע נאָך א שארפן סיכסעך מיטן קאָלעקטיוו פון זײַן סטודיע (איצט — טעאטער אף וואכטאנגאָווס נאָמען). „וואכטאנגאָוו איז דעמלט געווען פארכאפט מיט דער ארבעט אין „האבימאָ“, — דערציילט איינע פון די עלטסטע אקטריסעס פון וואכטאנגאָוו־טעאטער א. אָראָטשקאָ אין איר בוך „שמועסן וועגן וואכטאנגאָוון“, — נאָר מיר האָבן געהאלטן, אז ער איז אונדזערער, און זײַנען געווען זייער אייפערזיכטיק. דערנאָך איז צו אים געקומען די סטודיע „קולטור־ליגע“. דעמלט האָבן מיר שוין געמאכט א שרעקלעכן סקאנדאל און געשטעלט די פראגע אולטימאטיוו. וואכטאנגאָוו איז אף אונדז אין קאס געוואָרן, געזאָגט: און איך וועל פונדעסטוועגן ארבעטן מיט די דאָזיקע מענטשן! ער איז אוועק און עטלעכע טעג צו אונדז ניט געקומען... ווען מיר האָבן זיך שטארק געבעטן בא אים, ער זאָל אונדז מויכל זײַן און קומען אין סטודיע, האָט ער אונדז געענטפערט: צי דען פארשטייט איר ניט, אז ניט נאָר איך בין זיי נייטיק, אויך זיי זײַנען מיר נייטיק. איך דארף וויסן, וואָס זײַנען דאָס פאר א מענטשן. דאָס זײַנען דאָך נײַע מענטשן“.

• • •

מײַן ערשטע באגעגעניש מיט וואכטאנגאָוון איז פאָרגעקומען אין דער נײַער געבײַדע פון דער „דריטער סטודיע“ אף דער מאָסקווער גאס ארבאט. וואכטאנגאָוו האָט מיר געזאָגט, אז דער סטודיסט ס. מארגאָלין האָט אים שוין עטוואָס דערציילט וועגן אונדזער קאָלעקטיוו. „אָבער אין מארגאָלינס רייד, — האָט ער מיט א גוטמוטיקן שמייכל באמערקט, — איז געווען א סאך אנציקונג, באגײַסטערונג, ייִדישע עקזאלטאציע, נאָר זייער ווייניק פאָשעטע פאקטן“. דעריבער האָט וואכטאנגאָוו מיר פאָרגעלייגט דערציילן „פּאָשעטע פאקטן“ וועגן דער סטודיע. צום אלעמערשטן האָט אים אינטערעסירט, מיט וואָס איז זי, די סטודיע, אזוי ניט צופרידן, וואָס זי האָט אין אזא שווערער צײַט באשלאָסן אריבערפאָרן פון קיִעוו קיין מאָסקווע. ווען איך האָב געענטפערט, אז די סטודיע איז הויפטזאכלעך ניט צופרידן דערמיט, וואָס זי פילט, אז זי הייבט אָן זײַן צופרידן מיט זיך, האָט זיך בא אים ארויסגעריסן דאָס וואָרט „מאָלאָדצי!“ ווײַטער האָט ער מיך געהערט מיט גרויס אינטערעס. פאר דריטהאלבן יאָר האָבן אין דער קיִעווער סטודיע געארבעט א ריי אָנגעזעענע טעאטער־טוער פון פארשיידענע ריכטונגען. איינער פון זיי, דער ארטיסט פון א קיִעווער אוקראַיִנישן טעאטער שימען סעמדאָר, האָט זיך ארויסגעזאָגט פאר גרינטלעכע ענדערונגען אין טעאטראלער קונסט און איז געשטאנען אף עקסטרעם „לינקע“ פאָזיציעס בענעגייע דעם מכאטי.[1]

— אזוי פירט זיך שוין איצט! — האָט וואכטאנגאָוו אויסגערופן. — ווילסטו באקומען א נאָמען פון א „לינקן“, זידל דעם מכאט!

אין קיִעוו, דערצייל איך וואכטאנגאָוון, איז אויך די זעלבע „מאָדע“, און גיב צו, אז סעמדאָר פלעגט אין דער סטודיע ארויסטרעטן קעגן מכאט אויך דערפאר, ווײַל דער קינסטלערישער טעאטער און די סטאניסלאווסקי־סיסטעם זײַנען, לויט זײַן אויסדרוק, „א פּראָדוקט

---

[1] מכאט — מאָסקווער קינסטלערישער אקאדעמישער טעאטער.

פון דער רוסישער קולטור און זײַנען אינגאַנצן פרעמד דער ייִדישער קולטור און דעם ייִדישן טעאַטער״.

וואַכטאַנגאָוו האָט זיך צעלאַכט: און נאַראָנים פון אַלע עקן וועלט ווילן זיך לערנען דאַפקע באַם מכאַט, באַ סטאַניסלאַווסקין! ער וווּנדערט זיך, פאַרוואָס מ׳האָט אים, וואַכטאַנגאָוון, ניט אַרויסגעטריבן פון דער אַרמענישער סטודיע, וויאַזוי לײַדט מען אים אין „האַבימאָ״ שוין עטלעכע יאָר? נאָך מער „כידעשט״ ער זיך, פאַרוואָס זשע בעטן מיר אים איצט אַרבעטן באַ אונדז אין סטודיע?

איך דערקלער אים, אַז סעמדאַר אַרבעט שוין לאַנג ניט באַ אונדז. זײַנע „טעאָריעס״ וועגן מכאַט האָט דער קאָלעקטיוו שוין לאַנג פאַרגעסן. נאָר דער סטודיע איז אויסגעקומען גויווער זײַן נאָך פאַרשיידענע שווערע שעפערישע ניסיוינעס, „ספּעציפיש ייִדישע״, אויב כ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

אַ קורצע צײַט האָבן איינציקע מיטגלידער פון קונסטראַט געפּרוּווט דערווײַזן, אַז די ייִדישע טעאַטראַלע קונסט קאָן און דאַרף זײַן נאָר... אַ מיסטישע. די פריידיקער פון דער „מיסטישער טעאָריע״ האָבן זיך פאַרופן דערהויפּט אויף דער ייִדישער רעליגיעז־מיסטישער ליטעראַטור, אויף

דעם כאַסידיזם אאַז״וו. פון דער כסידישער הישלײַוועס, פון דעם כסידישן עקסטאַטישן צושטאַנד בעשאַס טפילע־טאָן האָבן זיי געדרונגען, אַז די רעאַלע פאַרקערפּערונג פון דער „מיסטישער טעאַטער־קונסט״ איז די עקסטאַטישע אַקטיאָרישע שפּיל, ד.ה. אַזאַ אַרט שפּיל, ווען דער אַקטיאָר איז אינגאַנצן באַהערשט נאָר פון זײַנע אויפגערודערטע געפילן. איך האָב דערציילט וואַכטאַנגאָוון, ווי דער באַוווּסטער אַלטער ייִדישער דראַמאַטישער אַקטיאָר יאַנקעוו ליבערט האָט נאָכן „פּערעץ־אָוונט״ אין סטודיע באַמערקט מיט אויפריכטיקן מיטלײַד:

— ס׳איז דאָך אַ ראַכמאָנעס אויף די יונגע כעווערלײַט. איינציקע פון זיי שפּילן אָפּט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די אויגן קריכן באַ זיי אַרויס אויף דער פּאָטיליצע. מ׳קאָן זיך אַזוי דערשפּילן ביז אַ בלוטשטורץ!

מיר איז ניט אײַנגעפאַלן, אַז וואַכטאַנגאָוו וועט גוט פאַרגעדענקען ליבערטס ווערטער און וועט זיי דערנאָך קימאַט פּינקטלעך איבערכאַזערן, ווי מיר וועלן דאָס זען שפּעטער.

די „מיסטישע שול״ איז אינגיכן פאַרוויאַנעט געוואָרן. עס האָט זיך צעבליט אַן אַנדער שול — די סימבאָלישע, וואָס האָט אין טאָך אָפּגעהיט די פאַרעלטערטע פּרינציפּן פונעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסישן סימבאָלישן טעאַטער, נאָר באַפּוצט זיי מיט אַ נײַער, קלוימערשט „רעוואָליוציאָנערער״ פראַזעאָלאָגיע. אייגנטלעך, האָט די נײַע „שול״ געהאַט אין זיך זייער אַ סאַך פון דער פריִערדיקער, פון דער מיסטישער. דער כילעק צווישן זיי איז געווען בלויז דער, וואָס אויב די פריִערדיקע איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן ייִדישלעכע, איז די נײַע געווען אַן „אַלוועלטלעכע״, אַ קאָסמישע, ווי איינציקע „לינקע״ קונסט־טוער האָבן דעמלט ליב געהאַט זיך אויסדריקן. די, וואָס האָבן געשטרעבט אַוועקצופירן אונדז אַפּן וועג פון סימבאָליזם, האָבן געטײַנעט, אַז די סטודיע דאַרף דערציִען די פייִקײַט צו אַנטפּלעקן פאַרן צושויער מיט דער הילף פון סימבאָלן די אומרעאַלע וועלט.

וואַכטאַנגאָוו האָט מיר איבערגעשלאָגן די רייד און געפרעגט, צי אונדזערע „סימבאָליקער״ אינטערעסירן זיך, וואָס עס איז נאָך דער רעוואָליוציע פאָרגעקומען מיט די גרעסטע פּאָעטן־סימבאָליקער — אַלעקסאַנדער בלאָק און וואַלערי ברױסאָוו; צי ווייסן זיי, וואָס די דאָזיקע דיכטער האָבן די לעצטע יאָרן געשריבן, וויאַזוי זיי האָבן געשריבן; צי ווייסן זיי כאָטש וועגן בלאָקס פּאָעמע „צוועלף״?

ווײַטער האָב איך דערציילט אויך וועגן דעם „טאָנאַלפּלאַסטישן מעטאָד״, וועלכן עס האָט געשטרעבט לייגן אין גרונט פון אונדזער שאַפונגס־אַרבעט איינער פון די סטודיע־אָנפירער יוסעף קונין (אין די אַפישן און פּראָגראַמעס פונעם ספּעקטאַקל „מאָשיִעך בען יוסעף״ — דראַמאַטישע פּאָעמע פון ביינוש שטיימאַן, שטעלונג פון אַ. סמירנאָוו — איז קונין אַפילע געווען אָנגערופן „טאָנאַלער רעזשיסער״), וועגן די עפעקטפולע און פּילפאַרביק אַראַנזשירטע „סימפאָנישע פאָרלעזונגען״, וואָס קונין האָט צוגעגרייט. וואַכטאַנגאָוו האָט מיך אויסגעהערט און געפרעגט, וויאַזוי האָבן מיר אין אַזאַ מישמאַש פון „שולן״ און „מעטאָדן״ געקאָנט שאַפן דעם ספּעקטאַקל „מאָשיִעך בען יוסעף״, שטעלן אים אין קיִעוו און נאָך מיט דערפאָלג.

איך האָב זיך געפילט ווי אַ טאַלמיד, ווען דער רעבע פאַרהערט אים און שטעלט אַן אומגעריכטע און שווערע קאַשע, דאָך האָב איך געזאָגט, אַז דער ספּעקטאַקל „מאָשיִעך בען יוסעף״ איז געווען אַ באַדײַטנדיקע דערשײַנונג אינעם לעבן פונעם ייִדישן טעאַטער אויף אוקראַינע און צוגעגעבן, אַז די סטודיע האָט נאָך אין איר רעפּערטואַר דעם „פּערעץ־אָוונט״. דער „אָוונט״ איז צוגעגרייט געוואָרן אונטער דער רעזשי פון י. קונין און דעם אוטאָר פון אָט די שורעס. קונין האָט געשטעלט „בערל שנײַדער״ און „מעקובאָלים״, איך — „שוועסטער״, „נאָך קוורע״, „מוטער״. נאָרביידע טיילן פונעם „פּערעץ־אָוונט״ האָט פאַראייניקט איין גרויסער כיסאָרן — עקלעקטישקײַט. ס׳איז שווער געווען אַרויסזען אין דעם „פּערעץ־אָוונט״ דאָס שעפערישע פּאָנעם פון דער סטודיע. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געצוווּנגען דעם קאָלעקטיוו זיך פאַרטראַכטן וועגן זײַן ווײַטערדיקן שעפערישן וועג.

אין פּראָצעס פון דער אַרבעט אויף „מאָשיִעך בען יוסעף״ זײַנען מיר אַלע געווען פאַרבלענדט פון דער נײַקײַט פון דעם קינעטיקן ספּעקטאַקל. מיר זײַנען געווען

פארכאפט שוין פון דעם אליין, וואָס דער ספעקטאקל וועט אנטשיידן אײַנרײַסן מיטן קליינבירגערלעכן ייִדישן טעאטער, מיט זײַן נאטוראליזם און נישטיקן רעפערטואר. אָבער וואָס נעענטער די ארבעט אפן ספעקטאקל איז צוגעקומען צו דער לאנג דערווארטעטער פרעמיערע, אלץ מער זײַנען געבוירן געוואָרן אומרויִקע געדאנקען. לעמאָשל: אויב אפילע דערלאָזן, אז ב. שטיימאנס „מאָשיִעך בען יויסעף“ קאָן סצעניש יאָ פארקערפערט ווערן בלויז מיט די מיטלען פון באדינגלעכן טעאטער און „סימפאָנישער פאַרלעזונג“, איז ווי וועט זײַן מיט די ווערק פון אונדזערע קלאסיקער־רעאליסטן מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אלייכעם, פערעץ, מיט די ווערק פון די הײַנטצײַטיקע שרײַבער?

וואָס ווײַטער, האָבן אלץ שטארקער געעגבערט דעם מויעך הארבע קאשעס. סאָפקאָלסאָף איז קלאָר געוואָרן, אז פארן סטודיע־קאָלעקטיוו איז פאראן נאָר איין אויסוועג — ניט שעמען זיך און אפסנײַ זיך אוועקזעצן אף דער שילער־באנק און אָנהייבן פון אלעפבייס. דערבײַ איז אנערקענט געוואָרן, אז די איינציקע שול, וואָס קאָן העלפן דער סטודיע — נאָך אלע אירע בלאָנדזשענישן — צו גויווער זײַן די פריִערדיקע טאָעסן, איז די שול פונעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער, וועלכע האָט איין וועגווײַזער — די סטאניסלאווסקי־סיסטעם.

— די שול פון מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער... די סטאניסלאווסקי־סיסטעם... — האָט שטיל און פארטראכט איבערגעכאזערט וואכטאנגאָוו. — אָבער פארוואָס זשע זײַט איר געקומען גראָד צו מיר?

איך האָב באשלאָסן דערציילן אים דעם גאנצן עמעס. מיר, אָנפירער פון דער סטודיע, זײַנען מעכויעוו געווען געדענקען, אז נאָכן שווערן פעריִאָד פון כאָקן און מאָזלען, וואָס די יונגע סטודיע האָט איבערגעלעבט, דארף מען זײַן זייער פאָרזיכטיק באם אײַנלאדן א פאָרשטייער פונעם קינסטלערישן טעאטער אלס גרונט־פעדאגאָג און רעזשיסער. מיר האָבן געוווּסט, אז א ריי אקטיאָרן פונעם מכאט, וואָס האָבן דעמלט געפירט א ברייטע רעזשיסעריש־פעדאגאָגישע טעטיקײַט אין אייניקע סטודיעס, זײַנען געווען זייער „פרום“, זיי האָבן אָרטאָדאָקסאל, צומאָל אפילע פעדאנטיש אָפגעהיט דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אין די פריִערדיקע יאָרן אויסגעלערנט. זיי האָבן מוירע געהאט, כאָלילע, צו זוכן, פרוּוון, עקספערימענטירן, אָבער וואכטאנגאָוו האָט שוין דעמלט געפרוּווט ברייט עפענען טיר־און־טויער פאר די פרישע טעאטראלע ווינטן פון יענער ברויזנדיקער צײַט.

וועגן דעם אלעם האָב איך אָפן דערציילט וואכטאנגאָוון און מיט אומרו געווארט, וואָס וועט ער מיר ענטפערן אף דער אײַנלאדונג אָנצוהייבן ארבעטן בא אונדז אלס פעדאגאָג און רעזשיסער.

וואכטאנגאָוו האָט זיך ווידער פארטראכט. נאָך א היפשער פאוזע האָט ער מיך דערפרייט דערמיט, וואָס ער האָט דערווײַל זיך ניט אָפגעזאָגט. זײַן ענטפער האָט ער אָפגעלייגט אף מאָרגן.

• • •

אף מאָרגן האָט וואכטאנגאָוו זײַן שמועס מיט מיר אָנגעהויבן גלײַך וועגן זײַן ארבעט אין אונדזער סטודיע, ווי וועגן א זאך, וואָס איז שוין באשלאָסן. די ערשטע צײַט באלד נאָך אונדזער קומען קיין מאָסקווע, אינמיטן דעקאבער, וועט ער קיין סאך ניט קאָנען ארבעטן, האָט ער געמאָלדן, אָבער אין די ערשטע וואָכן פון יאנוואר האָפט ער פארענדיקן די ארבעט אפן „האדיבוק“, און דעמלט וועט ער קאָנען שענקען אונדזער סטודיע א גרויסן טייל פון דער צײַט, וואָס ער פלעגט אָפגעבן דער סטודיע „האבימאָ“. אויסער דעם, דארף נאָך בא אונדז ארבעטן א גרופע פעדאגאָגן אלס זײַנע געהילפן. דאָס וועלן זײַן דערהויפט אקטיאָרן פון דער דריטער סטודיע. דאָס איז נייטיק, קעדיי פארשנעלערן דעם לערן־פעריִאָד. מע טאָר, לויט זײַן מיינונג, לאנג ניט פארהאלטן אף הוילע לימודים א קאָלעקטיוו, וואָס איז שוין ארויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע ספעקטאקלען. אים איז קלאָר, אז אין סטודיע האלט זייער שוואך מיט סצענישער באוועגונג („סימבאָלישע באוועגונגען! סימבאָלישע זשעסטן!“ — האָט ער דערבײַ, ווי צו זיך אליין, א זאָג געטאָן מיט א שמייכל), און דעריבער וועט איינער פון זײַנע געהילפן פירן א ספעציִעלן לימעד — „סצענישע באוועגונג און ריטם“. נאָך ערגער, ווײַזט אים אויס, האלט מיט מוסקול־אָנשטרענגונג. דאָ האָט וואכטאנגאָוו פלוצעם זיך גוטמוטיק צעלאכט:

— א כאָכעם אײַער אלטער ייִדישער אקטיאָר! ווי האָט ער געזאָגט? „די אויגן אף דער פאָטיליצע... מיקאָן אזוי דערשפילן זיך ביז א בלוטשטורץ!“ א כאָכעם דער אקטיאָר!

וואכטאנגאָוו האָט באדויערט, וואָס דער אלטער אקטיאָר ווייסט ניט, אז בא סטאניסלאווסקין הייסט עס מוסקול־אָנשטרענגונג. נאָר ווי עס זאָל ניט הייסן, אלציינס מוזן די סטודיסטן באפרײַען זיך דערפון.

וואכטאנגאָוו אליין וועט די ערשטע צײַט פארנעמען זיך דערהויפט מיט דורכקוקן די מער באדײַטנדיקע עטיודן, וואָס די סטודיסטן וועלן באווײַזן צוגרייטן אונטער דער אָנפירונג פון די פעדאגאָגן. דעם אנאליז און די קאָרעקטור פון די דאָזיקע עטיודן וועט ער אויסנוצן אלס מאטעריאל פאר זײַנע שמועסן וועגן דער סטאניסלאווסקי־סיסטעם. „ווי איך, וואכטאנגאָוו, פארשטיי זי“, האָט ער צוגעגעבן. אנערעך אין 8—9 כאדאָשים ארום וועט ער אָנהייבן גרייטן א שטעלונג. איך האָב אים פאָרגעלייגט י.־ל. פערעצעס „אין פאָליש אף דער קייט“. וואכטאנגאָוו האָט געענטפערט זייער פאָרזיכטיק: פערעץ איז אים א ביסל באקאנט. ער האָט פריִער מיט א פאָר יאָר געלייענט א באנד זײַנע ווערק אין א רוסישער איבערזעצונג. ער איז אָבער ניט זיכער, אז נאָך אונדזערע קיִעווער „עקספערימענטן“ דארפן מיר אָנהייבן פון אזא שרײַבער, ווי פערעץ.

— עפשער איז בעסער אָנהייבן פון א מער פאָשעטן?

צום סאָף פון אונדזער שמועס האָט וואכטאנגאָוו פאָרגעלייגט גוט באטראכטן זײַן פלאן, געבן צו וויסן וועגן אים קיין קיִעוו.

מיך האָט דערפרייט און איבערראשט ניט נאָר דער אינהאלט, נאָר אויך די פאָרם פון וואכטאנגאָווס ענטפער, די כיינעוודיקע פראָסטקײַט פון זײַן ריידן, גלײַך ער בעט מעכילע, וואָס ער וועט די ערשטע צײַט ווייניק טאָן. ער האָט גערעדט וועגן זײַן ארבעט אין אונדזער סטודיע, וואָס איז נאָך דערווײַל פאר אים געווען א ווילדפרעמדע, ווי וועגן א טייל פון זײַן שטענדיקער ארבעט. עס האָט זיך שיר ניט געדוכט, אז ניט די סטודיע האָט אזוי אומגעדולדיק געווארט אף זײַן ענטפער, נאָר ער, דער גרויסער וואכטאנגאָוו, איז מעסופעק, צי די סטודיע וועט מאסקים זײַן דערמיט, וואָס ער לייגט פאָר.

איך דריק שטארק זײַן האנט און דאנק אים. איך געזעגן זיך, לאָז זיך אײַלנדיק צו דער טיר — גיכער, אפן טעלעגראף! און עס האָט מיר מאמעש דאָס הארץ א

קלעם געטאָן, וואָס די כאַווירים אין קיִעוו וועלן ערשט אין א פאָר שאָ ארום קאָנען זיך דערוויסן אָט די גוטע בסורע: וואכטאנגאָוו איז מאסקים!

• • •

ווען וואכטאנגאָוו האָט זיך באקאנט מיטן ענטפער פון קיִעוו, האָט ער מיר באשטימט א באגעגעניש בא זיך אין שטוב. דעטאַליזירנדיק דעם פּלאַן פון זײַן ארבעט, האָט ער געזאָגט: פון דער „דריטער סטודיע" וועל איך זיך נעמען נאָר צוויי פּעדאגאָגן אלס געהילפן — ר. סימאָנאָוו[1] און ב. שטשוקינען. די אנדערע צוויי — פון דער ערשטער און צווייטער סטודיע — ל. וואָלקאָוון און א. אזארינען. די סטודיע דארף זאָרגן ניט בלויז וועגן דער דערציִונג פון איר אקטיאָרישן קאָלעקטיוו, נאָר אויך וועגן שאפן אייגענע רעזשיסערישע קרעפטן.

מע האָט באדארפט זען און הערן, מיט וואָס פאר אן אופריכטיקײַט וואכטאנגאָוו, דער רעזשיסער, וואָס וועט אין א פאָר כאדאָשים ארום איבעראשן די טעאטראלע וועלט מיט זײַנע צוויי שטעלונגען („די פּרינצעסן טוראנדאָט" און „האדיבוק"), האָט געזאָגט: „איך וועל אײַך לערנען שפּילן, אָבער שטעלן ספּעקטאקלען דארף אײַך לערנען מייערכאָלד". ער האָט אויסגעדריקט זײַן ווילן, אז אונדזער סטודיע זאָל זײַן די „נייטראלע טעריטאָריע", ווּ ער און מייערכאָלד זאָלן איינצײַטיק סיסטעמאטיש ארבעטן אף דער דערציִונג פון יונגע אקטיאָרן און רעזשיסערן.

און אזוי איז עס טאקע געווען! ווסעוואָלאָד מייערכאָלד האָט אויך מאסקים געווען צו ארבעטן בא אונדז. ער איז געווען צופרידן דערמיט, וואָס ער וועט האָבן סאָפּקאָלסאָף די מעגלעכקײַט ארבעטן צוזאמען מיט וואכטאנגאָוון אין איין סטודיע, ער האָט אויך גערעדט וועגן א „נייטראלער טעריטאָריע".

• • •

ווען איך בין, נאָך דעם ווי די סטודיע איז אין דעקאבער 1921 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ארײַנגעקומען צו וואכטאנגאָוון אהיים, האָט ער גלײַך אָנגעהויבן מיך אויספרעגן, וויִאזוי איז דורכגעגאנגען די רײַזע, ווי האָבן מיר זיך אײַנגעאָרדנט אין מאָסקווע אדג. כ'האָב אים אינקורצן דערציילט וועגן די צווייגאָרנדיקע נארעס אין אונדזער „טעפּלושקע", וועגן אונדזער צוזאמענוווינונג. וואכטאנגאָוו האָט מיט מיטלײַד א זאָג געטאָן: „אכצן מענטשן אין איין צימער?" און אן איבערגעשראָקענער גלײַך געפרעגט: „אויך אף צווייגאָרנדיקע נארעס?" איך האָב אים בארויִקט, אז פון דער אויסשטאטונג פון דער „טעפּלושקע" האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך נאָר דאָס אײַזערנע אייוועלע — די „בורזשויקע", וואָס דינט אלס „צענטראלע באהייצונג" פאר ביידע צימערן פון דער צוזאמענוווינונג, און איין צימער איז א גענוג גרויסער, אז מע זאָל דאָרט קאָנען אויסשטעלן אכצן שמאָלע אײַזערנע בעטלעך. איך האָב זיך א ביסל געשעמט, נאָר איך האָב דערציילט, אז די בעטלעך וועט מען טאקע צונויפשטעלן איינס אפן צווייטן אין דרײַ גאָרן, אָבער בלויז אינדערפרי, אף דער צײַט, ווען אין דעם צימער וועלן פאָרקומען אונדזערע לימודים. אויסער דעם וועלן די סטודיסטן אין דער פרײַער צײַט זיך פארנעמען אין דעם זעלבן צימער מיט... פאַנאנדערשיטן סאכארין אין קלײנינקע פּאקעטלעך פאר דער מאָסקווער פארמאצעווטישער לאבאָראטאָריע „גאַלען". דאָס וועט אין א געוויסער מאָס פארלײַכטערן די מאטעריעלע לאגע פון די סטודיסטן.

ווען איך האָב פארענדיקט מײַן קורצע אינפאָרמאציע, האָט וואכטאנגאָוו אנטשיידן א זאָג געטאָן: „הייסט עס, מיר הייבן אָן ארבעטן!" ער האָט נאָר געוואָרנט, אז ביז די פּרעמיערעס פון „טוראנדאָט" און „האדיבוק" וועט ער קומען צו אונדז איין מאָל אין וואָך, אָבער דערפאר וועט יעדער לימעד דויערן עטלעכע שאָ.

° ° °

2 יאנואר 1922. אפן זעקסטן שטאָק פון איינעם א הויז אף ארבאט, אין צוויי צימערן, ווּ עס געפינט זיך אונדזער צוזאמענוווינונג, איז הײַנט טומלדיק, ערעוו־יאָמטעוודיק. הײַנט דארף וואכטאנגאָוו אָנהייבן זײַן ארבעט אין סטודיע!

עס דערנעענטערט זיך די באשטימטע שאָ. וואכטאנגאָוו האָט אפילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם, מע זאָל קומען נאָך אים און אים באגלייטן צו אונדז אין סטודיע. ווי קימאט אין אלע מאָסקווער הײַזער אין יענער שווערער צײַט, האָט דער ליפט ניט געארבעט. קעדיי אופהייבן זיך צו אונדז, האָט מען באדארפט דורכשפּרײַזן העכער הונדערט פופציק טרעפּ! וואָס טוט מען? עפשער באגעגענען אים כאָטש אף די טרעפּ און העלפן געפינען דעם ארײַנגאנג? איך עפן אוף די טיר און זע: אפן פינפטן שטאָק שטייט וואכטאנגאָוו א מידער, אן אײַנגעבויגענער, אָנגעשפּארט אין דער פּאַרענטשע, עטעמט שווער. איך לאָז זיך צו אים. ער שטעלט מיך אָפּ:

— איך וועל אליין... באלד... באלד...

עס איז אוועק א גוטע פאָר מינוט ביז ער איז ארײַנגעקומען.

— אף וויפל ארשין ציִען זיי זיך? — האָט ער גלײַך פון דער שוועל א פרעג געטאָן, ניט אראָפּנעמענדיק די אויגן פון די טרויבן פונעם אייוועלע, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך ביידע צימערן.

— אף צוויי און דרײַסיק ארשין, — ענטפערט איינער פון אונדז, וואָס איז געווען א מומכע אין דעם איניען.

— און ס'איז ווארעם? ס'רייכערט ניט?

— ווי אמאָל! — ענטפערט דער „מומכע". — הײַנט איז בא אונדז זייער ווארעם.

וואכטאנגאָוו האָט נאָך א פאָר רעגעס געקוקט אף די טרויבן און זיך געלאָזט גיין צום טישל. אָבער פארוואָס זשע בלײַבט ער זיצן אין דעם פוטער פון הירשן־פעל און זאָגט זיך אָפּ אים אויסטאָן? אין שטוב איז הייסלעך. וואכטאנגאָוו פילט עס מיסטאמע.

— איך וועל זיך דערווײַל ניט אויסטאָן, איך ווייס נאָך ניט, צי איך וועל בלײַבן און צי איך וועל ארבעטן בא אײַך... איך דארף אויסקלאָרן איין וויכטיקע פראַ־

---

[1] אין זײַן בוך „מיט וואכטאנגאָוון", דערשינען אין מאָסקווע אין 1960, שרײַבט ר. סימאָנאָוו:

„איך האָב געהאט דאָס גליק צו זײַן וואכטאנגאָווס געהילף גראָד אין דעם טייל (עס רעדט זיך וועגן סצענישער באוועגונג און ריטם. — ע. ל.), ווען מע האָט געגרייט „די פּרינצעסן טוראנדאָט", אויך אין דער ייִדישער סטודיע „קולטור־ליגע", ווּ איך האָב געפירט דעם קלאס פון סצענישער באוועגונג און ריטם".

גע... זאָגט, איר נעמט אַלע אָן פאַר ליב אונדזער היינטיקן לעבן אין הונגער און קעלט, אַט דאָס אייוועלע, אַט די „בורזשויקע" מיט די 32 ארשין טרויבן, וואָס רייכערן מיסטאמע? אויב ניט, האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן.

ווען מיר האָבן אים זיכער און פעסט געענטפערט פּאָזיטיוו אף דער פראגע, האָט וואכטאנגאָוו אף א רעגע זיך פארטראכט און ענערגיש אויסגעטאָן דעם טולופּ.

צוליב וואָס האָט וואכטאנגאָוו שוין אין דער ערשטער מינוט פארגעבן אזא מין פראגע: „איר נעמט אַלע אָן פאר ליב?", האָב איך א סאך מאָל זיך אליין געפרעגט. עפשער האָט ער געוואָלט געבן צו פארשטיין, אז אקטיאָרן טאָרן ניט זיין קיין קליינלעכע באלעבעסלעך, וואָס זאָלן דורכן רויך פון די אייוועלע־טרויבן, איבער די ציטוויליקע שטייגער־שוועריקייטן ניט ארויסזען די גרויסקייט פון דער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע? און עפשער האָט ער גלייך אין אָנהייב, אין דער ערשטער מינוט פון זיין ארבעט אין סטודיע, געוואָלט שארף אונטערשטרייכן, געבן קלאָר צו פארשטיין, אז טעאטער־קונסט קאָן ניט געמאָלט זיין אָן אן ענגער, הארציקער פארבינדונג מיט דער היינטצייטיקייט, מיטן ארומיקן פּאָליטישן לעבן? אָט דער געדאנק וועגן דעם אקטיאָר און דעם היינט האָט דעמלט אזוי אינטערעסירט וואכטאנגאָוון, אז אפן זעלביקן לימעד האָט ער ווידער וועגן דעם גערעדט.

— בא אן עכטן קינסטלער, — האָט ער בילדעריש זיך אויסגעדריקט, — דארף דער זייגער שטענדיק האלטן פינף מינוט אף איינס. — מיט דעם האָט ער געוואָלט זאָגן, אז דער קינסטלער דארף שטענדיק פילן דעם נייעם, אָנקומענדיקן טאָג, דעם מאָרגן.

וואכטאנגאָוו האָט פּאָרגעלייגט צוטרעטן צום דורכקוק פון די פראגמענטן פון אונדזערע קיִעווער ארבעטן. ווען די סטודיסטן האָבן אָנגעהויבן פארנעמען די נייטיקע ערטער, האָט ער דערקלערט, פארוואָס ער, וועלכער איז שוין עטלעכע יאָר רעזשיסער אין „האבימאָ", נעמט זיך ארבעטן נאָך אין אן אנדער יידישער סטודיע. איינע פון די סיבעס איז דאָס, וואָס „איר רעדט מיטן צושויער אף זשארגאָן, אף דער שפראך, אף וועלכער עס רעדט די מאסע, דאָס פאָלק"...

ווייטער האָט וואכטאנגאָוו דערציילט:

— בא מיר זיינען געווען און זיינען נאָך ביז איצט פאראן כלוקעדייעס מיטן אָנפירער פון „האבימאָ" (צעמאך), וואָס איז, אגעוו, איינער פון די אויספירער פון דער ראָל פונעם צאדיק אין „האדיבוק", וועגן דער אויסטייטשונג פון דער דאָזיקער ראָל. איך האלט, אז דער צאדיק דארף אף דער בינע געמאָלט ווערן, ווי מע מאָלט אצינד גייסטלעכע אף דער רוסישער בינע, דאָס הייסט אָדער מיט אָפּלאכנדיקע שטריכן, אָדער אן אויסערלעך אימפּאָזאנטער, נאָר אין טאָך א פאלשער באלמויפעס, א מין יאָהאן קראָנשטאדטסקי. און צעמאך וויל מיר אלץ דערווייזן, אז א צאדיק איז טאקע בעעמעס א הייליקער...

ווי ס׳האָט מיר ניט לאנג צוריק דערמאָנט דער געוועזענער סטודיסט ד. סערעברעניק (די לעצטע צען יאָר האָט ער געארבעט אלס הויפּט־רעזשיסער פונעם טאדזשיקישן טעאטער אין לענינאבאד), האָט וואכטאנגאָוו צום סאָף געזאָגט, אז די דאָזיקע כלוקעדייעס האָט א ביסל אָפּגעשוואכט שוין אינעם רעפּעטיציע־פּעריאָד דער ארטיסט ד. ווארדי מיט זיין אויספירן די ראָל פונעם צאדיק. אין זיין שפּילן האָט זיך שוין צומאָל געפילט, אז דער צאדיק ווייסט אליין, אז ער איז ניט קיין הייליקער און דערפאר באציט ער זיך אמאָל מיט א געוויסער איראָניע צו זיך אליין.

עס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר וואכטאנגאָוון, וואָס ווען מיר האָבן אים דערקלערט, אז די שפראך אונדזערע איז יידיש, ניט „זשארגאָן", האָט ער זיך דערפילט אין גרויס פארלעגנהייט. ער האָט הארציק געבעטן, מיר זאָלן אים מויכל זיין. ער האָט זיך פארענטפערט דערמיט, וואָס אים איז אויסגעקומען אָפטער הערן דאָס וואָרט „זשארגאָן".

• • •

די פּראָגראם פונעם דורכקוק איז באשטאנען פון דריי טיילן: דער פּראָלאָג פון „מאָשיִעך בען יויסעף", א ריי נומערן פון דער „סימפאָנישער פאָרלעזונג" און עטלעכע פראגמענטן פונעם פערעץ־אָוונט.

גאנצע צוויי לימודים (דעם 2 און 9 יאנוואר) האָבן פארנומען דער דורכקוק און וואכטאנגאָווס שמועסן וועגן יעדן דורכגעקוקטן טייל.

א שלאל נייע באגריפן, אָפּשאצונגען, פאָדערונגען האָט זיך אנטפּלעקט פאר אונדז. אָט רעדט וואכטאנגאָוו וועגן די נומערן פון דער „סימפאָנישער פאָרלעזונג". ער לויבט שטארק י. קונינען פאר דער גרויסער ארבעט, וואָס ער האָט מיט ליבע און היסלייִוועס דורכגעמאכט מיט די סטודיסטן, פאר א ריי זיינע געלונגענע קאָמפּאָזיציעס (ד. האָפשטיינס „פּראָצעסיע", י.־ל. פּערעצעס „דער שיכּער" און אנד.), נאָר ער ווייזט אויך אָן אף אייניקע ווזנטלעכע כעסרוינעס. צומאָל פילט זיך ניט קיין קלאָרע באציִונג צו דעם פאָרגעלייענטן ווערק ניט מיצאד דער סטודיע, ווי א שעפערישער קאָלעקטיוו, און ניט מיצאד די פאָרלייענער, עס ווערט ניט קלאָר דער געדאנק, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען דער פאָרגעלייענטער טעקסט. אָפט פילט זיך מער זאָרג וועגן דער מוזיק פון וואָרט, איידער וועגן געדאנק. עס איז צומאָל ניט פאראן בא די סטודיסטן קיין אינערלעכע בארעכטיקונג, פארוואָס ווערט דאָס גאנצע ווערק פאָרגעלייענט אין אזא פאָרם און ניט אין קיין אנדערער, פארוואָס ווערט די אָדער יענע פּראזע פאָרגעלייענט אזוי און ניט אנדערש. אין דער זייער געלונגענער פאָרלעזונג פון „פּראָצעסיע" קלינגט איין אָרט, ווי א פּרימיטיווע קלאנגען־אימיטאציע פון פייקל און טאצן. „און אימיטאציע, — האָט באטאָנט וואכטאנגאָוו, — האָט ניט קיין שום שייכעס צו קונסט". עס האָט זיך געהאנדלט וועגן די שורעס אין „פּראָצעסיע":

„און שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט
אף שטייפן פייקל,
און טאצן דזימדזשען — שלייפן שארפס
אין שוועבנדיקער לופט..."

שארפער פון אלץ האָט וואכטאנגאָוו קריטיקירט די אויספירונג פונעם פראגמענט פון קנוט האמסונס „וויקטאָריא". ער האָט צוגערופן צו זיך די סטודיסטן י. לעוויטאס, וואָס האָט מער פון אנדערע „סאָלירט" אין דעם פראגמענט, און, ארייִנקוקנדיק אינעם קליינעם ביכעלע פון דער „אוניווערסאלער ביבליאָטעק", וווּ עס איז געווען אָפּגעדרוקט די רוסישע איבערזעצונג פון „וויקטאָריא", זיך געווענדט צו איר מיט א ריי פראגן. ער וויל וויסן, צי האָט זי באמערקט, אז די פראגע: „איז וואָס איז ליבע?" קלינגט אין ווייטערדיקן טעקסט אנדערש: „איז וואָס זשע איז ליבע? (וואכטאנגאָוו האָט שטארק אקצענ־

טירט דעם „זשע"). הייסט עס, אז דאָ ווערט געזוכט, מיט גרויס פּײַן ווערט געזוכט אַן ענטפער. פאַרוואָס זשע האָט די פאַרלעזערן ניט געגעבן אונדז, די צוהערער, די מעגלעכקײַט צו דערפילן, דערזען, ווי א מענטש זוכט דעם ענטפער, טראַכט אַנגעשטרענגט? אָט דאָס איז זײַן האַנדלונג, זײַן טועכץ. אין דער פאַרלעזונג איז אָבער ניט געווען קיין שפּור פון האַנדלונג.

— פאַרוואָס זשע, — פרעגט וואַכטאַנגאָוו בײַ לעווי־טאַס, — האָט איר זייער שיין, קלינגעוודיק און אפילו מיט היץ, אָבער פּוסט, אָן שום געדאַנק, אָן אינערלעכער פּײַן אויסגעשריִען „איז וואָס איז ליבע?" און אַלץ?

י. לעוויטאַס — איינע פון די פײַיִקסטע און קולטור־רעלסטע סטודיסטנס — האָט אופריכטיק געענטפערט, אַז צום ערשטן מאָל שטעלט מען איר אַזעלכע פראַגן. די באַוווּסטע רוסישע אַקטריסע ווערא יורעניעווא, בײַ וועלכער זי האָט זיך געלערנט ביזן אָנקומען אין אונדזער סטודיע, האָט אויך קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם אַף די לימודים. לעוויטאַס האָט געמוזט אָנערקענען, אַז זי האָט אייניקע וויכטיקע זאַכן אין פראַגמענט פון „וויק־טאָריא" ניט פאַרשטאַנען.

וואַכטאַנגאָוו האָט זי באַרויִקט, געטריבן קאַטאָוועס, אַז אויב ער זאָל ניט זאָגן עפּעס נײַעס, איז צוליב וואָס זשע האָט ער באַדאַרפט זיך שלעפּן אַהער אַפן זעקסטן שטאָק? ווענדנדיק זיך צו קונינען און צו מיר, האָט ער מיט א ווייכן שמייכל, וואָס האָט פונדעסטוועגן ניט אויסבאַהאַלטן זײַן מיין, געזאָגט:

— איצט זעט איר? וויִאַזוי האָב איך געקאָנט עפּעס פאַרשטיין אין דעם פראַגמענט, אַז די אויספירער אַליין פאַרשטייען ניט!

און צוגעגעבן האָט ער דערצו, אַז, ווי אים ווײַזט זיך אויס, קאָן די „סימפּאַנישע פאַרלעזונג" שפּילן א באַ־שטימטע ראָליע אינעם אַנטוויקלען בײַ די סטודיסטן דאָס געפיל פון ריטם און קאָן אויך מיטהעלפן שטעלן די שטים און אָטעם בײַ זיי. אָבער צי האָט זי א דירעקטע שײַכעס צו אַקטיאָרישער קונסט, — וועגן דעם דאַרף ער נאָך א טראַכט טאָן.

אונדז האָט זייער פאַרכידעשט, ווען וואַכטאַנגאָוו האָט פאַרגעלייגט, אַז בײַם דורכקוקן דעם ערשטן פראַגמענט פונעם „פּערעץ־אָוונט" זאָלן אַלע פרײַע סטודיסטן זיצן פאַרויס פונעם רעזשיסערישן טיש און ניט, ווי געוויינ־לעך, הינטער דעם טיש. וואַכטאַנגאָוו האָט קונינען און מיר שטיל דערקלערט, צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן. בײַ אַזאַ „מיזאַנסצענע" וועט ער, קוקנדיק אַף דער בינע, אַגעוווּרכע, לויט די מינדסטע אומיטלבאַרע באַוועגונגען פון די קעפּ, פּלייצעס און אַקסלען פון די סטודיסטן, וועלכע זיצן פאַרויס פונעם רעזשיסערישן טיש, קאָנען פאַרשטיין, וואָס געפעלט זיי און וואָס געפעלט זיי ניט אין דעם שפּילן פון זייערע כאַווירים. אויסער דעם וועט אים אויך קלאָר ווערן, וויִאַזוי זיי קוקן: צי גלאַט ווי צושויער — אַמאָל פאַרינטערעסירט, אַמאָל גלײַכ־גילטיק, — צי ווי בלוטיק־פאַרינטערעסירטע אַנטיילנע־מער אין אַלץ, וואָס די סטודיע, דער קאָלעקטיוו באַווײַזט.

איך האָב אָפט געוואָרפן א בליק אין וואַכטאַנגאָווס זײַט און באַמערקט, ווי אויפמערקזאַם ער איז געווען צו די מינדסטע רעאַקציעס פון די סטודיסטן־צושויער. אַמאָל האָט זיך באַוויזן א צופרידענער שמייכל אַף זײַן פּאָנעם, אַמאָל — פאַרוווּנדערונג און אַפילו פאַרדראָס.

עס האָט זיך פאַרענדיקט דער באַווײַז פון די פראַג־מענטן פונעם „פּערעץ־אָוונט". מיר אַלע האָבן מיט אומ־געדולד געוואַרט — וואָס וועט זאָגן וואַכטאַנגאָוו, אָבער — ער זאָגט גאָרניט. ער האָט עטלעכע מאָל אַרײַנגעקוקט אין דער רוסישער איבערזעצונג, דערנאָך געבעטן, אַז צוויי־דרײַ פון די אויספירער זאָלן אים דערקלערן, וואָס האָבן זיי געוואָלט זיך דערשלאָגן מיט די אָדער יענע רעפּליקעס. די סטודיסטן זײַנען אין אָנהייב געווען א ביסל צעמישט פון דער פראַגע. „וואָס הייסט — וואָס איך וויל? איך וויל, אַז..." און זיי האָבן קלאָר, מיט אייגענע ווערטער, מיט לעבעדיקע, איבערצײַגעוודיקע אינטאָנאַ־ציעס אויסגעדריקט, וואָס פאַר א זין זיי לייגן אַרײַן אין דעם טעקסט. עס האָט זיך אָנגעהויבן פילן אין זייערע ווערטער די אַקטיווע אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געשטעלט אין דער ראָל. וואַכטאַנגאָוו האָט זייער אויפ־מערקזאַם אַלעמען אויסגעהערט, איז געווען באַפרידיקט מיט א גרויסן טייל פון די ענטפערס, וואָס ער האָט באַקומען, און האָט ווידער איבעראַשט די סטודיסטן מיט זײַן נײַער אומדערוואַרטער פראַגע:

— פאַרוואָס זשע איז מיר איצט קלאָר געוואָרן, וואָס יעדער פון אײַך האָט געוואָלט זאָגן מיטן טעקסט פון זײַן ראָל, און ניט פריִער, ווען איר האָט געשפּילט?

און וואַכטאַנגאָוו האָט אַליין געענטפערט אַף דער פראַגע. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס איצט האָבן די אויספירער געוואָלט אים, וואַכטאַנגאָוון, געבן צו פאַר־שטיין דעם זין פון פּערעצעס ווערטער. אַדאַנק אָט דער אַקטיווער אויפגאַבע, וואָס איז בײַ זיי געבוירן געוואָרן, האָבן זיי גלײַך אָנגעהויבן ריידן גאָר אַנדערש. פריִער אָבער, ווען זיי האָבן געשפּילט, האָט ניט יעדער פון זיי געוווּסט קלאָר, „וואָס טו איך און צוליב וואָס טו איך". זיי האָבן זייער אָפט געשפּילט געפילן: כ׳בין באַ־טריבט, כ׳בין אויפגעלייגט אאַז״וו.

— און קיין געפילן, לערנט אונדז קאָנסטאַנטין סער־גייעוויטש סטאַניסלאַווסקי, טאָר מען ניט שפּילן. עפּשער פאַרשטייט איר מיך איצט ניט אינגאַנצן, נאָר מירן נאָך וועגן דעם ריידן אַף די קינפטיקע לימודים.

וואַכטאַנגאָוו האָט געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער, ניט קיין ייִד, מוז מאַכן אַזאַ באַמערקונג ייִדישע סטו־דיסטן: כאָטש זיי האָבן ערשט געשפּילט פּאָשעטע האָ־רעפּאַשניקעס, פאַלקסמענטשן, האָבן א סאַך פון זיי גע־רעדט אַזוי, ווי עס ריידן ניט, מינאַסטאַם, קיינמאָל קיין פּראָסטע ייִדן און ייִדענעס. אַן ענלעכע באַמערקונג האָט ער געמאַכט אויך וועגן די זשעסטן. זיי זײַנען אויך אָפט סטיליזירט, פונקט ווי דאָס ריידן. און אין דער זעלבער צײַט טרעפן זיך מאָמענטן פון שטייגערישקײַט אינעם שפּילן פון אייניקע אויספירער. אָנווײַזנדיק אַף איינער פון די מומעס אין „נאָך קוורע", האָט ער געזאָגט:

— פון אָט דער סטודיסטן דאַרף מען מיט א שטעקן אַרויסקלאַפּן דעם שטייגער.

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען מיט העכער פערציק יאָר צוריק. נאָר ווי פריש ער האָט אָפּגעקלונגען אין מײַנע אויערן, ווען איך האָב אים ניט לאַנג צוריק געהערט פונעם מויל פון דער איצט שוין גרײַז־גראָוער ב. זיסקינד. וואַכטאַנגאָווס ווערטער „פון אָט דער סטו־דיסטן דאַרף מען מיט א שטעקן אַרויסקלאַפּן דעם שטײַ־גער" זײַנען געווענדט צו איר.

בײַ דער זעלבער ב. זיסקינד אין שטוב האָב איך זיך דאָ ניט לאַנג באַגעגנט מיט דער דעמלטיקער סטודיסטן, איצט פאַרדינסטפולער קונסט־טוערן א. סאָנץ.

— און איר געדענקט, — האָט זי בא מיר געפרעגט, — וויִאַזוי וואכטאנגאָוו האָט מיך און איווא ווין (זי איז טראגיש אומגעקומען אין לוואָוו בעשאס דער דייַטשישער אָקופאציע. — ע. ל.) צעקריטיקירט פארן „מוסער“?

און מיר דערמאָנען זיך, ווי וואכטאנגאָוו האָט שארף, כאָטש אין זייער א טאקטישער פאָרם, קריטיקירט די ארבעט אף „מוסער“, פאר דער שטארקער נעטיִע צו סטיליזאציע, פאר דעם, וואָס גרוניע (א. סאָנץ) האָט אָפּגערעדט מיט עפּעס „א קאָל פון יענער־וועלט“. זייַן שטארקע אומצופרידנקייַט האָט זיך ארויסגעוויזן, ווען ער האָט איליוסטרירט זייַנע באמערקונגען און נאָכגעמאכט, וויִאַזוי די ווייַבער שרייַען איינע אף דער אנדערער מיט „שטימען פון יענער־וועלט“: „כאנע!“ — „גרוניע!“ און באגלייטן די קוילעס מיט „באדינגלעכע“ זשעסטן און פּאָזעס.

באהאנדלענדיק די פראגמענטן פונעם „פּערעץ־אָוונט“, האָט וואכטאנגאָוו פאָרגעוואָרפן אייניקע סטודיסטן, אז בעשאסן שפּילן פילט זיך בא זיי א קאָלאָסאלע מוסקול־אָנשטרענגונג. זי באווייַזט זיך דעמלט, ווען דעם אקטיאָרס שפּילן איז ניט אָנגעזעטיקט מיט די געפילן, וואָס עס לעבט איבער דער העלד אין דעם מאָמענט. ביפראט, האָט וואכטאנגאָוו באמערקט, זעט מען בא א סאך סטודיסטן די אָנשטרענגונג אין די אויגן.

— מיר דוכט, — האָט וואכטאנגאָוו געזאָגט, — אז זייערע אויגן האָבן גאָרנישט ניט געזען. דער אקטיאָר דארף אָבער קלאָר זען די עמעסע, רעאלע זאכן, די מענטשן ארום זיך, אָבער באציִען זיך צו זיי דארף ער, ווי עס פאָדערן די באדינגונגען, וואָס ווערן אים פאָרגעלייגט אף דער בינע.

עפּשער דערפאר, וואָס וואכטאנגאָוו האָט געשפּירט, אז ניט אלע האָבן אים גלייַך פארשטאנען, האָט ער פארפירט א שמועס מיט דער אויספירערן פון דער ראָל פון דער יונגער אלמאָנע אין פּערעצעס „נאָך קווּרע“ איווא ווין. די אלמאָנע האָט זיך ערשט אומגעקערט אהיים באלד נאָך דער לעווייַע פון איר יונגן מאַן. זי קאָן נאָך ניט צוגעוווינט ווערן צום געדאנק, אז דער מאן איז געשטאָרבן. איר דוכט זיך נאָך אלץ, אז דער מאן לעבט, ער איז לעבן איר, און זי פירט מיט אים א געשפּרעך מיט אזא ליבשאפט און צארטקייַט ביז... זי קוקט זיך אום, אז ער איז ניטאָ לעבן איר.

— וועמען האָט איר געזען, בעשאס איר האָט געפירט די סצענע מיטן מאן? — פרעגט וואכטאנגאָוו בא איווא ווין.

— וואָס הייסט, וועמען? פארשטייט זיך, מייַן מאן.

— אזוי גאָר?! איז דאָך דאָס אן עמעסע האליוצינאציע, ליבינקע מייַנע! און האליוצינאציעס האָבן דאָך קיין שום שייַכעס ניט צו אקטיאָרישער קונסט. אָט, לעמאָשל, זייַט איר שטיל, אף די שפּיצפינגער, צוגעגאנגען צום שטול און צארט ארומגענומען דעם מאן. איר האָט אָבער דערבייַ באדארפט קלאָר זען, אז דער שטול איז א ליידיקער, און דאָך צוגיין צום ליידיקן שטול, ארומנעמען אים אזוי, גלייַך ווי אף אים זאָל זיצן אייַער געליבטער מאן.

• • •

וואכטאנגאָווס ערשטער אייַנדרוק וועגן דעם פּראָלאָג פון דער דראמאטישער פּאָעמע „מאָשיִעך בען יוסעף“ איז געווען, אז די אויספירער זייַנען ווייניקער פון אלץ געווען אין האנדלונג. אלע האָבן געשפּילט איינע פון דעם אווטאָרס רעמארקעס („פון די בארג־היילן... קוקן ארויס דערשראָקענע מענטשלעכע פּנעמער“). אלע האָבן דערהויפּט געשטרעבט וואָס בוילעטער אויסצודריקן די דערשראָקנקייַט. פונדאנען האָט זיך גענומען, וואָס בא אלעמען האָט זיך ארויסגעזען אן אלציינע באציִונג צו דעם, וואָס עס קומט פאָר. קימאט 25 מענטשן האָבן איינדערעמעסן געשפּילט איין מענטשן, כאָטש זיי האָבן דאָך באדארפט שפּילן 25 פארשיידענע מענטשן. אפילע די זייער אָפּטע אויסגעשרייען האָבן געקלונגען ווי איינס אין דאָס זעלבע אויסגעשריי, וואָס רייַסט זיך אייַנצייַטיק ארויס און קלינגט בא אלעמען אלציינס.

וואכטאנגאָוו האָט אונטערגעשטראָכן, אז באם אווטאָר איז אין פּראָלאָג פאראן די אנטוויקלונג פון דער האנדלונג. אָט באוויִקט זיך שוין א ביסל דאָס פאָלק, נאָר אָט שרעקן שוין ווידער די זקיינים („ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך זייַן!“, „שלעכט וועט דאָס זייַן!“). אָט פּראָטעסטירט שוין עמעצער שארף קעגן די זקיינים. קלאָר, אז יעדער אָנטיילנעמער דארף אין יעדער נייַער סיטואציע געפינען זייַן באציִונג צו דעם, וואָס עס קומט פאָר, צו די צוזאמענשטויסן פון פארשיידענע מיינונגען. דעמלט וואָלט בא יעדן געווען זייַן ליניע פון האנדלונג און זייַן גאמע פון געפילן. אָבער אין דעם באוויזענעם פּראָלאָג זייַנען בא די אויספירער אזא ליניע און אזא גאמע ניט געווען. און עפּשער דערפאר טאקע האָט זיך געהערט אין פּראָלאָג צופיל געשריי.

גאנץ אומדערווארט פאר אונדז האָט וואכטאנגאָוו אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם סאָף פונעם דריטן אקט פון איבסענס פּיעסע „די געשפּענסטער“. עס ווערן באוויזן די לעצטע מינוטן פון אָסוואלדס לעבן. די ארומיקע וועלט ווערט פאר אָסוואלדן פארהוילט אין פינצטערניש און ער ווענדט זיך פּלוצעם צו דער מוטער: „מאמע, גיב מיר די זון!“ א סאך אקטיאָרן באמיִען זיך צוליב א „שטארקן עפעקט“ אויסשרייַען די דאָזיקע פראזע מיט א ראכמאָנעס־געשריי. אָבער אייניקע בארימטע אקטיאָרן, וואָס שפּילן אָסוואלדן, זאָגן ארויס די פראזע וועגן דער זון שטיל, געצוימט, זייער פּראָסט, פּונקט אָסוואלד וואָלט געבעטן: „מאמע, גיב מיר א שטיקל ברויט מיט פּוטער!“ און עס מאכט א דערשיטערנדיקן רושעם אף די צושויער.

— אין פּראָלאָג האָט זיך פון אייַך אויך אָפּגעטאָן די שייַן, די זון, און איר ווילט אויך, אז מע זאָל זי אייַך אומקערן, פארוואָס זשע שרייַט איר אלע? איר האלט אין איין שרייַען... יאָ! — פארענדיקט וואכטאנגאָוו. — עס איז זייער נייטיק פארן אקטיאָר קאָנען אויסריידן אף דער בינע אזעלכע ווערטער, ווי „מאמע, גיב מיר די זון!“, אויסריידן זיי אזוי, גלייַך ער וואָלט זאָגן: „מאמע, גיב מיר א שטיקל ברויט מיט פּוטער!“

• • •

מע דארף ניט מיינען, אז וואכטאנגאָוו האָט גערעדט נאָר וועגן די כעסרוינעס פון די באוויזענע ארבעטן. ער האָט גערעדט אויך וועגן די מייַלעס. אזוי, לעמאָשל, האָט ער אָנגעוויזן, אז עס פילט זיך א ווילן אין קאָלעקטיוו אָפּצוגיין פון די טעאטראלע שטאמפּן, עס באמערקן זיך פרווון פון זוכונגען. וואכטאנגאָוו האָט מיט צופרידנקייַט אָפּגעצייכנט, אז אינעם אָפּקלייַב פונעם ליטערארישן מאטעריאל זעט זיך א שטרעבונג צו הייַנטצייַטיקייַט (די רעוואָליוציאָנערע פּאָעזיע אין דער פּראָגראם פון דער „סימפאָנישער פאָרלעזונג“, מאָמענטן פון פּראָטעסט אין די ווערק פון י.־ל. פּערעץ). כאָטש וואכטאנגאָוו

האָט זיך מוידע געוועזן, אַז אים איז נאָך ניט קלאָר, וואָס האָט די סטודיע געוואָלט זאָגן מיט „מאָשיִעך בען יויסעף“, וואָס פאַר א היינטצייטיקע אידיי האָט זי געוואָלט דערטראָגן, נאָר אים איז געפעלן, וואָס די סטודיע האָט זיך גענומען פאַר אזא שווערער און ערנסטער פילאָסאָפישער פּיעסע און מיט א גרויסן שעפערישן ברען געזוכט וועגן צו איר סצענישער לייזונג.

צום סאָף האָט וואכטאנגאָוו ארויסגעזאָגט זיין האָפענונג, אַז אים וועט זיין ניט שווער צו ארבעטן בא אונדז אין סטודיע. די אטמאָספער, וואָס האָט זיך געשפּירט די גאנצע צייט פונעם דורכקוק, איז א באפרידיקנדיקע. „עס האָט זיך געפילט, אַז יעדערער וויל מיטן גאנצן הארצן פריִער פאַר אלץ אפן בעסטן אויפן באווייזן די סטודיע ווי א שעפערישן קאָלעקטיוו, און דאָס איז שוין אַן אָנהייב פון א גוטער סטודייִשקייט“.

• • •

זיינע ווייטערדיקע דריי לימודים האָט וואכטאנגאָוו אָפּגעגעבן פאַר א געשפּרעך מיקויעך אקטיאָרישער קונסט און סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם.

דער אינהאַלט פונעם געשפּרעך איז א טעמע פאַר א ספּעציִעל קאַפּיטל. דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אף מיינע לעצטע צוויי באגעגענישן מיט וואכטאנגאָוון.

צום סאָף פונעם פינפטן לימעד האָט וואכטאנגאָוו באַשטימט דעם טאָג פונעם פאָלגנדיקן לימעד. ניט מיר, ניט ער אליין האָבן, פארשטייט זיך, ניט געצווייפלט, אַז דער זעקסטער לימעד וועט פאָרקומען אינעם באַשטימטן טערמין. צום באַדויערן, איז וואכטאנגאָוו מער צו אונדז ניט געקומען!.. זיין געזונט־צושטאנד האָט זיך שטארק פארערגערט. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעפירט מיט די לעצטע רעפּעטיציעס פון „טוראַנדאָט“. דעם 24 פעווראַל 1922 האָט ער שוין אף דער רעפּעטיציע ניט געקאָנט קומען. אף וויפל זיינע אויסגעצייענדיקע קויכעס האָבן אים דערלויבט, האָט ער אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען ניט בלויז מיט דער דריטער סטודיע, נאָר אויך מיט די איבעריקע קאָלעקטיוון, אין וועלכע ער האָט געאַרבעט. מיר איז אויסגעקומען אין יענער צייט צוויי מאָל באַזוכן וואכטאנגאָוון. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים אינפאָרמירט וועגן דער ארבעט פון דער סטודיע. וואכטאנגאָוו האָט געבעטן איבערגעבן אלע סטודיסטן, אַז ער וועט אינגיכן זיך אומקערן צו דער ארבעט. אין זיין אינטאָנאַציע האָט געקלונגען זיכערקייט און איבערצייגונג. נאָר, קוקנדיק אף אים, האָב איך געטראַכט: אָדער ער איז אַזוי פאַרליבט אין לעבן, אַז ער קאָן אפילע ניט דערלאָזן קיין פּעסימיסטישע געדאַנקען, אָדער ער שפּילט די ראָל פון אַן אָפּטימיסט...

ווי געזאָגט, איז דער פינפטער לימעד געווען דער לעצטער. נאָר פאַקטיש איז פאָרגעקומען נאָך איין לימעד — דער סאַמע באַלערנדיקער און אינהאַלטסרייכער. אף דעם לימעד האָט זיך אַנטפּלעקט דער אומגעהייערער פאַרנעם און די טיפקייט פון וואכטאנגאָווס פאַרשטיין די מאָס פונעם קינסטלערס דינען דעם טעאַטער. איך רייד וועגן מיין לעצטער באגעגעניש מיט וואכטאנגאָוון עטלעכע טעג פאַר זיין טויט.

דאָס איז געווען אין סאָף מיי 1922, ווען וואכטאנגאָווס לאַגע איז שוין אַנערקענט געוואָרן ווי א האָפענונגסלאָזע. איינמאָל קומט אייליק אריין אין דער נייער דירע פון אונדזער סטודיע אף קוזנעצקי מאָסט א סטודיסטן פון דער דריטער סטודיע און זאָגט, אַז נאַדיעזשדא מיכיילאָוונא וואכטאנגאָווא האָט זי געבעטן צופאָרן צו אונדז. די סטודיסטן האָט דערציילט, אַז כאָטש וואכטאנגאָוו פילט זיך היינט זייער שלעכט, דאָך האָט ער טיינעס, לעמיי אייניקע פון די, וואָס פלעגן בעשאַס דער קרענק קומען צו אים וועגן פאַרשיידענע איניאָנים, זיינען שוין לאַנג בא אים ניט געווען. ניט אַנדערש, מע האַלט אים שוין פאַר אַזאַ כוילע, אַז מע טאָר צו אים קיינעם ניט צולאָזן. דאָס ערגערט אים שטאַרק. צווישן די „אייניקע“ האָט ער אָנגערופן מיך אויך. דערפאַר האָט נאַדיעזשדא מיכיילאָוונא געבעטן איבערגעבן, אַז זי בעט מיך באַזוכן היינט וואכטאנגאָוון.

אָט בין איך בא וואכטאנגאָווס בעט. וויי, וואָס פון אים איז געוואָרן! אַן אויסגעצערט פאַרמעט־געל פּאָנעם. קיין טראָפּן בלוט. נאָר עס ברענען העל זיינע אויגן, שאַרף איז זיין בליק, וואָס דרינגט אריין אינעם מיטשמועסער און זעט אים אף דורך און דורך.

— נו, אָט! איך שטאַרב, — זאָגט מיר וואכטאנגאָוו באַלד, ווי ער האָט מיך דערזען.

א צעטומלטער, א פאַרלאָרענער, פּרוּוו איך עפּעס זאָגן, נאָר ער לאָזט ניט.

— טרייסט מיך ניט! — ער גיט ענערגיש א ציארוף נעענטער צום אַקסל דעם ברייטן אַרבל פון זיין העמד, באַווייזט זיין אויסגעמאָגערטע דין געוואָרענע האַנט און זאָגט טרוקן, זאַכלעך, ווי דאָס וואָלט קיין שייכעס ניט געהאַט צו אים:

— מיט אַזעלכע הענט לעבט מען ניט לאַנג.

און פּונקט אַזוי טרוקן, זאַכלעך גיט ער מיך פּלוצלינג א פרעג:

— איר זייט גרייט צו שטאַרבן פאַר אייער סטודיע?

עפּעס מורמל איך, נאָר איך ווייס אליין ניט, וואָס. אָבער וואכטאנגאָוו, אפילע ווען ער איז שוין א נויטעלאָמוס, בלייבט וואכטאנגאָוו, — א פילבארער, א הארציקער. ער קוקט אף מיר, שווייגט א ווײַלע און זאָגט ווייך, מיט מיטלייד:

— זאָל אייך ניט וווּנדערן מיין פראַגע! סולערזשיצקי[1] איז געשטאָרבן, און די ערשטע סטודיע לעבט. איך שטאַרב — יאָ, יאָ, שלאָגט מיך ניט איבער! — און די דריטע סטודיע בלייבט לעבן...

וואכטאנגאָוו האָט אָנגעהויבן אָפּטער און שווערער אָטעמען. א מידער, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און איז אַנשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך געפילט, אַז ער האָט צונויפגענומען דאָס לעצטע ביסל קויכעס, קעדיי ארויסזאָגן אָט די געדאַנקען. אַן אָפּגעשוואַכטער, האָט ער ווידער פאַרמאַכט די אויגן און גענומען דרעמלען. אוועקגיין איצט האָט מען ניט געטאָרט. איך בין געשטאַנען א דערשיטערטער. ווי נאָר ער האָט עטוואָס אַן עפן געטאָן די אויגן, האָב איך זיך מיט אים געזעגנט. איך האָב מיט אלע קויכעס זיך איינגעקוקט — צום לעצטן מאָל! — אין וואכטאנגאָווס פּאָנעם און שטיל ארויס.

• • •

מער ווי פערציק יאָר זיינען פאַרלאָפן זינט יענער צייט. זאָלן אָט די זיכרוינעס מיינע צוגעבן נאָך אייניקע דעטאַלן צום פּאָרטרעט פון וואכטאנגאָוון — דעם אויסטערלישן מענטש און אויסטערלישן קינסטלער.

---

[1] לעאָפּאָלד סולערזשיצקי (1876—1916) — רעזשיסער פון מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער. פון 1913 אָנגעפירט מיט דער ערשטער סטודיע פונעם טעאַטער.

סאַניע פריַ

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 60־טן געבורטסטאָג פון דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוערן און זשורנאַליסט סאָניע פריַ — מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" — דרוקן מיר אַ בלעטל פון אירע דערינערונ־גען וועגן איינעם פון די ערשטלינגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּעריאָדיק.

מיט פערציק יאָר צוריק

יונגוואלד

דער קאַמיוגיש־יוגנטלעכער זשורנאַל „יונגוואַלד" האָט אָנגעהויבן צו דער־שיינען אין מאָסקווע אין 1923. ער איז געווען איינער פון יענע ערשטע ייִדישע סאָוועטישע צייטשריפטן, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויספירן דעם געוועזענעם טכום־איינוווינער אויף די גרויסע ראַכ־ווענן פונעם נייעם סאָציאַליסטישן לעבן. „יונגוואַלד" האָט דערצויגן ניט ווייניק שרייבער, וועלכע זיינען לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַ טייל פון זיי זיינען אויך איצט שעפעריש אַקטיוו.

באַם זשורנאַל האָט עקזיסטירט אַ ליטעראַרישע גרופּע. אין פערטן נומער פאַרן יאָר 1927 ווערן אויסגערעכנט די אָנטיילנעמער פון דער גרופּע: ז. שוסטערמאַן, ב. קאַ־בלענץ, נ. טשערניס, ד. מאַנין, י. ראַבין, נאָטע לוריע, י. זעלדין, ל. טשערניאַק, א. פּאַגאַסטער, א. קאַבאַקאָוו, כ. לויצקער. אָנפירער פון דער גרופּע זיינען געווען מ. ליטוואַקאָוו און א. קושניראָוו. איין צייט האָט מיט איר אויך אָנגעפירט י. בראָנשטיין.

אין „יונגוואַלד" האָבן געדרוקט זייערע ערשטע ווערק אייניקע פון יענע דיכטער און פּראָזאיקער, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן ברייט באַוווּסט אין דער ליטעראַטור: ב. אָליעווסקי, ה. קאַמענעצקי, מ. טייף, מ. ליפשיץ, כ. ווײַנערמאַן, א. הובערמאַן, י. קאָטליאַר, י. דרוקער און אַ סך אַנדערע. דער זשורנאַל האָט אויך צוגעצויגן אַ סך עלטערע שרייבער צו אַקטיווער שעפערישער מיטאַרבעט. ד. בערגעלסאָן, ש. גאָדינער, ד. האָפשטיין, ע. פינינבערג, א. קושניראָוו, ש. האַלקין, אי. כאַריק, אי. פעפער, פּ. מאַרקיש, י. דאָברושין, ש. ראָסין, כ. גיל־דין, א. וועוויאָרקע, אָ. סטרעליץ, ש. דימאַנשטיין, מ. ליט־וואַקאָוו, מ. אַלגין, מ. קאַץ, עסטער פרומקין — אַלע האָבן זיי זיך געדרוקט אין „יונגוואַלד". מיט אַרטיקלען זיינען דאָ אַרויסגעטראָטן די קאָמיוגישע טוער מוני זאָרקי — אַ געלערנטער, וואָס איז אומגעקומען אין שלאַכט בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע (אַגעוו, דער איבערזעצער אויף ייִדיש פון דער באַוווּסטער זינגליד „יונגע גוואַרדיע"), כעמל דאָבין — איצט אַן אָנ־געזעענער רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער און קונסט־פאָרשער, ד. מאַנין — אַ באַוווּסטער סאָוועטישער זשור־נאַליסט, געשטאָרבן אין 1959, און דער אונדז אַלעמען באַקאַנטער הערש סמאָליאַר, דער איצטיקער שעף־רע־דאַקטאָר פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע".

אָט זיינען אייניקע אָפּרופן וועגן „יונגוואַלד".

מ. ליטוואַקאָוו שרייבט: „דער „יונגוואַלד" האָט זיך געשאַפן זיין אייגענע קאַפּעליע יונגע, פרישע קויכעס, וואָס גרייטן זיך ערשט צו זייער קומענדיקער אַרבעט און דערווייל שרייבן זיי אין דער „קוזניע". אייניקע זיינען שוין באַשטימטע האָפטאָכעס פאַר דער נייער שפּראַצנדיקער ליטעראַטור" („יונגוואַלד", נום. 4, 1925).

מ. קאַץ שרייבט אין דער „פרייהייט": „מיר האָבן אַזאַ זשורנאַל אין ייִדיש ניט געהאַט, ווייל מיר האָבן קיינמאָל אַזאַ יוגנט ניט געהאַט. ס׳איז יונגוואַלד — אַ נייער און שטאַרקער דאָר".

ש. ניגער האָט געשריבן אין „טאָג", אַז דער „יונג־וואַלד", איז „העפקער־ווינט". צי דערמאָנט עס אונדז ניט, וואָס עס שרייבט איצט די רעאַקציאָנערע פּרעסע וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד"? אַן אַלט לידל.

אונדזער לייענער וועט מיסטאָמע זיין אינטערעסאַנט צו וויסן וועגן אייניקע אַקטיווע טוער פון „יונגוואַלד".

איציק קאָוונער — געווען אַ לענגערע צייט סעקרע־טאַר פון רעדאַקציע. קאָוונער האָט דער ערשטער איבער־געזעצט אין ייִדיש די ווערק פון די רוסישע קאָמיוגישע שרייבער אַ. בעזימענסקי, א. זשאַראָוו, מ. קאָלאָסאָוו אאַ.

אַרן העפּטער[1] — דער שטענדיקער קינסטלער פון זשורנאַל. דאָ האָט ער אָנגעהויבן זיין שעפערישן וועג. מיטגעאַרבעט אין „יונגוואַלד" האָט העפּטער פונעם ערשטן נומער אָן — **די רעדאַקציע האָט אין איינער אַ** נאָטיץ מיט דער אומיטלבאַרקייט פון די ערשטע רעוואָ־ליוציע־יאָרן אַ לויב געטאָן דעם אייגענעם קינסטלער: „ווער קוקט ניט מיט פרייד די צייכענונגען פון כאַווער העפּטער"?..."

נאָטע לוריע איז אויך געווען סעקרעטאַר פון רע־דאַקציע. געשען איז מיט אים, ווי ער דערציילט היינט, אַזאַ פריילעכע 'געשיכטע. אין „יונגוואַלד" פלעגט גע־דרוקט ווערן אַ „בריוו־קעסטל", וואָס האָט זיך אונטער־

---

[1] ווען דער נומער האָט זיך שוין געפונען אין דרוק, האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיִעה, אַז דער קינסט־לער אַרן העפּטער, דער אַקטיווער מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל, איז דעם 16 נאָיאַבער פּלוצעם געש־טאָרבן.

ערע זיין אָנדענק!

שיידט מיט שארפקײַט און אפילע סארקאזם. מיט די אוטאָרן, וואָס פלעגן צושיקן ניט דרוקפייִקע קסאוויאדן, איז מען זיך באגאנגען אָן צערעמאָניעס. אנומלטן, אין 1925, האָט דער יונגער נאָטע לוריע אָנגעשריבן א דערציילונג וועגן לענינען אונטערן נאָמען „ווער איז ער?". נאָטע האָט זי אָפּגעשיקט אין „יונגוואלד", ער האָט אָבער מוירע געהאט, אז טאָמער געפעלט ניט די דערציילונג דער רעדאקציע, וועט מען אים אין בריוו־קעסטל ארײַנזאָגן א פּאָר געפעפערטע ווערטער. האָט ער באשלאָסן ארויסשטעלן אלס אוטאָר פון דעם קסאוויאד זײַן שוועסטער פייגל. און ווי שטארק איז געווען דעם קומענדיקן שרײַבערס איבערלעבונג, ווען אין איינעם פון די נאָענטסטע נומערן „יונגוואלד" האָט ער דערזען אָפּגעדרוקט זײַן דערציילונג מיט דער אונטערשריפט פייגל לוריע. שפּעטער, ווען נאָטע איז געוואָרן סעקרעטאר פון רעדאקציע, האָט ער זיך געגעבן א ניידער — אין בריוו־קעסטל ניט דערלאָזן קיין צו שארפע אויסדרוקן...

יוסעף ראבין. ניט אלע ווייסן, אז ראבין האָט אָנגעהויבן מיט לידער. אין דעם ערשטן נומער „יונגוואלד" געפינען מיר זײַן נאָמען... אין בריוו־קעסטל. מע זאָגט אים צו, אז ער וועט זײַן א דיכטער. אויסער לידער, האָט ראבין פון די ערשטע נומערן אָנגעהויבן אין זשורנאל צו דרוקן פּראָזע, לעמאָשל די דערציילונגען „פּרעדסעלסאָוועטא", „ראכמיִעלקע" אא. איך געדענק, ווי „ראכמיִעלקע" האָט מען פאָרגעלייענט אין מינסק פאר יונגע ארבעטער. זיי זײַנען געווען מאמעש אנציקט.

וועגן דעם זשורנאל „יונגוואלד" קאָן מען א סאך דערציילן. די דאָזיקע נאָטיץ מײַנע איז בלויז א קורצע דערמאָנונג און א פארלאנג אויסצודריקן צוויי ווונטשן:

זאָל די באדײַטונג פון „יונגוואלד" אין דער סאָוועטישער ליטעראטור און אין דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון איינצלנע סאָוועטישע שרײַבער דערלערנט ווערן פון די קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער;

זאָלן די „יונגוואלד"־ווערק (יוגנט־לידער, ראָמאנטיש־רעוואָליוציאָנערע נאָוועלן, פריילעכע הומאָרעסקעס) אויך הײַנט געלייענט ווערן אף דער עסטראדע און ביכלאל ארײַן אין דעם לעבעדיקן פאָנד פון אונדזער ליטעראטור.

„יונגוואלד" (זײַן ערשטער רעדאקטאָר איז געווען כעמל דאָבין) האָט זײַן כיילעק אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

צום צוויייאָריקן יובילײַ פון „יונגוואלד" האָט מוישע ליטוואקאָוו געשריבן: „דער „יונגוואלד" איז דערשינען אין א מאָמענט, ווען אין אונדזער שיינער ליטעראטור האָט געהערשט א שווערער שטילשטאנד... די עלעמענטארע קריטיק האָט געפאָדערט קאָנקרעטע רעוואָליוציאָנערישקײַט. די שרײַבער האָבן זיך געאמפּערט, זיך געשפּאָלטן און זיך אלץ ניט דיפערענצירט... רײַסט זיך ארײַן דער „יונגוואלד", הייבט אָן ארויסכאפּן דעם אָדער יענעם שרײַבער, אָן אונטערשייד פון גרופּעס, און שמעלצט אים איבער אין זײַן קאָמיוגישן שמעלץ־אויוון. די סאמע שווערוואָגיקע מוזן פאר „יונגוואלד" ווערן רירעוודיקער, ארויסכאפּן פון זיך דעם פונק, וואָס טליִעט ערגעץ אין זיי, און זוכן קאָנקרעטקײַט. אזויארום האָט „יונגוואלד" געצווונגען עלטערע שרײַבער צו באשאפן, לעמאָשל, די „יונגוואלד"־נאָוועלע... און ס'איז איבערהויפּט אינטערעסאנט, וואָס די יוגנט־פּרעסע איז געוואָרן בא אונדז די ערשטע זאמלערן פון ליטעראַרישע קויכעס: סײַ פון נײַע, פּראָלעטארישע, סײַ פון די עלטערע, וואָס זוכן נײַע אידעאָלאָגישע וועגן" („יונגוואלד" נומ. 4, 1924).

און דאָס איז געשען נאָר דערפאר, ווײַל דער זשורנאל „יונגוואלד" איז געגאנגען אין די וועגן פון דער לענינישער פארטיי. פון זײַנע ווערק שלאָגט „מיט אומרו און מיט ליכט, מיט ערשטן וווּקס פון זומערדיקע זאנגען" (איזי כאריק).

„יונגוואלד" איז ווערט אונדזער אופמערקזאמקײַט.

כראָניק

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אבאָנירונג אף דער זעקסבענדיקער אויסגאבע „די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון סאָוועטנפארבאנד". דאָס איז א פונדאמענטאל ווערק פון נײַן ביכער (די לעצטע דרײַ בענדער וועלן אנטהאלטן צו צוויי ביכער). די אויסגאבע וועט פארענדיקט ווערן צום פופציקסטן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציִאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. דעם ערשטן באנד וועלן די לייענער באקומען שוין הײַנטיקס יאָר.

●

אין רוסישן זשורנאל „דרוזשבא נאראָדאָוו" (נומ. 10, 1963) איז אָפּגעדרוקט א גרויסער ציקל „נײַע לידער פון די ייִדישע פּאָעטן". אף 15 זשורנאל־זײַטן געפינען מיר 21 פּאָעטישע ווערק פון א. ווערגעליס, מ. טייף, מ. שטורמאן, ז. טעלעסין, י. קערלער, ש. רויטמאן, ד. בראָמבערג, ר. בוימוואָל, מ. גרוביאן, ה. אָשעראָוויטש, ר. באליאסנע, ל. לערמאן. די איבערזעצער פון די לידער זײַנען יו. לעוויטאנסקי, ל. מיל, יו. מאָריץ, פּ. וויאטשעסלאוואָוו, אי. פרענקעל, מ. לאנדמאן, ר. מאָראן, מ. דיאָמין, וו. טושנאָווא, פּ. סעמינין, מ. דודין, מ. סאָבאָל.

●

האיאָר האָט די ליטערארישע געזעלשאפטלעכקײַט אָפּגעמערקט דעם 150־טן געבורטסטאָג פונעם אָנגעזעענעם ארמענישן דיכטער־אשוג סאיאט־נאָווא (ארוטין סאיאדיאן). סאיאט־נאָוואס לידער, געשריבן אין ארמעניש, גרוזיניש און אזערבײַדזשאניש, זײַנען ברייט באקאנט. אין א ריי שאפונגען איז דער דיכטער ארויסגעטראָטן אלס פארטייִדיקער פון די אָרעמע און אונטערדריקטע.

אין מעלוכע־פארלאג פאר קינסטלערישער ליטעראטור וועט אינגיכן דערשײַנען א יובילײַ־אויסגאבע פון סאיאט־נאָוואס ווערק.

●

ניט לאנג צוריק זײַנען געקומען קיין ביראָבידזשאן אף א ליטעראַרישער באגעגעניש מיט די לייענער די מאָסקווער רוסישע דיכטער אירינא וואָלאָבויעווא, וולאדימיר גאָרדיִענקאָ און ניקאָלײַ גלאזקאָוו. די באגעגעניש איז פאָרגעקומען אין לייענזאל פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם־אלייכעמס נאָמען. אויסער די געסט זײַנען אויך ארויסגעטראָטן מיט זייערע ווערק די מיטגלידער פון דער ביראָבידזשאנער ליטעראַרישער פאראייניקונג.

ליטעראַטור און קונסט

לייב פולווער

(צו זײַן אכציקסטן געבורטסטאָג)

אין די טעג פון לייב פולווערס אכציק־יאָריקן יובילײַ, ווען די פילצאָליקע פאַר־ערער פון אָט דעם מערקווירדיקן קאָמ־פּאָזיטאָר, זײַנע פרײַנט און שילער ווינטשן אים אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דער־פאָלגן, ווילט זיך אונדז פאַרצייכענען אייניקע גרונט־שטריכן פון זײַן לעבן און שאַפן.

צו גרויסער מוזיקאַלער קולטור האָט פולווער דער־גרייכט נאָך אין די ביזאָקטיאַבערישע יאָרן. דאָס אליין איז שוין געווען א זעלטענע דערשײַנונג אינעם לעבן פון א יידישן מוזיקאַנט אין די שווערע באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד.

פון צען יאָר האָט דער קינפטיקער קאָמפּאָזיטאָר גע־שפּילט אָף יידישע כאַסענעס צוזאַמען מיט זײַן פאָטער, דעם קלעזמער, וואָס האָט געוווּסט כאַכמאַס־האַמוזיקע, נאָר לייענען נאָטן ניט געקענט. ער איז געווען א סאַך גליקלעכער פונעם פאָטער: איינעם פון טויזנטער גיט זיך אים אײַן צו צעברעכן מיט זײַן טאַלאַנט די מעכיצעס אָפן וועג פון א מוזיקער. עטלעכע יאָר פאָרט ער אַרום אלס פידלער מיט אן אוקראַיִנישן טעאַטער, וואָס האָט געשעמט מיט די נעמען קראָשעווניצקי, סאַקסאַגאַנסקי, קאַרפּענקאָ־קאַרי. נאָכדעם קומט ער אָן אין א רוסישער טרופּע, מיט וועלכער ער פאָרט אָף גאַסטראָלן קיין פּע־טערבורג. דאָ ווערט ער אינמיטן לערניאָר פאַרעכנט פאַר א סטודענט אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע און פאַרענדיקט זי אין 1908 מיט אן אויסצייכענונג — מיט א גרויסן זילבערנעם מעדאַל. דער דיפּלאָם איז אונטערגעשריבן פון זײַנע לערער א. גלאַזונאָוו, רימסקי־קאָרסאַקאָוו, לעאָפּאָלד אאוער, נאַלבאַדיאַן...

אין די יאָרן 1909—1923 אַרבעט לייב פולווער אין מאָסקווער גרויסן אָפּערע־טעאַטער, צוערשט אלס פיד־לער און נאָכדעם אלס ערשטער סאָליסט־אַלטיסט.

פון א קלעזמער אָף פרעמדע כאַסענעס ביז א פידלער אין גרויסן טעאַטער, פון א שפּילער אין א קלעזמער־קאַפּעליע ביז שעפערישער מיטאַרבעט מיט די באַרימטע דיריזשאָרן וויאַטשעסלאַוו סוק, עמיל קופּער, ניקאָלײַ פיאַדאָראָוו, יורי פײַער, ניקאָלײַ גאָלאָוואַנאָוו, פון לער־נען דעם פאָטערס „כאַכמאַס־האַמוזיקע" ביז שטודירן אונטער גלאַזונאָווס, ליאַדאָווס און רימסקי־קאָרסאַקאָווס אָנפירונג טעאָריע פון קאָמפּאָזיציע, מוזיקאַלע פאָרם, האַרמאָניע, אינסטרומענטירונג!..

פולווער איז שטענדיק פאַרבונדן מיט דער גרויסער רוסישער מוזיקאַלער קולטור. אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז מיטן מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער געקומען אָף גאַסטראָלן קיין קיִעוו, האָט ער אָנגענומען די אײַנלאַדונג צו דיריזשירן אָף איינעם אָן אָוונט מיט א רוסישן אָרקעסטער פון 75 מענטשן. אונטער זײַן אָנפירונג האָט דער אָרקעסטער אויסגעפילט אין קיִעווער

פּראָלעטאַרישן גאָרטן טשײַקאָווסקיס פערטע סימפאָניע און גלאַזונאָווס פײַערלעכע אוווערטיורע. פולווער האָט ניט געוווּסט, אז אָפן קאָנצערט איז געקומען אליין גלאַזונאָוו. נאָכן קאָנצערט פאַרבעט אים גלאַזונאָוו אין האָטעל „קאָנטינענטאַל", און דאָרט פאַרציט זיך צווישן זיי א שמועס ביז פאַרטאָג.

אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע (1918—1919) שפּילט פולווער אינעם באַרימטן קוואַרטעט „סטראַדיוואַריוס" צוזאַמען מיט דאָוויד קריין, פאַקעלמאַן און קובאַצקי. שפּעטער שליסט ער זיך אָן אין קוואַרטעט פון פאָלקאָמבילד. און לעסאָף קומען די פרוכטבאַרע יאָרן פון שעפערישער אַרבעט אינעם מאָסקווער גאָסעט.

אלס טעאַטראַלער קאָמפּאָזיטאָר איז פולווער ביז גאָר פרוכטבאַר. ער האָט פאַרפאַסט מוזיק — אָריגינעלע און באַאַרבעטונגען — צו 56 שטעלונגען אין פאַרשיידענע טעאַטערס, דערונטער אין גאָסעט: צו „200 000", „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי", „דער לופט־מענטש", „דער געריכט גייט", „בויטרע", „דער טויבער", „הרעב־

ליעס“, „פיר טעג“ („יוליס“), „קיניג ליר“, „ניט געדײַגעט“, „שולאמיס“, „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“, „די מישפּאָכע אָוואדיס“, „טעוויע דער מילכיקער“, „בלאָנדזשענדע שטערן“, „דער פארקישעפטער שנײַדער“, „פריילעכס“ אא. ווער געדענקט ניט פולווערס מוזיק צו די קינאָ־פילמען „ייִדישע גליקן“, „אף דער גרענעץ“ און נאָך און נאָך.

אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן סאָוועטישן טעאטער איז לייב פולווערס טעטיקײַט א קאַלאָריטפול בלעטל. די מוזיק פונעם גאָסעט קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן אָן פולווערן, פונקט ווי מע קאָן זיך ניט פאָרשטעלן אין אָט דעם טעאטער די שוישפּיל אָן מיכאָעלסן און זוסקינען, די דעקאָראציעס אָן איסאַק ראבינאָוויטשן און אלעקסאנדער טישלערן. פולווערס מוזיק איז רײַך ניט בלויז אין די אָריגינעלע שאפונגען, נאָר אויך אין די פילצאָליקע שעפערישע באארבעטונגען פון פאָלקס־מאָטיוון. אף דער גאָסעטישער בינע האָט די קלאסיק באקומען איר נײַעם טיקן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיטן „גילגל פון א ניגן“ אין פולווערס מוזיקאלער באארבעטונג. וועגן דעם אויפן פון פולווערס פרעכטיקן באארבעטן דעם ייִדישן פאָלקלאָר מוז הײַנט געדענקען סײַ דער מוזיקער, סײַ דער אויספילער פון דער ייִדישער פאָלקסליד. אָפּט באפרײַט פולווער מאָטיוון פונעם פרימיטיוו, פארטיפט זייער אונטערטעקסט, פירט זיי אריבער אין א העכערער מאדרייגע פון פּאָעזיע, גיט זיי צו שווונג.

זײַן מוזיק איז ארײַן אין טעקסט און אין דער רעזשיסערישער קאָנצעפּציע פון די טעאטער־שטעלונגען, און אזויארום איז איינס און דאָס צווייטע געוואָרן ניט אָפּצוטיילן, ווי א גוף מיט א נעשאָמע. אָט טראָגט זיך מענאכעם־מענדל ווי א וויכער און שרײַט: „איך לויף! איך פלי! איך קנאק!“ — און אים יאָגט נאָך פולווערס מוזיק, שלאָגט און אנטבלויזט, לויפט און פארלויפט אים דעם וועג... אָט איז די מוזיק צו „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי“ — א מין אייגנארטיקער מארש פון מיכאָעלסעס וואנדערער ביניאָמין, וואָס שפּאנט מיטן שטעקן אין האנט אין זײַנע אויסגעטרוימטע פאנטאסטישע וועלטן. דאָס איז עפּשער פולווערס גרעסטע סימפאָנישע קאָמפּאָזיציע, א געשמעלץ פון לעגענדארישער מײַסעדיקײַט, סאטירע און לירישן סקעפּסיס. דאָס איז עקספּרעסיע דערפירט צו גרעסטער אויסדריקלעכקײַט.

פולווערס מוזיק איז פול מיט פלאמיקע לײַדנשאפטן, זי איז א דראמאטישע, א פײַערלעך־אומרויִקע און ליריש־דורכדרינגלעכע. דער ענגלישער שעקספּיר־קענער און רעזשי־מײַסטער גאָרדאָן קרעג האָט באמערקט, אז ער האָט זעלטן געזען אזא עכט שעקספּירישע פאָרשטעלונג פון „קיניג ליר“, ווי אין גאָסעט. דאָס איז שײַך אויך צו פולווערס מוזיק. אומגעריכט זײַנען פאר גאָרדאָן קרעגן געווען ניט בלויז די אָריגינעלע לידער, וואָס פולווער האָט אָנגעשריבן פארן לעץ, נאָר אויך זײַן איבערפורעמונג פון באקאנטן פאָלקלאָר.

די מוזיק צו „טעוויע דער מילכיקער“ איז דער הויכפּונקט פון פולווערס גרויסן שעפערישן וועג. אין דער מוזיק פילט מען טעוויען — דעם האָרעפּאשניק און פאָלקס־מענטש, וואָס איז פארליבט אינעם זוניקן הימל און אין דער זאפטיקער ערד, טעוויען, וואָס טרוימט, גלייבט און האָפט אף בעסערע צײַטן. דאָ באקומט דער לייטמאָטיוו די גרעסטע מוזיקאלע אָנלאָדונג.

דער ספּעקטאקל „טעוויע דער מילכיקער“ גייט ניט אראָפּ פון דער סאָוועטישער בינע. ניט לאנג צוריק האָבן מיר געזען טעוויען אין אוקראַיִנישן טעאטער. די טעוויע־ראָל האָט געשפּילט דער פאָלקס־ארטיסט פון פססר מ. קרושעלניצקי. ווען ער פלעגט זיך באווײַזן אף דער בינע און ארויסברענגען די פראזע „אך טי, ריבוינעשע־לוילעם!“, האָט זיך געדוכט, אז דאָס האָט טעוויע אליין זיך פלוצעם צערעדט אף אוקראַיִניש, א שפּיל געטאָן אין דער אוקראַיִנישער שפּראך מיט זײַנע ווערטלעך און פסוקים. נישקאָשע, דער דאָרפס־מענטש טעוויע דארף אויך אף אוקראַיִניש ניט קריכן אין קעשענע נאָך א וואָרט... און פולווערס וווּנדערלעכע מוזיק ווערט פארוועבט אין דער אוקראַיִנישער שפּראך, זי באגלייט ניט נאָר טעוויעס געדאנקען, זי אנטפּלעקט ניט בלויז זײַנע איבערלעבונגען, — זי טראָגט ארײַן דינאמיק און שטימונג, פארפילט אפילע די סצענישע פּאוזעס.

פולווערס מוזיק האָט דורכגעמאכט א היפּשן אנטוויקלונגס־וועג. מיט זײַן ארבעט אף בערגעלסאָנס „דער טויבער“ הייבט אָן דער קאָמפּאָזיטאָר מער שטעלן דעם טראָפּ אף רעוואָליוציאָנערע מאָטיוון. עס הייבן אָן קלינגען נײַע רעאליסטישע טענער. אין זײַן מוזיק צו האלקינס „באר־קאָכבא“ און מארקישעס „מאָלצײַט“ דערהערט זיך דער העלדישער איבערוף פון עפּאָכעס.

ווער עס האָט פולווערן געזען אָנפירן מיטן אָרקעסטער אינעם טעאטער, האָט באוווּנדערט זײַן דירינזשיר־מײַסטערשאפט. פאר פולווערן זײַנען געזעסן בא 16 מוזיקאנטן, נאָר געדוכט האָט זיך, אז עס שפּילט א גרויסער אָרקעסטער, אָט פארגייט ער זיך, ווערט שטילער און שטילער, און מיטאמאָל צעשפּילט ער זיך ווידער ביז יענער מעסיקעס, וואָס רירט און רודערט אוף דאָס געמיט.

מיר געדענקען גוט, מיט וואָס פאר א ליבע שאָלעם־אלייכעם האָט גערעדט וועגן פאָלקס־טאלאנטן. זייער טרעפלעך באמערקט מייער ווינער, אז פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק קאָן מען צונויפשטעלן אָן ענציקלאָפּעדיש פראָגראם־צעטל פון ייִדישע קינסטלער, וואָס האָבן אויסגעדריקט דאָס גארן פון די מאסן נאָך קונסט און שיינקײַט. סטעמפּעניו, פעדאָצער, נאפּטאָלי בעזבאָראָדקע, אווראָם קלעזמער פון רזשישטשעוו, שײַקע פײַפער, דער ווילנער באס, ארקע פידעלע און נאָך און נאָך.

דאָס צעטל קאָן מען פאָרזעצן און פאָרזעצן. און פולווער, דער זון פון א ייִדישן קלעזמער, וועמען די סאָוועטן־רעגירונג האָט אזוי הויך אָפּגעשאצט, באלוינענדיק מיט די טיטלען פארדינסטפולער קונסט־טוער און פאָלקס־ארטיסט פון דער רוסלענדישער פעדעראציע, פארדינט, מע זאָל זײַן נאָמען אײַנשליסן אין אָט דעם צעטל. צו זײַן אכציקיאָריקן יובילײ דערמאָנט לייב פולווער באזונדערס אין יענע מערקווירדיקע פאָלקס־טאלאנטן, וואָס יעדער פון זיי קאָן, ווי שאָלעם־אלייכעם זאָגט, א שפּיל טאָן מיטאמאָל „ווי עטלעכע פידלען, טרומייטן און פלייטן צוזאמען“...

מוישע נאָטאָוויטש.

אן אָדלער און א טויב

(וועגן בוזי אַליעווסקיס שאַפונג)

מיר זײַנען קלײנינקע געוואָרן גרויס — אזוי האָט דער צוואַנציקיאָריקער אַליעווסקי אָנגערופן זײַנע א ליד. די דאָזיקע ליד האָט אזוי טרעפלעך אויסגעדריקט דאָס אייגנטימלעכע, וואָס אַליעווסקי האָט ארײַנגעטראָגן אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, אז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין דער זאמלונג „אין וווּקס" (1930), ווערט שוין א גאנצער אָפּטייל אָנגערופן מיטן זעלבן נאָמען. אין צען יאָר ארום דערשײַנט אַליעווסקיס בוך „לידער" — א בוך מיט זייער א שטרענגן אָפּקלײַב. פון די פריִע ווערק גייען אהער ארײַן בלויז געציילטע, און צווישן זיי טרעפן מיר זיך ווידער מיט דער ליד „מיר זײַנען קלײנינקע געוואָרן גרויס". די אייניקע ענדערונגען, וואָס דער דיכטער טראָגט אין איר ארײַן, זײַנען בארופן ניט אָפּצולייקענען דאָס פריִערדיקע — פארקערט, דעם דיכטערס רײַף געוואָרענע מײַסטער־שאַפט העלפט אים נאָך שארפער צו פארגעשטאלטיקן די פאר דער צײַט אויסגעוואקסענע קינדער פון זײַן דאָר. „און פול און איבערפול איז מײַן זיקאָרן" — מיט דער דאָזיקער שטײַפער, פּינקטלעכער שורע פארבײַט ער א ווייניקער אויסדריקלעכע פונעם ערשטן וואריאַנט.

עטוואָס פריִער פון דער זאמלונג „לידער" דערשײַנט אַליעווסקיס פּראָזע־בוך „אָנהייב לעבן" (1939)[1]. דאָרט קומט פאָר אזא שמועס צווישן דעם קאָמוניסט מאגיד און דעם קליינעם אָשערל: „וואָס הערסטו, אָשערל?" „גאָרניט, מע וויינט... וועלוולס מאמע וויינט..." „און דאָרטן?.. אין פענצטער, אין דרויסן, וואָס זעסטו?" „לאַ־דימערס שטוב דערברענט... ס'א קוימען..." און דאן קו־מען מאגידס ווערטער, וואָס פארסאכאקלען דעם שמועס: „א שטוב דערברענט... א פרוי באוויינט עמעצן... ס'איז פארנאכט... ס'איז נאָך א פּאָגראָם..." „און פארגעדענקען זאָלסטו די שטוב... דאָס געוויין, אָשערל..." (ז. 70—71).

צי איז מאגידס אָנזאָג אָשערלען ניט געווען דער אָנזאָג פונעם דיכטער אַליעווסקי זיך אליין, אן אָנזאָג אפן גאנצן לעבן? אַליעווסקי איז געקומען אין אונדזער דיכטונג אן איבערפולטער מיט ווײ און ראָמאנטישער היספּײַלעס. ער האָט אויסגעזונגען דעם גורל פון זײַן דאָר, א דאָר, וועלכן ס'האָט אופגעוועקט קליינערהייט אין וויגל „אן אופגעפלאצטע באָמבע בא דער טיר".

אין אַליעווסקיס שרײַבערישן געמיט האָט געפונען א ווארעמע נעסט דאָס קינד פון דער אָרעמשאַפט, וואָס קוים האָט עס דערזען די רויטע פאָנען, קוים האָט עס באוויזן צו פארכליניען זיך מיט דער פרייד פון באַ־פרײַונג, איז עס שוין ארײַנגעוואָרפן געוואָרן אין דער סאמע מיט פון גרויזאמע היסטאָרישע שטרײַטן. דאָס לאנד איז ארומגעכאפּט געוואָרן מיט די פלאמען פון בירגערקריג און דער „לויטערער פארטאָג" איז פאר־טרונקען געוואָרן אין בלוט.

Мы ехали шагом, мы мчались в боях
И яблочко-песню держали в зубах...[1]

— אזוי האָט געזונגען דער רוסישער דיכטער מיכאַיל סוועטלאָוו.

איבער שטעט און דערפער שווימען שווארצע
וואָלקנס,
פאָרן אף די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס...

— אזוי האָט געזונגען דער ייִדישער דיכטער איציק פעפער.

ב. אַליעווסקיס דאָר איז געקומען אף דער וועלט מיט א יאָר אכט־נײַן שפּעטער פון די, וואָס האָבן אף הייסע פערד געטראָגן זיך אין שלאכט. אף זײַן דאָר איז אויס־געפאלן דער גורל צו שלאָגן זיך אף די פראָנטן אין אנדערע אומשטענדן. דעם דיכטערס אורשפּרינגלעכער לירישער העלד איז אָט אזעלכער:

איך האָב פון שטענדיק ליב דאָס אָנקומען פון צוגן.
אין שטעטל דאָ — אין רויכיקײַט אין בלאָווער —
ס'ארא בענקשאפט פלעגט ארומכאפּן מײַן יוגנט,
ווען ס'פלעגט באווײַזן זיך אין ווײַטן א
פּאָטשטאָווער,
דערנאָך אוועק, א ראשיקער, א שטאָלענער,
לאָזן רויכיקײַט, און עלנטקײַט, און ווינט,
לאָזן נאָך די דרײַ־פיר באלעגאָלעס,
די שורעס טאָפּאָלן, דאָס בענקענדיקע קינד...
(„לידער", ז. 92).

[1] — מיר פלעגן אין שלאכטן סײַ רײַטן, סײַ גיין, געהאלטן די „יאבלאָטשקאָ"־ליד אף די ציין.

[1] „אָנהייב לעבן" איז דער ערשטער טייל פונעם בוך „אָשערל און זײַנע פרײַנט", וואָס איז דערשינען אין 1947 אין פארלאַג „דער עמעס". אלע ציטאטעס ווערן גענומען פון דער דאָזיקער לעצטער אויסגאבע.

דער בלוטיקער שקוואַל פונעם בירגערקריג האָט אַרויסגעצויגן „דאָס בענקענדיקע קינד“ פון זײַן שטעטלדיקער פֿאַרכאַלעמטקייט און שוין אַף שטענדיק געמאַכט אים עלטער פון זײַנע ווירקלעכע יאָרן:

און ס׳דוכט זיך אָפּט: ניט נײַן און צוואַנציק
יאָר —
אַ הונדערטיאָריקער איך קום איצט פאַר דער
וועלט
אין לויטערן פאַרטאָג.

(„לידער“, ז. 4).

עס קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דאָ ליגט דער שליסל צו אַליעוואָסקיס שאַפן בכלל און צו זײַן פּילמאַליקן אומקערן זיך צו דער „ביאָגראַפיע“ פון זײַן דאָר, צו דער פאַרגאַנגענהײַט — בפּראַט. דער איבערגעפּולטער זיכּאָרן פונעם דיכטער האָט געזוכט זײַן קינסטלערישע אויסלאָדונג. יאָ, מיסטאָמע איז עס ווירקלעך אַזוי. „פאַרגרייטונגען“, וואָס דער שרײַבער פאַרמאָגט סײַ אין קאָפּ, סײַ אין האַרצן, קומען אים געוויס שטאַרק צונוץ. אויב מע זאָל אַליעוואָסקיס קינסטלערישן אופטו באַגרענעצן מיטן אָביעקטיוון בילד פונעם שטעטל אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע, קומט אים אויך אָנערקענונג און דאַנקבאַרקײַט. זײַן אויפגאַבע איז אָבער פיל ברייטער.

די נעטיִע צו אַווטאָביאָגראַפישע ווערק, צו דער אויסלאָדונג פון זיכּאָרן, באַווײַזט זיך בײַ שרײַבער דאָסראָוו אין טיפער עלטער אָדער לעכאָלאַפּאָכעס אין רײַפן עלטער. דער דיכטער אַליעוואָסקי האָט אָנגעהויבן שרײַבן זײַן גרעסערן פּראָזע־בוך אָנערעך צו 26 יאָר. שוין אין 1935 זײַנען אין פאַרלאַג „דער עמעס“, אונטערן נאָמען „קינדער פון מײַן עלטער“, דערשינען אייניקע דערציילונגען פון „אַשערל און זײַנע פרײַנט“. דאָס דאָזיקע בוך איז בײַ אים יִי ארײַנגעשטעלט אין אַ ראַם פון דיכטונג. אַלס דיכטער האָט אַליעוואָסקי אָנגעהויבן, אַלס דיכטער האָט ער פאַרענדיקט זײַן לעבנסוועג. דיכטונג האָט באַגלייט שיר ניט יעדעס זײַטל פון זײַן פּראָזע. אַזוי אַז דאָס גאַנצע שאַפן זײַנס בילדעט אַן אייניהײַטלעכן קאָמפּלעקס. צו דער צײַט, ווען ס׳איז פאַרענדיקט געוואָרן אַליעוואָסקיס בוך „אַשערל און זײַנע פרײַנט“, איז דערשינען זײַן פּאָעמע „שאַכטע“, דער ציקל „לופט־פּאַרצייכענונגען“, די דערציילונגען און פאַרצייכענונגען אונטערן נאָמען „נעכט אָפּן אמור“, פיל לידער, צווישן וועלכע עס טיילן זיך באַזונדערס אויס די ערדיש־פּאַשעטע און איינצײַטיק פילאָסאָפיש דערהויבענע לידער וועגן בּיראָבּידזשאַן.

איז אָט, ווען אַ מענטש מיט אַזאַ רעאַל געפיל פאַרן לעבעדיקן, נעמט זיך אין סאַמע בליִענדיקן עלטער (אויב אַפילו ער איז אין זײַן דימיען אַ „הונדערטיאָריקער“) צו שרײַבן וועגן דער פאַרגאַנגענהײַס, איז קעדײַ צו פאַרטראַכטן זיך, אַף וועלכע פראַגן פון דער קעגנוואַרט האָט דער דיכטער געענטפערט, אומקוקנדיק זיך אַף זײַן קינדהײַט.

געקומען בין איך צו די בערג און צו רויערד,
געזינטער און שענער זאָל ווערן מײַן פאָלק!

(„לידער“, ז. 14).

וועגן געזונט און שיינקײַט פון פאָלק טרוימט דאָס שטעטלדיקע באָכערל כעמע („שאַכטע“). די פרייד פון מענטשלעכער פולווערטיקײַט פאַרפולט אים אַזוי, אַז ער זעט, וויִאַזוי אין דעם הייסן טאָג „קלאַפּט די זון אין הימל מיט די קאָפּעטעס“. פאַר מענטשלעכער פולווערטיקײַט שלאָגט זיך פאַרביסן, האַגאַם קינדעריש־אומבאַהאָלפן, אַשערלס כאַווער סראָליק. די אַשערלעך, די סראָליקס זײַנען עס די, וועמען

סע רופן די צוגן,
עס נעמט אויף דעם טומל דער שטילער וואָקזאַל.
מיט רענצעלעך קליינע מיר קומען, די יוגנט,
מע פאָרט אַף דאָנבאַס און מע פאָרט אַף אוראַל...

(„לידער“, ז. 89)[1].

אָבער... „דער מאָרגן איז אין קריג“, און „ס׳איז די רו מיט אומרו אָנגעקוואָלן“. שוין פון אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, ווען אין דײַטשלאַנד זײַנען געקומען צו דער מאַכט די פאַשיסטישע גאָרגלשנײַדערס, זעט דער דיכטער די שײַן „פון סרייפעס נאָענטע“; ער פילט, ווי „ס׳שמעקט מיט סמאָלענע אין זומערדיקן הימל“. דעם דאָזיקן מאָטיוו וואַריִירט אַליעוואָסקי אין זײַנע סאַמע לעבנסלוסטיקע לידער. עס לאָזט אים ניט צו רו דער דיכטערישער דימיען, קעגן וועלכן ס׳בלײַבט אָפּט הינטערשטעליק דער פּאָליטישער פּראָגנאָז פון אַזעלכע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פונעם עמעס, אויב ער אַנטשפּרעכט ניט זייערע קאָנצעפּציעס, פון אַזעלכע, וואָס האָבן מוירע צו קוקן דער געפאַר אין פּאָנעם.

נאָך דער גוואַלדיקער אָנשטרענגונג איבערצובויען דאָס לעבן, נאָך אַלע איבערמענטשלעכע ניסיוינעס, נאָך אַלע פאַרווירקלעכטע און ניט פאַרווירקלעכטע טרוימען שטייט דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, די וועלט באַם ראַנד פונעם גרויזאַמען פאַשיסטישן טהאָם:

...און אַז אין איין לאַנד און אין אַ צווייטן לאַנד
מײַן פאָלק צעטראָטן ווערט, דערפירט שוין צו
דעם ראַנד,
איז דאָך שוין קלאָר, פאַרוואָס מײַן בליק מײַן
מענטשלעכער
ווערט גרויער פון דעם גראָב געוואַנט
פון דעם שינעל מײַנעם...

(„לידער“, ז. 12).

אין 1938, ווען ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן די ליד „ווײַ“, פונוואַנען עס איז גענומען דער געבראַכטער פערז, זעט זיך שוין דער שרײַבער אין אַ שינעל.

„אַשערל און זײַנע פרײַנט“ דערשײַנט אין אַ ראַם פון לידער, אין וועלכע ס׳פּולסירט הייס די צײַט, ווען זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן. דער אינהאַלט, דער שעפערישער אָטעם איז איינער און דער זעלבער אין די לידער און אין דער פּראָזע, אין די ווערק וועגן קעגנוואַרט און אין די ווערק וועגן פאַרגאַנגענהײַט. דער קינדהײַט זײַנען געווידמעט היפּש לידער אַליעוואָסקיס. דער קעגנוואַרט זײַנען געווידמעט היפּש פאַרצייכענונגען און דערציילונגען, צווישן זיי אַזעלכע רײַפע, ווי „אַ נאַכט אָפּן אמור“, „דער ערשטער“, „אַ מעסלעס“, וווּ ס׳איז מײַסטערהאַפט אויסגעדריקט די אָנגעשטרענגטע גרענעץ־אַטמאָספער.

די געשיכטע פונעם טשיקאַווען ייִנגל אַשערל געפינט זיך ניט ערגעץ פון אויסן, אַף אַ זײַטיקער ליניע פון אַליעוואָסקיס שאַפן. דער אומרו פאַר די אויסגעוואַקסענע אַשערלעך, די בלוטיקע פאַרינטערעסירטקײַט אין זייער גורל האָט געבוירן דאָס דאָזיקע ווערק. דערפאַר טאַקע האָט זיך עס געלייענט אין 1939 יאָר, ווען ס׳איז דערשינען בלויז דער ערשטער טייל, און אין 1947, ווען עס

[1] אַ וואַריִאַנט פון „שאַכטע“.

זײַנען דערשינען בײדע טײלן, און אויך איצט. הײַנט, ווי א ווערק, וואָס איז אונדז זײער נעגײַע ניט בלויז ווי געשיכטע, נאָר אויך ווי קעגנוואַרט.

אָט לײענען מיר אין „אַשערל און זײַנע פרײַנט" דאָס קאַפּיטל „ווי ס'האָבן מיך געטריבן די זאַנגען":

„כ'וועל באַלד אָנהײבן שרײַען, איך בין קײנמאָל ניט געווען אַלײן. כ'האָב מוירע. כ'האָב אָבער מוירע שרײַען"; „איך לויף און קאָן שוין ניט לויפן. איך לויף שוין לאַנג"; „איך שטעל זיך אָפּ. כ'לאָז זיך אַראָפּ צווישן די זאַנגען. די זאַנגען שורעווען. זײ טרײַבן מיך. כ'לויף און זײ לויפן מיר נאָך" (ז. 56).

וואָס איז עס? א דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי דער אטאמאַן ליסיצע האָט אין צײַט פון בירגערקריג גע־מאַכט א פּאָגראָם, אָדער ס'איז א וואָרענונג קעגן דעם, וואָס עס איז געשען אַף א „פּאַרפּולקומטן" אויפן מיט א פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער? מיט א פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער האָט אַליעוואָסקי מיט זײַנע אײגענע אויגן שוין ניט געקאָנט דאָס זען. ער איז דאַן שוין אומגעקו־מען אין שלאַכט פאַר דעם, עס זאָל מער אַזוינס ניט געשען.

אַשערל איז אָבער ניט נאָר א פּילגעפּרוּווט קינד פון א טראַגישער צײַט, ער איז אויך א פּילגעפּרוּווט קינד פון א העלדישער צײַט. ער דערציילט מיט אַנציקונג וועגן דער נײַער ליד „שטייט אוף", וואָס „מע זינגט זי שטייענדיק"; זײַן אויער כאַפּט אוף דעם „פריילעכן פײַף פון א שראַפּנעל", א שראַפּנעל — אַן אויסלייזערן. ציט זיך טאַקע א ליכטיקער פאַדעם פונעם קלײנעם אַשערל צו אַליעוואָסקיס באַליבטן לירישן העלד, דעם שטרענגן און מוטיקן מאַן, דעם „באַוואַקסענעם מיט לעבן". ער איז ניט זיס־שמייכלענדיק, דער דאָזיקער לירישער העלד, גיכער איז ער אַפילו עפּשער פאַרביטערט. דעם היסטאָ־רישן גורל פון זײַן דאָר נעמט ער אָן פאַר ליב מיט זײַנע רויזן און דערנער:

ניט רו איך זוך, ניט צוגעגרייטע וועגן;
איך גיי אפסנײַ — אי פּירן עס, אי שפּאַרן,
א פײַערדיקס, אַן אויסגעקעמפטס, דאָס לעבן,
דורך פײַן, דורך מי, מילכאָמע און געפאַרן.
(„לידער", ז. 51).

אַשערל איז א שטעטלדיק קינד, דערצו נאָך א קינד פון א שטעטל אַף אוקראַיִנע. איז געוויס פאַרן שרײַ־בער דער ניסויען פון „מאָטל פייסי דעם כאַזנס" געווען גרויס. די אויטאָביאָגראַפישע קאַנווע פונעם בוך האָט געשטויסן אַליעוואָסקין צו שרײַבן אים אין דער ערשטער פערזאָן, וואָס האָט ווידעראַמאָל געפירט צו שאָלעם־אַלײ־כעמס דערפאַרונג. צווישן „מאָטל פייסי דעם כאַזנס" און „אַשערל און זײַנע פרײַנט" געפינט זיך אָבער קוויטקאָס „ליאַם און פּעטריק" מיט זײַן דראַמאַטישער עקספּרעסיע, און דעריקער א נײַע צײַט מיט א נײַעם אופאַסן דאָס לעבן. עס גייט דאָ א רייד וועגן א נײַער היסטאָרישער קוואַליטעט.

בא שאָלעם־אַלײכעמען איז דאָס קינד א קאָרבן פון אָרעמקײַט, פון אָפּגעשטאַנענע לעבנס־פאָרמען. אײנצײַ־טיק איז עס אָבער א טרעגער פונעם געזונטן, פונעם שע־פערישן אין פאָלק. דער שרײַבער הייבט ארויס דאָס קינד, שטעלט אים העכער פון די אַרומיקע, האַגאַם יעדערער, וועד עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן, צווינגט עס צו פאַלגן אים. אַליעוואָסקיס אַשערל איז אינגאַנצן ארויס פון רעשוס פון טאַטע־מאַמע. פאַרקערט. „אַלע ווייסן, אַז טאַטעס און מאַמעס זײַנען אָפּגעשטאַנענע און אַז זײ דאַרפן אונדז פאָלגן" (ז. 154). און דאָך איז ניט אַשערל די פאַרגעשריטענע קראַפט אינעם ווערק, ניט ער פּילט אויס די פונקציע פון די הייזון, וואָס יוירן אינעם טײַג פון לעבן. דער „אונדז" הייסט בא אַשערלען, אַז ער רעכנט אַרײַן זיך אין קאָן פון די, וואָס אָט פאָרן זײ אַפן פראָנט און אָט קערן זײ זיך אום מידע, מיט פאַר־באַנדאַזשירטע קעפּ און נעמען זיך באַלד ווידער אופּטאָן וויכטיקס, נײַס. דער „אונדז" דריקט דאָ אויס דעם פאַר־לאַנג צו זײַן ענלעך אַף זײ, דעם טרוים צו זײַן אײנער פון זײ. אַשערל און זײַנע פרײַנט... די ייִנגלעך, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום איבערן שטעטל, — זײַנען אַשערלס כאַווײרים; די פרײַנט זײַנען דערוואַקסענע — בעטשעק, גאַלדע כאַדאָרקאָווע, אישטשענקאָ, מאַגיד. אַשערל איז א העפקער־קינד, ער געפינט זיך אין רעשוס פון דער גאַס. ס'איז אָבער ניט פּאַשעט א גאַס, ס'איז די רעוואָליוציאָנערע גאַס. אַשערל דאַרף ניט זײַן קליגער פון די דערוואַקסענע. ער זעט אַרום קליגערע פון זיך און פּילט גערן אויס זײערע שליכעסן. פונדאַנען נעמט זיך די דינאַמיק פונעם ווערק, דער אײגנאַרטיקער טעמפּ, וואָס איז לאַכלוטן ניט ענלעך צו שאָלעם־אַלײכעמס. ווען אַשערל פאַרלאָזט שוין אַלס יונגלינג דאָס שטעטל, בראַ־ווירט ער שוין מער ניט מיט דעם, וואָס טאַטע־מאַמע דאַרפן אים פאָלגן. איצט ווערט אים טרויעריק פון דעם, וואָס „אַלטע ייִדן און ייִדענעס" קוקן אַף אים „עפּעס געפאַלן", „ווי כ'זאָל שוין זײַן עלטער פון זײ" (ז. 339). אַשערל האָט צו יענער צײַט דורכגעמאַכט אַ גוטע שול. ער האָט זיך צוגעקוקט קינדווײַז, וויאַזוי בעטשעק און דער ניט ייִדישער אישטשענקאָ האָבן, אופ־גערודערטע, פאַרפּאַליִעטע, קריגנדיק זיך און באַלד שאַ־לעם מאַכנדיק צווישן זיך, געזוכט אַן אויסוועג פאַר די דאָזיקע ייִדן און ייִדענעס. ווי באַגײַסטערט האָבן זײ אויסגעזעצן, ווען ס'האָט זיך זײ אײַנגעגעבן צו געפינען פּראָדוקטיווע אַרבעט דערווײַל פאַר דרײַסיק מישפּאָכעס.

אין מאָטל פייסיס איז פאַרקערפּערט די אָרגאַנישע פאַר דער מענטשלעכער נאַטור פרײַהײַטס־אידיי. זײַן שע־פער, דער שרײַבער, באַגלייט מאָטלס שווונג מיט א טרויעריקן שמייכל — מע לאָזט דאָך אים ניט צעשפּרייטן די פליגל, זײ ווערן אַלץ אונטערגעשניטן. אַשערל, פאַר־קערט, האַלט אין אײן אויסגלײַכן די פליגל. דעריבער טאַקע איז די געשיכטע פון מאָטלען, א ווערק פון הויכן קאָמיזם, פיל טרויעריקער פון אַשערלס געשיכטע, ווו דער שרײַבער באַנוצט זיך קימאַט ניט מיט קײן קאָמישע סיטואַציעס. דאָ איז ניטאָ דער טראַגיקאָמישער מאָטיוו פון אומזיסט פאַרשווענדעטער מענטשלעכער ענערגיע.

גערוט האָט נאָך דער זאַמד, דער טוי איז נאָך געלעגן,
א פויגל אינעם פעלד איז אומגעפלויגן גרינג,
ס'האָט העל און זומערדיק זיך אויסגעדוכט דאָס לעבן,
און גלײביק־לײַכט בין איך געווען — א קינד
אין לויטערן פאַרטאָג. („לידער", ז. 3).

„גלייביק־לײַכט" איז אַוודע יעדעס קינד. ס'איז אַל־מענטשלעך. האַגאַם... וועד ווייסט, צי „ס'האָט העל און זומערדיק זיך אויסגעדוכט דאָס לעבן" דעם געטאָ־קינד, לעמאַשל, און צי האָט עס אַפילו באַמערקט דעם „לוי־טערן פאַרטאָג". ס'איז אָבער צו גלייבן, אַז דאָס געטאָ־קינד, וואָס איז אַלפּינעס געבליבן לעבן, אַרויס פון קע־לער אַף דער פרײַ און דערזען אַן אונטערגעשאָסענעם טאַנק, אומבאַוועגלעכע קערפּערס פון פאַשיסטן אַפן

ברוק, איז מיט עפעס באלד ענלעך געוואָרן צו אַשערלען, וועלכער שפאנט מיט זײַן טאטן אן אָפגעשוואכטער פון דער טיפוס־קראנקײַט איבערן שטעטל, דעם ערשט באפרײַטן פון די דײַטשן: „איך גיי לעבן טאטן. דער שאָסיי איז פארוואָרפן מיט מיסט, מיט צעשאָטענע האָבער און שטרוי פון די דורכגעגאנגענע אָבאָזן. און אונטערן טאָגנדיקן הימל טופע איך מיטן טאטן איבערן באפרײַטן שליאך, וואָס ציט זיך א בלענדנדיקער אין דער פרימאָרגנדיקער וועלט ארײַן“ (ז. 140).

ניטאָ קיין פארביטערטקײַט אין אַשערלס נעשאָמע.

אף דער 41־ער זײַט פון אַליעוווסקיס בוך דערציילט דער נאָך גאָר קליינער אַשערל: „וועלוול כאַדאַרקאָוו האָט איינמאָל אף א מיטינג צעריסן אף זיך דעם קאָלנער, געשריִען, געמאכט מיט די פויסטן, אז די רעוואָלוציע איז אין געפאר“. אף דער 174־ער זײַט האלט אַשערל, וואָס איז שוין אלט א יאָר דרײַצן, אליין א דעדע: „מיר, — גיב איך א ריס אף זיך דאָס העמדל, זוי אמאָל וועלוול כאַדאַרקאָוו, — מיר, די שילער...“

ווי אן עפל צײַטיק, —
איבערן הויכן פלויט
הענגט רײַף די זון...
הויכעביימער
בייגן זיך ארום, —
מיט רײַפער פרוכט,
מיט ליכטיקן געשאנק..

די דאָזיקע דיכטערישע לויב דער שיינקײַט און רײַכקײַט פון דער נאטור פארענדיקט זיך מיט די ווערטער:

סע טוט מיר זייער באנק,
וואָס טויזנטער, ווי ער,
דאָס זעען שוין ניט מער...

(„אין וווקס“, ז. 21).

„ער“ — דאָס איז דעם דיכטערס ברודער, איינער פון די, וואָס זײַנען אומגעקומען אין דעם פארביטערטן קאמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע. פיל מאָל באזינגט דער דיכטער די ליכטיקע געשטאלטן פונעם ברודער, פון זײַן כאווער אנדריי און פיל אנדערע — באקאנטע און ניט באקאנטע. אין דער פראָזע האָט ער עס געלאָזט טאָן פאר זיך אַשערלען. די פארליבטע אויגן פונעם קינד האָבן געהאָלפן אַליעווסקין באלויכטן די רעוואָליוציאָנערע יוגנט מיט א ווונדערלעכער שײַן, און דער קינסטלערישער טאקט האָט אים אונטערגעזאָגט צו שילדערן זי פאָשעט, ערדיש אָן שטאָלצן.

איינע פון די סאמע קאָלאָריטע פיגורן איז דאָ גאָלדע כאַדאַרקאָווע, האגאם זי איז ניט איינזאם אין דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. זי איז א לײַבלעכע שוועסטער פון עלקע רודנער (נאָטע לוריע — „דער סטעפ רופט“) און פון דער יונגער לערערן אין איזי כאריקס „מיט לײַב און לעבן“. אַליעווסקין איז געוועזן אי שווערער, אי גרינגער פון זײַנע פאָרגייער. שווערער דערפאר, וואָס די אויבן דערמאָנטע שרײַבער האָבן געשילדערט זייערע מאָדעלן (זאָל זײַן ווירקלעכע, זאָל זײַן אויסגעטרוימטע) דירעקט, בייס גאָלדעס געשטאלט איז אופגעפאסט פון א קינד און דאָס מאכט ענגער דעם שעטעך פון זײַן אנטפלעקונג. איינציַיִיסטיק אָבער איז דאָס סמימעסדיקע קינדערשע אופנעמען פון דעם געשטאלט א וויכטיקער פרווושטיין פאר דער עמעסדיקײַט און וואָרהאפטיקײַט. אַשערל זעט אזא גאָלדע, וועלכע ער דארף, מיט אויגן ריינע פון פאָרורטיילן און פון שמאָלן פראקטיציזם. און אונדז, די דערוואקסענע לייענער, אָרדנט עס

איַין. גאָלדע, אזא, ווי עס האָט זי דערזען אַליעווסקי מיט אַשערלס אויגן, איז פונקט די, וואָס אויך מיר זוכן. גאָלדע איז א שלאכטמאן, אן אָרגאניזאטאָר, א פעדאגאָג. א פעדאגאָג אָן ספעציִעלער בילדונג, אָן א דיפלאָם. א פעדאגאָג, צו וועלכן מע ווענדט זיך פאָשעט: „גאָלדע“, ווי צו א שוועסטער, צו א כאווערטע, און דאָס שוואכט ניט אָפ איר אווטאָריטעט. איר וואָרט איז דאָס אנטשיידנדיקע. ווען סראָליקן דוכט זיך, אז די גאנצע וועלט האָט זיך פון אים אָפגעקערט, און ער שרײַט אויס פארביטערט: „אלע לאכן!.. כ׳וויל ניט, איר זאָלט לאכן!..“, ווײַזט גאָלדע בא דער שײַן פון דער לעוואָנע איר לענגלעך, אויסגעצערט געזיכט, און ווענדט זיך גאָר ניט צו אים, נאָר צו אַשערלען: „גיב נאָר א קוק, אַשער, איך לאך?“ (ז. 221). ריידן מיט קינדער מיט אזא ערנסט, אזוי עכט, קאָן נאָר א מענטש מיט א „זעקסטן כוש“.

נאָר אָט האָט זיך דער מענטש מיטן „זעקסטן כוש“ אָפגענארט. און עס ווײַזט זיך ארויס, אז אין איר, אין דער שטאָלצער נײַער פרוי, לעבט נאָך דער אטאוויזם פון כאספע פאר איר „אומגעזעצלעך“ קינד. די דווירעסלאנג דערצויגענע פסיכאָלאָגיע, אז שולדיק איז אין אזעלכע פאלן דאפקע דער קאָרבן, צווינגט גאָלדען צו גיין מיט זײַטיקע שטעגלעך, מיט די גערטנער. ווען אָבער זי דערהערט א ביליקע כאָכמע וועגן איר „קאדעש“, קומט זי צו־זיך און ווערט די זעלבע גאָלדע, וואָס פריִער. זי באהאלט זיך שוין ניט. זי רופט אליין צונויף „די יִדן און יִדענעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעשפארט ארום טויער“. און אין א פאָר מינוט ארום פרעגט שוין בא איר מיט אכטונג אָט דער זעלבער, וואָס האָט „געשטשירעט די ציין“ און גערעדט צו איר אף „דו“: „עפשער אײַנשפאנען א שליטן אײַך אונטערפירן, כאווערטע גאָלדע?“ די מענטשלעכע ווירדע האָט גויווער געווען די באלעבעסלדיקע מאָראל.

אף בעטשעקן, אף גאָלדע און וועלוול כאַדאַרקאָוו, אף ארלען פאלט דער אָפשײַן פון די מילכאָמע־סרייפעס. זיי זײַנען שוין אויסגעוועזן א וועלט. דאָס שטערט זיי ניט מיט לײַב און לעבן צו זײַן אײַנגעוואקסן אין באָדן פונעם היימישן שטעטל, פון אוקראיִנע.

אין דער יִדישער סאָוועטישער פאָעזיע, וואָס האָט זיך אין די רעוואָליוציע־יאָרן א ריס געטאָן מיט א גוואלדיקן אימפעט פון די שמאָלע שטעטלדיקע געסלעך אין דער גרויסער וועלט ארײַן, האָט דאָס שטעטל ניט אופגעהערט צו פארנעמען א באדײַטנדיק אָרט. אייניקע האָט עס אָפגעשטויסן, ווי א מין געשפענסט פון דער פארגאנגענהײַט, בא אייניקע האָט עס ארויסגערופן צארטע בענקשאפט. אויך אַליעווסקי קוקט זיך טיילמאָל אום אפן שטעטל מיט א געוויסן רויגעז: „דאָ האָט געבליט און געצײַטיקט מײַן אומעט, זאָל ער פארגיין שוין!“. ס׳איז אָבער ניט קיין גרויסהאלטעריש אויסדרייען זיך מיטן רוקן צום שטעטל. דערויף איז דער דיכטער געוועזן צו ערלעך. ער האָט געפילט פאר זײַן כויוו צו זאָגן עפעס נײַס, אויסלייזעריש „דעם טאטן, וואָס היט דאָרט אין שטעטל די שוועל פון דער ליידיקער קלייט“, ס׳האָט אים ווי געטאָן, וואָס „שטיבלעך הילצערנע זיך וואלגערן אין שניי — א פינפטע ראָד צום וואָגן“.

האָט דער דיכטער באוויזן אין דעם ברייטן פראָזעלײַוונט, וואָס ער האָט געשאפן, אז ס׳איז גאָר ניט אזוי די מײַסע, אז דאָס שטעטל איז גאָר ניט קיין „פינפטע ראָד צום וואָגן“. מיט דער נײַ־דעראָבערטער לעבנסדערפארונג אין מאָסקווע, דאָנבאס, בירָאבידזשאן, אין די

רייען פון גרענעץ־מיליטער קערט ער זיך אום צום שטעטל און ווײַזט עס גאָר אין אַ נײַער שײַן. דער הויפּט־פּערסאָנאַזש ווערט דאָ די רעוואָלוציאָנערע יוגנט. אַפן אָרט, „ווו קרעמלעך הילצערנע הייבן זיך אַלץ העכער, ווו ס'שווידערט קאַלט אין פינצטערניש דער מאַרק", זײַנען דרײַען „אַף שטאַמען דאָ געהאַנגען"; ס'איז די היים, וואָס האָט געדינט פאַר אַ פּלאַצדאַרם פון פאַרביטערטע שלאַכטן.

און דאַפקע נאָך דעם, ווי די באַפעלקערונג פון טויזנטער שטעטלעך איז פאַרברענט געוואָרן אַפן פאַשיסטישן שײַטער, שײַנט אויף „אַשערל און זײַנע פרײַנט" ווי אַ ליכטיקער מאָנומענט דעם שטעטל פון די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן מיט זײַן פילבאַרקײַט צו אַלדאָס נײַס, מיט דער גרייטקײַט איבערצואַנדערשן דאָס לעבן.

גרינגער פון אַלץ איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט דאָס שטעטל אַלס דאָס קליינבירגערלעכע, קרעמערישע אאַוו. מיט גרויס פאַראַכטונג שילדערט אַליעווסקי איינעם פון דעם מין „רעוואָלוציאָנערן" איציק נאַזימיקן, וועלכער באַליידיקט ביז אין ביין אַרײַן סראָליקן, דעם זון פונעם אָרעמען קרעמער. „אַרויס, ספּעקוליאַנט!" — טרײַבט ער דאָס דרײַצניאָריקע ייִנגל. און ווען סראָליק, אַן אופגערייצטער פון דער אומגערעכטיקײַט, שפּרינגט אַרויף אַפן פענצטער און עס פּלאַצט דערבײַ אַ שויב, אָרדנט אײַן נאַזימיק אַ כאַווערישן געריכט איבער אים. פאַר גאָלדען איז איר קאָנפליקט מיט נאַזימיקן אַרום דעם באַשריבענעם עפּיזאָד — אַ קאַמף פאַר דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די שטעטלדיקע ייִדן; ס'איז אויך אַ סאָציאַל־עטישע פּראָבלעם. דערפאַר שווינט זי ניט אַשערן, סראָליקס כאַווער, וואָס האָט אונטערן דרוק פון די דערוואַקסענע דערלאָזן דאָס געריכט: „אַז באַ דרײַצן קאָנסטו זיך אַזוי אופירן, איז וואָס וועט שוין זײַן מיט דיר באַ דרײַסיק?" (ז. 219). גאָלדע האָט מיט רעכט געזען די געפאַר פונעם מעכאַנישן מענטשן, וואָס פילט אויס דעם ווילן פון די נאַזימיקס. און נאַזימיק אַליין? דער שרײַבער לאָזט דאָ איבער פּלאַץ פאַר אונדזער פאַנטאַזיע. ס'איז ניט שווער אַריבערצוטראָגן נאַזימיקן אינעם 1937־טן יאָר און מיר וועלן באַלד דערזען, ווי ער קוקט מיט פאַרדעכטיקע בליקן אַף יעדערן, אַפילע בײַס אַ כאַווערישן מאָלצײַט, און דערנאָך זיצט ער אײַנגעזונקען איבער אַ מעסירע אַפן ווײַסן פּאַפּירבויגן. און עפּשער פאַרקערט? עפּשער האָט אַ לעבעדיקער נאַזימיק טאַקע פון 1937 יאָר אופגעוועקט אינעם שרײַבערס זיקאָרן נאַזימיקן פון די צוואַנציקער יאָרן? עס זײַנען געווען פאַלשע, צופּאַסלערישע נאַזימיקס, עס זײַנען אויך מיסטאָמע געווען קלאָגעדיק־„ערלעכע", וואָס האָבן געגלייבט, אַז זיי טוען אוף עפּעס רעכטס. דער שאָדן ווערט פון דעם ניט געמינערט.

אין „אַשערל און זײַנע פרײַנט" איז דאָ נאָך אַ פאַרשוין, וועמעס שווידערלעכער לעבנס־באַרוף לאָזט ניט איבער קיין צווייפל. מיר האָבן דאָ אין זינען שײַקען.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור זיך באַוויזן דער ייִדישער באַלעגוף, דער פאַרשיקערטער פון האַס צו דער סאָוועטנמאַכט, דער באַלעגוף, וואָס איז גרייט אַף קאָלערליי פאַרברעכנס. עס זײַנען געשאַפן געוואָרן עכט־קינסטלערישע פולבלוטיקע געשטאַלטן, וואָס לעבן ביז הײַנט, עס זײַנען גלײַכצײַטיק געשאַפן געוואָרן שטאַמפּן, מעכאַניש אַריבערגעטראָגענע פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווו עס זײַנען אויך געווען אי דערגרייכונגען, אי דורכפאַלן.

אַליעווסקי פירט אַרײַן דעם ייִדישן באַנדיט שײַקע אין דעם שטעטל, ווו ס'איז נאָך ניט אָפּגעקילט געוואָרן דאָס בלוט פון די דערמאָרדעטע דורכן אַטאַמאַן ליסיצע. שײַקע איז אַ זון פון אַן אָרעמען באַלעגאָלע, ער איז פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. אומגעקערט האָט ער זיך אָבער פון פראָנט „רײַטנדיק, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און אָנגעטאָן אין אַ שײַנעם שינעל און אין קנאַקנדיקע שטיוועלעך" (ז. 158). צוזאַמען מיט זײַנע „מעסער־יונגען" — „עטלעכע קאַצאָווים, ליפעראַנטן און באַלעגאָלעס" מאַכט שײַקע באַנדיטישע אָנפאַלן אַפן שטעטל, לייגט אַרויף „שטײַערן", שלאָגט, פאַרפּלאָגט סאָוועטישע טוער. אַליעווסקי רײַסט דאָ סײַ מיט דער רײַכער ליטעראַרישער טראַדיציע פון „נאָבעלע" גאַזלאָנים, סײַ מיט דער טראַדיציע פון שילדערן דעם קאַצאָוו־ און באַלעגאָלע־יונג אַלס רעטער פון פאָלק אין דער צײַט פון אַ צאָרע. ביידע דערמאָנטע טראַדיציעס האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ באָדן אין דער ווירקלעכקײַט און געשאַפן האָבן די דאָזיקע טראַדיציעס גאָר גרויסע שרײַבער. אַליעווסקי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ נײַ געשטאַלט. דער שרײַבער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט פאָרויסזען, אַז מענטשן פון זײַן דאָר און אויך ייִנגערע און עלטערע וועט נאָך אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע שײַקעס אין די טראַגישסטע טעג פון אונדזער פאָלק. אָט פון אַזעלכע שײַקעס איז דאָסראָוו ווערבירט געוואָרן די ייִדישע פּאָליצײַ אין די געטאָס. די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט האָט ניט געלינדערט זייער רישעס. שײַקע איז אַ מאָנומענטאַל געשטאַלט.

און לאַנג אין זיך דערהאַרגעט שוין די טויבן,
אַן אָדלערל איך האָדעווע אין האַרץ.
(„לידער", ז. 51).

דער אָדלער איז אַ שטאָלצער פויגל. ער וויל ניט זײַן קיין קרעמערל, ער וויל ניט זײַן קיין דערשלאָגענער שטעטלדיקער ייִד. אַליעווסקין האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַווײַזן, וויאַזוי עס איז אופגעהאָדעוועט געוואָרן דאָס אָדלערל אין אַשערלס האַרצן. אָבער... צי זײַנען טאַקע בעעמעס דערהאַרגעט געוואָרן די טויבן?

אַליעווסקיס שאַפן איז שטרענג, מוטיק, צילגעווענדט. אין זײַנע לידער קלינגט די גרייסקײַט צו טאס. באַנאַנד מיט דעם טריפט די אָוונטיקע בענקשאַפט פונעם דיכטער:

ווייכע רו איך קלײַב איצט אין מײַן אָטעם,
מיט שטילן רויש פון פאַלנדיקן צווײַג.
ס'האָט הימל הײַנט אין שטערן זיך צעשאָטן,
און ווײַסן זילבער שיט ער איצט און שיט.
(„אין וווּקס", ז. 28).

מיט יאָרן שפּעטער טרעפן מיר באַ אַליעווסקין אינעם בירָאָבידזשאַנער ציקל אַזעלכע שורעס:

צי מיד איז דאָס האַרץ שוין פון לייד?
צי זוכט עס דאָס העלס און געגאַרטס?
אַ שנײַ פאַלט פּאַמעלעך אַף מיר,
אַ שטילקײַט זיך לייגט אַפן האַרץ.
(„לידער", ז. 17).

ווי קרויוויש דאָס איז צו לערמאָנטאָווס שורעס:

В небесах торжественно и чудно!
Спит земля в сияньи голубом...
Что же мне так больно и так трудно,
Жду ль чего? Жалею ли о чем[1].

---

[1] *М. Ю. Лермонтов*. Избранные произведения. Гослитиздат, 1941, стр. 67.

דאָס זײַנען שורעס פון לערמאָנטאָוון דעם ליריקער, וואָס האָט אופגענומען די שפּראַך פון שטערן. אַליעווסקי האָט אָבער אײַנגעזאַפּט אין זיך אויך דעם לײַדנשאַפטלעכן מערידע־אויסגעשריי פון „מצירי“:

Ты хочешь знать: что делал я
На воле? Жил, и жизнь моя
Без этих трех блаженных дней
Была б печальней и мрачней
Бессильной старости твоей[1].

די אינטאָנאַציע פון דער פּאָעמע „מצירי“ לאָזט זיך פילן אין איינער פון אַליעווסקיס בעסטע לידער — „אין א געוויטער“, אפילע מיטן כאראקטעריסטישן פאר לערמאָנטאָוון אריבערטראָגן ווערטער, פארבונדענע לויטן אינהאלט מיט דער געגעבענער שורע, אין דער קומענדיקער, — מיטן Enjambement (אנזשאמבעמאן). די קרויווּשאפט איז דאָ ניט קיין צופעליקע.

פון די אויצרעס פון קולטור־שאפונג יאַרשנט דער דיכטער — צי באַוווּסטזיניק, צי ניט — דאָס, וואָס עס איז אמערסטן נאָענט זײַן אינערלעכער וועלט. אויב ער שטעלט זיך אף דעם אָפּ, בלײַבט ער ניט מער ווי א נאָכמאכער אָדער, אין בעסטן פאל, א נאָכפאָלגער פון דער אָדער יענער ליטעראַרישער שול, שיטע. בא אזא דיכטער באקומט זיך אן אײַנרײַס צווישן פאָרם און אינהאלט, צווישן פאָרם און די פאָרגעשריטנסטע אידייען פון זײַן צײַט, פונקט אף אזא אויפן, ווי דאָס באקומט זיך באם דיכטער, וועלכער באמיט זיך שאפן א שפּאָגלנײַע פאָרם אף א ליידיקן פלאץ. נײַע קינסטלערישע ווערטן ווערן געשאפן דורך יערושע און פּאָלעמיק, דורך פארייגענען און אָפּלייקענען. בלויז יערושע פירט צו עפּיגאָנישקײַט, בלויז פּאָלעמיק — צו אויסערלעכער שפּיל אין קונסט. באפרוכפערט פון אן עכטער קינסטלערישער אינדיווידואַליטעט, שײַנט אוף סײַ דאָס געשילדערטע לעבן, סײַ דאָס שוין דעראָבערטע אין קונסט אף א נײַעם אויפן און עס ווערט צײַטיק א נײַע פרוכט.

אין זײַן ארײַנפיר צו „אָשערל און זײַנע פרײַנט“ שרײַבט דער קריטיקער נאָכעם לעווין:

„ווי יעדער עכטער ליריקער, האָט אַליעווסקי אויסגעזונגען זײַן אייגן לעבן, זײַן ראַנגלעניש, זײַן טרוים. די ליד זײַנע איז אָבער געווען אזוי עכט און עמעסדיק און גלײַכצײַטיק דורכגעדרונגען מיט אזא קלאָרער באַזיניקונג פון דער צײַט, פון זײַן אָרט און וועג, אז ער איז ווירקלעך געוואָרן דער זינגער פון א דאָר“ („אָשערל און זײַנע פרײַנט“, ז. 5).

און אזוי איז עס. אדאנק זײַן מענטשלעכער און געזעלשאפטלעכער פילבארקײַט — „און ס׳ווידערקאָלט, עס ענטפערט אָפּ מײַן יוגנט אף יעדן ריר פון אָט דער גרויסער וועלט“ — האָט זיך דעם דיכטער אײַנגעגעבן ניט בלויז דערציילן וועגן זײַן דאָר, נאָר אויך אויסדריקן זײַן פײַן, זײַן פרייד, זײַנע געדאַנקען און האָפענונגען.

אַליעווסקיס בענקעניש, אַליעווסקיס טרוים ווערט געלײַטערט דורך דעם נעס פונעם מענטשלעכן. באַזונדערס איז עס געקומען צום אויסדרוק אין די בירָאָבידזשאנער לידער, האגאם זיי שטעלן מיט זיך פאָר קימאט דורכויס נאטור־ליריק: „כינגאן“, „אין טײַגע“, „א וועג“, „וואלד“, „א רעגן אין שטאָט בירָאָבידזשאן“, „א שניי וועט זײַן“, „פרימאָרגן“, — אזעלכע זײַנען זייערע נעמען. די דערהויבנקײַט, גרויסארטיקײַט און שטרענגקײַט פונעם ווײַטן מיזרעך האָט באַגײַסטערט דעם עלטערן דאָר סאָוועטישע דיכטער; פונדאנען שטאמט אויך ווערגעליסעס און קאזאקעוויטשעס עפּישע שילדערישקײַט.

אַליעווסקיס בירָאָבידזשאנער ציקל איז א לויב דער נאטור און דעם מענטש. דאָס זײַנען לידער פון א גרויסער עמאָציאָנעלער און געדאנקלעכער אָנלאָדונג.

מעשונע־רויט געשמעלצט האָט זיך די זון.
און כ׳האָב צו דר׳ערד שוין צופאלן געוואָלט,
ווען כ׳האָב אן אָזערע דערזען, א טאבון
צעהיצטע פערד אין גליִענדיקן סטעפּ,
זיי האָבן האלדז ארופגעלייגט אף האלדז,
ארוף־אראָפּ געפאָכעט מיט די קעפּ.
(„לידער“, ז. 20).

בא דעם אָנוואקסנדיקן געוויטער, בא דעם „אופגערעגטן הימל“, אין אָנבליק פון די פערד, „באגאָסענע מיט שוים, מיט שווארצן גרויל“, האָט דער מענטש דערפילט זיך קליין, „מעשונע־קליין אין גרויסן סטעפּ אין שטילן, אין סטעפּ אָנענדלעכן און וואָלקנדיקן, שווארצן...“

און ווען דאָס געוויטער האָט זיך צעשפּילט, האָט דער טאבון אין איימע „געלאָזט זיך אין דער ווײַט“. ווי א ליכטיקער נעס וואקסט דאָ אויס „באלויכטן און באַשײַנט פון בליצן הילכיקע“ די פיגור פון דעם פאסטעך, אף וועמעס רוף „קאָפּ אין קאָפּ באהאלטן“ די פערד האָבן זיך אומגעקערט, „גערוקט דערשראָקן זיך, געטופּעט בלינד...“

און ס׳הויכע גראָז פאר אים האָט זיך געבויגן,
געפאלן און געקניט... און ערגעץ ווײַט די זון,
וואָס האָט באם ראנד געפלאקערט אין פארגיין,
ער זאָל איר א געשריי טאָן, דאכט זיך, — „שטיי!“,
און ס׳וואָלט די זון דעמלט געבליבן שטיין, —
געפלאקערט העל פאר אונדז, די מענטשן צוויי,
פאר אונדז, פארמאטערטע, וואָס זײַנען עס ארויס
און קוים די פיס געשלעפּט...
און מעכטיק כ׳האָב דערפילט זיך דעמלט — גרויס,
אומענטשלעך גרויס אין שטורעמדיקן סטעפּ,
אין וויכער וויסטיקן, אין שווארצן רוים.
(„לידער“, ז. 20—23).

אין טײַגע, וווּ „א פענצטער אין דער נאכט איז ווי א שטערן“ און וווּ פון דעם „ערשטן פאָר צענדליק פארענדיקטע הײַזער“ גייען ארויס שווארץ־אויגיקע פרויען און „הענגען אוף ווינדעלעך איבער די צווײַגן“, האָט דער דיכטער באַזונדערס שארף דערפילט די נאָענטקײַט צו „מענטשן, וואָס מיר ניט באקענט“. „ניטאָ אינעם הארצן קיין שלעכטס“, דעם דיכטערס ליבשאפט איז לויטער און ריין.

איינצײַטיק מיט די העלע, ליכטיקע לידער זעצט פאָר אַליעווסקי דאָס בוך „אָשערל און זײַנע פרײַנט“, דאָס ווערק וועגן טראגיק און העלדישקײַט, וועגן דעם ציִען זיך פון זײַן דאָר צו א געזונט לעבן. און זײַן אייגענעם גאנג אינעם „לויטערן פארטאָג“ האָט ער באזיניקט אזוי:

די ווייכקײַט איז אוועק. און שטרענגער שוין
און הארט
איך קום איצט א באוואקסענער מיט לעבן
אין לויטערן פארטאָג. („לידער“, ז. 3).

א שטרענגער און הארטער איז ער אוועק פון אונדז, אוועק שלאָגן זיך מיטן פאשיזם. נאָר געוויס האָט ער מיטגענומען מיט זיך אויך די ווייכקײַט, די איידלקײַט פון זײַן דיכטער־הארץ. אין טאָך איז דאָך בוזי אַליעווסקי געווען אן אָדלער און א טויב.

ריווקע רובין.

[1] דאָרט, ז. 137.

פרייִדיקע גרוסן

פריידיק זייַנען די גרוסן, וואָס מיר באַקומען לעצטנס וועגן דער אַרבעט פון די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאיִקער. עס פאַרברייטערן זיך זייערע האָריזאָנטן, עס פאַרטיפט זיך זייער צוגאַנג צו דער אַרומיקער ווירקלעכקייַט, עס פאַרמערט זיך די צאָל טיפּישע געשטאַלטן, וואָס ווערן געשאַפן אין די נייַסטע ווערק.

נאָך גאָר אין דער אָנהייב־צייַט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור — אין די צוואַנציקער יאָרן — האָט מ. דאַניִעל אין זייַן ראָמאַן „אין א צייַט אַזאַ" פּראָקלאַמירט דעם אינטערעס צו דער קעגנוואַרט אַלס הויפּט־אינטערעס פון די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאיִקער. אין פאַרלויף פון יאָרן האָט דער באַגריף „אין א צייַט אַזאַ" זיך אָנגעפילט מיט א נייַעם היסטאָרישן אינהאַלט, אָבער ער גילט אויך איצט אַלס גרונט־געבאָט פון אונדזערע שרייַבער. נאָר „אין א צייַט אַזאַ" האָט דער העלד פון י. פאַליקמאַנס דערציילונג „לייב כאַדאַש" געקאָנט זיך אַרויסרייַסן פון דער קליינשטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקייַט און ווערן א מאַשיניסט אויף אַן אייַזנבאַן־לאָקאָמאָטיוו, וואָס טראָגט אים איבער די שטרעקעס פונעם גאָרן לאַנד. נאָר „אין א צייַט אַזאַ" האָט דער העלד פון טעוויע גענס דערציילונג „אין דער היימשטאָט" געקאָנט ווערן אַן אינזשעניער א מעטאַלורג, אַן אַקטיווער בויער פון א זאַוואָד, וואָס זיכערט די מעכטיקייַט פון דער מעטאַלורגיע אין סאָוועטישן לאַנד. נאָר „אין א צייַט אַזאַ" האָט די דורכשניטלעכע ייִדישע פרוי, וועלכע עס שילדערט אין זייַן דערציילונג עליע גאָרדאָן, געקאָנט ווערן „די באָבע פון די טראַקטאָריסטן" און דערציִען א גאַנצע מאַכנע טעטיקע לעבנספולע מענטשן, וואָס אַקערן די פעלדער אין פאַרשיידענע געגנטן פונעם גרויסן סאָוועטישן לאַנד. דאָס אַלץ איז מעגלעך געוואָרן נאָר „אין א צייַט אַזאַ", אין די יאָרן פון אונדזער סאָוועטישן הייַנט, און צו אָט די יאָרן איז עס געווענדט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייַט פון די וואָרט־קינסטלער.

עס איז אַלעמאָל דערפרייענדיק, ווען דו לייענסט א ווערק און פון דאָרט קוקט אויף דיר א לעבעדיקער מענטש מיט בוילעט־באַצייכנטע אייגנשאַפטן, מיט קלאָר־אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטער־שטריכן. אָבער נאָך מער פרייט דעם סאָוועטישן לייענער, ווען אין די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן דערקענט ער די מענטשן, וואָס גייען מיט אים אין לעבן האַנט־בא־האַנט און אַקסל־צו־אַקסל, ווען ער דערקענט דאָ זייַנע טאָגטעגלעכע מיטגייער, מיטבויער און מיטשעפער. באַם לייענען די נייַסטע ווערק, וואָס עס שרייַבן די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאיִקער, טרעפט זיך אַזוינס גאַנץ אָפט. אונדזערע פּראָזאיִקער האָבן לאַנג שוין אָפּגעוואָרפן דעם אַלט־פאַרשימלטן פאָרורטייל, אַז קלוימערשט ריכטיק זען די ווירקלעכקייַט קאָן דער קינסטלער בלויז דעמלט, ווען ער קוקט פון דער וויַיט, פון א באַשטימטער דיסטאַנץ. אַזאַ אַרט קוקן איז אייגנטימלעך נאָר פאַר קינסטלער מיט קאַליע געוואָרענע אויגן. אונדזערע סאָוועטישע קינסטלער קוקן מיט געזונטע אויגן. אין דער הינזיכט איז זייער כאַראַקטעריסטיש די געשיכטע פון דעם מאָלער, וועלכן עס שילדערט י. ראַבין אין זייַן דערציילונג „ראָכל מיט אירע קינדער"[1]. עס גייט דאָ א רייד וועגן א קינסטלער, וואָס איז פול מיט אומרו, ער הערט ניט אויף צו זוכן זייַן טעמע, זייַן געשטאַלט, אין וועלכע ער זאָל קאָנען רעאַליזירן אַלע שעפערישע מעגלעכקייַטן. די זוכענישן פירן אים גאַנץ וויַיט, אָבער צום סאָף פון דער דערציילונג ווייַזט זיך אַרויס, אַז דאָס געשטאַלט געפינט זיך ניט ערגעץ וויַיט, אין די פאַרהוילענע מערכאָקים, — ס'איז גראָד „ראָכל מיט אירע קינדער", א געשטאַלט פון א סאָוועטישער דאָקטערשע, וואָס טראָגט אין זיך א קוואַל פון עכטער מענטשלעכקייַט. דער קינסטלער לייגט אַוועק אָן א זייַט אַלע זייַנע פריִערדיקע לייַוונטן, ער גיט זיך אָפּ מיט לייַב און לעבן דער אַרבעט אויפן איין־איינציקן לייַוונט, פון וועלכן עס קוקט דאָס באַקאַנטע געשטאַלט פון דער דאָקטערשע, וואָס וווינט אין זעלבן הויז, בישכיינעס. מע קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז אָט אַזעלכע לייַוונטן מאָלן איצט דאָסראָוו ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאיִקער. די רייַפקייַט פון זייער קונסט ווייַזט זיך אַרויס מער פאַר אַלץ דערין, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זען דאָס, וואָס רינגלט זיי אַרום, אויסגעלערנט זיך קוקן פון דער נאָענט, און דאָס איז א סאַך־א סאַך פּרוכטבאַרער איידער דאָס פיל מאָל פאַרלויבטע „קוקן פונדערווייַטנס".

נ. אויסלענדער אין די דרייַסיקער יאָרן.

אויפבויען דאָס לעבעדיקע געשטאַלט פון דעם סאָוועטישן מענטשן פון די 60־ער יאָרן הייסט באַווייַזן אים

דעם 26 דעקאַבער איז געוואָרן 70 יאָר זינט עס איז געשטאָרבן נאָכעם אויסלענדער. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאַטע דרוקן מיר דאָ אַן אַרטיקל, וואָס נ. אויסלענדער האָט אָנגעשריבן ניט לאַנג פאַר זייַן טויט.

[1] אַלע דערמאָנטע און וויַיטער געבראַכטע דערציילונגען זייַנען געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

אין טאַט, שילדערן אים אין גאַנג פון דער אַקציע, אין דער טאָגטעגלעכער לעבנס־דינאַמיק. דערפאַר זעען מיר, ווי אונדזערע פּראָזאיִקער וואַרפן אָפּ די אָפּגעקילט־כראָניקאַלישע דערציילונגס־מאַניר. זיי שטרעבן צו געפינען אַ מער אַקטיוון דערציילערישן נוסח, אַ מער ווילנספולן שילדערונגס־שטייגער, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם ווילנספולן לעבנסגאַנג פון די פּערסאָנאַזשן.

אַ געזונטער בוים צייכנט זיך אויס מיט זײַן גרויסער צעצווײַגטקײַט, אַ געזונטע ליטעראַטור — מיט דער גרויסער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון אירע זשאַנרען. און דאָס איז איינער פון אונדזערע פרייִדיקסטע גרויסן: די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די זשאַנרען, מיט וועלכע עס טרעטן אויף איצט די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאיִקער.

די צענטראַלע פיגור אין אונדזערע ווערק איז אָן שום ספק דער מענטש פון די זעכציקער יאָרן. אָבער ער שטייט פאַר אונדז, אָט דער מענטש פון די זעכציקער יאָרן, אָן אַרומגערינגלטער מיט זײַנע פאָרגייער, ער איז מיט זיי לײַבלעך פאַרקניפּט און גײַסטיק פאַרבונדן. דערפון איז געדרונגען, אַז דער געשיכטלעכער זשאַנער בלײַבט אויך אין צענטער פון אונדזער אויפמערקזאַמקײַט. דערפאַר לייענען מיר מיט אַזאַ גרויסן אינטערעס די קאַפּיטלען פון עליע שעכטמאַנס נײַעם ראָמאַן „ערעוו". עס פרייט אונדז, וואָס דער אַווטאָר ווײַזט אַרויס אַ גרינטלעכע קענטעניש אין דעם לעבן פון אַ דאָר, וועלכער איז אָפּגעשיידט פון אונדז מער ווי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט. עס פרייט אונדז, וואָס שילדערנדיק אַ ווײַטע עפּאָכע — ערעוו 1905, גיט שעכטמאַן איבער ניט בלויז דעם גאַנג פון היסטאָרישע פאַקטן, ער אַנטפּלעקט אָט די פאַקטן, ווי זיי האָבן זיך פאַרקערפּערט אין מענטשלעכע גורלות, ווי זיי האָבן געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון דער נײַער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, אָנגעהויבן שמידן יענעם נײַעם כאַראַקטער, וועלכער האָט שפּעטער באַקומען די באַצייכענונג: סאָוועטישער כאַראַקטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער היסטאָרישער זשאַנער באַגרענעצט זיך ניט אינעם אויסוואַל פון טעמעס און געשטאַלטן. ער ווענדט זיך אי צו דער נאָענטער, אי צו דער ווײַטערער, אי צו גאָר ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. אונדזער אינטערעס צו דער פאַרגאַנגענהײַט איז זייער גרויס. ער פאַלט נאָר דעמלט, ווען דער שרײַבער האָט צו טאָן מיט היסטאָרישן אָפּפאַל, מיט אַזאַ נישטיקן דרויב, וואָס לעבט ניט און האָט קיין רעכט ניט צו לעבן אין זיקאָרן פונעם פאָלק.

אונדזער לייענער האָט מיט אַ גרויסן אינטערעס אויפגענומען מישע לעווס דערציילונג „ווען ניט די פּרײַנט מײַנע..." אויך דאָס איז אַ ווערק, וואָס האָט צו טאָן מיט דער פאַרגאַנגענהײַט. עס שילדערט די צײַט, ווען די היטלער־האָרדעס האָבן פאַרנומען היפּשע שטעכן פון סאָוועטישן לאַנד. די מענטשן־פאַרניכטונג, וועלכע די נאַציסטן האָבן געפירט לויט אַ ווײַטגייענדיקן פּלאַן, האָט פאַרויסגעזען אַ דורכויסיקע פעלקער־פאַרניכטונג. די אָקופּירטע טעריטאָריע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּגרונט פון מענטשלעכע לײַדן, אָבער אויך אין אָט דעם אָפּגרונט גייט אויף דער העלער שטערן פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. און אָט־אָ דער שטערן באַלײַכט עס מישע לעווס דערציילונג. איז עס דען ניט אַ בײַשפּיל דערפון, וויִאַזוי די היסטאָרישע טעמע קאָן אָרגאַניש אײַנגעוועבט ווערן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אַקטיוון אינטערעס צו דער קעגנוואַרט?

ערנסטע פראַגן שטעלן זיך פאַר אונדז, ווען מיר באַטראַכטן דעם צושטאַנד פון אונדזער סאַטירישן זשאַנער. מיר פאַרגעסן ניט דעם טרעפלעכן נאָמען, מיט וועלכן ש. גאָדינער האָט סאָף צוואַנציקער יאָרן באַצייכנט זײַנע סאַטירישע געשטאַלטן. ער האָט זיי אָנגערופן: „פיגורן אַפן ראַנד". דאָס האָט געזאָלט אונטערשטרײַכן, אַז צום אונטערשייד פון דער ביזאַקטיאַבערדיקער עפּאָכע, ווען די סאַטירע פון מענדעלען, פּערעצן און שאָלעם־אַליכעמען איז געווען געווענדט קעגן די פיגורן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער דעמלטיקער געזעלשאַפט, האָט אונדזער סאָוועטישע סאַטירע צו טאָן מיט „פיגורן אַפן ראַנד", דה. מיט פאַרשוינען, וואָס זײַנען אָפּגערוקט צום סאַמע ווײַטן הינטערגרונט פון אונדזער סאָציִאַליסטישער ווירקלעכקײַט. אַזעלכע מינע פאַרשוינען וואַגן ניט אַרויסצוגיין אויף דער אויבערפלאַך, זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין באַהאַלטענע ווינקלען, וווּ דאָס געניטע אויג פון אַ שרײַבער אַ רעאַליסט דאַרף זיי באַמערקן.

דערפאַר פרייט אונדז, וואָס י. פאַליקמאַן האָט אין זײַן דערציילונג „לייב כאַדאַש" ניט פאַרזען איינעם אַזאַ פאַרשוין און האָט געגעבן אַ גאַנץ בוילעט געשטאַלט פון „זוסיע מיט די קלעפּיקע פינגער". אַזאַ געשטאַלט טרעפן מיר אויך בײַ טעוויע גענען אין זײַן דערציילונג „אין דער היימשטאָט". בײַ דער שײַן פון סאַטירע האָט אויך י. ראַבינען זיך אײַנגעגעבן טיפער אַרײַנקוקן אין דער נעשאָמע פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן, וואָס טרעפן זיך אין זײַנע נײַסטע דערציילונגען. ס׳איז צו האָפן, אַז מיט דעם זעלבן וועג וועלן אונדזערע פּראָזאיִקער גיין אויך ווײַטער.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור שטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע: צייכענען דאָס געשטאַלט פון דעם הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן מענטשן, דעם בויער פון קאָמוניזם. ווי גרויס ס׳איז ניט די ווערט פון די פּראָזאיִשע ווערק, וואָס זײַנען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געשאַפן געוואָרן, קאָן דאָך קיין רייד ניט זײַן, אַז זיי זאָלן באַטראַכט ווערן ווי דער העכסטער פונקט פון אונדזערע דערגרייכונגען. די קינסטלערישע ליטעראַטור איז באַרופן אין דער שילדערונג פונעם סאָוועטישן מענטשן איבערגעבן אין דער פולער מאָס די פילפלאַנישקײַט פון זײַן לעבנס־געשיכטע, די פילשטראַמיקײַט פון זײַן אינערלעכן לעבן, די פילפאַרביקײַט פון זײַן פּסיכאָלאָגיע. בײַקומען די לעצטע רעשטן פון איינאַרטיקײַט, איינפאַרביקײַט און איינטאָניקײַט — דאָס איז אויך איינע פון די אויפגאַבן, וואָס שטייען איצט פאַרן ייִדישן סאָוועטישן פּראָזאיִקער. מיט פולע רעכט האָפן מיר, אַז אויך די אויפגאַבע וועט גאָר אינגיכן געלייזט ווערן, און דערמיט וועט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אויפגעהויבן ווערן אויף אַ נײַעם, העכערן שטאַפּל.

קינסטלערישע שניצערײַ אף שטיין

אין פארלויף פון פיל יאָרן האָט זיך בא מיר אָנגעזאמלט א רײַכע קאָלעקציע פון פאָלקס־אָרנאמענטיק. אין צייכענונגען און אף פאָטאָבילדער זײַנען פארפיקסירט מאָטיוון פון שניצערײַ אף שטיינערנע מאצייוועס, וועלכע געהערן צו דער צײַט פון XVIII — XIX יה. און זײַנען כאראקטעריסטיש פארן דעמלטיקן לעבנסשטייגער פון די יִדן אין מאָלדאוויע, אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאנד, אין די באלטישע לענדער.

צום באדויערן, איז אזא וויכטיק קונסט־געביט, ווי די שניצערײַ אף שטיין, ביז איצט קימאט אינגאנצן ניט דערלערנט און זייער שוואך אָפגעשפיגלט אין דער ליטעראטור. נאָר אדאנק דער גרויסער שטאנדהאפטיקײַט פון דעם מאטעריאל, האָט ער זיך פולשטענדיק פארהיט ביז אונדזערע טעג און מיר האָבן, אזויארום, די מעגלעכקײַט נאָכצושפירן נאָך דער אנטוויקלונג פון אָט דעם מין קונסט, אָנגעהויבן פון די סאמע ווײַטע צײַטן און ביזן סאָף פון XIX יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן זײַן יערידע.

שוין אף די סאמע פארצײַטיקע דענקמעלער פון דער יִדישער ארכעאָלאָגיִע, וועלכע געהערן צו די ערשטע יאָרהונדערטן פון אונדזער צײַטרעכענונג, לעמאָשל אף די דענקמעלער, וואָס געפינען זיך אין די קאטאקאָמבעס הינטער רוים, אף די קרימער מאצייוועס און אנד., קאָן מען זען בילדער פון באלעכײַיִם און געוויקסן, וועלכע מע זעט אף די שטיינערנע מאצייוועס פון דער נעענטערער צו אונדז צײַט. אין מיטלאלטער ווערן די דאָזיקע בילדער פארביטן מיט רעליגיִעזע אופשריפטן. שפעטער, אינעם פעריִאָד פון דער יִדישער מיגראציע איבער די לענדער פון אייראָפּע, האָט אפן כאראקטער פון דעם מין קונסט, ווי אף דער גאנצער יִדישער אָרנאמענטיק, געהאט א היפשע ווירקונג די רענעסאנס־קונסט, דערנאָך אויך דער באראָקאָ־סטיל.

אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטן האָבן אף דער שניצערײַ אף שטיין געהאט א גרויסן אײַנפלוס די באפוצונגען פון יִדישע מאנוסקריפטן און די געדרוקטע בוך־אָרנאמענטיק. אף די שארבלעטער, אף די צייכענונגען צום אָנהייב און סאָף טעקסט, אף די קינסטלעריש אויסגעפילטע ארײַנפיר־אויסיִעס זײַנען קימאט פולשטענדיק פרײַ, אָן מעניִעס, טראקטירט געוואָרן די מאָטיוון פון מיזרעך און ביזאנץ. די רעליגיִעזע ליטעראטור, וואָס איז געווען ברייט פארשפרייט, האָט מיטגעהאָלפן, אז די דאָזיקע מאָטיוון זאָלן ארײַנדרינגען אין דער פאָלקס־קונסט. די שניצער פלעגן, פארשטייט זיך, אזעלכע מאָטיוון איבערגעבן אף זייער אויפן, אין א פאראלגעמיינערטער און פארייִנפאכטער פאָרם, אין דעם נוסעך, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר דער פאָלקסטימלעכער קונסט.

איר גרעסטע אויסדריקלעכקײַט האָט די שניצערײַ־קונסט דערגרייכט אין XVIII — XIX יה. אף דער טעריטאָריע פון די איצטיקע מײַרעוו־געגנטן פון פססר. די געשניצטע צייכענונגען אף מאצייוועס האָבן אָנגעהויבן דינען אלס נייטיקע איליוסטראציע צו די אופשריפטן אף זיי, אויסדריקנדיק באשטימטע סימאָנים און שטריכן פון נעם ניפטער, — זײַן געשלעכט, עלטער, פראָפעסיע, אייגנשאפטן. אין א ריי פאלן פארקערפערן זיי די געדאנקען פון די לעבעדיקע וועגן דעם פארשטאָרבענעם.

בא אזא נײַעם אינהאלט פון די צייכענונגען מוז שוין דער קינסטלער זײַן אָריגינעל, ווײַל ער שילדערט דאָך די אינדיווידועלע שטריכן פון א מענטשן. אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט פארברייטערט דער קאָמפלעקס פון די קינסטלערישע מאָטיוון.

די מײַסטערס פון שניצערײַ אף שטיין פלעגן, ווי באוווסט, איבערנעמען זייער פאך בעירושע. די דאָזיקע קונסט פלעגט איבערגיין פון דאָר צו דאָר. דערפאר טאקע קאָן מען אין יעדן גרעסערן יִישעוו טרעפן אין־

שטאָט כאָטין, אינמיטן XIX יה.

דעם געביט ספעציפיש־אָרטיקע קינסטלערישע אייגנשאפטן, וועלכע געהערן צו די מישפאָכע־טראדיציעס פון די קינסטלער. מע קאָן אויך אָפמערקן שטריכן, וועלכע זײַנען כאראקטעריסטיש פאר דער שניצערײַ פון באזונדערע געאָגראפישע ראיאָנען. די מאצייוועס פון מאָלדאוויע און אוקראַיִנע טיילן זיך אויס מיט זייער בוילעטן רעליעף, זאפטיקן פלאָרע־אָרנאמענט, מיט אונטערגעשטראָכענער דעקאָראטיוויקײַט. אין ווײַסרוסלאנד און אין די באלטישע לענדער איז די שניצערײַ כאראקטעריסטיש מיט איר גלאטערער אויבערפלאך, זי באווײַזט די פלייןארטיקע לאנדשאפט. די צייכענונג איז אײַנגעהאלטענער. א גרויסע באדײַטונג באקומען דאָ דער אינהאלט, די טעמאטיק. די שילדערונג צייכנט זיך אויס מיט איר רירנדיקער, נאַיִווער פאשטעס.

צום סאָף XIX יאָרהונדערט מערקט זיך אָן א יערידע אין דער שניצערײַ־קונסט. אין אָנהייב XX יאָרהונדערט הייבן אָן די מײַסטערס נוצן שאבלאָנען, מיט וועלכע זיי באארבעטן צענדליקער און הונדערטער קאָפיעס פון מאצייוועס. אין די לעצטע יאָרצענדליקער ווערן די שטיינערנע פלאטן פארביטן מיט פלאטן, וואָס זײַנען אָפגעגאָסן פון בעטאָן און אנדערע מאטעריאלן, זיי פארלירן שוין יעטווידע פארבינדונג מיט די טראדיציעס פון דער פאָלקס־קונסט.

די שניצערײַ ווײַזט געשטאלטן פון דער רעאלער וועלט. די בילדער זײַנען שטענדיק קאָנקרעט און לאָזן זיך לײַכט דערקענען. דאָס זײַנען כײַעס, פייגל, געוויקסן און פארשיידענע אטריבוטן — שטייגערישע, פראָפעסיאָנעלע, רעליגיִעזע. ווען די בילדער ווערן געצייכנט

צוזאמען, גרופּעסווײַז שטעלן זיי מיט זיך אָפט פאַר קאָמפּליצירטע לויט דער קאָמפּאָזיציע סוזשעטן.

קיין מענטשלעכע געשטאלטן טרעפט מען ניט אין דער שניצערײַ. אָבער אָפט טרעפן זיך סוזשעטן, אין וועלכע עס ווערט געמיינט דער אָנטייל פון א מענטשן, נאָר דער מענטש איז פארביטן דורך א כײַע, א פויגל אָדער דורך א טייל פונעם מענטשנס אָרגאניזם, אשטייגער דורך די הענט. אף איינער א מאצייווע, לעמאָשל, זײַנען אויסגעמאָלט קעמלען לעבן א ברונעם, פון וועלכן א האנט שעפּט וואסער. די האנט איז דאָ א טייל פון א גאנצעס (א מעטאָד, וואָס איז באקאנט אין דער קונסט פון א סאך פעלקער), זי באצייכנט א מענטשן, וואָס אויסמאָלן אים אינגאנצן האָט דער קינסטלער לויט דער טראדיציע ניט געוואגט.

מיט א בילד פון א באלכײַ ווערט אָפט איליוסטרירט דער נאָמען פונעם ניפטער. א לייב מאָלט מען אויס, ווען דער פארשטאָרבענער האָט געהייסן „לייב“. א הירש — ווען דער נאָמען איז געווען „צווי“ (אָדער „הירש“), א בער — באם נאָמען „דוויו־בער“, א פויגל — בא א פרוי מיטן נאָמען „פייגל“ אאוו. א צווייענדיקער נאָמען ווערט אין א סאך פאלן איליוסטרירט דורך בילדער פון צוויי אנטשפרעכיקע באלעכײַים. צומאָל ווערט איליוסטרירט אויך די פאמיליע. אזוי, לעמאָשל, איז לעכאטכילע אומפארשטענדלעך, פארוואָס איז אף א מאצייווע אויסגעמאָלט א הוט. נאָר עס ווײַזט זיך ארויס, אז די פאמיליע פונעם פארשטאָרבענעם איז געווען הוט. דאָס איז זייער אן אלטער מעטאָד. עס איז, צום בײַשפּיל, באקאנט איינס א מיטלאלטערלעך פינגערל, אף וועלכן עס זײַנען אויסגעשניצט פיש, ווײַל די פאמיליע פונעם באלעבאָס פונעם פינגערל איז געווען „פישלין“. אין דער שניצערײַ־קונסט עטעמען אזעלכע סוזשעטן שטארק מיט פאָלקס־פּאשטעס.

שטאָט סאדאגערע, 1813 י.

מיט דער צײַט ווערן די פּאָשעטע איליוסטראציעס צום נאָמען קאָמפּליצירטער, די קינסטלער גיבן זיי צו א געדאנק, אן אידיי, וואָס איז פארבונדן מיט די באגריפן פון לעבן און טויט. דער באלכײַ ווערט געצייכנט אָדער א דורכגעשאָסענער מיט א פײַל אָדער א צעביסענער דורך א שלאנג. א פײַל און א שלאנג זײַנען סימבאָלן פון טויט. וואָס ווײַטער באקומען די סימבאָלישע געשטאלטן אלץ א גרעסערע באדײַטונג. דאָס בילד הערט שוין אוף צו אנטשפרעכן דעם נאָמען, — עס ווערט דעריקער א מיטל צו אויסדריקן אן אידיי. א צעבראָכן געוויקס, א ביס פון א שלאנג, אן אוועקפליִענדיקער פויגל, א פארלאָזט הויז — אלץ, וואָס עס איז צעבראָכן, פארלאָזט, ווערט א סימבאָל פון טויט.

דער באליבטער מאָטיוו אין דער שניצערײַ איז דאָס בילד פון א פויגל. ער סימבאָליזירט די פרוי, איר צניִעס. אף איינער א מאצייווע איז די פארשטאָרבענע באוויזן אין געשטאלט פון א פויגל, וואָס לייענט א בוך. א פויגל, וואָס וואָרפט ארײַן א נעדאָווע אין א צדאָקע־פושקע, שילדערט די פילאנטראָפּישקײַט פון דער פרוי.

די בילדער פון דער באלעכײַים־וועלט ווערן שפּעטער פארבונדן ניט בלויז מיט די פארשטאָרבענע, נאָר אויך מיט די לעבעדיקע, — זיי סימבאָליזירן די פארבלײַבענע יעסוימים. א בוים, וואָס אונטער זײַנער א טרוקענער צווײַג ליגט א טויטער פויגל, באווײַזט, אז עס איז געשטאָרבן די מוטער; יונגע פייגעלעך אונטער א בליִענדיקער צווײַג שטעלן מיט זיך פאָר די פארבליבענע יעסוימים. אף איינעם א בילד זײַנען אויסגעקריצט זעקס יונגע פייגעלעך, וואָס זיצן אף די צווײַגן פון א ברייט צעוואקסענעם בוים, וועמעס שטאם איז באם סאמע שפּיץ צעבראָכן. אין דער עפּיטאפיע, געשריבן אין דער פאָרם פון א ליד, רעדט זיך וועגן אן אלטער מוטער פון זעקס קינדער. עס טרעפט זיך אויך אזא סוזשעט: לעבן א ברונעם שטייען דורשטיקע שעפּסן, נאָר עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל אָנשעפּן פאר זיי וואסער. אויך דאָ סימבאָליזירן די שעפּסן סײַ דעם צושטאנד, סײַ די צאָל פארבליבענע יעסוימים. די טעמע פון אומבאהאָלפנקײַט, פארלאָזטקײַט האָט אויסגעדריקט די נויט און אויסגאנגלאָזיקײַט פון די סאָציִאלע אונטערשיכטן.

א באזונדער גרופּע בילדן די סימבאָלן, וואָס באצייכענען דעם בארוף פונעם מענטשן, זײַן באשעפטיקונג. אן אלמער ביכער באטײַט — א געלערנטער; א פידל, א פלייט — א מוזיקער; א הובל, א זעג, א פרעס, א שער אאוו. — א באלמעלאָכע. דער פאקט, וואָס אזעלכע געווינלעכע אטריבוטן פונעם ארבעטס־לעבן זײַנען פארייביקט געוואָרן אף די מאצייוועס, באווײַזט, ווי הויך עס איז געווען צווישן די פאָלקסמאסן די אכטונג צו ארבעט.

זייער אָפט איז אויסגעשניצט א מענוירע מיט פינף אָדער זיבן רערן. דאָס סימבאָליזירט דאָס רעליגיִעזע ליכט־בענטשן. צומאָל ווערט לעבן דער מענוירע באוויזן א סאלאמאנדרע, וואָס לעבט, ווי די לעגענדע זאָגט, אין פײַער, און דער פאנטאסטישער פויגל פעניקס, וואָס ווערט יונג אין פײַער. זיי אסאָציִירן זיך מיטן פײַער פון דער ברענענדיקער מענוירע.

די באלעכײַים־בילדער סימבאָליזירן אויך די גײַסטיקע אייגנשאפט פונעם מענטשן. א הירש אָדער אן אינד באטײַטן גוטס. אן אינד איז א סימבאָל אויך פון ליבע, פון געליטענער אומשולד — מע שניצט זי אויס אף דער מאצייווע פון א מיידל אָדער יונגער פרוי. א וועווערקע, וואָס קײַט דעם נוס פון כאָכמע, איז א סימבאָל פון געלערנטקײַט, סייכל. א שלאנג באטײַט דאָס בייז, וואָס איז באזיגט געוואָרן דורך דער טוגנט פונעם מענטשן. דאָס ווערט איליוסטרירט מיט א צייכענונג, ווי א שטאָרך פּיקט די שלאנג. א פעליקאן שילדערט די אידיי פון מוטער־געטרײַשאפט, א טויב — פון שאָלעם און אכדעס.

די פלאָרע ווערט זייער ברייט וואריִירט דורך בילדער פון קווייטן, פרוכטן, באזונדערס ווײַנטרויבן־שטענגלעך און גראנאטן, וועלכע סימבאָליזירן דאָס פרוכטבארע לעבן, די פרוכטבארע מי.

אין דער שניצערײַ אַף שטיין זײַנען שטאַרק אַנטוויקלט ־סטענאָגראַפישע שטריכן. דער קינסטלער פאַרקערפּערט די סימבאָלן אין דער פאָרם פון כפייצים, וועלכע זײַנען פאַרשפּרייט אין זײַן סוויווע: א קרוג, א קופּל, א וואַזע, א מענוירע, אַן אַלמער, אַרבעטסגעצײַג אאַז״וו.

די טעכניק פון שניצערײַ אַף שטיין שליסט אויס די מעגלעכקײַט צו דעטאַליזירן דאָס געמאָלטע בילד. אָט דער אומשטאַנד פאָדערט פונעם קינסטלער, ער זאָל פאַרייִנפאַכן אין א געוויסער מאָס די פאָרם. דער מאַסן־כאַראַקטער פון דעם מין קונסט, די נייטיקײַט צו זײַן צוטריטלעך פאַר די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג סײַ לויט די קינסטלערישע מיטלען, סײַ לויט דער פרײַז האָט געווירקט אויך אַפן כאַראַקטער פון דער צייכענונג, וועלכע איז צײַטנווײַז דערפירט געוואָרן ביז צו א פרימיטיוו. דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען די קינסטלער צו זוכן אויסדריקלעכקײַט מיט דער הילף פון קאַרגע מיטלען: זיי פלעגן אָפּקלײַבן און באַטאָנען אין דער צייכענונג בלויז דאָס וויכטיקסטע און אויסשליסן דאָס צווייטראַנגיקע. אַזאַ לאַקאָניזם האָט אָבער לאַכלוטן ניט געבראַכט קיין שאָדן דעם ווערק — פאַרקערט, ער האָט עס געמאַכט איבערצײַגנדיקער.

אין מעשעך פון דוירעס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין דער שניצערײַ אַף שטיין א ריי באַדינגלעכע מיטלען. גאַנץ אָפט מאָלט דער קינסטלער א כייפעץ ניט אַזוי, ווי ער זעט אים, — ער גיט בלויז איבער דאָס, וואָס ער ווייסט וועגן אים. א בלימל ווערט געצייכנט אין א צעעפנטער פאָרם און עס זעען זיך זײַנע אומזיכטבאַרע אינערלעכע טיילן. באַם מאָלן א הויז ווערן באַוויזן דרײַ זײַטן, כאָטש אין דער נאַטור קאָן מען זען איינצײַטיק בלויז צוויי זײַטן. די באַדינגלעכקײַט קומט צום אויסדרוק אויך אין דער אָפּמאַסונג פונעם מאַסשטאַב: א לייב, לעמאָשל, קאָן זײַן גרעסער פונעם הויז, לעבן וועלכן ער שטייט, און קלענער פונעם בוך אָדער בלימל, וועלכע ליגן לעבן אים. אַזעלכע באַדינגלעכקײַטן גיבן דעם קינסטלער די מעגלעכקײַט צו שאַפן אַפן סמאַך פון א רעאַלן קעגנשטאַנד זײַן אייגענע געשטאַלטן־וועלט. פאַרשיידנאַרטיק זײַנען אויך די קאָמפּאָזיציע־מיטלען.

זייער ווייניק אַלטע שטיינערנע מאַציייוועס מיט געשניצטע צייכענונגען האָבן פאַרהיט די שפּורן פון באַפאַרבונג. עס איז אָבער באַוווּסט, אַז א סאַך פון זיי פלעגן ווערן געפאַרבט. דעם פאַרטיפערטן פאָן פלעגט מען פאַרבן אין העלע קאָלירן, אָפּטער פון אַלץ אין א ווײַסן, דעם רעליעף — אין גרינע, ברוינע, שוואַרצע קאָלירן. מאַציייוועס, ווו אַף א העלן פאָן פלעגן זיך שטאַרק אויסטיילן די קאָלירטע צייכענונגען און די שטרענגע שריפט פון די עפּיטאַפיעס, האָבן אָן שום ספק געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק.

די ייִדישע שניצערײַ אַף שטיין איז א קונסט פונעם אָוואַר. איר אופקום, אַנטוויקלונג און יערידע זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן דורך היסטאָרישע פאַקטאָרן פונעם לעבן פון פאָלק. זי אַנטפּלעקט פאַר אונדז נאָך א געביט, זייער א וויכטיקן, פון דער פאָלקס־שאַפונג. די דאָזיקע קונסט קאָן באַרײַכערן אונדזערע ידיִעס וועגן אָוואַר און גלײַכצײַטיק פאַרברייטערן אונדזערע באַגריפן וועגן די מיטלען פון קינסטלערישער פאַרקערפּערונג.

שטאָט סניאַטין, אינמיטן XIX יה.

די קונסט פון שניצערײַ אַף שטיין איז אַן אינטערעסאַנטע דערשײַנונג. זי קאָן ניט און טאָר ניט פאַרבלײַבן אין פאַרגעסנהײַט.

ד. האָבערמאַן,
קאַנדידאַט פון קונסטקענטעניש.

נײַעס פון אויסלאַנד

דער אַמעריקאַנער ייִדישער מוזיק־פאַרבאַנד גרייט צו זײַן 50־יאָריקן יובילײַ א זאַמלונג „50 יאָר ייִדיש געזאַנג“. דאָס בוך וועט אָפּשפּיגלען פאַרשיידענע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער געזאַנג־קונסט אין אַמעריקע, סאָוועטנפאַרבאַנד, פוילן, ייִסראָעל און אַנדערע לענדער.

●

די טעל־אַוויווער געזעלשאַפט פאַר פרײַנטשאַפט צווישן קובאַ און ייִסראָעל האָט אַרויסגעגעבן א בוך לידער פונעם באַרימטן קובישן דיכטער ניקאָלאַס גיליען. די לידער זײַנען איבערגעזעצט אין העברעיִש דורך מוישע באַרזילי און איליוסטרירט דורך דער מאָלערן רות שלאָס.

●

אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן פון דער וויעטנאַמער דעמאָקראַטישער רעפּובליק זײַנען אָפּגעדרוקט לידער פון דער באַקאַנטער ייִדישער דיכטערן דאָרע טייטלבוים „צו לומומבאַ“ און „אין לאַנד פון זיבן זונען“, איבערזעצט פונעם וויעטנאַמער דיכטער נגויען וויעט לאַם.

די טעג איז ד. טייטלבוים געקומען צוגאַסט קיין פּסור. אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז פאָרגעקומען א וואַרעמע באַגעגעניש מיט דער דיכטערן.

●

אין טאָקיאָ איז געעפנט געוואָרן א בילדער־אויסשטעלונג פונעם באַרימטן ייִדישן קינסטלער מאַרק שאַגאַל. די יאַפּאַנישע פּרעסע מערקט אָפּ די אויסשטעלונג אַלס א גרויסע קולטור־געשעעניש.

בריוו און ענטפערס

די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" באַקומט אַ סאַך אָפּרופן פון לייענער אַף די מאַטעריאַלן, וואָס דרוקן זיך אין זשורנאַל. אָפּט גייט עס אַריבער אין אַ בריוו־אויסטויש צווישן די לייענער און די אויטאָרן. אַזוי ווי אַ ריי אַזעלכע בריוו האָבן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, האָט די רעדאַקציע באַשלאָסן פון צײַט צו צײַט פאַרעפנטלעכן זיי.

כאַשעווער כאַווער רעדאַקטאָר!

איך שרײַב דעם בריוו אין נאָמען פון אַ גרופּע געוועזענע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1942—1944, אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון פּוילן, אָפּערירט אַף דער פּוילישער טעריטאָריע, אויך פון אומבאַוואָפנטע ייִדישע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די פּוילישע וועלדער און מיט אַלע מעגלעכקײַטן מיטגעהאָלפן דעם קאַמף קעגן דער היטלערישער בעסטיע.

מיר האָבן געלייענט אין נום. 2 „סאָוועטיש היימלאַנד" די באַשרײַבונג פון דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פון אונדזער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרטיזאַנישער מאַכנע סעראַפים אַלעקסייעוו „די אָפּעראַציע אין אַדאַמאָוו". מיט שטאָלץ און פרייד האָבן מיר אויפגענומען זײַנע וואַרעמע ווערטער וועגן די ייִדישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער — די קעמפער קעגן די היטלעריסטישע מערדער. מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן אונדזער געוועזענעם באַליבטן קאָמאַנדיר סעראַפים אַלעקסייעוו, זײַן מעסירעסנעפעש און העראָיזם אין קאַמף קעגן די היטלעריסטן, חוץ אויך זײַן גלענצנדיקע אָפּעראַציע אין אַדאַמאָוו, וואָס איז בלויז איינע פון זײַנע פילצאָליקע פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס.

מיר ווילן דאָ באַטאָנען די פרײַנטשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן אונדז, ייִדישע פּאַרטיזאַנער, און די רוסישע פּאַרטיזאַנער, ווי אויך די גרויסע אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנער אין פּראַט פון ראַטעווען פון זיכערן אומקום די פילצאָליקע גרופּעס אומבאַוואָפנטע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בא דער פּוילישער באַפעלקערונג און אין די וועלדער.

מיר בעטן די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" איבערגעבן אונדזער טײַערן פרײַנט און געוועזענעם קאָמאַנדיר סעראַפים אַלעקסייעוון די האַרציקסטע גרוסן און די בעסטע ווינטשעוואַניעס. מיר היטן, ווי אַ הייליקײַט, די ספּראַווקעס, וועלכע סעראַפים אַלעקסייעוו האָט אונדז אַרויסגעגעבן דעם 19 סענטיאַבער 1944 וועגן אונדזער אָנטייל אין זײַן פּאַרטיזאַנישער מאַכנע.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע שווערע און העראָישע צײַט. מיר זעצן אויך איצט פאָר דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף אין ייִסראָעל, דעם קאַמף פאַר שאָלעם אַף גאָר דער וועלט.

אין נאָמען פון די לעבן געבליבענע פּאַרטיזאַנער
און גערעטעוועטע פון די וועלדער

אַווראָם הורמאַן.

מײַן אַדרעס: הרצליה, גן־רשל, 25.
ישראל.

טײַערער פרײַנט!

איך האָב געלייענט אײַער בריוו און אין זיכּאָרן האָבן בא מיר אויפגעוואַכט מענטשן און געשעענישן.

סענטיאַבער 1944. דער פראָנט איז האַרט לעבן דער ווײַסל, מע הערט די אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע, און אין דעם באַפרײַטן טייל פּוילן שפּרודלט שוין אַ פרידלעך, שעפעריש לעבן. אין שטעטל זשעלעכאָוו, וועלכן איך בין פאַרבײַגעפאָרן אַפן וועג קיין לוקאָוו, אַרבעטן שוין די קראָמען, אַף די גאַסן — פול מיט מענטשן. מע דערקענט מיך און עס רינגלען מיך אַרום מײַנע שלאַכט־כאַווייריםׂ, צווישן זיי — ייִדן. די באַגעגעניש אַף דער באַפרײַטער ערד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עמעסן יאָמטעוו. איך וועל זי פאַרגעדענקען אַפן גאַנצן לעבן.

יאָרן זײַנען פאַרלאָפן.

און אָט איז ווידער סענטיאַבער, נאָר שוין פון יאָר 1963. און ווידער — אַ באַגעגעניש, אַן אומגעוויינלעכע באַגעגעניש. איך האַלט אין האַנט אַ בריוו פון מײַן שלאַכט־כאַווער אַווראָם הורמאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך צעשיידט דעם 19 סענטיאַבער 1944 אין זשעלעכאָוו.

דער בריוו האָט מיך אויפגערודערט, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערמאָנט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרטיזאַנישער מאַכנע אַף קילינסקיס נאָמען, ווו רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, ייִדן, גרוזינער האָבן האַנט־בא־האַנט, ווי ברידער, געקעמפט אַף דער פּוילישער ערד קעגן די פאַרהאַסטע אָקופּאַנטן.

מיך האָבן טיף גערירט די פרײַנטלעכע געפילן, וועלכע זײַנען אויסגעדריקט אינעם בריוו. ס׳איז פאַר מיר אַ פרייד, וואָס די פרײַנטשאַפט, אַ געבוירענע אין ביטערע שלאַכטן קעגן פאַשיזם, איז ניט געמינערט געוואָרן, וואָס אויך איצט, ווען די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט פירן אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף פאַר שאָלעם, אַ קאַמף, וואָס בעראָש פון אים שטייט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, טרעט איר אַרויס, מײַנע טײַערע פרײַנט, בא זיך אין ייִסראָעל קעגן דעם דײַטשישן מיליטאַריזם, קעגן דער געפאַר פון אַ נײַער וועלט־מילכאָמע און קעמפט אַקטיוו פאַר שאָלעם אין גאָר דער וועלט.

ווי שווער דער דאָזיקער קאַמף זאָל ניט זײַן, וועלן מיר זיגן. מיר וועלן זיגן, ווי מיר האָבן געזיגט בײַם דער מילכאָמע. מיר וועלן זיגן לעשעם דעם גליק פון מענטשן, לעשעם אונדזערע קינדער.

עס פרייט מיך, וואָס איר לעבט און זײַט געזונט, עס פרייט מיך, וואָס איר האָט געלאָזט וועגן זיך וויסן.

פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך אײַך, ליבער אַווראָם, און אַלע מײַנע שלאַכט־כאַווייריםׂ געזונט און גליק.

אײַער שלאַכט־כאַווער און פרײַנט
סעראַפים אַלעקסייעוו.

שאַכטי, ראָסטאָווער געגנט, ייִשעוו איוטאַ, לאָמאָנאָ־סאָוו־גאַס, 21.

געערטער רעדאקטאר!

איך האָב איבערגעלייענט אין פערטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" יוסעף קערלערס ליד „מענטשן". דער פּאָעט רופט אונדז זײַן גוט און גנעדיק צו מענטשלעכע שוואַכקייטן, און כ׳האָב מיך דערמאַנט, אַז ניט זעלטן באַהאַלטן אויס די „גוטינקע" אונטער דער מאַסקע פון הומאַניזם זייער גלײַכגילט צו די גוירלעס פון די אונטערדריקטע און גערוידעפטע, זייער מוירע פאַר קאַמף. צי מעג מען אָבער איצט זיך פּוצן אין פילאָסאָפישער שיינרייידערײַ און רופן צו גנעדיקייט, צו אַבסטראַקטן הומאַניזם, רופן, אין טאָך גענומען, מויכל צו זײַן אַלץ און אַלעמען? ווייניק קאָנקרעטע מײַסים טוען אָפּ געוויסע מענטשן דאָרט אַף מײַרעוו (און בײַ אונדז זײַנען דען קיין שלעכטע מענטשן ניט פאַראַן)? צי מעג מען אויסמעקן פון זיקאָרן, אויסלעשן אין האַרצן די געשעענישן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די מיליאָנען פאַשיזם האָבן געבושעוועט אין אייראָפּע?

עפּשער האָלט יוסעף קערלער, אַז ס׳איז שוין צײַט צו פאַרגעסן וועגן דעם? אָבער אַזאַ שוואַכער זיקאָרן איז אַ פאַרשוועכונג פון דעם אָנדענק פון מיליאָנען קאָרבאָנעס. דאָס וואָלט געווען געפערלעך סײַ פאַר די איצטיקע, סײַ פאַר די קומענדיקע דורות. ניין, מע טאָר ניט פאַרגעסן! שיינרייידערײַ, ווענדונגען צו מענטשן ביכלאַל, צו גוטסקײַט ביכלאַל, צו טאָלעראַנץ ביכלאַל לאָזן זיך הערן אין מײַרעוו, באַזונדערס אין דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, פון די, וועלכע וואָלטן זייער וועלן פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט. נאַטירלעך, סוביעקטיוו וויל י. קערלער ניט מויכל זײַן די מערדער און טאַליאַנים, נאָר עפּעס קוקט ער שוין מיט צו „גוטע אויגן" אַף אַלע מענטשן, און פאַרגעסט, אַז אַף דער וועלט לעבן אויך אַזעלכע, וואָס אַף זיי טאָר מען מיט „גוטע אויגן" ניט קוקן.

מיט אכטונג

י. שירמאַן.

גראָזני, אָרלאָווסקי גאַס, הויז 40, דירע 3.

כאַשעווער כאַווער שירמאַן!

מע האָט מיר צוגעשיקט פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" אײַער בריוו. איך האַלט פאַר מײַן כויוו צו ענטפערן אַף אַלע אײַערע גאַנץ האַרבע קריטישע באַמערקונגען וועגן מײַן ליד „מענטשן".

איר שרײַבט גלײַך פון די ערשטע שורעס: „דער פּאָעט רופט אונדז זײַן גוט און גנעדיק צו מענטשלעכע שוואַכקייטן".

איז לייענט נאָכאַמאָל דורך די ליד פון אָנהייב ביזן סאָף און איר וועט זיך איבערצײַגן, אַז אין איר איז ניטאָ קיין רעמעז אפילע אַף דעם, אַז איך רוף „מויכל זײַן אַלץ און אַלעמען", אַז איך האַלט, „ס׳איז שוין צײַט צו פאַרגעסן".

יאָ, אַ געוויסע אויבנויפיקע אַבסטראַקציע איז פאַראַן אינעם באַגריף „מענטשן", נאָר קיינעם וועט דאָך ניט אײַנפאַלן צו באַשולדיקן אין אַבסטראַקציע גאָרקין, ווען ער רופט אויס „מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ". קאָן מען דען באַשולדיקן אין אַבסטראַקציע איינעם פון די פונקטן פון דעם מאָראַלישן קאָדעקס, וועלכן ס׳האָט פּראָקלאַמירט אונדזער פּאַרטיי: „אַ מענטש צו אַ מענטשן איז אַ פרײַנט, אַ כאַווער און אַ ברודער!"

מיר דוכט, איר מישט צונויף צוויי באַגריפן: „גוטער" און „גוטינקער". מיר דאַרפן זיך ניט שעמען מיטן באַגריף מענטשלעכע גוטסקײַטן נאָר דערפאַר, ווײַל מיט אים האָבן זשאָנגלירט שלעכטע נעפּאַשעס.

אַ סאָוועטישער דיכטער דאַרף און מוז רופן צו הומאַניזם, ווײַל סאָוועטישע מענטשן זײַנען די עכטע יאָרשים פון עמעסן הומאַניזם. מיר פרײַדיקן די מאָראַל פון קאָמוניזם — מענטשלעכקייט, אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער — אַ מענטש אַ מענטשן איז אַ וואָלף.

יאָ, איך רוף צו דעם, אַז אַף מענטשן זאָל מען קוקן מיט גוטע אויגן, ווי אַף קינדער, נאָר צי מיינט איר טאַקע ערנסט, אַז צו דער פילאָסאָפישער, ווי איר זאָגט, קאַטעגאָריע מענטשן רעכן איך צו אויך פאַשיסטן? איך גלייב ניט, איר זאָלט עס מיינען ערנסט!

מעגלעך, איר זײַט געקומען צום אויספיר, אַז איך רוף צו פאַרגעסן די פאַשיסטישע מערדערײַען, לייענענדיק די שורעס:

אַף מענטשן דאַרף מען קוקן, ווי אין הימל
די דאָרשטנדיקע ערד,
גלײַך ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל, קיינמאָל
קיין באָמבע־אופרײַס ניט געהערט...

די דאָזיקע פּאָעטישע אַלעגאָריע טאָר מען ניט אויסטײַטשן אין דעם זין, אַז די ערד האָט פאַרגעסן, ווי ס׳האָבן זיך געשאָטן אַף איר פון הימל די באָמבעס... דער הימל איז ניט שולדיק, וואָס אים האָבן פאַרומרייניקט פאַשיסטישע שפּאַרבערס. די גוטע מענטשלעכע נאַטור איז ניט שולדיק, וואָס דער פאַשיזם און דער קאַפּיטאַליזם ביכלאַל פאַרקריפּלט זי און ברעכט זי. אַז דער מענטש איז אין דער נאַטור אַ צווייפיסיקע כײַע, ווילן אונדז אײַנריידן די אַמעריקאַנער דעטעקטיוון און קאָמיקסן. אַז דער מענטש איז אין דער נאַטור גוט, פּראָקלאַמירט דער סאָוועטישער הומאַניזם.

קאַרל מאַרקס האָט אַמאָל פאַרשריבן אין אַן אונקעטע: „אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז מיר ניט פרעמד".

קיינעם וועט אָבער ניט אײַנפאַלן, אַרויסגייענדיק פון דעם גאַנץ „אַבסטראַקטן" „אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, איז מיר ניט פרעמד", לייקענען די קעמפערישקייט און אומבעראַכמאָנעסדיקייט, וואָס מאַרקס האָט אַרויסגעוויזן צו די סאָנים פונעם אַרבעטנדיקן פאָלק.

איך פאַרשטיי, אַז אײַערע טײַנעס קומען ניט, כאָלילע, פון בייזן ווילן, נאָר אויס בעסטן מיין — באַהילפיק זײַן אונדזער ליטעראַטור, אַלס אירער אַן עכטער פרײַנט.

ס׳ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מײַן בריוו צו אײַך מיט די ערשטע שורעס פון דער ליד, וואָס איר קריטיקירט: „אַף מענטשן דאַרף מען קוקן אָן פאַרדאַכט".

מיט גרוס

יוסעף קערלער.

זייער כאַשעווער כאַווער רעדאַקטאָר!

אין נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר יאַנואַר — פעברואַר 1963 איז אָפּגעדרוקט אַף דער זײַט 126 אַ נאָטיץ וועגן „שמועל־בוך", וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אין 1963 ווערט 400 יאָר זינט אין מאַנטוע (איטאַליע) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יידיש דאָס „שמועל־בוך" (ספר שמואל)".

דערלויבט מיר, איך בעט אײַך, אַ קליינע פראַגע. איז אײַך ווירקלעך באַקאַנט אַן אויסגאַבע פונעם שמועל־בוך, געדרוקט אין מאַנטוע מיט 400 יאָר צוריק, דה. אין 1563? אויב יאָ, הייסט עס, אַז די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז

רײַכער מיט א ביז איצט אומבאַקאַנטער אויסגאַבע און איך האָב די פּאַרזען אין מײַן טעקסט־קריטישער אויסגאַבע פון שמואל־בוך, וווּ עס רעדט זיך (אין דער האַקדאָמע צום ערשטן טייל) אויספירלעך וועגן די קסאַוויאַדן און דרוק־אויסגאַבעס, וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען. אין דער ליטעראַרישער ירושה פון פּ. פאַלק, וועמען מיר האָבן די טעקסט־קריטישע אויסגאַבע צו פאַרדאַנקען, און אויך בײַם מײַנע אייגענע פאָרשונגס־אַרבעטן האָב איך קיין שפּור אפילו פון א מאַנטואַנער אויסגאַבע ניט געפונען. איך קען זייער גוט די דרוק־אויסגאַבעס, וואָס זײַנען דערשינען אין אויגסבורג — צום ערשטן מאָל (1544), קראָקע (1578 און 1593), פּראָג (1609) און באַזעל (1612). איר ברענגט דאָך דאָס שאַרבלאַט פון דער אויגסבורגער אויסגאַבע. דאָרט שטייט בעפּיירעש „געדרוקט אין דער קייזערליכן שטאָט אויגשפּורג אים יאַר דא מאַן צילט דרייא הונדרט און ויר אין דער קליינן צאַל" (1544).

דאָס מעלאָכים־בוך איז אויך דערשינען אין אויגסבורג, אָבער א יאָר פריער, דה. אין 1543. איך גרייט איצט א טעקסט־קריטישע אויסגאַבע צום דרוק און, ווי איך האָף, וועט זי אויך זײַן א שטיקל צושטײַער צום ווײַטערדיקן פאָרשן אונדזער אַלט־יידישע ליטעראַטור.

מיט א סך גרוסן, אײַער ל. פוקס,
ביבליאָטעקער פונעם אָפּטייל העבראַיקאַ און יודאַיקאַ בא דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין אַמסטערדאַם.

כאַשעווער פרײַנט ל. פוקס!

איר שרײַבט, אז אין די פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן „שמואל־בוך" האָט איר „קיין שפּור אפילו פון א מאַנטואַנער אויסגאַבע ניט געפונען". דערבײַ פאַרפעלט איר זיך אָן דער ליטעראַרישער ירושה פון ד״ר פעליקס פאַלק. איר האָט געוויס אין זינען פּ. פאַלקס „מעלאַנזש ביבליאָגראַפיק פאַר לעי ליוור דע סאַמיועל אָן סטראַף דעי ניבעלונגען" (לײַפּציג, 1909).

פאַר די איבער פופציק יאָר זינט פּ. פאַלקס אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז אויפגעקומען א רײַכע און אינטערעסאַנטע ליטעראַטור וועגן דעם „שמואל־בוך".

די מאַנטואַנער דרוק־אויסגאַבע פונעם „שמואל־בוך" איז פון א סך יידישע געלערנטע באַהאַנדלט געוואָרן. שוין בער באָראָכאָוו פאַרצייכנט אין זײַנע לינגוויסטישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען צו מ. באַסינס אנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע" (ניו־יאָרק, 1917) פינף אויסגאַבעס פון דעם „שמואל־בוך", צווישן אַנדערע אויך די מאַנטואַנער (1562?). מאַקס עריק אין זײַן אַרבעט „אינווענטאַר פון דער יידישער שפּילמאַן־דיכטונג" (געדרוקט אין דער „צײַטשריפט פאַר יידישער געשיכטע, דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק, ליטעראַטור־פאָרשונג, שפּראַך־וויסנשאַפט און עטנאָגראַפיע", מינסק, 1928, ז. 544—588) באַשטעטיקט: „ענדלעך, זײַנען באַקאַנט זעקס דרוק־אויסגאַבן פון דעם „שמואל־בוך": 1) אויגסבורג, 1544, 2) מאַנטוע, 1562—1564, 3) קראָקע, 1588, 4) קראָקע, 1593, 5) פּראָג, 1608, 6) באַזעל, 1612 („צײַטשריפט", ז. 574). אויך ד״ר מאַקס ווײַנרײַך אין זײַן בוך „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע" (ז. 70) באַהאַנדלט די דרוק־אויסגאַבע פון מאַנטוע און ווײַזט אָן די דאַטע 1563—1564 (?).

ווי איר זעט, האָבן מיר אין אונדזער נאָטיץ וועגן „שמואל־בוך" אין ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" (1963) זיך סומעך געווען אָף דער אוטאָריטעטע געלערנטע.

מיט בעסטע גרוסן ל. פּאָדריאַדטשיק.

יובילייען

אין מאָסקווער צענטראַלן ליטעראַטן־הויז האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג, געווידמעט דעם פערציקיאָריקן שעפערישן וועג פונעם אַנגעזעענעם גראַפיקער און קינסטלער פון ביכער־איליוסטראַציעס שלוימע טעלינגאַטער.

די שעפערישע טעטיקייט פון טעלינגאַטער איז רײַך און פאַרשיידנאַרטיק. ער איז דער אַוטאָר פון דער קינסטלערישער אויספורעמונג פון די ברייט באַקאַנטע אַלבאָמען „וו. לענין", „פּ. דזערזשינסקי" אאַ. פאַר דעם אַלבאָם „מאָסקווע, איר פּלאַנירונג און בויונג" איז טעלינגאַטער אין 1959 צוגעמישפּעט געוואָרן אָף דער אינטערנאַציאָנאַלער ביכער־אויסשטעלונג אין לײַפּציג די ערשטע און צווייטע פּרעמיעס — א גאָלדענער און זילבערנער מעדאַלן.

צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג איז דער קינסטלער באַלוינט געוואָרן מיט דער גוטענבערגער פּרעמיע — די העכסטע באַלוינונג אָף דער דערמאָנטער אויסשטעלונג.

●

דעם 7 נאָיאַבער איז אַלט געוואָרן 80 יאָר דער קולטור־טוער דאָוויד פעסקין, וועלכער אַרבעט שוין העכער דרײַסיק יאָר אַלס מויכער־ספאָרימניק פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אויך איצט איז כאַווער פעסקין אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיר ווינטשן די יובילאַרן געזונט און אַריכעס־יאָמים.

סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע טוער אַרויסגעפלויגן קיין פּשאַ

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם אײַנשטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן פּססר און פּשאַ איז, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם אינסטיטוט פאַר סאָוועטיש־אַמעריקאַנישע באַציִונגען, אַרויסגעפלויגן קיין פּשאַ א גרופּע סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע טוער בעראָש מיטן פּרעזידענט פונעם אינסטיטוט, ווירקלעכן מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן נ. בלאָכין.

אין באַשטאַנד פון דער גרופּע גייען אַרײַן: דער שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פּראַווידאַ" נ. אינאָזעמצעוו, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי, בריגאַדיר פון די שיפמאָנטאַזשניקעס פונעם באַלטישן זאַוואָד אין לענינגראַד וו. סמירנאָוו, דער קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן נ. מאַסטאַווענץ, די שרײַבער ב. פּאָלעוואָי און ר. ראָזשדעסטווענסקי, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" א. ווערגעליס אאַ.

●

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

◆מיט 120 יאָר צוריק, דעם 2 נאָיאַבער 1843, איז אין ווילנע אין אַן אָרעמער ייִדישער מישפּאָכע געבוירן איינער פון די גרעסטע סקולפּטאָרן פונעם XIX יה. מארק אנטאָקאָלסקי. זײַנע ערשטע סקולפּטורן „דער שנײַדער" (1864), „דער קארגער" (1865), „דער כאריף" (1867) אא. זײַנען אײַנדרוקספולע טיפּן פון דער סוויווע, אין וועלכער דער קינסטלער איז גע־וואקסן. אלס קינסטלער האָט מארק אנטאָקאָלסקי זיך אויספאָרמירט אין דער אריבערגאנגס־צײַט פון אקא־דעמישן פסעוודאָ־קלאסיציזם צום אידייִשן און קריטישן רעאליזם. אונטער דעם אײַנפלוס פון די אַנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער קונסט אין יענער צײַט — אי. רעפּין, א. קראמסקאָי, נ. גע, וו. וואסנעצאָוו, וו. סטא־סאָוו אא. — גייט מ. אנטאָקאָלסקי אריבער צו עטיש־פילאָסאָפישע און היסטאָרישע טעמעס. זײַנע בארימטע ווערק „אינקוויזיציע" (1867—1902), „יאָהאַן דער גרוי־זאמער" (1871), „פּיאָטער דער גרויסער" (1872), „קריסטוס פארן פאָלקס־געריכט" (1874), „דער טויט פון סאָקראטן" (1875), „שפינאָזע" (1882), „מעפיס־טאָפעל" (1883), „נעסטאָר" (1889) זײַנען קלאסישע דענקמעלער פון דער רוסישער קונסט אין XIX יה. מארק אנטאָקאָלסקי איז געשטאָרבן אין 1902 און איבערגעלאָזט אַן אווטאָביאָגראפיע און א ניט אָפּגעדרוקטן ראָמאן „בען ייִצכאָק".

◆דעם 24 נאָיאבער (6 דעקאבער) 1813 איז געבוירן ניקאָלײַ פּלאטאָנאָוויטש אָגאריאָוו. דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראט אָגאריאָוו איז געווען א טאלאנטפולער פּאָעט און פּובליציסט, אַן אָנגעזעענער פילאָסאָף מיט א מאטעריא־ליסטישער וועלט־אָנשויונג, א פרײַנט און מיטקעמפער פון א. אי. הערצען. צוזאמען מיט הערצענען האָט ער געשאפן די פרײַע רוסישע פרעסע אין אויסלאנד: „קאָלאָקאָל" („דער גלאָק"), „פּאָ־ליארנאיא זוועזדא" („דער פּאָליארער שטערן"), „אָב־שטשעיע וועטשע" („די אלגעמיינע פאָלקס־פארזאמלונג"). א הייסער פאטריאָט פון זײַן לאנד, איז אָגאריאָוו געווען א געוואגטער קעמפער פאר די אינטערעסן פונעם רוסישן פאָלק און פון דער גאנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט. פונקט ווי הערצען, האָט ער געשפּילט א קאָלאָסאלע ראָליע אין דער צוגרייטונג פון דער רוסישער רעוואָ־ליוציע. געשטאָרבן אין 1877.

◆אין 1848, דעם 26 נאָיאבער, איז אין אָדעס געבוירן מארק ווארשאווסקי (1848—1907). ווארשאווסקי האָט געענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט פונעם קיִעווער אוניווערסיטעט און יאָרנלאנג געארבעט אלס אדוואָקאט. אין די 90־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט שאָלעם־אליינעם אנטדעקט דעם מערקווירדיקן פאָלקס־זינגער און אין 1900 האָט ער אין קיִעוו אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע 25 לידער. אין 1914 איז ארויס א צווייטע פארגרעסערטע אויסגאבע פון מ. ווארשאווסקיס לידער מיט א ביִאָגראפיש־קריטישער פארצייכענונג פון שאָלעם־אליינעם.

מארק ווארשאווסקיס לידער, מיט די ניגונים, וואָס ער אליין האָט צו זיי פארפאסט, האָבן געבראכט צום אויס־דרוק דעם גלויבן פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן אין א בעסערער צוקונפט.

◆דעם 25 דעקאבער ווערט 80 יאָר זינט עס איז אין איהומען (ווײַסרוסלאנד) געבוירן דער גרויסער ייִדישער דיכטער און דראמאטורג ה. לייוויק (לייוויק האלפערן).

אין 1913 איז לייוויק אנטלאָפן קיין אמעריקע פון סיביר, וווּהין די צארישע מאכט האָט אים פארשיקט פאר פאָליטישער טעטיקײַט. זײַנע איבערלע־בענישן אין פארשיקונג האָט ער באשריבן אין די „סי־בירער לידער". אין 1919 איז ארויס זײַן ערשטע זאמלונג, וואָס האָט אים גלײַך ארויסגערוקט ווי איינעם פון די אינטערעסאנטסטע דערשײַנונגען אין דער נײַער ייִדישער פּאָעזיע. קאָמפּליצירט איז געווען ה. לייוויקס שעפערישער וועג. פון איין זײַט — ווערק, וואָס טראָגן מיט זיך סימבאָליזם און מיסטישע וויזיעס („די קייטן פון מאָשיִעך", 1908, „דער גוילעם", 1922, „דער מאַ־הארם פון רוטנבערג", 1945), פון דער אנדערער זײַט — רעאליסטישע ווערק, וועלכע באהאנדלען שארפע סאָציִאלע און עטישע פּראָבלעמען („באנקראָט", 1922, „אָרעמע מעלוכע", 1926, „שאפ", 1928, „קייטן", 1931, „הירש לעקערט", 1931). דער גרונט־מאָטיוו פון לייוויקס שאפן איז די גרויסע בענקשאפט נאָך דערלייזונג און באפרײַונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקײַט. זײַן צאר און צאָרן וועגן די פינצטערע יאָרן פונעם דײַטשישן פאשיזם האָט ער מיט א באדײַטנדיקער קראפט ארויסגעזאָגט אין זײַן בוך לידער „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען" (1945) און אין אנדערע ווערק. ה. לייוויק האָט אין א

סאַך לידער זײַנע באַזונגען דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די סאָוועטישע אַרמיי. אין דעם סאַמע רײַפסטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן איז ער געווען ענג פאַרבונדן מיט דער „מאָרגן־פרײַהײַט". געשטאָרבן איז ה. לייוויק אין 1962.

◆ דעם 17 נאָיאַבער 1898 איז געבוירן דער אָנגעזעענער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשער מאַקס עריק (זאַלמען מערקין). אין זײַנע ווערק „וועגן אַלט־ייִדישן ראָמאַן און נאָוועלע, XVI—XIV יה." (1926), „די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צײַטן ביז דער האַסקאָלע־תּקופֿה" (1928), „די קאָמעדיעס פון דער בערלינער אויפקלערונג" (1934), „די ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד ביז דער רעפאָרם־עפּאָכע, 1800—1861" (1935) אאַ. שילדערט מאַקס עריק דעם היסטאָרישן וועג פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אונטערשטרײַכנדיק שטענדיק איר וועלטלעכן און פּראָגרעסיוון כאַראַקטער. זײַן בוך „קאָנסטרוקציע־שטודיען" (1924) איז א וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער צושטײַער צו דער פאָרשונג וועגן י.ל. פּערעצעס דראַמאַטורגיע. א באַזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר עריקס גרינטלעכע אַרבעטן וועגן דאַוויד בערגעלסאָן, מוישע קולבאַק, אי. באַבעל און אַנדערע סאָוועטישע שרײַבער.

מאַקס עריק איז אין 1938 געפאַלן א קאָרבן פונעם סטאַלין־קולט.

◆ דעם 30 נאָיאַבער איז געוואָרן 70 יאָר זינט עס איז געבוירן ישׂראל־יעשוע זינגער (1893—1944). זײַן ערשטע נאָוועלע האָט י.י. זינגער אָפּגעדרוקט אין „וואַרשעווער טאָגעבלאַט". נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט ער געלעבט אין קיִעוו און זיך געדרוקט אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס „די נײַע צײַט", „באַגינען", „אויפגאַנג" אאַ. אין 1921 פאָרט י.י. זינגער אַריבער קיין וואַרשע. צוזאַמען מיט פּערעץ מאַרקישן גיט ער אַרויס דעם זאַמלבוך „כאַליאַסטרע" און איז איינער פון די גרינדער פון די „ליטעראַרישע בלעטער". אין 1932 באַזעצט ער זיך אין אַמעריקע.

פון י.י. זינגערס באַקאַנטע ביכער איז צו פאַרצייכענען: „פּערל", „שטיינוועבס", „שטאָל און אײַזן", „נײַ־רוסלאַנד", „יאָשע קאַלב", „די ברידער אשכנזי", „כאַווער נאַכמען", „די משפּחה קאַרנאָווסקי" אאַ.

◆ דעם 20 דעקאַבער 1883 איז אין ניעזשין, טשערניגאָווער גובערניע, געבוירן איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער דיכטער־גרופּע „די יונגע" מאַני לייב (מאַני לייב בראַהינסקי). אין זײַנע לידער האָט מאַני לייב אויסגעדריקט די איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט פונעם מענטשן אין דער קאַפּיטאַליסטישער גרויסער שטאָט. פון דער נאַטור א ראָמאַנטיקער, האָט ער אין זײַנע „ייִדישע און סלאַווישע מאָטיוון", „באַלאַדן", „סאָנעטן" איבערגעגעבן דעם צויבער פון דער פאָלקסמײַסע און פאָלקסליד.

מאַני לייב האָט פיל געשריבן פאַר קינדער. ער האָט אויך באַרײַכערט אונדזער ליטעראַטור מיט א גרויסער צאָל איבערזעצונגען פון רוסיש, ענגליש און דײַטש.

מאַני לייב איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1953.

דעם 1 נאָיאַבער איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר דער אָנגעזעענער אַמעריקאַנער ייִדישער פּראָגרעסיווער דיכטער, ליטעראַטור־פאָרשער און פּובליציסט בער גרין.

ב. גרין איז שוין א סאַך יאָרן אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", רעדאַקטאָר פון די ליטעראַרישע פּערטליאָרשריפטן „זאַמלונגען" און פּאַרזיצער פון ייִדישן שרײַבער־פאַרבאַנד באַם „איקוף". ער איז איינער פון די ווירדיקע פאָרזעצער פון די רײַכע טראַדיציעס פון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועלכע האָט שטענדיק געקעמפט, אַז די קונסט זאָל דינען דעם אַרבעטנדיקן פאָלק.

מיט פופציק יאָר צוריק, אין 1913, איז אין ריגע אָפּגעדרוקט געוואָרן עליעזער שולמאַנס (1837—1903) בוך „שפת יהודית אשכנזית וספרותה" (ספּאַס יעהודיס אשקענאַזיס וועסיפרוסאָ" — „ייִדיש־טײַטש און זײַנע שרײַבער") — די ערשטע סינטעטישע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור. ע. שולמאַן באַהאַנדלט די ייִדישע ליטעראַרישע שאַפונגען פונעם XVI ביזן סאַף XVIII יה. און ברענגט גרעסערע אויסצוגן פון ווערק, וועלכע זײַנען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשיידענע מוזייען און ביבליאָטעקן פון דער וועלט.

אין די אָקטיאבער־טעג

(פון דער סעריע „מאטראָסן פון אווראָרא״).

קינסטלער — י. ריינער.

עס וועלן כאדאָשים זיך צווועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן —
און אלע זיי וועלן זיך קער׳וועו פארוווּנדערט
אף דיר,
אף אָקטאָבער
פון צוואנציקסטן פיַיערגעשמידטן יאָרהונדערט!

ד א ו י ד ה א ָ פ ש ט י י ן



ארבעטער אף הויכמאָנטאַזש.

קינסטלער — מ. טשעפּיק.

מיר וועלן די שווערדן איבערשמידן
אף אקער־אײַזנס.

סקולפּטאָר — יע. וווטשעטיטש.

אינהאלט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ פאַרן יאָר 1963

הויכע אידייִשקייט און קינסטלערישע מײַסטערשאַפט — די גרויסע קראַפט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און קונסט. כאַווער נ. ס. כרושטשאָוס רעדע אף דער באַגעגעניש פון די אָנפירער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג מיט די טוער פון ליטעראַטור און קונסט דעם 8 מאַרט 1963. נום. 2, ז. 3.

ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פּיעסן

יעשיִע אורבאַס. דער לעצטער באַזוך. — דער מעשוגענער מאַיאָר (נאָוועלן). נום. 3, ז. 86.

מאָרדכע אַוויִשאָול. אַפּן בוידעם־שטיבל פון רעם אַמראַם דעם כאָסיד (דערציילונג). פון העברעיִש — פּ. בינעצקי. נום. 4. ז. 63.

כאַנאַ איבראַהים. „שמוגלערס“ (דערציילונג). פון אַראַביש — ש.ט. נום. 4. ז. 82.

מוישע אַלטמאַן. אַן אַלטע באַלאַדע אָן גראַמען. — פון בלאָקנאָט. — העלענע. נום. 4, ז. 54.

ראָכל בוימוואַל. מײַסעלעך פאַר דערוואַקסענע. נום. 5, ז. 68.

אַלבערט בעני. א הויף (נאָוועלע). פון העברעיִש — פּ. בינעצקי. נום. 4, ז. 73.

פּליע גאָרדאָן. פון אָנהייב זײַנען זיי געווען אינצווייען (דערציילונג). נום. 5, ז. 77.

שירע גאָרשמאַן. וואַלידאָל. — דער פעטער מיכײַ (דערציילונגען). נום. 1, ז. 72.

סעוויע גען. אין דער היימשטאָט (דערציילונג). נום. 6, ז. 24.

הירש דאָבין. דער קויעך פון לעבן (ראָמאַן). נום. 2, ז. 54; נום. 3, ז. 28.

בען דויוו. א סגולע צו ציינווייטעק (מאָנאָלאָג פון א קאָוועל). נום. 6, ז. 95.

יאָן דרוצע. רובאַנקע (נאָוועלע). פון מאָלדאַוויש י. שרײַבמאַן. נום. 6, ז. 49.

אירמע דרוקער. דאָס ווילנער באַלעבעסל. נום. 6, ז. 67.

ליובע וואַסערמאַן. ערעוו־פרילינג אין וואַלד (נאָוועלע). נום. 6, ז. 18.

כאַיִם זילבערמאַן. ווײַט פון מאָסקווע (נאָוועלע). נום. 1, ז. 83.

ש. טאַל. יעפּעט קיידאַר (נאָוועלע). נום. 4, ז. 95.

יאָן ק. טשאָבאַנו. צוויי שוועסטערקינדער (נאָוועלע). פון מאָלדאַוויש י. שרײַבמאַן. נום. 6, ז. 46.

נאָטע לוריע. הימל און ערד (ראָמאַן). איליוסטרירט הערש אינגער. נום. 4, ז. 4; נום. 5, ז. 33.

כאַיִם מעלאַמוד. שוועסטער (דערציילונג). נום. 5, ז. 3.

קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו. מינקין דערציילט... ייִדיש מ. איסקאָוויטש. איליוסטרירט ס. סערעבריאַקאָוו. נום. 3, ז. 11.

כאַווע סלוצקאַ־קעסטין. אין די כאַנעקע־טעג. (דערציילונג). נום. 4, ז. 88.

מוישע פענס. ער האָט זיך אף קיין ענטפער ניט דערוואַרט (דערציילונג). נום. 3, ז. 82.

יעכיִעל פאַליקמאַן. געלע מילן (דערציילונג). נום. 6, ז. 3.

עזרע פינינבערג. ניקאָלײַ פּעטראָוויטש (סצענעס פון א פּיעסע). נום. 2, ז. 35.

עסטער פראַנק. מיניאַטורן. פון העברעיִש — ש. טאַל. נום. 4, ז. 79.

מאָזי קאָבריאַנסקי. אינמיטן וועג (דערציילונג). איליוסטרירט פון מ. אַקסעלראָד. נום. 1, ז. 3.

איסער קופּערמאַן. יו. באַרסקי. א באַגעגעניש. נום. 4, ז. 48.

איציק קיפּניס. וואָס מע זאָגט „גאָט האָט צוגעשיקט“, „גאָט האָט געפירט“. נום. 6, ז. 90.

יויסעף ראַבין. אין שכיינעס (דערציילונג). נום. 3, ז. 94; ניט־הײַנט־געדאַכט (נאָוועלע). נום. 6, ז. 56.

לידער און פּאָעמעס

„מיט ביקס אין האַנט און וואָרעם בלוט אין האַרצן...“. ווערק פון יונגע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, וועלכע זײַנען געפאַלן אין די שלאַכטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע: וועלוול רעדקאָ — סיוועט זײַן א שטורעם; שמועל אײַזנשטאַרג — אַזוי קומט אָן די שאָ פון אומרו...; שימען לעלטשוק — די ליד וועגן בושעל; העניעך קויפמאַן — אין טײַגע; אַרל האָפשטיין — א ניגון. נום. 3, ז. 3.

לעסיא אוקראַיִנקאַ. פּאַרטאַגיקע פײַערן. ייִדיש — ד. האָפשטיין. נום. 4, ז. 41.

הירש אָשעראָוויטש. קיבערנעטיק. — ווערסטער. — קינדהײַט. — יערושע. — דאַרף מען? — צוויי ליפּעס. — פרייד. — פאַרגעסונג. — דער קיפּאַריס. — צײַס. — זונענגאַנג (לידער). נום. 5, ז. 74.

ריווע באַליאַסנע. איז דען אין מײַנע טרוימען מיר פאַרווערט... — טיק־טאַק (לידער). נום. 5, ז. 111.

דאָרע באַראַנאָווסקי. פרילינג. נום. 4, ז. 87.

איטשע באָרוכאָוויטש. דער גוטער שטראַל (לידער). נום. 4, ז. 45.

פּייסעך בינעצקי. יאַמען. — די גרענעץ צווישן וואָר און כאָלעם... (לידער). נום. 4, ז. 78.

דעמיאַן ביעדני. קיינער האָט ניט געוווסט. — שנײַעלעך. (לידער). ייִדיש — מ. גרוביאַן. נום. 2, ז. 47.

דאָוויד בראָמבערג. יאָ? ניין? נום. 3, ז. 98; דײַן פאָן די רומפּולע. נום. 4, ז. 3.

מאָטיע גאָלבשטיין. „א מענטש איז געקומען...“ (לידער). נום. 5, ז. 112.

אַווראָם גאָנטאַר. די מאָס פאַר ליבע (לידער). נום. 3, ז. 90.

כאַיִם גורעוויטש. אין מײַן ייִשעוו אף פּאָלעסיע. נום. 1, ז. 78.

מאָטל גרוביאַן. נײַע לידער. נום. 3, ז. 79; קום, מענטש. — קרוין מיך פאַר דײַן קיניג. — פילאָסאָף. — ניט קיין מאַלעך. — מײַן שיפל. — קרענעצעס. — הײַנט איז דאָנערשטיק. — בערג. — צוויי ביימער. — האַרבסט. — ווען עס טאָגט. — איך קוש דײַן קלייד, — וועלוול זבאַרזשער (לידער). נום. 6, ז. 42.

סאַלים דזשובראַן. דעם אומגליק, וואָס ברענגט מילכאָמע. ייִדיש — ש. טשערניאַווסקי. נום. 4, ז. 110.

שיקע דריז. לידער און באַלאַדעס. נום. 6, ז. 14.

שמועל האַלקין. ווער זשע איז געוואָרן אַלט? — וואָס שטייסטו, קינד? — געהיימע וועגן... — אַזוי דערקלערט מײַן זון. נום. 1, ז. 69.

אַרן ווערגעלים. דער אָנהייב און דער סאָף (פּאָעמע). נום. 2, ז. 94.

שייַע זינגער. בערעלע באַס. נום. 1, ז. 92.

מאָטל טאַלאַליַעווסקי. אַצינד. — באַ יענע ריוון (לידער). נום. 6, ז. 66.

מוישע טײף. א געזאַנג צו דיר, עסטערל. נום. 5, ז. 65.

זיאַמע טעלעסין. א געשלעג. נום. 1, ז. 79; — ווען ס׳פאַלט א בוים. — מײַן וויעטנאַמער טעפּעך. — באַ די ניקיטסקע טויערן. — אַן אַראַבער אין מאָסקווע. — דער דונער. — יאַקעקע־יאַבעבע (לידער). נום. 5, ז. 29.

מייער כאַראַץ. צום קאָסמאָנאַווט. — איך דערצייל מײַנע קינדער. — זעץ זיך אַנידער. — א כאָלעם וויגט די שטאָט. — מאָלדאַווישער אָוונט. — אין סטעפּ. — דער אַלטער ברונעם (לידער). נום. 2, ז. 99.

דווירע כאַראָל. א גוטע־נאַכט. — פרילינג רוישט. — זומער. — גאָרטנוואַרג (לידער). נום. 3, ז. 99.

דאָרע כײַקין. ס׳וועט קומען א טאָג. — אין סטעפּ. — וואָס וואָלט זײַן... — שוועסטער (לידער). נום. 4, ז. 42.

מענדל ליפשיץ. יוגנט. — האַנט־אין־האַנט. — אין וואַלד. — ביז הונדערט צוואַנציק... — די ליד (לידער). נום. 1, ז. 3.

כאַנע לעווין. א שוואַלב. — דאָס בעקאָוועדיקסטע אָרט (לידער). נום. 4, ז. 61.

כאַיִם מאַלטינסקי. מײַן פריילעך געמיט (לידער). נום. 3, ז. 24.

אַכיעם נויף. צו מײַנע פרײַנט — אַראַבער. פון העברעיִש — פ. ב י נ ע צ ק י. נום. 4, ז. 81.

י. סאַסאָן. זיי שרײַען אין מײַן שלאָף. פון העברעיִש — פ. ב י נ ע צ ק י. נום. 4, ז. 94.

מאָטל סאַקציִער. קאַיאָר. — אין וואַלד. — מײַן גאָרטן. — קום אַרויס. — דער שטאָרך. — מיט פעסטן טראָט (לידער). נום. 6, ז. 21.

מייער פאַקנטרעגער. באַם שפּיגל. נום. 4, ז. 87.

אַלעקסאַנדער פען. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. — א ליכט פאַר דער נעשאָמע. פון העברעיִש — י. ל ע ר נ ע ר. — עס דראָט דײַן יעדע סטעזשקע. פון העברעיִש — פ. ב י נ ע צ ק י (לידער). נום. 4, ז. 71.

עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש. דערפאַר איז גרויס מײַן שטאָלץ. — פרילינג (לידער). נום. 2, ז. 33.

יוסעף קערלער. פרילינגדיקע שטראָמען (לידער). נום. 4, ז. 51.

מאַרק ראַזומני. דער העלפאַנד און די פרעמדע שמאָכטעס. — די אַפּטרינִיקע. נום. 1, ז. 86; דער אַבסטראַקציאָניסט. — קעלבערנע לעבנס־כאָכמע. — דער גענעץ (סאַטירישע לידער). נום. 6, ז. 93.

שלוימע רויטמאַן. דער אומקער פון מײַן נעשאָמעמאַלקע (לידער). נום. 6, ז. 53.

מאָטל שטורמאַן. מאָסקווע־טײַך. — א וואָרט צו דער מאַמען. — דאָס אייניקל (לידער). נום. 4, ז. 61.

יאַנקעוו שטערנבערג. די פײַערן פון דער שטאָט (מאָסקווער סויִטע). נום. 2, ז. 48.

טריבונע פון לעבן

אַלעקסאַנדער גובניצקי. שאַכטיאָרן. נום. 1, ז. 96; דער באַלעבאָס פונעם יאַם. נום. 6, ז. 86.

ז. וועגדראָף. ווי לאַנג לעבט א מענטש. נום. 1, ז. 93.

לויט דער באַקאָשע פון די לייענער. נום. 6, ז. 78.

הירש פּלאַסקאָוו. אונדזער אַלעמענס טרוים. נום. 3, ז. 101.

בליומע קאָטיק. א שמועס מיטן לייענער. נום. 4, ז. 124.

מויני שולמאַן. אונטערוועגנס. נום. 1, ז. 88.

צוואַנציקסטער יאָרטאָג פונעם אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

סעראַפים אַלעקסייעוו. די אָפּעראַציע אין אַדאַמאָוו. נום. 2, ז. 144.

שיקע דריז. דרײַ ביימער. — דאָס וויגעלע. — יודעלייב (לידער). נום. 2, ז. 130.

וואַלענטין טאָמין, אַלעקסאַנדער סינעלניקאָוו. דאָקומענטן ריידן. נום. 2, ז. 157.

מישע לעוו. זאָל זיך עס מער ניט איבערכאַזערן. נום. 2, ז. 140.

פּערעץ מאַרקיש. טראָט פון דורעס (פראַגמענטן פון א ראָמאַן). אילוסטרירט פון א. ה ע פ ט ע ר. נום. 2, ז. 102.

נ. סלוגאַטשאָוו (טאַדעק רוסקי). אין יענע טעג. נום. 2, ז. 147.

הערש סמאָליאַר. די גרויסע שלאַכט צווישן די געטאָווענט. נום. 2, ז. 131.

קאַלמען סעגאַל. אַפּסנײַ. — היים־ערד. — דער קרײַז פונעם נאַפט־לאָמפּ (לידער). נום. 2, ז. 128.

דאָוויד ספּאַרד. לאַנד מײַנס, פּוילן. — פון יענער רעגע (לידער). נום. 2, ז. 127.

אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי. די דרייסטע און געוואַגטע. נום. 2, ז. 146.

זיכרוינעס

יאַנקעוו לוואָווסקי. דער ניסטער אין זײַנע יוגנט־יאָרן. נום. 3, ז. 106.

עפראַיִם לויטער. באַגעגענישן מיט וואַכטאַנגאָוון. נום. 6, ז. 99.

סאָניע פרײַ. מיט פערציק יאָר צוריק (וועגן דעם זשורנאַל „יונגוואַלד“). נום. 6, ז. 107.

בעטי קוויטקאָ. זײַן אָנדענק לעבט! (וועגן לייב קוויטקאָ). נום. 1, ז. 113.

ליטעראַטור און קונסט

נאָכעם אויסלענדער. זאָל ניט פאַרגעסן ווערן זייער ליכטיקער אָנהייב. נום. 3, ז. 8; פריידיקע גרוסן. נום. 6, ז. 117.

ב. האַלפּערין, י. עפּשטיין און ב. לאַנדאָן. קינסטלערישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון. נום. 4, ז. 120.

ד. האָבערמאַן. קינסטלערישע שניצערײַ אָף שטיין. נום. 6, ז. 119.

אויזער האָלדעס. דרײַ פּאָעמעס. נום. 3, ז. 120.

וויקטאָר ווינאָגראַדאָוו. א ווערטפולע קולטור־יערושע (וועגן די ווערק פונעם פאָלקלאָריסט מ. בערעגאָווסקי). נום. 5, ז. 124.

אַרן ווערגעלים. די גאָלדענע קייט פון דער יִדישער ליטעראַטור. נום. 4, ז. 101.

ליובע טשערניאַק. דער שרײַבער און זײַנע העלדן (וועגן ב. מילערס שאַפונג). נום. 1, ז. 109.

לייב יאַקאָבסאָן. אַן אומשטערבלעך געשטאַלט (וועגן ג. סערעבריאַקאָוועס טרילאָגיע). נום. 3, ז. 114.

מייער יעלין. א רעפּליק צו דעם שמועס וועגן דער פאַרצייכענונג. נום. 3, ז. 118.

יעשוע ליובאָמירסקי. שלוימע מיכאָעלס דער טעאָרעטיקער. נום. 1, ז. 100; די ערשטע פּראָגראַם. נום. 4, ז. 116.

מוישע ליטוואַקאָוו. וועגן איזי כאַריקס שאַפונג. נום. 3, ז. 116.

געאָרגי מארקאָוו. הײַנטצײַטיקײַט און ליטעראטור. נומ. 5, ז. 113.

מ. נאכימאָווסקי. טאלאנט און מײַסטערשאפט (וועגן דער זינגערן נעכאמע ליפשיצײַטע). נומ. 4, ז. 119.

מוישע נאָטאָוויטש. אין שעפערישן אומרו (וועגן מוישע ליטוואקאָווס ליטעראריש־קריטישער ירושע). נומ. 5, ז. 117; לייב פולווער (צו זײַן אכציקסטן געבורטסטאָג). נומ. 6, ז. 109.

עליע פאלקאָוויטש. וועגן פאָרמאליזם. נומ. 3, ז. 110.

סאָניע פרײַ. באם אייביק לעבנדיקן קוואל (לייענענדיק לענינען). נומ. 2, ז. 148.

ארן ראסקין. נײַע קוואליטעט (וועגן ט. גענס ליטעראַרישער שאפונג). נומ. 3, ז. 123.

ריווקע רובין. דערהויבענע שטילקײַט (וועגן דעם דיכטער זעליק אקסעלראָד). נומ. 1, ז. 105; אן אָדלער און א טויב (וועגן בוזי אַליעווסקיס שאפונג). נומ. 6, ז. 111.

שלוימע רויטמאן. וולאדימיר מאיאקאָווסקיס טראדיציעס אין אונדזער דיכטונג. נומ. 4, ז. 113.

הערש רעמעניק. דער אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ אין דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. נומ. 2, ז. 150.

ביבליִאָגראפיע

מ. וועסטערמאן. זײַט וואכזאם! (וועגן דעם בוך פון ע. אוואָטיק, יא. דזירקאליס, ו. פעטערסאָן. וואָס איז אזוינס „דאוגאוואס וואנאגי"?). נומ. 2, ז. 156.

מ. מײַדאנסקי. א וויסנשאפטלעכע פאָרשונג וועגן יִדיש. נומ. 4, ז. 123.

ל. פאָדריאטשיק. קורצע רעצענזיעס. נומ. 2, ז. 155.

א. פינקעלשטיין. א בריוו אין רעדאקציע. נומ. 3, ז. 127.

מ. ראָזנהויז. א נײַע ביבליִאָגראפישע אויסגאבע. נומ. 4, ז. 122.

ל א ָמ י ר ז י נ ג ע ן נ ײַ ע ל י ד ע ר: א ליד וועגן באמבוק־שטעקעלע. ווערטער פון ש. דריז, מוזיק פון ר. באָיארסקאיא. נומ. 1, ז. 128.

כ ר אָ נ י ק. נומ. 1, ז. 122; נומ. 2, ז. 159; נומ. 3, ז. 126; נומ. 4, ז. 126; נומ. 5, ז. 127; נומ 6, זז. 108, 121, 124.

ב ר י ו ו א ו ן ע נ ט פ ע ר ס. נומ. 6, ז. 122.

נ אָ ט י צ ן א פ ן ק א ל ע נ ד א ר. נומ. 1, ז. 126; נומ. 2, ז. 160; נומ. 3, ז. 128; נומ. 4, ז. 127; נומ. 5, ז. 128; נומ. 6, ז. 125.

א י נ ה א ל ט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" פארן יאָר 1963. נומ. 6, ז. 127.

קינסטלערישע בײַלאגעס

צום 30־יאָריקן יובילײ פון דער מאָסקווער אָפטיילונג פונעם פארבאנד סאָוועטישע קינסטלער. בילדער פון: פ. מ. שוכמין — א באפעל אָנצוהייבן די אטאקע; מ. אקסעלראָד — דער סקולפטאָר י. טשײַקאָוו; מ. גאָרשמאן — א קרימער פייזאזש. נומ. 1.

בילד פונעם קינסטלער פ. וואסיליעוו — וו. אי. לענין. נומ. 2.

פראגמענט פונעם סקולפטאָר יע. וו. ווּטשעטיטש פּראָיעקט פון א דענקמאָל, געווידמעט דעם ניצחון איבערן פאשיזם; בילדער פון פאוועל קאָרין (לאורעאט פון דער לענין־פרעמיע פון 1963) — פאָרטרעט פון מ. גאָרקי, די קוקריניקסן (מ. קופריִאנאָוו, פּ. קרילאָוו, נ. סאָקאָלאָוו). נומ. 3.

רעפּראָדוקציעס פון די בילדער: פון נ. אָסעניעוו — דאָס ערשטע וואָרט פון דער סאָוועטנמאכט, פון י. טשײַקאָוו — וולאדימיר מאיאקאָווסקי, פון די יִשׂראָעלקינסטלער רוט שלאָס, עליִאָהו סיגראד, טאחשער, כאים עטער. נומ. 4.

אלפארבאנדישע קינסטלערישע פאָטאָ־אויסשטעלונג „דער זיבניאָר אין גאנג". פאָטאָ־בילדער פון: דמ. באלטערמאנץ — אף דער בויונג פון דער קראסנאָיארסקער הידראָעלעקטראָסטאנציע; יו. סקוראטאָוו — די בריגאדע פון כאווערטעס; ש. קאָסירעוו — עלעקטריפיקאציע פון די אײַזנבאנען. נומ. 5.

רעפּראָדוקציעס פון די בילדער: פון יו. ריינער — אין די אָקטיאבער־טעג (פון דער סעריע „מאטראָסן פון „אווראָרא"), פון מ. טשעפּיק — ארבעטער אף הויכמאָנטאזש, פון יע. ווּטשעטיטש — מיר וועלן די שווערדן איבערשמידן אף אקער־אײַזנס. נומ. 6.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Двухмесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания третий

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев (ответственный секретарь), Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69: отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42.

Художественный и технический редактор И. Шустер.

Подписано к печати 10/XI 1963 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 8(10,96). Бум л. 4+вкладка. Уч.-изд. л. 13,61. Цена 50 коп. Зак. 2450.

Московская типография № 3 «Искра революции» Мосгорсовнархоза

Индекс
71393

Цена 50 коп.

Советиш Геймланд

•СОВЕТСКАЯ РОДИНА•

В НОМЕРЕ

Т. Ген. В родном городе. (Повесть).

Рассказы и новеллы Л. Вассерман, И. Друце, И. Друкера, И. Рабина, И. Фаликмана, И. Чобану.

Стихи М. Грубиана, О. Дриза, С. Ройтмана, М. Сакциера, М. Талалаевского.

ТРИБУНА ЖИЗНИ

Беседа за круглым столом.

А. Губницкий. Хозяин моря.

Сатира и юмор. Рассказы и стихи Бен Дойва, И. Кипниса, М. Разумного.

Воспоминания о Е. Вахтангове, о журнале «Юнгвалд».

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

М. Нотович. К 80-летию Л. Пульвера.

Р. Рубина. Орел и голубь (о творчестве Б. Олевского).

Н. Ойслендер. Проза последних лет.

Д. Гоберман. Резьба на камне.

Хроника, заметки на календаре.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation